STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02840

DER, VOS HOT GEBLONDZSHET

Perez Smolenskin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ ר ץ   ס מ אָ ל ע נ ס ק י ן

דער, וואָס האָט געבלאָנדזשעט

יידיש: ז. כהן

מיט דער ביאָגראַפיע און כאַראַקטעריסטיק פון סמאָלענסקין
געשריבן פון ראובן בריינין.

צווייטער באַנד

פאַרלאַג „ספר”, וואַרשע.

Printed in Poland

Druk. „GLORIA“ Warszawa Solna 9.

אינהאַלט פון צווייטן טייל:

		זייט
א.	מתן בסתר	249
ב.	די קעסט פון די ישיבה-בחורים	262
ג.	די ישיבה-בחורים	264
ד.	פאַרנאַכט	277
ה.	די משמורניקעס בײנאַכט	282
ו.	אַ גוטער חבר	289
ז.	די „כאַפּערס" און די אָפּראַטעווער	293
ח.	דער נקמה-נעמער	302
ט.	ארץ-ישראל-פּירות	308
י.	דער אַלטער און זיין אייניקל.	324
יא.	אין היץ.	334
יב.	אונטער דער הערשאַפט פון משגיח	339
יג.	ידידהס טויט	352
יד.	אין תפיסה	366
טו.	געדאַנקען פון אַן אומגליקלעכן	371
טז.	אַ רבישער זון	392
יז.	אומגליקלעך דורך די עלטערן.	395
יח.	דער באַפרייאונגס-טאָג.	404
יט.	דינס ביאָגראַפיע.	409
כ.	אין נצב.	417
כא.	אַ חשוב אין ק"ק נצב.	423
כב.	יידישע חטאים.	433

כג.	אַ נײַ אומגליק	44[illegible]
כד.	אויפן וועג קיין צבועאל	45[illegible]
"	אַ חסידישער יום־טוב	460
כה.	דער נס פון י"ט כסלו	469
כו.	בײַ דעם צבועאלער צדיק	472
כז.	ביים רבין אין שטוב	477
כח.	דעם רבינס הריזגעזונט.	485
כט.	מײַן מפּלה	492
ל.	אין דער ראָל פון אַ שפּיאָן	497
לא.	אַרײַנגעפאַלן אין דער פולאַפקע	505
לב.	ווײַטער אין וועג אַרײַן.	510
לג.	קיין שבולה	515
לד.	צווישן פּחד און האָפענונג	519
לה.	אַ פונק האָפענונג	527
לו.	דאָס באַגעגעניש	533
לז.	דער נקמה-טאָג.	539
לח.	פאַר די עלטערנס זינד	543
לט.	אין האמבורג	547
מ.	אַ כאָריסט	550
מא.	מנשהס מפּלה	560
מב.	אין דער וועלט־שטאָט.	566
מג.	די נשמה־פאַנגער	571
מד.	דער פרומער גביר	575
מה.	אַן אומגעריכטע	580
מו.	אַ פאַרבאָטענע ליבע	583
מז.	אַן אומגליק און גליק.	592
	עפּילאָג	596

א.

מתן בסתר.

אין דער שטאָט שכולה, אַ שטאָט וואָס אירע פיפצען טויזנט איינוואוינער זענען כמעט אַלע יידן, זענען געווען פינף ישיבות, וואָס האָבן געהאַט אַ שם און אַהין בין אויך איך געקומען. נאָכדעם ווי איך האָב שוין געזאָגט אַז דער רוב פון די איינוואוינער זענען יידן—איז שוין איבעריק צו זאָגן, אַז די שטאָט האָט נישט געהאַט קיין פנים און קיין טעם און אַז אין אַלע גאַסן איז געווען אַ בלאָטע וואָס האָט געעיפושט. איך האָב זיך אָבער נישט גערעכט צו זען דאָרט אַזאַ שיינעם גרויסן קלויסטער און פינף טורמס באַדעקט מיט גלאַנציק מעש הויבן זיך אויף מיט גלאַנץ און פראַכט ביז די וואָלקן. דעריבער, אַז איך האָב אים דערזעען, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און אים באַטראַכט אַ פּאָר מינוט, נאָר פּלוצלונג האָב איך דערפילט, אַז מענטשליכע הענט האָבן מיר אָנגעכאַפּט פאַרן קאַרק און אַ קול האָט מיר אָנגעשלאָגן אָן די אויערן:

—דו לאָבוס! וואָס שטייסטו און קוקסט אויפן צלם!—

—וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך געטאָן?—האָב איך גע־

פרעגט מיט וואונדער קוקנדיק דעם מענטש אין די אויגן אַריין־פֿאַר וואָס האָט איר מיר אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאַרק?

—דו מומר להכעיס!—האָט דער מענטש געשריגן מיט שוים אויף די ליפּן—האָסט נאָך די העזה צו פרעגן „וואָס פֿאַר אַ שלעכטס האָב איך געטאָן?"—דו האָסט דאָך אָפּגעטאָן אַזאַ גרויסן חטא קוקנדיק אויפן צלם!

אַזוי רעדנדיק האָט ער אויפגעהויבן די האַנט און מיר געוואָלט דערלאַנגען, אָבער איך האָב זיך אַרויסגעריסן און געמאַכט פּליטה. איך בין נישט ווייט אָפּגעלאָפן און איך בין אַריינגעפאַלן צו עטלעכע יונגען וואָס האָבן מיך נאָכגעיאָגט. ווארום דער מענטש האָט געמאַכט אַ געוואַלד: כאַפּט אים! כאַפּט אים! און דערהערנדיק זיין געשריי האָבן זיך אַ סך מענטשן פון די וואָס זענען דורכגעגאַנגען אין גאַס זיך געלאָזט לויפן נאָך מיר, ווארום זיי האָבן געמיינט אַז איך בין אַ גנב. מיט אַמאָל האָט מען מיר אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, מענער און פרויען, יונגען און מיידן, אַלע מיט גרויס רעש און געפּילדער. טייל האָבן זיך געפרעגט וואָס איך האָב אַזוינס געטאָן, אַנדערע האָבן געענטפערט, אַז איך האָב געגנבעט, אַנדערע האָבן געשריגן אויף אַ קול: ער איז געגאַנגען אין קלויסטער אַריין זיך שמדן! און ס'איז געוואָרן אַ מהומה און אַ געטומל.

דער מענטש, וואָס איז אויף מיר אָנגעפאַלן האָט זיך הויך צעשריגן:

—פירט אים אין קהל-שטוב און זאָל מען אים אָפּגעבן פאַר אַ זעלנער פאַר זיינע זינד!

דערהערנדיק דאָס, האָב איך אויפגעהויבן אַ גרויס געשריי און זיך געוואָלט פאַרענטפערן אָבער די צענויפגעזאַמלטע, וואָס האָבן אַלע גערעדט און איינער דעם אַנדערן האָט נישט פאַרשטאַנען—האָבן מיינע רייד גאָר נישט געהערט. אָבער אַז איך האָב זיך ווידער שטאַרק צעשריגן, איז צו מיר צוגעלאָפן אַן אַלטער מאַן און מיך געפרעגט, וואָס דאָ איז מיט מיר.

דערזעענדיק דעם אַלטן מאַן זענען אַלע דערציטערט געוואָרן און זענען שטיל געבליבן. און דאַן האָב איך אויסדער-

ציילט מיין גאַנץ האַרץ און האָב נישט געלייקנט מיינע זינד, אַז איך האָב אַרויפגעקוקט צו זען די טורמס וואָס זענען זער הויך, איך האָב אָבער געשוואוירן ביי מיין לעבן אַז איך האָב קיין שום בייזעס נישט געמיינט, און אַז איך האָב גאָר נישט געוואוסט אַז מען טאָר דאָס נישט טאָן.

אַז דער אַלטער האָט אויסגעהערט מיינע רייד, וואָס זע־נען געקומען פון טיפן האַרצן, האָט ער זיך געווענדט צו דעם מענטש וואָס האָט זיך אָנגענומען גאָטס קריוודע און געזאָגט:

—ווי לאַנג נאָך נאַר איינער, וועסטו זיין אַ צרה פאַר מענטשן וואָס גיין זיך זייער וועגס? וואָס האָסטו צו דעם בחור, צי וועסטו דען ליידן פאַר זיינע זינד?

אַזוי רעדנדיק האָט ער מיר אָנגענומען ביי דער האַנט און מיך אַוועקגעפירט מיט זיך. אונטער מיר האָב איך געהערט ווי איינער רופט אויס:

ווען איך וואָלט געווען דער ראש הקהל, וואָלט איך אים שוין אָפגעגעבן פאַר אַ זעלנער.

דער אַלטער האָט מיר אַוועקגעפירט צו זיך אַהיים, האָט זיך צו מיר גוט באַצויגן און מיך אויסגעפרעגט פון וואַנען איך בין און וואָס איך טו דאָ. נאָכדעם ווי ער האָט געהערט, אַז איך בין געקומען אַהער לערנען אין ישיבה, האָט ער געזאָגט: צוויי „טעג" וועל איך דיר געבן. איך האָב אים געדאַנקט און געוואָלט אַוועקגיין נאָר ער האָט מיר נישט געלאָזט:

—וואַרט צו—האָט ער געזאָגט—נאָכן עסן וועסטו גיין.

מיך האָט זער געוואונדערט אויף דער גוטסקייט זיינער, ער האָט מיר קיינמאָל נישט געזעען, קען מיר נישט און איז אַזוי גוט צו מיר. דאָס וואָס איך האָב געטראַכט, האָב איך אים געזאָגט, און ער האָט מיך גענומען אויספרעגן, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט אין לעבן. איך האָב אים דערציילט אַלץ, וואָס איך האָב נישט מורא געהאַט צו דערציילן. אין מיטן פון אונזער שמועס, איז אין צימער אַריינגעקומען אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף, שיין ווי די לבנה, האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אירע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געשיינט ווי אַ שטערן

אין אַ פינצטערע נאַכט, און מיט אַ זיסער שטים אויסגערעדט: סקאַצל קומט.—איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געשען, וואָס איך בין אַזוי צעטומלט געוואָרן דערזעענדיק דאָס מיידל. איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד און נישט גע־קענט קיין וואָרט אַרויסרעדן. די געפילן וואָס האָבן זיך אין מיר דערוועקט זי דערזעענדיק, קען איך מיט קיין ווערטער נישט אָנרופן, וואָרום דאָס זענען נישט געווען קיין קלאָרע געפילן, איך ווייס נאָר, אַז איך האָב נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר.

דערנאָך האָבן מיר זיך געוואַשן און זיך געזעצט צום טיש. דאָס מיידל איז ווידער אַריינגעקומען און אַריינגעבראַכט עסן אין אַ שיסל, וואָס איז כמעט אַזוי גרויס געווען ווי זי אַליין, האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש אַנטקעגן מיר און געגעסן מיט אַפּעטיט. מיר אָבער איז דאָס עסן אין האַלז נישט געגאַנגען. איך האָב זיך געוואונדערט, בין געווען איבעראַשט און אַליין נישט געוואוסט פאַר וואָס. וואָס איז געשען מיט מיר? עפּעס איז מיר געוואָרן הייס און טראָפּנס שווייס האָבן זיך געקייקלט פון מיין שטערן, און כאָטש כ׳האָב זער געוואָלט קוקן אויפן מיידל, דאָך האָב איך עס נישט געקענט. לסוף האָב איך זיך געשטאַרקט אויפצוהייבן די אויגן און דאָס מיידל זאָגט צו מיר:

—בחור, פאַר וואָס זשע עסטו נישט?

דערהערנדיק ווידער די שטים בין איך זער צוטומלט געוואָרן און שטיל געבליבן.

דער אַלטער האָט גאָר נישט גערעדט ביים עסן. נאָכן עסן האָט ער געזאָגט:

—דו ביזט שטאַרק איבערגעשראָקן פון דעם וואָס יענער ייד האָט דיר געוואָלט באַשטראָפן פאַר גאָר נישט, אָבער באַ־רואיק זיך, וואָרום איך וועל דיך באַשיצן. איצט גיי אין ישיבה אַריין און פאַרנאַכט זאָלסטו אַהער קומען אויף וועטשערע.

ווי אין חלום בין איך אַרויס פון שטוב און נאָך דעם ווי איך האָב זיך באַרואיקט האָב איך זיך ווידער געפרעגט:

וואָס איז געשעען מיט מיר? פאַרוואָס האָב איך נישט געקאָנט קוקן דעם מיידל אין פּנים אַריין? זי איז דאָך זער שיין און זער אַ גוטע און רעדט אַזוי שיין און עפּעס איז מיר איר פּנים באַקענט. וואו זשע האָב איך זי געזעען? צי האָב איך איר טאַטע געזעען? אַ? עס דאַכט זיך מיר נאָר. איז וואָס זשע האָב איך מורא געהאַט צו קוקן אויף איר? אַ וואונדער...

אַזוי בין איך געגאַנגען און געטראַכט און נישט געזען וואו איך גיי, ביז איך האָב דערהערט אַ שטים פון אַ פרוי וואָס האָט זיך צעשריגן אויף מיר:

—ביזט בלינד צי וואָס? האָסט דאָך מיך שער אומגעוואָרפן!

כ'האָב אויפגעהויבן די אויגן און דערזען אַ יידענע און ווען איך האָלט זיך נישט אַיין מיט אַלע כחות, וואָלט איך אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. וואָרום די יידענע האָט אויסגעזען שטאַרק משונה: אַ נידעריקע און אַ דיקע, גרינע אויגן, אַ זער לאַנגע נאָז און אויף דער נאָז גרויסע און קליינע פרישטשיקעס און אַלע רויט ווי בלוט, אויך אויף די ליפּן און באַקן קליינע פרישטשיקעס און פון זיי שפּראָצן געלע האָר, און אויף דעם רעכטן אויג אַ גרויסע רויטע בראָדאַווקע. די קליידער אירע זענען געווען שוואַרץ, נאָר דער קאָפּ איז איר געווען צוגעדעקט מיט אַ ווייס זיידן טיכל און אויף דעם אַ רויטע טוך. אָבער דאָס גאַנצע שיינקייט און פּראַכט מיט וועלכע די באַטור האָט באַשאָנקען איר פּנים, איז גאָרנישט קעגן חן און שיינקייט, וואָס גיסט זיך פון איר מויל: וואָרום אַז זי האָט געעפנט דאָס מויל, האָבן זיך באַוויזן דריי לאַנגע שוואַרצע ציין און פון זיי האָט געשלאָגן מיט שוים. ווען זי האָט זיך צעקוויטשעט מיט אַ שטים פון אַ הונט וואָס מען האָט פאַרקלעמט אין דער טיר. איך האָב זיך אָבער איינגעהאַלטן פון לאַכן און געזאָגט:

—אַנטשולדיקט מיר, נישט אומישנע האָב איך עס געטאָן.

זי האָט באַלד פאַרגעסן איר כעס און האָט מיך גענומען אויספרעגן פון וואַנען איך בין און וואו איך גיי. זי האָט עס

געפרעגט מיט אַ שיינענדיק פּנים און מיט אַ שמייכל, וואָס האָט דערוועקט נאָך מער עקל איידער פריער ווען זי איז אין כּעס געוואָרן.

—כ'בין געקומען לערנען אין ישיבה.

—אַזוי?—האָט זי אויסגערופן מיט פריידֿ—קום זשע מיט מיר וועל איך דיך אַוועקפירן אין ישיבה. דו גייסט נישט מיט דעם ריכטיקן וועג, קום מיט מיר, איך וואוין קעגן ישיבה און דו וועסט מסתּם אַלע טאָג קומען צו מיר אויף אָנבייסן, וואָרום אַלע ישיבה־בחורים קומען צו מיר אַלע טאָג עסן אָנבייסן.

אַזוי רעדנדיק האָט זי מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און מיך געפירט מיט זיך.

איך האָב זיך זער געוואונדערט. קודם אויף דעם וואָס זי איז אַזאַ גוטהערציקע, וואָס וויל מיר אַלע טאָג געבן אָנבייסן צו עסן, דערנאָך האָב איך זיך נאָך מער געוואונדערט הערנדיק, אַז אַלע ישיבה-בחורים עסן ביי איר אַלע טאָג אָנבייסן. נישט אַנדערש אַז זי איז זער אַ רייכע יידענע.—האָב איך געטראַכט—און איך האָב געמיינט לויט איר אָנטאָן אַז זי איז אַ קבצנטע. זי איז זער גיך געגאַנגען און איך—נאָך איר, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ גאַס זער אַ שמאָלע, אַ בלאָטיקע און פאַרגאָסענע פון רינשטאָק.

—באַלד וועסטו זען די ישיבה. אַזאַ ישיבה איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. פון דער גאַנצער וועלט קומען די בחורים אַהער לערנען. זעסט דאָרט דאָס הויכע הויז? אָט דאָס איז די ישיבה. גיי געזונטערהייט! מאָרגן וועסטו קומען צו מיר אויף אָנבייסן.

—וואו איז אייער הויז?

—די ישיבה-בחורים וועלן דיר שוין ווייזן.

—אויף וועמען זאָל איך זיך פרעגן, איך ווייס דאָך נישט אייער נאָמען?

—ווער קען עס נישט שרה די אַלמנה?—האָט זי אויסגערופן מיט וואונדער און איז אַוועקגעגאַנגען.

ווען איך בין נאָך געשטאַנען פון ישיבה אַ הונדערט

טריט, האָב איך שוין געהערט אַ גרויסן רעש און געפּילדער, פאַרשידענע קולות, קולות פון יידישע שעפּסעלעך וואָס שרייען פאַר אַ שטיקל ברויט.

כ׳בין אַריינגעקומען אין ישיבה און צעטומלט געוואָרן: אַ הונדערט בחורים און יינגלעך האָבן אַרומגערינגלט לאַנגע טישן. טייל זענען געזעסן, טייל געשטאַנען און טייל זענען געשטאַנען אויף איין פוס האָבן זיך געהאַלטן אין איין שאָקלען און אַלע האָבן געשריגן הויך אויפן קול אָן אויפהער. אַזאַ טומל און אַזעלכע פאַרשידענע קולות האָב איך נאָך קיינמאָל נישט גע-הערט, דערפאַר בין איך שטיין געבליבן און געקוקט אַרום זיך ווי אַ צעמישטער.

ביי אַ טיש נעבן דער טיר איז געשטאַנען אַ בחור׳ל פון אַ יאָר זעכצען און געשריגן אויף אַ קול ווי אַ יידענע וואָס קלאָגט נאָך איר איינציקן זון, וואָס איז געשטאָרבן.

—אוי אמר רבא, אמר רבא, אוי אָ—אָ—אָמר ראָ—אָ—אָבא!

בין איך צו אים צוגעגאַנגען און אים אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין מיט גרויס רחמנות צו אים. נאָר ער, אַז ער האָט דאָס דערזען האָט ער זיך הויך צעלאַכט און געזאָגט צו זיין חבר:

—זע, דאָס איז אַ נייער!

—אַ נייער! אַ נייער!—האָבן זיך די איבעריקע געשושקעט.

—דער משגיח גייט!—האָט פּלוצלינג אויסגערופן איינער און אַלע זענען שטאַרק דערשראָקן געוואָרן און זיך נאָך מער צעליאַרמט זינגענדיק און קלאָגנדיק ביטער מיט פאַרשידענע קולות.

—אַ ליגן, אַ ליגן!—האָט איינער אויסגעשריגן נאָך אַ ווייַלע—וואו איז דען דער משגיח? אוי דו ליגנער!

—כ׳האָב עס אומישנע אויסגעטראַכט כדי אייך איבערצו-שרעקן.—האָט דער ערשטער געענטפערט מיט נצחון.

—דו אַליין האָסט דאָך אויך מורא פאַרן משגיח, וואָס זשע מאַכסטו זיך פאַר אַ גאַנצן קנאַקער און שרעקסט אונז איבער?

—איך האָב נישט מורא פאַר אים...—ער האָט נישט פאַר־ענדיקט די פראַזע וואָרום טויט־שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט דערהערנדיק פלוצלינג הינטער זיך אַ שטים וואָס שרייט מיט צאָרן:

—לאָבוסעס! טעג־פרעסער! איר האַלט אין איין באַטשקען און האָט נישט אין זינען די גמרא, יינגאַטשעס!

אַזוי האָט געשריגן אַן אַלטער מאַן, אַ הויכער און גע־זונטער, די לאַנגע באָרד און פאות זענען אים געווען ווייס ווי שניי, נאָר זיין פנים איז געווען רויט ווי בלוט און פון זיינע אויגן האָבן געשפריצט פונקען פייער. אַ ציטערניש האָט אָנגע־כאַפּט אַלע בחורים און אויך איך בין דערציטערט געוואָרן, וואָרום ער האָט אויסגעזען זער מוראדיק דערצו נאָך האָט ער געהאַלטן אַ פּאַסיק אין דער האַנט.

—וואָס טוסטו דאָ, בחור?—האָט ער אַ געשריי געטאָן מיך דערזעענדיק. אַ ווײַלע האָב איך אים נישט געקאָנט ענטפערן פון שרעק, ער—דערזעענדיק אַז איך בין שטאַרק דערשראָקן, איז עס אים געפעלן און האָט מיך ווידער געפרעגט, אָבער שוין נישט אַזוי בייז:

—וואָס פאַרלאַנגסטו?

—איך וויל אָנקומען אין ישיבה—האָב איך אים געענט־פערט מיט אַ שטיל קול.

—וואָס זאָגסטו?

—איך וויל אַהער אָנקומען לערנען.

—איך פאַרשטיי נישט וואָס דו רעדסט—האָט ער מיר גע־ענטפערט און איז זיך אַוועקגעגאַנגען צו דער פרייד פון אַלע בחורים.

—ער איז אַ טויבער, ער הערט נישט קיין איין וואָרט, וואָס מען רעדט צו אים.—האָט געזאָגט צו מיר איין בחורל—אָבער אויב דו ווילסט אָנקומען צו אונז, קום זשע מיט מיר און איך וועל דיך צופירן צום ראש הישיבה, וועסטו רעדן מיט אים.

איך בין מיט אים געגאַנגען און ער האָט מיך פאַרגע־

שטעלט פאַרן ראש הישיבה, וואָס איז געזעסן אויף אליהוס שטול וואָס שטייט אויפן בעלעמער און פאַר אים איז געשטאַנען אַ יידענע און האָט געוויינט.

דער ראש הישיבה איז אויך געווען אַ מענטש אין די יאָרן. איז אַלט געווען אַ יאָר זעכציק, אַ נידעריקער און אַ דיקער, אַ שיינער און די לאַנגע ווייסע באָרד האָט אים צוגעגעבן אַ הדרת פנימדיקייט. אָבער זיינע שוואַרצע אויגן וואָס האָבן געגלאַנצט פון אונטער זיינע לאַנגע ווייסע ברעמען האָבן עדות געזאָגט, אַז ער האָט זיינע יאָרן פאַרבראַכט נישט אין ישיבה, נאָר איז געקומען צווישן מענטשן און געזען אַ וועלט. אַז ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך געווענדט צום בחור, וואָס האָט מיך פאַר אים פאָרגעשטעלט און אָפּגעטרעטן עטלעכע טריט נאָכדעם ווי ער האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף אים, אַז ער איז דער מושל פון דער ישיבה—און ער האָט אים געפרעגט:

—ווער איז דער בחור?

—ער איז אַהער געקומען—האָט דער בחור געענטפערט מיט מורא.

—נאַר!—האָט דער ראש הישיבה געענטפערט—איך זע דאָך, אַז ער איז אַהער געקומען, אָבער ווער איז ער, און נאָכוואָס פירסטו אים צו מיר?

—ער איז אַ פרעמדער, ער איז פון אַן אַנדער שטאָט און ער איז געקומען אַהער איז ישיבה אַריין, ער וויל דאָ לערנען, האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אים ווייזן אונזער רבין.

—נאָך איינער!! איך ווייס נישט ווי מען נעמט אַן אָרט פאַר זיי. הונדערטער קומען זיי אַהער פון אַלע זייטן. אָבער ס'איז צו ענג, און ס'איז קיין אָרט נישטאָ. וואַרט צו, וועל איך מיט דיר שמועסן נאָך דעם ווי איך וועל ענדיקן מיט דער יידענע.

די לעצטע ווערטער האָבן געבערענגט האָפנונג אין מיין האַרץ. כ'האָב אויך געדענקט די עצה פון מיין חבר און גע-

טראַכט ווי אַזוי צו געווינען זיין האַרץ. און ער האָט געזאָגט צו דער יידענע:

—דו זעסט דאָך אַז איך קאָן דיר גאָרנישט העלפן?

—אָבער דערבאַרמט זיך הייליקער רבי, דערבאַרמט זיך אויף אַן עלנטע אַלמנה און טרייבט אים נישט אַרויס פון דאַנען.

—אָבער וואָס קאָן איך דיר טאָן? דיין זון האָט אַ גראָבן קאָפּ און טויג נישט צום לערנען. צו וואָס זשע זאָל ער דאָ גלאַט זיצן? כדי ער זאָל עסן אומזיסט? איך קאָן דאָס נישט.

—גאָט מיין איינציקער! וואָס זשע זאָל איך טאָן מיט מיין קינד!

—גיב אים אַוועק צו אַ בעל-מלאכה, וועט ער אים אויס-לערנען אַ מלאכה, וועט ער קאָנען אַרבעטן און פאַרדינען.

—מיין קינד זאָל איך געבן צו אַ בעל מלאכה?—האָט די יידענע אויסגעשריגן מיט אַ שרעקלעך ביטער קול ווי אַ קויל וואָלט איר אין האַרץ געטראָפן—מיין זון צו אַ בעל מלאכה! מיין איינציקן זון! אין מיין גאַנצער משפחה געפינט זיך נישט קיין איינער וואָס זאָל לעבן פון מלאכה און מיין קינד זאָל איך לערנען אַ מלאכה?! וויי איז מיר, צו וואָס איך בין גע-קומען!

דערהערנדיק איר געשריי און געוויין, איז צו איר צו-געלאָפן אַ בחורל, וואָס איז ביז אַהער געזעסן ביי דעם בעלע-מער ביי אַן אָפן ספר, האָט אָנגעכאַפּט דער יידענע ביי דער האַנט און געזאָגט:

—וואָס איז דיר מאַמע? פאַרוואָס וויינסטו?

דאָס בחורל איז אַלט געווען אַ יאָר פופצען, איז געווען אַ פעסטער און געזונטער, דער קאָפּ איז אים געווען באַוואַקסן מיט רויטע האָר, האַרטע ווי שטשעטשינעס, וואָס האָבן געגרייכט ביז די ווייסע ברעמען און צוגעדעקט זיין קליינעם מאַלפּע-שטערן, האָט געהאַט אַ ברייטע קיילעכדיקע נאָז. זיינע אויגן זענען געווען גרין און פון זיי האָט אַרויסגעקוקט נאַרישקייט און שלעכטקייט. די יידענע האָט אים געהאַלזט, אַרומגענומען מיט ליבשאַפט און געזאָגט:

—ווי, ווי, קינד מיינס! דער רבי זאָגט, אַז דו האָסט נישט אין זינען דאָס לערנען און וויל דיך אַרויסוואַרפן פון דאַנען.

—זער גוט! מיט דער גרעסטער פרייד וועל איך גיין פון דאַנען.

—און וואו ווּעסטו גיין דו חסר דעהניק? צי קאָנסטו דען אָנקומען אין אַן אַנדער ישיבה?

—וואָס דאַרף איך אַן אַנדער ישיבה? איך וועל גיין צום פעטער שלום ישעיה דעם שניידער און וועל זיך ביי אים לער-נען שניידעריי.

—ווי, וואָס, וואו האָסטו אַ פעטער? ביזט משוגע געוואָרן צי וואָס? דיין פעטער אַ שניידער? ווער איז דיין פעטער און ווער איז אַ שניידער? אין אונזער גאַנצער משפחה איז דאָך אפילו קיין איין שניידער נישטאָ!—האָט די יידענע אויסגערופן און געווינקען מיט די אויגן צו איר זון. ער האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט מיטן ווינקען און געזאָגט:

—איך בין שוין גאָר נישט משוגע, איך וועל גיין צום פעטער שלום ישעיה דעם שניידער. ווען איך וואָלט געוואָלט גיין צו דיין ברודער דעם שוסטער, וואָלט איך געווען משוגע, וואָרום ער איז אַ שלעכטער בייזער מענטש. אָבער מיין פעטער שלום ישעיה איז אַ גוטער מענטש, ער זינגט אַזוי שיין מה יפית, וועל איך אויך זיין אַ שניידער און וועל זיך לערנען זינגען מה יפית.

די יידענע איז שטאַרק צעטומלט געוואָרן און האָט געזאָגט:

—שאַ, דו נאַר איינער, פאַרמאַך דאָס מויל! דו האָסט נישט קיין פעטער, נישט קיין שניידער און נישט קיין שוסטער! ווער האָט דיך אַהער גערופן מיט דיין פיסק? גיי אויף דיין אָרט.

איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָב זיך צעלאַכט. אויך דער ראש הישיבה האָט געלאַכט, נאָר מיר האָט ער פאַרגעוואָרפן און געזאָגט: נישט שיין פון דיר, וואָס דו לאַכסט. די יידענע איז נעבעך פאַרביטערט און דו שיטסט איר

זאַלץ אויף די וואונדן.

און צו דער יידענע האָט ער געזאָגט:

—קום צו מיר אַהיים פיר אַ זייגער בייטאָג וועלן מיר זיך דורכרעדן.

די יידענע איז אַוועקגעגאַנגען און ער האָט זיך אויסגע־דרייט צו מיר און געפרעגט:

—פון וואַנען ביזטו?

—פון אַשדות.

—פון אַשדות? פון אַזוי ווייט קומסטו אַהער? מען דאַרף דאָך אַ סך געלט כדי דורכצומאַכן אַזאַ ווייטן וועג.

—כ׳האָב געגוג געלט און וויל פאַר דעם קויפן חכמה.

—און וואו האָסטו געלערנט ביז אַהער?

—אין דער היים.

—וואָס האָסטו געלערנט?

—גמרא האָב איך געלערנט ווייניק, אָבער תנ״ך קען איך גוט.

—און וואו זענען דיינע עלטערן?

—געשטאָרבן—האָב איך געענטפערט מיט אַ זיפץ.

—דו ביזט אַ קלוגער בחור און פאַרשטייסט אַ זאַך, דאָס זע איך. דו געפעלסט מיר טאַקע אויך. אָבער וואָס קאָן איך דיר העלפן. אפילו אַז איך וועל דיך שוין אַריינגעמען אין ישיבה—אָבער וואו וועסטו האָבן צו עסן? אפשר האָסטו אַ קרוב אין דער שטאָט?

—כ׳האָב נישט קיינעם.

—איז שלעכט.

—כ׳האָב אָבער געלט, וואָס עס וועט מיר געגוג זיין אויף אַ חודש צייט, און צוויי טעג אין דער וואָך האָב איך שוין אויך. איינער אַ גוטער מענטש האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן צוויי „טעג״ אין דער וואָך.

—ווער איז דאָס?

איך האָב אים דערציילט ווי עס האָט מיט מיר פּאַסירט און ער האָט מיר געענטפערט:

—זער גוט. דער דאָזיקער מענטש כאָטש ער איז אַ חסיד קאָן פונדעסטוועגן דיר שאַפן אַלע טעג, ער איז זער אַן אָנ-געזעענער מענטש.

—און איינע אַ יידענע האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן אָנ-בייסן אַלע טאָג.

—ווער איז זי?

—שרה די אַלמנה, הייסט זי.

—איר קענסטו שוין אויך? יאָ, זי איז זער אַ גוטער מענטש, זי גיט אָנבייסן אַלע ישיבה-בחורים—האָט ער מיר גע-ענטפערט מיט אַ געלעכטער. און כאָטש מיר איז געווען אַ וואונדער ער זאָל לאַכן אין מיטן רעדן, פונדעסטוועגן האָב איך נישט געוואַגט צו פרעגן פאַרוואָס ער לאַכט. כ'האָב אים נאָר געפרעגט צי ער וועט מיך אַריינגעמען אין ישיבה.

—קום צו מיר אַהיים פיר אַ זייגער בייטאָג און דאָרט וועלן מיר שמועסן—האָט ער מיר געענטפערט און זיך אויפגע-שטעלט.

פיר אַ זייגער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז מיין חבר איז גערעכט געווען מיט דעם, וואָס ער האָט געזאָגט: וואָרום דאָס געלט האָט אַלץ אויסגעהיילט. דער יורש עצר פון פערדס גנב, דאָס זינדל פון דער יידענע אין וועמענס משפחה עס גע-פינט זיך נישט קיין בעל מלאכה נאָר איין שניידער און איין שוסטער איז נישט פאַרטריבן געוואָרן פון ישיבה און איך בין אַריינגענומען געוואָרן, כאָטש ס'איז דאָרט קיין אָרט נישטאָ, און כ'האָב אויך באַקומען אַ גוטן „טאָג" זונטאָג.

פאַרשטייט זיך אַז דער ראש הישיבה איז געווען זער אַ פיינער און שיינער ייד און האָט נישט געוואָלט נעמען קיין שום מתנות פאַר דעם, נאָר אַז מיר האָבן אים שטאַרק געבעטן האָט ער אונז צוליב געטאָן און האָט פון מיר גענומען דריי גאָלדשטיקלעך און ביי דער יידענע פינף זילבערשטיק.

ב.

די קעסט פון די ישיבה־בחורים.

גישט ווי עס פירן זיך אַלע פעלקער פירט זיך דאָס יידישע פאָלק. אַלע פעלקער גיבן געלט אויף צו בויען גימנאַזיעס און מלוכה-שולן כדי צו לערנען די יוגנט, וואָס האָט אַליין קיין מיטלען נישט, זיי צו העלפן צו געפינען זייער לעבנס-וועג אָדער דורך וויסנשאַפט אָדער דורך אַרבעט. דאָס יידישע פאָלק פירט זיך נישט אַזוי. אַ ייד איז שטענדיק גרייט צו העלפן ווען מען בעט ביי אים הילף, נאָר דעמעלסט ווען יע־נער בעטלט באַקומט ער רחמנות אויף דעם אומגליקלעכן, אָבער קיין ייד וועט נישט הערן די רייד פון דעם, וואָס וועט וועלן זאַמלען געלט אויף צו בויען גוטע אַנשטאַלטן: פריוואַטן פאַר אָרימע, קראַנקע און אַלטע לייט. און דעריבער ענטוויקלען זיי די בעטלעריי ביי יידן און מאַכן אַזוי, אַז די אָרימע פאַרלירן אינגאַנצן די בושה.

דאָס זעלבע איז מיט די ישיבות, וואו עס קומען זיך צונויף יידישע בחורים צו לערנען, פון וועלכע עס דאַרפן אַרויס-קומען רבנים. די דאָזיקע ישיבה-בחורים באַקומען נישט זייער עסן און אָנטאָן מיט כבוד ווי יעדער מענטש, נאָר זיי מוזן אַרומלויפן איבער דער גאַנצער שטאָט פון שטוב צו שטוב כדי צו געפינען זייער עסן.

אַזוי פירט זיך אין ישיבה: אַז עס קומט אַהין אַ בחור לערנען, מוז ער פריער זאָרגן צו געפינען „טעג". ס׳איז אַלץ

איינס צי ער איז אַ בחור אַ למדן אָדער אַ גראָבער יונג, ער אַליין מוז זיך אויסזוכן „טעג". ער גייט אַרום פון שטוב צו שטוב און בעט זיך מיט תחנונים: אפשר וועט איר טאָן אַ חסד מיט אַן אָרימען בחור און אים געבן אַ טאָג אין דער וואָך?

—ביי אונז עסט שוין איין ישיבה-בחור—באַקומט ער אַן ענטפער און ער גייט אין אַן אַנדער הויז זוכן.

אין אַן אַנדער הויז, גיט מען אים דאָס מאָל אָפּצועסן, אָבער אויף אַלע וואָך קאָן מען אים נישט צוזאָגן. און אַזוי גייט ער פון שטוב צו שטוב: ס'מערסט גייט ער אין די אָרימע הייזער, וואָרום די רייכע גיבן טעג נאָר די דאָזיקע, וואָס ברענגען בריוו פון ראש ישיבה אָדער פון די משגיחים. אַזוי זוכט ער אַרום טעג ביז ער געפינט אָדער ער ווערט מיד זוכנדיק און הערט אויף. ווארט ער ביז אַ ישיבה-בחור פאַרלאָזט זיין אָרט אָדער בייט איבער דעם טאָג אויף אַן אַנדערן אַ בעסערן און דעמעלסט טרעט ער אָפּ דעם טאָג זיין חבר פאַר אַ פּאָר גראָשן.

אויף אַזאַ אופן גרייטן זיי זיך צו עסן, און ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן אַז זיי אַלע פאַרלירן שוין אינגאַנצן די בושה, שעמען זיך נישט צו זאָגן ליגן צו חנפענען איינער דעם אַנדערן און צו מסרן איינער אויפן אַנדערן מקנא זייענדיק זיך אויף יענעם וואָס האָט אַ בעסערן טאָג. און אַזוי איז דער נאָמען פון ישיבה-בחור געוואָרן אַ חרפה ביי יעדן. אויך אין די אויגן פון ראש ישיבה און די משגיחים איז דער ישיבה-בחור דערנידעריקט און געפאַלן, און נישט איינמאָל טרעפט, אַז די ישיבה-בחורים ווערן שטאַרק דערנידעריקט, ווען מען דערוויסט זיך אַז איין בחור, אַרומבלאָנקענדיק איבער די הייזער האָט אויף איין אָרט געגעסן פלייש און תיכף נאָכדעם—אויף אַן אַנדער אָרט—מילכיקס. נישט קיין סך זענען אָבער פון די גליקלעכע וואָס נאָכן דערנידעריקן זיך און זוכן געפינט ער פאַר זיך אַלע זיבן טעג. איינער האָט נאָר זעקס טעג, אַ צווייטער פינף און אַנדערע גאָר דריי טעג. אויך איך בין געווען צווישן די גליקלעכע, וואָרום דער ראש הישיבה האָט פאַר מיר געזאָרגט און האָט פאַר מיר געפונען טעג.

ג.

די ישיבה־בחורים.

די ליבשאַפט צו תורה און שנאה צו מלאכה וואָס איז גע־וואָרן די אייגנשאַפט ביי יידן דאָס האָט געשאַפן די ישיבות אין ס׳מערסט פון די שטעט וואו די יידן וואוינען. ווייל ביי יידן האָט מען נאָר אין זינען דעם כבוד, וואָס מען האָט פון דער תורה, מער נישט. אַ יידישער בחור—האָט אין זינען צו ווערן אַ למדן, די גרעסטע פאַנטאַזיע איז צו ווערן אַ רב. אַ יידיש מיידל—פאַנטאַזירט עס זאָל קומען אַ בחור אַ למדן, זי נעמען פאַר אַ ווייב און זי זאָל ווערן אַ רביצין. אַ יידישע מו־טער האָפט—צו באַקומען אַן איידעם אַ למדן, אַ זון אַ רב. נאָר די תורה האָט מען אין זינען. און דעריבער קומען זיך צונויף אַלע יידישע בחורים אין ישיבות צו לערנען און דערגרייכן דאָס, וואָס איז אין זייער פאַנטאַזיע. און איך בין אויך אָנגע־קומען אין ישיבה צווישן די ישיבה-בחורים.

אַז איך בין געקומען פון ראש הישיבה האָב איך געזוכט אַ ספר צו נעמען אין האַנט, נאָר איך האָב נישט געפונען. די אַלע ספרים וואָס געפינען זיך אין ישיבה זענען דאָרט פאַרמאַכט

אונטערן שלאָס און נאָר דער ראש הישיבה מיט די משגיחים קאָנען זיך מיט זיי באַנוצן. די בחורים מוזן אַליין מיט זיך מיטברענגען ספרים, און די וואָס פאַרמאָגן נישט אויף צו קויפן די ספרים, באַצאָלן זייערע חברים אַ פּאָר גראָשן אָפּנוצגעלט און לערנען מיט זיי צוזאַמען אין זייערע ספרים.

ווי איך זוך אַהין און אַהער, גייט צו מיר צו אַ בחור און זאָגט:

—דו זוכסט דאָך אודאי אַ גמרא, באַצאָל מיר וועלן מיר לערנען צוזאַמען.

—איך בין נישט געוואוינט צו לערנען מיט נאָך איינעם אין איין ספר און איך וואָלט זיך געוואָלט קויפן פאַר מיר אַליין אַ גמרא.—האָב איך אים געענטפערט, וואָרום איך האָב מורא געהאַט צו לערנען צוזאַמען מיט אים, כדי ער זאָל נישט זעען, אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט אין גמרא.

—פּדרונער! ווי שעמסטו זיך נישט צו בעטן אָפּנוצגעלט פאַר דיין גמרא?—דו ביזט דאָך אַ גראָבער קאָפּ און דו דאַרפסט נאָך צוצאָלן דעם בחור, וואָס זאָל זיך דערנידעריקן צו לערנען מיט דיר אין איין ספר, וואָרום דו קאָנסט נאָך פון אים עפּעס נאַשן—האָט אויסגערופן אַ הויכער דאַרער בחור און זיינע אויגן האָבן געברענט ווי ביי אַ שלאַנג ווען ער איז צוגעקומען צו אונז מיט שטאָלץ.

דער בחור וואָס האָט מיט מיר גערעדט איז געוואָרן רויט ווי בלוט, דאָך האָט ער זיך געשטאַרקט און אויסגערופן:

—כ'בין נאָך אַזאַ קענער ווי דו ביזט!

—אַזאַ קענער ווי איך?—האָט יענער אויסגעשריגן מיט צאָרן און גרויסקייט—אוי דו גראָבער יינג. אַז דו ביזט אַזאַ חצוף מסתם ביזטו אַ ממזר—

—אַז מען רופט דעם חבר ממזר—דערלאַנגט מען אין באַק!—האָט אויסגעשריגן אַ בחור פון אַ יאָר זיבעצען, וואָס איז צוגעקומען און אַראָפּגעלאָזט דעם הויכן און דאַרן אַ פּאַטש.

—וואָס איז? וואָס האָסטו צו מיר?—האָט אויסגערופן דער געשלאָגענער מיט כעס און מיט מורא—כ'האָב דען געזאָגט אַ ליגן?

—וועמען דערציילסטו מעשות? ער איז נישט קיין קלעז־נערער קענער ווי דו און פאַרוואָס זידלסטו אים פאַר גאָרנישט?

—אַ ליגן! איך קען אַ סך בעסער אויך פאַר דיר, אומזיסט נעמסטו זיך אָן פאַר אים, אַלע ווייסן אַז איך קען טויזנט מאָל בעסער לערנען פאַר אים.

—פאַרמאַך דאָס מויל, אויב נישט וועל איך עס דיר פאַרשטאָפּן מיט מיסט פון אַ בהמה.

—האַלט דיך נישט אַזוי גרויס מיט דיין גבורה, באַלד דו וועסט מיר ווייטער ווייזן דיין כח וועל איך דערציילן פאַרן משגיח.

—פאַרמסרן וועסטו מיך גאָר? הערט אויס, הערט אויס אַלע, דער מסור וויל מיך פאַרמסרן!

—דער עזובער איז שוין פון לאַנג באַקאַנט פאַר אַ מסור! אָבער האָב נישט קיין מורא פאַר אים. מיר וועלן אים צושטעלן אַ בענקעלע פאַרן משגיח, מיר וועלן אים זאָגן אַז ער האָט אָפּגענאַרט, וועט ער שוין כאַפּן זיין פסק.—האָבן עטלעכע בחורים אויסגערופן.

—אויך איר ווילט העלפן דעם שלעכטן?—האָט אויסגערופן דער עזובער—דער וואָס הייבט הויך זיין האַנט אויף זיין חבר איז דאָך אַ רשע, און ער האָט דאָך מיר אַ פּאַטש געטאָן, דאַרף איך אים פאַרמסרן.

—באַשטיי אַליין דיין שטעטל—דעם משגיח אָבער טאָר מען קיין סוד נישט אויסזאָגן—האָט איינער געענטפערט.

—ער איז אָבער שטאַרקער פון מיר, איך קאָן אים נישט בייקומען.

—אָבער גערעכט איז ער, וואָרום פאַרוואָס האָסטו פאַרשעמט דעם פדרונער? ער האָט דיר שלעכטס געטאָן?

—איך האָב דאָך געזאָגט דעם אמת, אַז ער איז אַ גראָבער קאָפּ און פאַרשטייט גאָרנישט, אויך דער רבי אונזערער האָט עס אַ סך מאָל שוין געזאָגט.

—דער רבי קאָן זאָגן וואָס אים געפעלט, אָבער ווער האָט דיר געגעבן דאָס רעכט צו פאַרשעמען אַ חבר?

—אָבער איך וועל שרייען אָן אויפהער פאַר אַלעמען, אַז ער איז אַ גראָבער יינג כדי מיר זאָלן נישט ליידן פון זיין חרפה. וואָרום יעדער וואָס וועט אים זעען וועט זאָגן: אַלע בחורים וואָס געפינען זיך אין מנחמס ישיבה זענען אַזעלכע גראָבע יינגען ווי ער און וועט באַרעדן די גאַנצע ישיבה.

אַלע בחורים האָבן געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט, וואָרום ער האָט געווירקט אויף זיי מיט זיינע רייד. דער פאַר־שעמטער בחור האָט אָפּגעזיפצט און זיך אָפּגעקערט. איך האָב אויף אים רחמנות געקריגן, בין איך דעריבער צו אים צוגע־גאַנגען און געזאָגט:

—איך בין גרייט צו לערנען מיט דיר צוזאַמען און איך וועל דיר באַצאָלן פאַר דיין גמרא וויפיל דו וועסט הייסן, וואָ־רום דו געפעלסט מיר זער, אויך צו להכעיס דיין שונא, וואָ־רום איך האָב פיינט, אַז מען האַלט זיך גרויס.

דער בחור האָט געקוקט אויף מיר מיט ליבשאַפט און דאַנק און געזאָגט:

—איך וויל נישט פון דיר קיין שום געצאָלטס אויב נאָר דו ווילסט לערנען מיט מיר צוזאַמען.

—אָבער איך וועל דיר באַצאָלן, וואָרום אויך איך בין נישט קיין גרויסער למדן און איך האָב נישט קיין שום רעכט זיך צו באַנוצן מיט דיין גמרא אומזיסט.

דער בחור האָט זיך פאַרוואונדערט און געזאָגט: דאָס ערשטע מאָל הער איך פון אַ בחור אַז ער זאָל זיך מודה זיין, אַז ער איז נישט קיין גרויסער למדן. וואָרום די דאָזיקע אַלע בחורים האַלטן זיך אין איין באַרימען און יעדער איינער האַלט זיך גרעסער פון צווייטן, דעריבער האָב איך דיך ליב ווי אַן אייגענעם ברודער און לאָמיר זיין חברים אויב דו ווילסט.

—מיטן גאַנצן האַרצן.—האָב איך אים געענטפערט און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצטביים טיש. דער בחור האָט אַריינ־געקוקט אין דער אָפענער גמרא, נאָר אָנשטאָט צו לערנען האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט מיר אינדערשטיל. האָט מיך געפרעגט פון וואַנען איך בין און ווי איך הייס, און איך האָב אים גע־

זאָגט: כ׳בין פון אַשדות און הייס יוסף.

—אויך איך הייס יוסף—האָט ער מיר געענטפערט—אָבער פון איצט אָן וועט מען דיך נישט רופן יוסף, נאָר אַשדותער, ווי מען רופט מיך פּדרונער, ווייל איך בין פון פּדרון. דאָ רופט מען די בחורים נישט אויף זייערע נעמען נאָר אויף די שטעט פון וואַנען זיי זענען.

—פאַר וואָס האָט דיך אַזוי פיינט דער בחור, וואָס האָט דיך פאַרשעמט?

—ווער? דער עזובער? ער איז שלעכט און בייז ווי אַ הונט, ווען ער איז הונגעריק! וואָרום ער ווייסט נישט פון קיין זעט ווי אַ הונט. ער קומט צו מיר און בעט זיך און רעדט מיט תחנונים ביז איך גיב אים אָנצובייסן פון מיין ברויט, נאָר באַלד פאַרגעסט ער די טובה און פאַרשעמט מיך, אַזוי פירט ער זיך מיט אַלע קלענערע בחורים פון מיר; אָבער איצט איז ער אויף מיר גאָר שטאַרק אין כעס, ווייל איך האָב אים היינט נישט געטאָן זיין פאַרלאַנג און אים נישט געגעבן פון מיין ברויט ווי ער האָט געבעטן פון מיר היינט אינדערפרי. וואָרום איך האָב דאָס ברויט בעסער אַוועקגעגעבן אַ בחור, וואָס האָט מיר דערפאַר באַצאָלט, דערפאַר איז ער אויף מיר אין כעס און טשעפּעט זיך כסדר צו מיר און וויל געפינען אַ געלעגנ-הייט כדי ער זאָל מיר דערלאַנגען אין באַק. איך אָבער ענטפער אים נישט, דעריבער איז ער נאָך מער בייז אויף מיר, אָבער שלאָגן מיך האָט ער נישט די העזה איידער איך נעם זיך קריגן מיט אים.

—צי קאָן דאָ יעדער טאָן, וואָס אים געפעלט? און פאַר וואָס קלאָגן זיך נישט די געשלאָגענע פאַרן ראש הישיבה אָדער פאַרן משגיח?

—האָסט דען נישט געהערט ווי אַלע זענען אויפגעבראַכט געוואָרן אויפן עזובער וואָס האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט דערציילן דעם משגיח? אַזוינס טוט מען דאָ נישט. אָבער פון דיינע רייד זע איך, אַז דו ביזט צום ערשטן מאָל אין ישיבה.

—אמת, איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אין ישיבה,

און ווי איך זע איצט, האָב איך געטאָן נישט גוט, וואָס איך בין אַצינד יאָ אָנגעקומען אין ישיבה.

—וואָס רעדסטו?—האָט דער בחור אויסגערופן מיט וואונדער—עס טוט דיר באַנג, וואָס ביזט אַהער געקומען לערנען? היט זיך די בחורים זאָלן עס נישט דערהערן!

—נישט דאָס לערנען געפעלט מיר נישט, נאָר איך האָב מורא איך זאָל אויך נישט ליידן דאָ אומזיסט און אומנישט פון די בחורים.

—דו האָסט מורא פאַר זיי?

—פאַר וואָס זאָל איך עפּעס נישט מורא האָבן, מיט וואָס בין איך בעסער פון דיר?

—דאָס ווייסטו שוין אַליין, אַז דיין גורל איז נישט ווי מיינער, פאַר וואָס מאַכסטו זיך, ווי דו וואָלסט נישט פאַרשטאַנען?

—איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו רעדסט. רעד קלאָרע ווערטער און לאָמיך וויסן פאַר וואָס איך דאַרף נישט מורא האָבן.

—דאָס ווייסטו בעסער פון מיר—האָט ער געענטפערט מיט פאַרדרוס—פאַר וואָס ווילסטו דוקא איך זאָל זאָגן דאָס, וואָס איך האָב מורא פון מויל אַרויסצוברענגען? צי וועט דיר שוין בעסער זיין אַז מען וועט מיך פון דאַנען אַרויסטרייבן מיט חרפּה?

—חלילה,—האָב איך געענטפערט מיט געפיל, וואָרום איך האָב שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס ער מיינט—אפילו צו דעם, מיט וועלכן איך האָב זיך געקריגט, געדענק איך נישט קיין שנאה און טו אים נישט קיין שלעכטס, בפרט נאָך אַזעלכער וואָס האָט מיר קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטאָן. אָבער גלייב מיר, כ'שווער דיר ביי מיין לעבן, אַז איך ווייס נישט דאָס פּיראַכץ פון ישיבה און דעריבער האָב איך דיך אַזוי פיל נאָכגעפרעגט. איך קאָן אויך נישט גלייבן אַז דער רבי וועט נישט הערן אויב דו וועסט פאַר אים דערציילן, אַז מען פייניקט דיך.

—ווער זאָגט דען אַז ער וועט נישט הערן? איך וויל עס אָבער נישט טאָן. איך האָב דיר דאָך שוין געזאָגט אַז דאָ

קלאָגט מען זיך נישט, ווייל אַלע וואָלטן מיך פאַר אַזאַ זאַך פיינט געהאַט. איך ווייס אויך, אַז ער וואָלט צו מיר אויך אויסגעלאָזט דעם כעס, וואָרום איך בין נישט פון די מתמידים און האָב נישט געגעבן...

—וואָס אַזוינס איז אַ מתמיד?

—דאָס ווייסטו אויך נישט? ווייסט דען נישט אַז די בחורים וואָס זיצן און לערנען בייטאָג און ביינאַכט הייסן מתמידים. זיי זענען אָנגעזעען ביים רבין און פאַר זיי זאָרגט מען כסדר און צו זייערע רייד הערט מען זיך צו. ווען איך וואָלט געווען אַ מתמיד וואָלט מיר געווען גוט ווי די וועלט און איך וואָלט פאַר קיינעם נישט קיין מורא געהאַט. בין איך אָבער פון די געוויינלעכע בחורים און די אַלע זענען ביי אַלע-מען אין די אויגן ווי גאָרנישט, און דער רבי האָט זיי פיינט בתכלית השנאה. וויי! נישט אַזוי אָבער איז עס געווען מיט פיר יאָר צוריק, ווען ר׳ שמואל יצחק איז געווען דער ראש ישיבה. ר׳ שמואל האָט אַלע בחורים ליב געהאַט ווי אַ טאַטע זיינע קינדער און האָט פאַר אַלע געזאָרגט. נישט אַזוי אָבער איז איצט.

—צי געפינסטו זיך דאָ אין ישיבה שוין מער פון פיר יאָר?

—ניין. איך בין דאָ נאָר איין יאָר, נאָר איך האָב גע-הערט וועגן ר׳ שמואלן, אַלע בחורים וואָס האָבן אים געקענט קענען זיך גאָרנישט אָפּלויבן פון אים.

—און וואו איז איצט ר׳ שמואל?

—ער זיצט אינדערהיים און זיין ווייב די אשת חיל שפייזט אים.

—פאַר וואָס זשע האָט מען אים אַראָפּגעזעצט פון זיין אָרט? צי איז ער נישט אַזאַ גרויסער למדן ווי דער איצטיקער ראש ישיבה?

—ניין, אַ למדן איז ער שוין טויזנט מאָל אַ גרעסערער, און אַלע האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט, קיינעם וואָלט גאָר נישט איינגעפאַלן אים אַראָפּצוזעצן פון זיין אָרט, ס׳איז אָבער

אַרויס אַ געזעץ פון דער ממשלה, אַז מען זאָל לערנען די ישיבה-בחורים שרייבן און לייענען, און ס'איז געקומען אַן עת צרה אויף דער ישיבה. וואָרום ערלים זענען געקומען אין מקום קדוש אַריין אים מטמא זיין און לערנען מיט די בחורים גויאיש. און כאָטש די ראשי הקהל האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט און אָפּגעחורשט צוויי פון די לערער זיי זאָלן נישט קומען אין מקום קדוש אים מטמא זיין מיט טמא בילעך און האָבן שוין געמיינט אַז אַלץ וועט אָפּגיין גלאַטיק. אָבער זייער שמחה איז געווען אומזיסט, וואָרום דער דריטער לערער, וואָס איז צו דער יידישער שאַנד אַרויסגעקומען פון יידן, ער האָט זיך פאַרעקשנט און נישט געוואָלט הערן די ראשי הקהל. וואָרום ער וויל בעסער אָפּרייסן די ישיבה-בחורים פון דער גמרא איידער נעמען געלט. און ער איז אַלעמאָל געקומען אין ישיבה און אויסגעלאָזט זיין גאַנצן כעס אויף די מנהיגים און אויפן ראש הישיבה וואָס זיי פאָלגן נישט דעם קעניגלעכן באַפעל און זיי געמאַכט פאַר מורדים במלכות.

די מנהלים און דער ראש ישיבה האָבן מורא געהאַט און געציטערט פאַר אים און האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט און ביי זיי איז געבליבן אויסצוקלייבן צוואַנציק בחורים צו לערנען מיט זיי די לאַנד-שפּראַך. די בחורים אָבער האָבן געוויינט און געקלאָגט און זיך געבעטן נישט איבערצוגעבן זיי אין די הענט פון דעם דאָזיקן משחית און זיי האָבן בעסער פאַרלאָזט די ישיבה, איידער פאָלגן דעם מסית ומדיח. און דער מסית ומדיח האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם: לערנט זיך די לאַנד-שפּראַך אויב נישט וועל איך פאַרמאַכן די ישיבה. אויך די צוויי לערער, וואָס האָבן זיך פריער נישט וויסנדיק געמאַכט, אויך זיי האָבן אים גענומען אונטערהעלפן, וואָרום זיי האָבן מורא געהאַט טאָמער וועט ער זיי פאַרמסרן פאַר די שרי-המלך. און די מנהלים פון ישיבה האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן ביז זיי זענען געפאַלן אויף דער עצה: אַלע בחורים זאָל מען פּרובן און דער בחור וואָס וועט זיין אַ למדן זאָל זיין פריי פון צו לערנען די פרעמדע שפּראַך, און דער בחור וואָס האָט נישט

קיין קאָפּ צום לערנען זאָל איבערגעגעבן ווערן צום "ערער.
אַזוי האָט מען געטאָן און אויף אייניקע טעג איז רואיק גע-
וואָרן אין ישיבה, ווארום אַ סך בחורים האָבן גענומען לעק-
ציעס אין דער לאַנד-שפּראַך כּאָטש זיי האָבן זיך שטאַרק גע-
שעמט, ווארום די איבריקע בחורים האָבן פון זיי חוזק געמאַכט
און זיי גערופן „גוים", פונדעסטוועגן האָבן זיי נישט ווידער-
געשפּעניקט די מנהלים, ווארום זיי האָבן מורא געהאַט מען זאָל
זיי אינגאַנצן נישט אַרויסיאָגן פון ישיבה. אַזוי זענען פאַרביי
אַ פּאָר חדשים ביז עס זענען אָנגעקומען די עקזאַמענס און
איינער אַ גרויסער שר, וואָס האָט געקענט אויך גמרא, אַ סך
האָבן געזאָגט אַז ער איז אַ משומד, איז געקומען זען מיט
זיינע אויגן צי די לערער האָבן מצליח געווען אַריינצוברענגען
וויסנשאַפט צווישן די בחורים און אים זענען זיי נישט געפעלן.
האָט ער זיך געווענדט צום ראש ישיבה ר' שמואל און געזאָגט:
איר באַרימט זיך דאָך אַז איר זענט גאָר פאַרשטענדיקע און
פעאיקע מער פון אַלע אַנדערע פעלקער, ווי זשע איז אייער
פעאיקייט און חכמה? קיין איינער פון די בחורים ווייסט נישט
גאָרנישט, שעמט זיך!

ר' שמואל האָט געקוקט אויפן שר מיט מורא און גע-
שוויגן ווי אַ שטומער, ווארום ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס
ער רעדט צו אים. און פון וואַנען זאָל אַ פרומער אָרענטלעכער
ייד ווי ער פאַרשטיין דאָס לשון פון ערלים? און דער שר האָט
זיך געווענדט צום לערער דעם ייד פון ווען די צרה איז
אַרויסגעקומען און וועלכער האָט כסדר געוואָלט מען זאָל לאָזן
די בחורים לערנען די שפּראַך פון די ערלים און האָט געזאָגט
צו אים:

—און וואָס וועט איר זאָגן אויף מיין פאָרוואורף, איר
האַלט דאָך די גאַנצע צייט מלחמה פאַר אייערע ברידער און
האַלט זיי פאַר פעאיקע לייט, נו, ווי זשע איז אייער וואָרט?

—אַזוי איז עס טאַקע—האָט ער געענטפערט—איך האַלט
זיך ביי מיינעם אַז יידן זענען פעאיק צום לערנען זיך, אָבער
אויף די בחורים זאָלסטו נישט קוקן, ווארום זיי זענען די

ערגסטע פון ישיבה, ווארום די וואס האבן גוטע קעפּ צו פאר־שטיין אין דער גמרא, זיי לאזט מען נישט לערנען קיין וויסנ־שאפט, זיי גיבן אונז איבער די פארשטאפּטע קעפּ, איז וואס איז די ראיה פון זיי?

—וואס איך הער!—האט דער שר אויסגערופן מיט צארן—וואס איז, דעם קעניגס באפעל איז ביי זיי גארנישט ווערט? צי איז ביי זיי א שפּאס דער באפעל צו לערנען מיט די בחורים די לאנדשפּראך? און ער האט אנגעהויבן שרייען אויף רבי שמואלן און געזאגט, אז ער וועט פארחתמענען די ישיבה. ר׳ שמואל איז שטארק דערציטערט געווארן און געשוויגן, ווארום ער האט גארנישט פארשטאנען און דער שר האט זיך שטארק געבייזערט, געשריגן, געטופּעט מיט די פיס און געליארמט:

—פארוואס שווייגט איר און ענטפערט נישט? צי בין איך א הונט, וואס איך שריי און איר שווייגט?

—ענטשולדיקט אים מיין האר—האט געענטפערט דער לע־רער—ער פארשטייט נישט אייער שפּראך און ווייסט נישט וואס איר רעדט, ווי אזוי זשע זאל ער ענטפערן?

—און פארוואס מאכט מען אזא גראבן מענטשן פאר א ראש? איינס האב איך געזאגט און וועל נישט משנה זיין. אדער מען זאל אים אראפּזעצן פון זיין ארט און אן אנדערער זאל זיין שטעל פארנעמען, א מענטש וואס זאל קענען רעדן, אדער זיי זאלן צעלאזן די דאזיקע שעפּסן און רינדער—רעדנדיק האט ער מיטן פינגער געוויזן אויף די בחורים.

אזוי האט דער שר באפוילן און איז א בייזער פון דארט אוועק.

אז די ראשי הקהל האבן דאס דערהערט זענען זיי שטארק צעשראקן געווארן, ווארום זיי האבן געמיינט, אז עס איז געקומען א סוף צו דער ישיבה. אבער רבי שמואל האט זיי בארויקט און געזאגט צו זיי: שרעקט זיך נישט, ווארום גאט וועט אונז העלפן. מיין עצה איז, מען זאל צונויפרופן אן אסיפה זיך מישב צו זיין וואס צו טאן. אויף דעם יידישן לע־רער זאל מען רופן אויף דער אסיפה און גיט אים אפּ גרויס

כבוד און ער וועט אײַך העלפֿן, ווערום כאָטש ער איז אַ זינ-דיקער—איז ער פֿונדעסטוועגן אַ ייד.

די ראשי העדה האָבן אים געפֿאָלגט און האָבן געשיקט צונויפֿרופֿן אַן אסיפֿה און אויך דעם לערער האָט מען גערופֿן און דורך זיין עצה איז געבליבן אַראָפּצוזעצן רבי שמואלן פֿון זיין אָרט—ער זאָל מער נישט זיין קיין ראש הישיבה, און גע-מאַכט אויף זיין אָרט, דעם ראש וואָס לערנט איצט מיט אונז, ווערום ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ פֿערד-פּאָסט און האָט אַכטונג געגעבן ביים אײַנקויפֿן די פֿערד און אויף די וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט און דעריבער האָט ער געקענט די לאַנד-שפּראַך. אַמאָל האָט ער אויך געלערנט אין דער ישיבה און אַזוי איז ער געקומען פֿון די פֿערד צו פֿאַשען די סטאַ-דעס יידישע שעפּסן. און אַזוי ווי ער האָט זיך געפֿירט מיט די פֿערד, אַזוי פֿירט ער זיך מיט די בחורים, ווי פֿערד זענען זיי ביי אים אין די אויגן, און נאָר די צוויי בחורים די מתמידים זענען ביי אים תורה-לערנער.

—אויב די מתמידים איז אַזוי גוט—פֿאַרוואָס זשע ביזטו אויך נישט אַזוי?

—איך זאָל זיין אַ מתמיד? איך?—האָט ער זיך צעלאַכט—נישט איך קאָן און נישט איך וויל זיצן ביי דער גמרא ביי-טאָג און ביינאַכט.

—אָבער איך וויל יאָ זיין צווישן די מתמידים.

—דו? נאָך וואָס? וואָס פֿעלט דיר? דו האָסט דאָך אַ גאַנצע וואָך צו עסן, אונזער רבי איז דיך מקרב. איך האָב נישט קיין גוטע טעג, כ'האָב נאָר פֿינף טעג אין וואָך, פֿונדעסטוועגן וויל איך עס נישט.

—און וואָס טוסטו אין די איבעריקע צוויי טעג?

—זעסט דאָך. איך בין ביז אַהער קיין איין מאָל נישט געשטאָרבן פֿון הונגער. די מאַמע רחל, זאָל לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, זאָרגט פֿאַר אונז, זי גייט אַרום איבער די

הייזער, נעמט צונויף געלט און ברויט און גיט יעדן בחור, וואָס אים פעלט אויס טעג אַ ברויט אָדער צוויי און דריי גראָשן, און אַ פיר גראָשן בלייבט מיר פון די איבעריקע טעג וואָס איך האָב יאָ וואָס צו עסן. וואָרום נאָר וואַרעמעס עסן מיר אויף אונזערע טעג, אויף אנבייסן און וועטשערע גיט מען אונז אַ שטיקל ברויט מיט אַ גראָשן אָדער צוויי, און די גראָשענס זאַמל איך צונויף, אַמאָל עס איך זיך גוט אָן ביים וואַרימעס און בין שוין אין אָוונט נישט הונגעריק, פאַרקויף איך מיין שטיקל ברויט. אַזוי טוען אַלע און אַזוי וועסטו אויך טאָן. זאָג אַז דו ווילסט נישט קומען ביינאַכט אויף וועטשערע, וועט מען דיר געבן געלט וועסטו זיך קויפן ביי שרה די אלמנה גוטע זאַכן.

—צי שרה פאַרקויפט די ישיבה-בחורים די גוטע זאַכן פאַר געלט? זי האָט מיר דאָך געזאָגט אַז זי גיט אַלע בחורים אָנבייסן, האָב איך געמיינט אַז אומזיסט גיט זי.

—אַזוי איז עס, זי גיט צו עסן אַלע וואָס ברענגען איר זייער געלט אָדער אַ משכון אויף דעם געלט.

—איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס דער רבי האָט געלאַכט זאָגנדיק: „יאָ, שרה די אלמנה איז אַ וואוילע יידענע און גיט צו עסן אַלע ישיבה-בחורים."

—וועסט גיין מיט מיר היינט פאַרנאַכט צו שרהן עסן וועטשערע?

—ניין. איך וועל גיין אַהין וואו איך האָב היינט דעם טאָג.

—אָבער מאָרגן וועסטו בעטן מען זאָל דיר געבן ברויט און געלט, וועלן מיר צוזאַמען גיין צו שרה די אלמנה.

—וואָס? משוגע בין איך איך זאָל פאַרבייטן מיין וועטשערע אויף צוויי דריי גראָשן?

—אַלע טוען דאָך אַזוי.

—און וואָס טוען זיי מיטן געלט?

—די וואָס ווילן האָבן געלט—באַהאַלטן דאָס געלט און

עסן בלויז ברויט, און די וואָס האָבן ליב צו עסן, פאַרקויפן דאָס ברויט פאַר געלט און קויפן זיך פוטערקוכלעך אָדער האָניגקוכלעך ביי שרה די אלמנה, וועסט אַליין זען, ווי פאַרנאַכט הייבט זיך דאָ אָן דער מסחר פון ברויט.

דערווייל איז געוואָרן נאַכט און ס'איז געוואָרן מנחה־צייט. דעמעלסט האָבן די בחורים פאַרלאָזט זייערע ערטער אין מענערשול און זיי זענען אַריבער אין דער ווייבערשול און דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן דער מסחר...

ד.

פֿאַרנאַכט.

אַ זעער וואונדערלעך בילד האָט דערזעען דער מענטש וואָס איז צום ערשטן מאָל אַריבערגעטרעטן די שוועל פֿון דער ווייבערישער שול אין ישיבה: דאָס הויז האָט אויסגעזעען ווי אַ בירזשע פֿון סוחרים: די בחורים, וואָס האָבן געהאַט ברויט אָדער געלט האָבן געהאַנדלט, און די, וואָס האָבן נישט געהאַט נישט קיין ברויט און נישט קיין געלט האָבן זיך פֿאַרנומען מיט גנבה. און די וואָס האָבן זיך נישט פֿאַרנומען נישט מיט מסחר און נישט מיט גנבה, זענען געזעסן און געשמועסט און זיך דערציילט וואונדערלעכע מעשות פֿון רויבער און ריזן, מכשפֿים און שדים, פֿון לצים וואָס באַווייזן זיך ביינאַכט אויף דער וועלט און פֿאַרפֿירן מענטשן, פֿון מתים וואָס פֿאַרלאָזן זייערע קבֿרים און גייען אַרויס צו היילן קראַנקע דורך פֿעלד-גראָזן, אָדער פּייניקן זינדיקע. און נאָך אַזעלכע קלוגע זאַכן פֿון וועלכע דאָס האַרץ ווערט דערפֿרייט.

אַזאַ בילד האָב אויך איך געזעען; פֿאַרשידענע קולות האָב איך געהערט. איינער שרייט:

—ווער וויל ברויט?
און אַ צווייטער ענטפערט אים:
—ווער האָט ברויט? ווער האָט ברויט?
—אָט האָסטו ברויט.
—אָנדערטהאַלבן קאָפּיקעס וועסטו נעמען?
—ניין, נאָר צוויי קאָפּיקעס.
—מיין ברויט האָט מען צוגעגנבעט! ווער האָט געגנבעט מיין ברויט?
—איך האָב זער גוט ברויט, קויף עס—
—כ׳האָב נישט קיין געלט.
—גיב אַ משכון.
—מיינע פרישטשעס קאָן איך דיר געבן.
—אָט האָסטו צוויי קאָפּיקעס און דאָס ברויט איז מיין.
—גיי אַוועק, ס׳איז מיין.
—איך האָב פריער געקויפט.
—איך האָב שוין באַצאָלט.
—דו האָסט געגנבעט מיין ברויט.
—אַ ליגן. ס׳איז מיין אייגן ברויט.
—שקר, גזלן, רויבער.
—זאָל דיך נעמען דער טייוול, הונט!
—וואַרט אַ ווײַלע וועל איך דיר ווייזן מיינע ציין צי איך בין אַ הונט.

אַזעלכע געשפּרעכן און געשרייען האָבן זיך געטראָגן איבער דער ווייבערישער שול און אויך קלעפּ און פּעטש האָבן נישט געפעלט. אַזוי האָט געדויערט ביז מען האָט אין שול אָפּגעדאַווענט מנחה מעריב. דערנאָך זענען זיי צוריק אַרייַנגע-גאַנגען אין מענער-שול און זיך געזעצט ביי די טישן און ביי יעדן טיש האָט מען אָנגעצונדן נאָר איין ליכט. צום ערשטן האָט אויסגעבראָכן צווישן זיי אַ קריג איבערן ליכט. איינער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און צוגערוקט דאָס ליכט צו זיך, דער צווייטער האָט עס ביי אים אַרויסגעריסן און האָט עס אַוועקגעשטעלט נעבן זיין גמרא. ביז ס׳איז געבליבן מען זאָל

דעם טיש אויסמעכטן פון אַלע זייטן. האָט איינער אַרויסגענומען דעם גאַרטל און מיט אים האָט מען אויסגעמאָסטן דעם טיש און דאָס ליכט אַוועקגעשטעלט אין מיטן. און אַלע האָבן זיך צעזינגען ביים לערנען.

—איך האָב פאַרקויפט מיין ברויט פאַר צוויי קאָפּיקעס—האָט איינער געזונגען.

—און איך האָב מיר געקויפט פאַר אַ קאָפּיקע אַן עפּל און פאַר אַ גראָשן אַ קוכל—האָט אַ צווייטער זיך געלאָזט הערן.

—זאָל דעם משגיח דער טייוול נעמען, פאַרוואָס ער גיט אונז נישט גענוג ליכט צום באַלויכטן.

—דער רוח זאָל אים נעמען.

—מכות אים אין זיין בויך אַריין.

אַזוי האָבן די בחורים געזונגען, נאָר ביסלעכווייז איז שטילער געוואָרן און זיי האָבן פּשוט גענומען רעדן צווישן זיך.

—זאָג מיר נאָר צבועאַלער, צי איז נאָך נישט געקומען די צייט אַז דער טויט זאָל פון אונז צונעמען דעם משגיח?

—איך בעט גאָט ער זאָל אים קראַנק לייגן און ער זאָל נישט קאָנען קומען אין ישיבה, אָבער הלילה צו בעטן אויף זיין טויט: וואָרום אַז ער וועט שטאַרבן וועט קומען אַן אַנדע-רער אויף זיין אָרט און אפשר נאָך אַן ערגערער.

—אָבער ווי אַזוי מעג מען זיצן און שעלטן—האָט איינער בייז זיך אָפּגערופן.

—קוקט אים נאָר אָן! זעט נאָר ס'אַראַ צדיק דער עזובער איז! אַ סימן—אַז אין האַרצן איז ער גאָר אַ געמיינער יינג.

—וואָס דאַרפסטו ווייט זוכן סימנים? ער נעמט דאָך לעק-ציעס ביים לערער!

—איז וואָס? דינא דמלכותא דינא. איר זענט זינדיקע און אויסגעלאַסענע וואָרום איר שעלט...

ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן, וואָרום דער משגיח איז געשטאַנען הינטער זיי און זיך צוגעקוקט ווי זיי זיצן און שמועסן. און זעענדיק אַז דער עזובער רעדט הויך—און ער איז געווען טויב און נישט געהערט וואָס ער רעדט—האָט ער

זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים, האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ די אויערן און זיי גענומען רייסן און שאָקלען מיט אַלע כּחות שרייענדיק:

—מחבּלים! רוחות! איך וועל אײַך ווייזן!—דעם צווייטן האָט ער געגעבן אַ זעץ און דעם דריטן אַ פּאַטש.

—דער משגיח האָט געקוקט דעם עזובֿער פֿאַר דעם, וואָס ער האָט זיך פֿאַר אים אָנגענומען,—האָט זיך איין בּחור צע־זונגען קוקנדיק אין דער גמרא. אַלע האָבן אויסגעפּלאַצט מיט אַ שטאַרק געלעכטער און אויף די געשלאָגענע האָבן זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָבן זיך אויך צעלאַכט.

—וואָס? איר לאַכט גאָר פֿון מיר? איר האָט שוין גאָר קיין מורא נישט פֿאַר מיר?!—האָט זיך דער משגיח צעשריגן מיט שרעקלעכן כּעס און זיך אַרומגעקוקט אַ צעטומלטער, זוכנ־דיק אויף וועמען אָנצופֿאַלן. דערווײַל איז איין בּחור אונטער־געלאָפֿן און אים אַרײַנגעשריגן אין אויער אַרײַן:

—רבּי יצחק! רבּי יצחק! די ליכט!

דער משגיח דערהערנדיק אַז מען גנבֿעט ליכט, האָט זיך גלײַך אויסגעדרייט און געלאָפֿן צו זיך אין קעמערל אַרײַן. נאָר דאָרט האָט ער קיינעם נישט געטראָפֿן. האָט ער זיך אַנידער־געזעצט און געמורמלט:

—אויסוואורפֿן! שדים! די הויט וועל איך פֿון זיי שינדן! גנבֿים!

אַזוי האָט ער געמורמלט בּיז ער האָט אָנגעהויבּן דרימ־לען, האָט ער אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער האַנט, וואָס ער האָט אָנגעשפּאַרט אָן טיש און איז אײַנגעשלאָפֿן.

איך בּין אַוועקגעגאַנגען עסן וועטשערע און ווען איך בּין צוריקגעקומען, האָב איך געטראָפֿן ס׳מערסט פֿון די בּחורים שלאָפֿן שוין און דאָס מערסט ליכט זענען שוין אויסגעלאָשן און נאָר עטלעכע זיצן נאָך און שמועסן צווישן זיך. כ׳האָב אָפּגעזוכט מײַן חבֿר און אים געפֿונען אין דער ווײַבערישער שול ליגן אויפֿן טיש נאָר ער איז נאָך וואַך געווען.

—פֿאַר וואָס געפֿינסטו דיר אויך נישט קיין אָרט צו

שלאָפן?—האָט ער מיך געפרעגט.
—איך וועל זיך לייגן נעבן דיר.
—דאָס קאָנסטו נישט. וואָרום דאָ האָט יעדער זיין אָרט און דאָ אין דער ווייבערישער שול זענען שוין אַלע ערטער פאַרנומען, גיי און זוך דיר אַן אָרט אין דער מענער-שול. אויב דו וועסט געפונען אַ טיש—איז גוט, אויב נישט וועסטו זיך לייגן אויף אַ באַנק.
כ'האָב אַזוי געטאָן, כ'בין אַריין אין מענער-שול און זיך אווועקגעלייגט אויף אַ גרויסן טיש, אָבער באַלד איז צוגעקומען אַ בחור, האָט מיך אָנגעהויבן טרייסלען און געזאָגט:
—רוק זיך אַראָפּ! ס'איז מיין אָרט, אויך אַלע איבעריקע טישן זענען שוין פאַרנומען און דו זוך דיר אַן אַנדער אָרט.
אָן חשק בין איך אַראָפּגעקראָכן פון טיש און זיך געלייגט אויף אַ באַנק. אָבער שלאָפן האָב איך נישט געקאָנט, וואָרום איך בין נישט געוואוינט געווען צו שלאָפן אויף אַ דאַרער שמאָלער באַנק, אויך קליינע און גרעסערע חיהלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אין די שפּאַלטן פון באַנק, האָבן פאַרלאָזט זייערע נעסטן און זענען אַרויסגעגאַנגען בייסן מיין לייב. איך האָב מיר אָבער נישט געקאָנט העלפן.

ה.

די משמורניקעס ביינאַכט.

ווי א שלאַכטפעלד ביינאַכט נאָכן טאָג פון מלחמה, אַזוי האָט אויסגעזעען די ישיבה האַלבע נאַכט. דער גרויסער המון בחורים וואָס רוען נישט אַ גאַנצן טאָג ליגט און שלאָפט און כראָפעט. און נאָר פיר בחורים זענען אויף אַ משמר. צוויי — זיצן ביז איינס אַ זייגער ביינאַכט און די אַנדערע צוויי פון איינס ביז אינדערפרי. און יעדער בחור וואָס געפינט זיך אין ישיבה מוז אויף-זיין איין משמר אין אַ חודש. די דאָזיקע אָבער, וואָס האָבן ליב צו שלאָפן, דינגען אַן אַנדערן ער זאָל אויף-זיין אויף זייער אָרט, און זאַליין פאַרברענגען זיי מיט די פאַרשידענע חיהלעך, וואָס זענען פול אין די טישן און אין די בענק.

איך בין געלעגן אויף און זיך צוגעהערט צום געשפּרעך פון דיביידע משמרניקעס, וואָס זענען געזעסן און געשמועסט פון שדים און רוחות און פון בחורים וואָס האַלטן ביי חתונה האָבן. איינער פון זיי האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר שדים, דער צווייטער אָבער האָט זיך געשטאַרקט און געזאָגט אַז ער האָט נישט מורא פאַר זיי.

—איך זע—האָט געטענהט דער וואָס האָט יאָ מורא גע־האָט,—אַז דו ביזט אַן אפיקורוס ווי גדעון, אויב דו האָסט די העזה צו זאָגן אַז עס זענען נישטאָ קיין שדים און רוחות. אויב דו ווילסט וועל איך דיר דערציילן אַ מעשה, וועסטו זען וואָס די שדים קאָנען אָפּטון.

—דערצייל, דערצייל.

—אין מיין שטעטל איז געווען איינער האָט ער געהייסן גרונם שניידער אָדער גרונם קצב. וואָרום דער מענטש איז אַמאָל געווען אַ שניידער, דערנאָך האָט ער אַוועקגעוואָרפן זיין מלאכה און האָט זיך פאַרנומען מיט דעם וואָס ער האָט געשחטן קעלבער אָדער שעפּסן און אָנגעגרייט פלייש פאַרן גאַנצן שטעטל. אונזער שטעטל איז נישט קיין קליינס און ער פלעגט אַלע וואָך פאַרקויפן דאָס פלייש פון צוויי אָדער דריי קעלבער. פלעגט ער זיך פירן, אַז יעדע וואָך מיטוואָך פלעגט ער פאָרן אין די נאָענטע דערפער צו קויפן דאָרט ביי די פויערים די קעלבער וואָס ער האָט געדאַרפט.

איינמאָל אין אַ מיטוואָך,—ס׳איז געווען אין ספירה־צייט ווען די משחיתים און מזיקים האָבן רשות צו טאָן וואָס זיי ווילן—האָט זיך גרונם אויפגעזעצט אויף זיין פערד און וועגעלע און זיך געלאָזט פאָרן אין נאָענטן דאָרף אַריין, וואוהין ס׳האָט געדאַרפט געדוירן דאָס פאָרן אַ שעה זעקס. וואָרום דאָס מאָל האָט ער געוואָלט קויפן אַן אָקס, ווייל פרייטאָג איז גע־ווען די חתונה פון אונזער גבירס זון האָט ער געהייסן דעם קצב אָנגרייטן מער פלייש.

פאַרנאַכט האָט ער אין וועג באַגעגנט אַ פויער ביי וועמען ער פלעגט שטענדיק קויפן קעלבער, זענען זיי ביידע אַוועק אין שענק אַריין, האָבן גוט אויסגעטרונקען און האָבן זיך צע־שיידט: דער פויער האָט זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין און גרונם—אין דאָרף אַריין.

ס׳איז געווען אַ פינסטערע כמורנע נאַכט, אָבער גרונם האָט אויף דעם נישט געקוקט, וואָרום נישט צום ערשטן מאָל קומט אים אויס צו פאָרן מיט דעם וועג. ער איז נאָר אָפּגע־

פאָרן פון קרעטשמע און ער דערהערט ווי אַ שעפּסל מעקעט. ער איז אַראָפּ פון וואָגן און ווי דערפרייט און דערציטערט איז ער געוואָרן דערזעענדיק ווי אַ שוואַרצער שעפּס ליגט אויף דער ערד געבונדן. דאָס האָט מיר גאָט צוגעשיקט אַ כשרע מציאה—האָט ער זיך געטראַכט, האָט גיך אויפגעהויבן דעם שעפּס, האָט אים אַרויפגעלייגט אויף דער פור און זיך אויסגע-דרייט צו פאָרן אַהיים. פון גרויס שמחה אויף דער מציאה האָט ער זיך נישט צוגעקוקט וואו ער פאָרט און האָט נישט גע-דענקט, אַז ער פאָרט אין איין אײַלעניש שוין דריי שעה און איז נאָך נישט געקומען אין שטאָט אַריין. אָבער ווען די שמחה זיינע איז איבערגעגאַנגען האָט ער זיך אַרומגעקוקט און מיט זאָרג אַ טראַכט געטאָן: איך בלאָנזשע! האָט ער געוואָלט אַראָפּ-גיין פון וואָגן זוכן דעם וועג, אָבער ווי דערשראָקן איז ער געוואָרן דערזעענדיק ווי זיין וואָגן זינקט אין אַ זומפּ און אַרום איז אַ וואַסער. ער האָט מיט אַלע כחות געצויגן ביי די לייצעס, אָבער דאָס פערד שטייט ווי אַריינגעשלאָגן אין דער ערד, און רירט זיך נישט. איז ביי אים געבליבן ער זאָל אַראָפּקריכן און אַראָפּנעמען אויך דעם שעפּס, כדי גרינגער צו מאַכן דעם פערד. אָבער דער שעפּס איז געלעגן ווי אַ שטיין און ער האָט אים נישט געקאָנט רירן פון אָרט. איז דער קצב זער דער-שראָקן געוואָרן און אויסגעשריגן מיט ציטערניש און זאָרג:

—גאָט מיין גאָט, וואָס טוט זיך דאָ?

ווי דער קצב האָט דערמאַנט גאָטס נאָמען, האָט זיך דער שעפּס געגעבן אַ הייב-אויף, האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף צוויי פיס ווי אַ מענטש, האָט געגעבן אַ פּליעסקע מיט די הענט, האָט זיך צעלאַכט מיט אַ שרעקלעך קול און איז גלייך נעלם געוואָרן.

דעמעלסט האָט שוין גרונם פאַרשטאַנען אַז אַ לץ האָט פון אים געשפּעט און האָט אים פאַרפירט.

אַ דערשראָקענער האָט ער געוואָלט זיך אומקערן אַהיים, וואָרים ער האָט שוין מורא געהאַט ווייטער צו פאָרן, און אַז ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער דערזען, אַז ער

שטייט ביי דער שטאָט. מיט פרייד האָט ער אַ טרייב געטאָן דאָס פערד. אָבער ווי צעטומלט איז ער געוואָרן זעענדיק, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות, אַז דאָס איז נישט די שטאָט נאָר דאָס דאָרף וואוהין ער איז געפאָרן. אין אָנפאַנג האָט ער געוואָלט אויסדרייען דעם וואָגן און צוריקפאָרן, דערנאָך אָבער האָט ער זיך מישב געווען: אָט בין איך דאָך שוין ביים דאָרף, לאָמיך שוין אַריינפאָרן דאָ איבערנעכטיקן, מאָרגן וועל איך קויפן דאָס וואָס איך דאַרף און וועל צוריקפאָרן. אָבער ווי ער האָט גענומען פאָרן ווייטער, אַזוי האָט זיך דאָס דאָרף גענומען אָפרוקן. האָט ער גענומען מיט כעס שלאָגן דאָס פערד עס זאָל לויפן, לויפט דאָס פערד מיט אַלע כחות און דאָס דאָרף האַלט אין איין אָפרוקן זיך. נישט ווייסנדיק וואָס צו טאָן, האָט ער געשלאָגן דאָס פערד אָן רחמנות, און אַז דאָס פערד האָט גענומען גאָר לויפן, האָט זיך אַ ראָד צעבראָכן און די פור האָט זיך אומגעלייגט. אַ דערשלאָגענער, אַ צעשראָקענער איז ער אַראָפ פון וואָגן, האָט גענומען טאַפן אין דער פינסטער און געוואָלט אים אויפהייבן, אָבער ער האָט נישט געקאָנט, איז ביי אים געבליבן צו גיין צופוס אין דאָרף אַריין און רופן עמיצן צו הילף. נאָר אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און געוואָלט גיין—און ס'איז נישטאָ קיין שטאָט, נישט קיין דאָרף נאָר עפעס אַ פלעמל ווי אַ ליכטל לייכט אין דער פינצטער אונטער אים. אַ לאַנגע צייט איז ער געשטאַנען ווי צעדולט, ביז אים איז איינגעפאַלן, ער זאָל זיך לאָזן גיין נאָכן פלעמל. ער האָט גענומען גיין און דאָס פלעמל איז שוין גאָר אויף אַן אַנדער אָרט; אָט איז עס פאַר אים, און אָט הינטער אים. אַזוי האָט ער געבלאָנדזשעט אין דער נאַכט ביז דער האָן האָט שוין גענומען קרייען, דעמעלסט איז אים אַ שלאָף באַפאַלן און ער איז איינגעשלאָפן.

אינדערפרי, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפט, האָט ער דערזען, אַז ער ליגט אין רינשטאָק ביזן האַלז און זיינע מלבושים זענען אויסגעשמירט אין בלאָטע און ליים, דאָס פערד שטייט נאָך צוגעשפאַנט צום וואָגן וואָס ליגט איבערגעקערט און עס

רינט פון דעם אַ שוויס. דעמעלסט האָט ער צוריקגעקערט אין שטאָט אַריין, האָט דערציילט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. און פון דעמעלסט אָן איז ער נישט אַרויסגעפאָרן פון שטאָט ביז ער האָט נישט מיטגיענומען נאָך אַ מענטש מיט זיך און ביידע האָבן געהאַט די תּפלין ביי זיך.

—מילא, דאָס איז דאָך געווען אויפן וועג, אָבער מיר זענען דאָך דאָ אין אַ מקום קדוש. האָב איך טאַקע נישט קיין מורא—האָט דער אַנדערער זיך געעקשנט.

—ביזט אַ גדעון! אַן אפּיקורוס! גיי דיר אין די גוישקע שולן וואָרום דאָ איז נישט דיין אָרט.

—איך הייס נישט גדעון נאָר יחזקאל—האָט אים דער צווייטער געענטפערט און אים אַרויסגעשטעקט אַ צונג.

—אָבער אַן אפּיקורוס ביזטו ווי גדעון, איך זע שוין, פון זינט ער האָט מיט דיר אָנגהויבן לערנען תּנ״ך ביזטו עראָפּ פון גוטן וועג.

—ס׳אַ ליגן, נישט איך בין אַראָפּ פון גוטן וועג, נאָר איר אַלע. און אויך גדעון האָט קיין שום בייזעס נישט געטאָן, זיין איינציקע זינט איז נאָר זיין חכמה, וואָרום ער קען גוט די כּתיבי הקודש און ווי ליב האָב איך צו הערן אים ווען ער רעדט, אויך גמרא קען ער צען מאָל אַזוי פיל ווי איר אַלע, דעריבער פאַרגינט איר אים נישט.

—ניין, נישט דערפאַר! אָבער פאַרוואָס דערווייטערט ער, זיך פון אונז? ער קוקט דאָך אויף אונז ווי אויף ווילדע—דערפאַר וועלן מיר אים אָנלערנען.

—איר וועט אים אָנלערנען? ער האָט מורא פאַר אַייך? אַפילו דער ראש הישיבה מיטן משגיח קאָנען אים גאָרנישט טאָן. ווען ער וואָלט דאָ נישט געווען וואָלט מען אונז אַלע פון דאַנען פאַרטריבן, דו ווייסט נישט וואָס דער שר מילער האָט דאָ געזאָגט ווען ער איז געווען זעען ווי מען פירט זיך דאָ? איך בין דערביי געווען. דאַרפסט וויסן אַז דער ערל קאָן זער גוט לערנען און אַז ער האָט געפרעגט אונזער רבין: וואָס ווייסן דאָ די בחורים אין תּנ״ך? איז אונזער רבי שטאַרק צעטומלט

געוואָרן, וואָרום ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. דעמעלסט איז צוגעקומען גדעון און האָט אים אַרויסגעהאָלפן און האָט דעם שר געענטפערט אויף אַלע שאלות. האָט דער שר זיך אויסגעבייזערט אויף אונזער רבין און אָנגעזאָגט מען זאָל היטן גדעונען ווי דאָס אויג אין קאָפּ, ווייל ער ווייסט אַ סך און קאָן אויסלערנען חכמה אַלע ישיבה-בחורים. און איך האָב זער הנאה צו הערן ווי ער רעדט. איך וועל אים אויך פאָלגן און וועל זיך נעמען לערנען די לאַנד-שפּראַך, און וועל גיין מיט די איבעריקע נעמען לעקציעס ביים לערער.

—ווי שעמסטו זיך נישט אַזוי צו רעדן? דו וועסט לערנען די שפּראַך פון די ערלים?

—פאַרוואָס זאָל איך זיך שעמען?

—וואָרום נאָר די וואָס קענען נישט לערנען קיין גמרא לערנען זיך די שפּראַך פון די ערלים. ווילסטו אויך זיין צווישן די גראָבע קעפּ?

—איך קען גמרא בעסער פון אייך אַלע.

דאָ האָט מען זיך גענומען שפּאַרן און יעדער האָט געזאָגט אַז ער קען בעסער.

איך האָב זיך אַלץ צוגעהערט, ביז איך בין סוף כל סוף איינגעשלאָפן.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט צוליב אַ געשריי, וואָס איך האָב דערהערט. כ'האָב געעפנט די אויגן און דערזען, בער, דער ערשטער משגיח שלאָגט איינעם אַ בחור און צווי שטייען פאַרשעמטע און וויינען.

—אַרויס פון דאַנען!—האָט דער משגיח געליאַרמט—אַרויס לאָבוסעס! אַרויס ממזרים!

כ'האָב דערזען דעם בחור מיט וועמען איך האָב געלערנט אָדער גערעדט נעכטן, ער איז געשטאַנען פון דערווייטנס, בין איך צו אים צוגעגאַנגען און אים געפרעגט, וואָס דאָ טוט זיך. און ער האָט מיר דערציילט: די צווי בחורים זענען אויפגעווען אַ משמר און האָבן אָפּגעטאָן מיאוסע זאַכן. צום ערשטן האָבן זיי געמאַכט פאַנפערס די בחורים וואָס זענען געשלאָפן

דערנאָך האָבן זיי אויפגעדעקט אַלעמענס ערות. דער דריטער ווידער איז צו זיי צוגעשטאַנען זיי צו העלפן און דערנאָך האָבן זיי אונטערגעגאָסן אַ סך וואַסער אונטער ראובן דעם גבעונער כדי אים בחרפה צו שטעלן... און דער ראובן איז פון משגיחס משפחה, דעריבער איז ער אַזוי אויפגעבראַכט און טרייבט זיי אַרויס פון דאַנען.

דערווייל זענען אָנגעקומען מענטשן צום דאַווענען און דער ראש הקהל און דער ראש הישיבה זענען אויך אָנגעקומען.

—אויסגעלאַסנקייטן האָבן זיי געטאָן! מיאוסע זאַכן!—האָט דער משגיח געליאַרמט—די דאָזיקע משחיתים זענען מטמא דאָס מקום קדוש!

—טרייבט זיי אַרויס!—האָט געענטפערט דער ראש הקהל. נאָר דער ראש הישיבה האָט זיך פאַר זיי אַיינגעשטעלט און געזאָגט:

—איך, איך אַליין וועל זיי שוין באַשטראָפן, אָבער זאָלן זיי דאָ בלייבן, ווארום איך דאַרף זיי האָבן:

דער משגיח האָט זיך אָן חשק אָפּגערוקט ברומענדיק עפּעס צווישן די ציין, ער האָט אָבער נישט געהאַט די העזה זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם ראש הישיבה

ו.

א גוטער חבר.

צומאָרגנס אינדערפרי נאָכן דאַווענען און נאָכן אָנבייסן,
אַרום אַכט אַ זייגער, האָבן זיך אַלע בחורים אַוועקגעזעצט
לערנען. אויך דער בחור מיט וועלכן איך האָב זיך נעכטן בע-
קענט, האָט אויך נישט גערעדט ווי נעכטן, נאָר האָט טאַקע
געלערנט מיט קאָפּ אַ צוויי שעה, אויך איך האָב אַזוי געטאָן
ביז מיר האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט פאַרן רבין צו הערן דעם
שיעור. איינער פון די בחורים האָט געפרעגט אַ קשיא און דער
רבי האָט אים געענטפערט אַ תריץ. זעענדיק, אַז מען מעג-
פרעגן, האָב איך אויך עפּעס געפרעגט און דער רבי האָט מיך
געלויבט אין די אויגן און געזאָגט: האָסט גוט געפרעגט! און
ער האָט מיר געענטפערט זער ווייך. אַזוי זענען מיר געזעסן
ביי אַ שעה צייט פאַר אים, דערנאָך האָבן מיר צוריקגעקערט
יעדער אויף זיין אָרט. און מיר זענען געזעסן ביי אַ שעה צייט
איבערצוחזרן דעם שעור, דערנאָך האָט מיין חבר ווידער אָנגע-
הויבן שמועסן מיט מיר ווי נעכטן.

איך האָב געדענקט אַז מיין חבר דן האָט מיך געהייסן

זיך דאָ צונויפגערעדן מיט זיין חבר גדעון. און איך האָב איצט געפרעגט מיין באַקאַנטן:

—וואו איז דאָ דער בחור גדעון?

—וואָס דאַרפסטו אים? ער איז דאָך אַן אפיקורוס און ער איז פון דער גרויסער כּתּה און וועט זיך נישט חברן מיט אַ בחור פון דער קלענערער כּתּה.—האָט ער מיר געענטפערט.

—איך דאַרף אים עפּעס האָבן—האָב איך אים געענטפערט—און איך בעט דיך זאָלסט מיר זאָגן וועלכער דאָס איז.

—גוט. נאָכדעם ווי עס וועט זיך ענדיקן דער שיעור ביי די גרויסע, ווארום איצט זיצט ער אויפן שיעור.

נאָכדעם ווי די בחורים פון דער גרויסער כּתּה האָבן זיך אויפגעהויבן פון שיעור וואָס דער רבי האָט פאַר זיי געזאָגט, האָט מיר מיין חבר אָנגעוויזן אויף גדעונען און געזאָגט:

—דאָס איז ער.

—דאָס ביזטו גדעון?—האָב איך אים געפרעגט.

—יאָ, איך. וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר?

—כ'האָב עפּעס אַ זאַך צו דיר.

—איצט איז נישט קיין צייט צו רעדן און דאָ איז נישט דאָס אָרט צו רעדן. אויב דו האָסט עפּעס צו מיר, לאָמיר גיין צוזאַמען אויף מיטאָג און אויפן וועג וועסטו מיט מיר רעדן.

מיר זענען געגאַנגען צוזאַמען און אויפן וועג האָב איך אים דערציילט, אַז איך האָב זיך געחברט מיט אַ בחור וואָס הייסט דן און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אַ פריינט און אַ חבר אין ישיבה וואָס הייסט גדעון און ער ווייסט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט און פון אים וועל איך זיך דערוויסן אַלץ, וואָס איך וויל זיך דערוויסן.

אַז גדעון האָט דערהערט דעם נאָמען דן, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט און האָט מיך גענומען אויספרעגן אויף אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט פון זינט ער האָט פאַרלאָזט די ישיבה און האָט מיר צוגעזאָגט צו פאַרברענגען מיט מיר ווי מיט אַן אייגענעם ברודער.

פון דעמעלסט אָן האָב איך אויפגעהערט לערנען מיט

דעם פריערדיקן בחור, וואָרום גדעון האָט מיט מיר גענומען לערנען גמרא. איך האָב אים דערציילט אַלץ וואָס איך האָב געהערט וועגן אים פון די משמורניקעס און ער האָט מיר גע-ענטפערט:

—איך ווייס דאָס אַלץ. איך זיץ דאָ ווי צווישן שלאַנגען, אַלע היטן מיינע טריט און ווילן מיר שלעכטס טאָן, אָבער איך האָב פאַר זיי קיין מורא נישט, און אויב דו וועסט מיך פאָלגן און וועסט נישט הערן די גראָבע יינגען, וועט דיר גוט זיין. זאָלסט נישט זיין ווידערשפעניק ווי די דאָזיקע ווילדע יינגען און זאָלסט זיך נעמען לערנען ביים לערער פון דער לאַנד-שפּראַך, וואָס קומט אַהער אַלע טאָג און דו וועסט ווערן אַ מענטש. וואָרום נישט מיט דער גמרא אַליין קאָן זיך אַ מענטש אַן עצה געבן ווען עס קומט די צייט ער זאָל זיך אַליין פאַר-דינען זיין חיונה. אויך דיין אָרט וועט זיין זיכער, וואָרום די משגיחים האָבן מורא צו טאָן שלעכטס דעם בחור וואָס לערנט די לאַנד-שפּראַך, טאָמער וועלן די לערער פאָדערן אַ חשבון אויף זייערע מעשים.

—גוט, איך וועל טאָן ווי דו הייסט מיך, און ס'איז מיר זער לייכט דאָס צו טאָן, וואָרום שרייבן און רעדן אויף דער לאַנדשפּראַך קען איך שוין זער גוט.

—אויב אַזוי וועסטו זיין אַ מענטש.

—און ווען וועסטו מיר דערציילן די לעבנסגעשיכטע פון מיין חבר דן, איך וויל עס זער וויסן.

—דו דאַרפסט פריער וויסן דאָס, וואָס דו זעסט, דאַרסט קענען די בחורים וואָס געפינען זיך היינט מיט דיר און וויסן ווי אַזוי זיך צו פירן מיט זיי, דערנאָך וועסטו הערן די לעבנס-פּאַסירונג פון דיין חבר.

—איך וועל דיך אַלץ פאָלגן.

—אויב אַזוי וועל איך טאָן דיין פאַרלאַנג.

פון דעמעלסט אָן זענען מיר געוואָרן גוטע חברים און די ישיבה בחורים האָבן אויף מיר אויך גענומען אויסרעדן אַלדעס בייז און מיך האַלטן פאַר אַן אפיקורוס. דער בחור וואָס

האָט זיך מיט מיר געחברט דעם ערשטן טאָג, איז אויף מיר זער בייז געוואָרן, דערפֿאַר וואָס איך האָב אים פֿאַרלאָזט און איז געוואָרן דער גרעסטער שונא מיינער. אָבער איך, נישט בלויז איך האָב מיר אויף דעם נישט ווייסנדיק געמאַכט, נאָר איך בין נאָך גרויס געוואָרן ביי זיך מיט דעם, וואָס איך האָב אַ סך שונאים און זיי קאָנען מיר גאָרנישט טאָן.

ס'איז זער אַ גוט געפֿיל פֿאַר אַ מענטשן, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געיאָגט און געטריבן געוואָרן, אַז ער הערט אויף מורא צו האָבן. און דאָס געפֿיל רעדט צו צו פֿאַרטשעפּען זיינע שונאים כּדי זיי צו באַווייזן, אַז ער איז שטאַרקער.

ז.

די „לאַפּערס" און די אַפּאַראַטעווער.

צומאָרגנס, ווען מיר זענען געזעסן ביים שיעור זענען אַריינגעקומען צוויי פרעמדע מענטשן, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביים טיש און האָבן דורכגעקוקט די בחורימלעך ווי זיי וואָלטן געזוכט עמיצן צו דערקענען.

—וועמען זוכט איר?—האָט דער רבי זיי געפרעגט.

—דעם יינגל שאול פון דער שטאָט בצלת—האָבן די מענטשן געענטפערט.

—וואָס דאַרפט איר אים?—האָט דער רבי ווייטער געפרעגט קוקנדיק אויף זיי אויפמערקזאַם.

—מיר האָבן אים געבראַכט אַ בריוו פון זיין מוטער און אויך אַ מתנה האָט זי אים געשיקט דורך אונז.

—גיט אַהער דעם בריוו—האָט דער רבי געענטפערט.

—איך, איך בין עס—איז אונטערגעשפרונגען אַ יינגל.

—זיץ אויף דיין אָרט—האָט דער רבי באַפוילן. אָבער די מענטשן, אַז זיי האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אים אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט און געזאָגט:

—קום גיכער מיט אונז, וואָרום דיין פעטער וואַרט אויף דיר אין גאַסטהויז.

דאָס יינגל האָט שוין געוואָלט מיט זיי אַרויסגיין און דער רבי איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, האָט אָנגעכאַפּט דאָס יינגל און אויסגערופן מיט גרויס כעס:

—אַרויס פון דאַנען אויסוואורפן! איך וועל נישט לאָזן אַז דאָס ישיבה-יינגל זאָל אַריינפאַלן אין אייערע הענט!

די מענטשן האָבן דאָס יינגל געוואָלט נעמען מיט געוואַלד און דער רבי האָט זיך אויף זיי מוראדיק צעשריגן:

—טראָגט אייך אָפּ פון דאַנען כל זמן איר זענט גאַנץ, וואָרום אויב איר וועט זיך איינעקשנען וועט מען אייך פון דאַנען אַרויסטראָגן.

—מיר האָבן פאַר אייך נישט קיין מורא, מיר האָבן אַ באַפעל צו נעמען דאָס יינגל, מיר האָבן ביי זיך דעם באַפעל פון גובערנאַטאָר, אויב איר וועט זיך קעגנשטעלן וועט איר ליידן.

—בחורים אהער!—האָט דער רבי געגעבן אַ געשריי—דאָס זענען כאַפּערס און ווילן אים נעמען פאַר אַ זעלנער. ראַטעוועט אים. שלאָגט אָן רחמנות!

אַלע בחורים זענען אויפגעשפּרונגען, ווי אַ מחנה בינען האָבן זיי אַרומגערינגלט די צוויי כאַפּערס, ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה און דער רבי איז נעלם געוואָרן פון ישיבה. און כמעט די בחורים זענען געווען אַ סך און די כאַפּערס נאָר צוויי, פונדעסטוועגן האָבן זיי באַוויזן צו האַלטן דאָס יינגל און צו עפענען די טיר, און ווען עס וואָלטן נישט צוגעקומען קיין פרישע העלפער—די ווייבער וואָס וואוינען אין שכנות מיט דער ישיבה—וואָלטן זיי אים געווען גענומען. אָבער די ווייבער זע-נען גיך צו-הילף געקומען. נאָך דעם ווי דער רבי האָט זיי געזאָגט, וואָס עס טוט זיך אין ישיבה, האָבן זיי זיך אַריינגע-ריסן, ווי עס פלייצט אַריין אַ שטראָם אין ישיבה אַריין, שרה די אלמנה פאָראויס, און זענען באַפאַלן די צוויי לייט, איינע האָט זיי אָנגעכאַפּט ביי די האָר, אַ צווייטע ביי דער באָרד, די

ביי די הענט און די אַנדערע—ביי די פיס און זיי אַוועקגע- לייגט. און איין יידענע האָט געבראַכט אַ גרויסן קעסל מיט וואַסער און אים איבערגעקערט אויף איינעמס קאָפּ. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיי די צוויי לייט אַרויסגעטראָגן ווי פּגרים אין דרויסן אַרויס.

דער וואָס האָט נישט געזען די ווייבער ביי דער מלחמה, דער האָט קיין שרעקלעך בילד נישט געזען: די ווייבער, ווע- מענס פּנימער עס דריקן אויס דערבאַרמונג און פּחדנות זענען מיט אַמאָל געוואָרןווילדע טיגערן. זיי האָבן ווילד געליאַרמט און געריסן. דערנאָך האָבן זיי זיך ביסלעכווייז באַרואיקט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פאַריכטן די האָר און זייערע מלבושים וואָס זענען צעקנייטשט און צעדרייט געוואָרן ביים געשלעג, און שרה די אלמנה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט גרויסקייט ווי אַ שר-צבא וואָס קומט צוריק אַלס זיגער פון קריג און זי האָט געזאָגט צום יינגל:

—ביזט געראַטעוועט! ביזט געהאַטעוועט! און ווייסט,—האָט זי גערעדט צו אַלע בחורים—אַז מיר וועלן נישט דערלאָזן איר זאָלט אַריינפאַלן צו די כאַפּערס, כאָטש איר זענט עס נישט ווערט.

—און גאָט זאָל אייך באַצאָלן פאַר דעם—האָט געענטפערט שמעון דער גרויסער—ס׳איז דאָך גאַרנישט אָפּצושאַצן דאָס גוטס וואָס איר האָט היינט געטאָן, פאַר אַ גרויסע מצוה וועט עס אייך גערעכנט ווערן.

—אַ מצוה אַ מצוה!—האָט געענטפערט שרה די אלמנה— כ׳האָב גענוג מצות צו טאָן כ׳זאָל דערביי נישט דאַרפן צערייסן די מלבושים און כאַפּן קלעפּ.

—דערפאַר וועלן מיר דאָס אייך געדענקען און אַז די כאַפּערס וועלן קומען נעמען אייער זון וועלן מיר אייך קומען צו הילף.

די ווייבער האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער און שרה די אלמנה האָט אויסגעשריגן מיט צאָרן:

—בייס זיך אָפּ די צונג! דו נאַר!

דער רבי איז צוריקגעקומען אין ישיבה אריין און אליין געדאנקט די ווייבער פאר זייער בריהשקייט און זיך צוריקגע-זעצט צום טיש. מען האט שוין אבער מער נישט געלערנט נאר איינער האט דערציילט פארן צווייטן די וואונדער, וואס ער האט געזען, און יעדער האט זיך באריםט אז ער האט גוט גע-שלאגן און יעדער האט געזאגט, אז ווען נישט ער, וואלטן זיי נישט קיין עצה געגעבן די כאפערס וואס זענען שטארק ווי די לייבן. און אויך יקטן די פלוי, וואס איז די גאנצע צייט גע-שטאנען אין ווינקל און געציטערט, אויך ער האט באוויזן וואונדער און גבורות ווען ער איז געזעסן צוזאמען מיט אלע. די חברים האבן פון אים געלאכט און געשפעט און איינער האט אויסגערופן:

—זאג נאר דו בעל מלחמה, וויפיל הונדערטער פון שונא האט דיין שווערד אויסגעהרגעט?

—איך האב געזען אז אין א פאר מינוט האט ער אוועק-געלייגט פינף הונדערט מאן,—האט א צווייטער געענטפערט.

—בעל מלחמה! בעל מלחמה!—האבן זיך אלע צעלאכט.

און פון דעמעלסט אן האט מען אים גערופן: יקטן בעל מלחמה.

—און דו גללון וואס האסטו געטאן?—האט נח יצחק גע-פרעגט א ייגל זער א גראבן, וואס איז געזעסן און געשוויגן.

—איך האב געשריגן!—האט דאס ייגל געענטפערט מיט א פישטשענדיק קולכל.

נח יצחק איז אבער פון אים נישט אפגעטרעטן:

—אזוי, דו האסט געשריגן? אזוי העלפסטו דיין חבר אז עס קומט אויף אים אן אומגליק? דו קומסט אפ מיטן שרייען? און וואס וועסטו טאן אז די כאפערס וועלן קומען נאך דיר און מיר וועלן שטיין פון ווייטן? וואס וועסטו דעמעלסט טאן?

—איך וועל שרייען הויך מיטן גאנצן כח!

אלע האבן זיך צעלאכט און שלמה יעקב איז צוגעגאנגען צו נח יצחקן, האט צו אים א ווינק געטאן מיט די אויגן און געזאגט:

—לאָז אים אָפּ דעם אומגליקלעכן! וואָס דאַרפסטו אים נאָך שיטן זאַלץ אויף די וואונדן?

—וואָס איז דען? פאַרוואָס איז ער אומגליקלעך?

—דו ווייסט נאָך נישט פאַר אַן אומגליק אים האָט געטראָפן?

—ניין, איך ווייס נישט גאָרנישט.—האָט נח יצחק געענטפערט און גללון האָט געקוקט אויף שלמה יעקבן ווי ער וואָלט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

—אויב אַזוי זע איך, ווייסט איר נאָך נישט פון דער גאַנצער מעשה: די כאַפּערס זענען דאָך אַוועק צו אים אַהיים און צוגענומען זיין מאַמען פאַר אַ זעלנער!—האָט געענטפערט שלמה יעקב זער רואיק און האָט אַפילו קיין שמייכל נישט געטאָן.

אַז דאָס אומגליקלעכע יינגל האָט דערהערט פון דעם אומגליק וואָס אים האָט געטראָפן האָט ער זיך צעוויינט און געוואָלט אַרויסלויפן. שלמה יעקב אָבער האָט אים דעם וועג פאַרשטעלט און געזאָגט:

—וואו גייסטו, פאַרשטאָפּטער קאָפּ?

—צו מיין מאַמען.

—דו ווילסט מען זאָל דיך אויך צוכאַפּן?

—צו מיין מאַמען וויל איך גיין.

—אָבער מיר וועלן דיך נישט לאָזן אַרויסגיין, וואָרום דו קאָנסט נאָך אַריינפאַלן צו די כאַפּערס.

אַלע בחורים האָבן געלאַכט אין האַרצן, אָבער זיי האָבן געשוויגן, כדי ער זאָל נישט פאַרשטיין, אַז מען לאַכט פון אים, און דאָס יינגל האָט אַ דערשלאָגענער געפרעגט:

—וואָס זשע זאָל איך טאָן?

—ווייסט נישט וואָס צו טאָן? רייס קריעה און זעץ זיך שבעה.

דאָס יינגל האָט געפאָלגט: האָט זיך איינגעריסן די לאַץ, זיך געזעצט אויף דער ערד און זיך ביטער צעוויינט.

אַז דער רבי האָט דערהערט אַ געוויין פון דער ווייבערי-

שער שול, איז ער אַהין אַריין. איז שטיין געבליבן בײַ דער טיר, האָט זיך אײַנגעקוקט און פּלוצלינג אויסגערופן:

—וואָס איז דאָס?

שלמה יעקב איז זער צעטומלט געוואָרן, אָבער נח יצחק האָט מיט עזות געענטפערט:

—מיר האָבן געמאַכט אַ שפּאַס.

—איצט איז אַ צייט פון שפּאַסן?—האָט דער רבי אַ זיפץ געטאָן—איצט ווען אויף אונז איז אַרויס אַ נייע ביטערע גזרה.

—וואָס איז עס פאַר אַ גזרה?—האָבן אַלע בחורים געפרעגט.

—שטאַרקט זיך צו הערן די שרעקלעכע זאַך. עס איז אַרויס אַ גזרה פון דער מלוכה אַז אַלע ישיבה-בחורים, וואָס וועלן נישט היינט נאָך, אַוועק פון ישיבה, זאָלן שוין דאָ בלײַבן אויף אייביק און זאָלן שוין קיינמאָל נישט חתונה האָבן—דאָס גאַנצע לעבן זאָלן זיי בלײַבן ווי מאָנאַכן.

ער האָט אַ ווײַלע געוואַרט און זיך אײַנגעקוקט אין די פּנימער פון די בחורים און דערנאָך ווייטער געזאָגט:

—בין איך דעריבער געקומען איצט פרעגן בײַ אײַך וואָס ווילט איר בעסער: צי בלײַבן אין ישיבה אויף אייביק, אָדער נאָך היינט פאַרלאָזן די ישיבה? אָבער נישט אַלע זאָלט איר ענטפערן מיט אַמאָל. ענטפערט אייינציקווייז. נח יצחק! וואָס זאָגסטו?

—איך גיי אַוועק היינט פון ישיבה.

—גוט. גיי מיט גאָט און זאָלסט מער נישט שטערן דאָ מיט דײַנע שטיקלעך. אָבער איידער דו גייסט אַוועק וועל איך דיר אָנזאָגן: זאָלסט זיך נישט צופיל קליגן און נישט חוזק מאַכן פון קיינעם, וואָרום עס קאָן זיך געפינען אַ קליגערער פון דיר און וועט פון דיר לאַכן. אָט האָסטו דאָך געשפּעט און געלאַכט פון דעם יינגל און פאַרוואָס איז דיר נישט אײַנגעפאַלן, אַז מען שפּאַסט אויך פון דיר.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, נאָר איין נח יצחק איז געבליבן דערשלאָגן.

מיר איז דאָס אַלץ זער געפעלן. האָט זיך מיר אויך

פאַרוואָלט צו טרייבן שפּאַס און ווען אַ סך בחורים זענען שוין געווען אַוועקגעגאַנגען, בין איך צוגעגאַנגען צו גללון און געזאָגט:

—און דו וועסט דאָך בלייבן? אַ יאָ?

—ס'איז שוין צייט צו גיין עסן. וועל איך גיין.

—האָסט דען נישט געהערט, וואָס דער רבי האָט אָנגעזאָגט: דער וואָס וועט היינט פאַרלאָזן די ישיבה, זאָל שוין מער נישט צוריקקומען.

—איך בין דאָך אָבער הונגעריק?

—טאָ גיי און קום מער נישט צוריק.

—האָב איך דאָך אָבער מורא פאַרן טאַטן. ער וועט מיך דאָך שלאָגן אויב איך וועל מיך נישט צוריקקערן אין ישיבה אַריין.

—וועסטו אים זאָגן, אַז דער רבי האָט דיר פאַרזאָגט, זאָלסט מער נישט קומען אַהער.

אַזוי האָב איך אײַנגערעדט דעם ייִנגל און ער האָט אַזוי געטאָן.

מיט אַ שעה דריי פיר שפּעטער האָט זיך מיט רעש אַרײַנגעריסן עכּבור דעם ייִנגלס פאָטער און געשלעפּט גללונען ביי דער האַנט און געמאַכט אַ געוואַלד:

—וואָס הייסט דאָס וואָס? איר האָט מיך מביש געווען. איר האָט מיך געהרגעט! און פאַרוואָס? כ'האָב אײַך שלעכטס געטאָן?—האָט ער געליאַרמט אויפן ראש הישיבה—אַלע וויסן דאָך, אַז ווען איך וואָלט איר קיין ראש ישיבה נישט געוואָרן. טוט איר מיר אַזוי אָפּ? ווי איז דאָס געהערט געוואָרן אויף דער וועלט אַזאַ זאַך?

—ווען דו וואָלסט געווען אַ חסיד, וואָלט איך גערעכנט אַז דו ביזט שכּור, אָבער אַזוי ווייס איך נישט וואָס דו ווילסט.

—וואָס, פאַר אַ שכּור וועט איר מיך שוין מאַכן? וואָס מיר איז? איר האָט גענומען און אַרויסגעטריבן מיין קינד פון ישיבה, מיין איינציקן זון האָט איר פאַרטריבן פון דאַנען.

—איך הייב נישט אָן צו וויסן פון גאָרנישט. איך האָב קיינמאָל אַזוינס נישט געזאָגט.

עכבור האָט זיך אויסגעדרייט צו זיין זונדל, האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאַרק און אים געגומען טרייסלען: וואָס זשע שווייגסטו האַז רעד, דו האָסט דאָך געזאָגט...

—ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער רבי האָט מיר באַפוילן איך זאָל נישט קומען.

—ווער?

—דער אַשדותער.

עס איז געוואָרן אַ געלעכטער און עכבור האָט זיך גע-וואָרפן אויף מיר מיט די פויסטן. נאָר דער ראש הישיבה האָט זיך אים ענטקעגנגעשטעלט און נישט דערלאָזט ער זאָל מיר עפּעס טאָן.

ווען ער איז אַוועק פון ישיבה האָט דער רבי מיך גע-רופן צו זיך, האָט מיך גוט אויסגעשטראָפט פאַר דעם און האָט מיר געזאָגט אַז נאָר דאָס ערשטע מאָל שענקט ער מיר.

דער דאָזיקער עכבור איז געווען פון די מענטשן וואָס ווערן געבוירן אין געפאַלנקייט און אָרימקייט און שפּעטער, אַז זיי קומען צו זיך און ווערן בעלי בתים, הייבן זיי אָן הערשן איבער אַלע שוואַכע כדי זיי זאָלן אויסזעען ווי גאָר חשובע בעלי בתים. אויך ער האָט זיך אַמאָל אַרומגעוואַלגערט אין ישיבות. אויך פון אים האָבן די בחורים געשפּעט און געלאַכט ביז וואַנען ער איז געוואָרן אויסגעשוויטשעט און אַליין כיטרע געוואָרן. און אַזוי מיט כיטרעקייט האָט ער אַריינגענאַרט אַ יונגע רייכע אלמנה, וואָס האָט געפירט מסחרים, און ער האָט איר אײַנגערעדט, אַז ער וועט ווערן אַ רב. זי האָט שטאַרק חשק געהאַט צו ווערן אַ רביצין און זי האָט מיט אים חתונה געהאַט. און אַזוי איז ער מיט אַמאָל געוואָרן רייך. פון דע-מעלסט אָן האָט ער אָנגעהויבן ווערן אַן אײַנגייער אין רייכע הייזער און מען האָט זיך אָנגעהויבן חנפענען צו אים. צו זיין גאוה איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען און ער האָט געטאָן מיט די ישיבה-בחורים וואָס נאָר ער האָט געוואָלט. האָט זיך אויסגעזוכט פאַרשידענע אָנטשעפּענישן כדי צו באַווייזן אויף זיי זיין כח. מיט זיין זונדל האָט ער זיך זער גרויס געהאַלטן,

וואָרום כאָטש דאָס ייִנגל איז געווען אַ שוטה—פונדעסטוועגן לערנען האָט ער געקענט. דער עבֿור איז טאַקע געווען זער אַ פרומער אויך, ער פלעגט דאַווענען פון טיפן האַרצן און ביינאַכט פלעגט ער זיצן און לערנען. און ווער עס האָט אים געזען אין די נאַכט פון יום כּפּור ווי ער פלעגט גיסן מיט טרערן זאָגנדיק תּפלה זכּה און זיך שלאָגן מיט דער פויסט אין האַרץ. און ווער עס האָט געזען ווי ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געשלאָגן די זינדיקע ווייבער, וואָס מען האָט געבראַכט צום ראש הקהל—דער האָט געקענט אויף אים עדות זאָגן, אַז ער איז דער גרעסטער פרומאַק. און אַז ער פלעגט זיך יאָגן נאָך זיינע שונאים זיך נוקם צו זיין—האָט ער עס אויך געטאָן פאַר גאָטס וועגן, וואָרום אַלע זיינע שונאים זענען געווען ווי גאָטס פיינט. און ס׳איז זיך שוין לייכט פאָרצושטעלן, אַז פון זינט איך האָב געשפּאַסט און אָפּגענאַרט זיין זון, בין איך אויך פאַררעכנט געוואָרן צו גאָטס פיינט און ס׳איז פאַר אים געווען אַ מצוה ער זאָל מיך רודפן ביז חרמה. און אַזוי האָט ער געטאָן.

דער נקמה־נעמער.

אַז איך בין צומאָרגנס געקומען אויף מיין טאָג, איז מיר די בעל-הביתטע אַנטקעגנגעקומען און געזאָגט:

—איך קאָן נישט געבן קיין טאָג צו נישט קיין אָרנטלעכן בחור.

איך בין שטאַרק צעטומלט און דערשראָקן געוואָרן פון אירע ווערטער. און נישט דער טאָג איז מיר אַזוי אַ שאָד געווען, נאָר איך האָב געמיינט מידי וואָס מען האָט זיך שוין דאָ אין שטאָט דערוויסט וועגן מיר און איך וועל ווייטער קיין מנוחה נישט האָבן. אַ ווייל בין איך געשטאַנען דערשראָקן דערנאָך האָב איך געפרעגט:

—וואָס פאַר אַ זינד בין איך באַגאַנגען?

—איך ווייס נישט פון גאָרנישט, נאָר כ׳האָב געהערט אויף דיר נישט קיין פיינע זאַכן. פון אַ באַגלייבטן מענטש האָב איך געהערט, אַז דו האָסט נישט אין זינען דאָס לערנען און דו גייסט אַרום פוסט און פאַסט איבער די גאַסן.

מיר איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן און איך האָב אפילו

נישט אין זינען געהאַט זיך צו פאַרענטפערן. נאָר דאָ האָט זיך געעפנט די טיר און דער בעל-הבית איז אַריינגעקומען. אַז ער האָט מיך דערזען ווי איך וויל שוין אַוועקגיין, האָט ער מיט אַ שיינענדיק פנים מיך געפרעגט:

—ביזט דאָך נאָר וואָס אַריינגעגאַנגען, ווען זשע האָסטו שוין באַוויזן צו אָפּעסן אָנבייסן?

איך בין געוואָרן צעטומלט און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, אויך די יידענע איז צעטומלט געוואָרן. נאָר ער האָט גאָרנישט באַמערקט און געזאָגט צו זיין ווייב:

צלה מיין ווייב, גיב אַכטונג אויף דעם ייִנגל. גיב אים צו עסן פון שענסטן און בעסטן וואָרום דער ראש הישיבה לויבט אים שטאַרק און זאָגט, אַז צווישן הונדערט בחורים וועסטו נישט געפונען אַזאַ קלוגן בחור. הער, וועל איך דיר דערציילן, וואָס ער האָט נעכטן אָפּגעטאָן דעם נאַרישן גללון עכבורס זונדל.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און דערציילט די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי איך האָב אָפּגעשפּאַסט פון גלָלון׳ען און ווי עכבור איז שטאַרק בייז געוואָרן אויף מיר און ביידע האָבן שטאַרק געלאַכט. און אַז ער האָט געענדיקט דערציילן, האָט זיך זיין ווייב אָנגערופן:

—איצט פאַרשטיי איך שוין אַלץ. פון שנאה צו אים האָט עכבור אויסגעטראַכט, אַז זיין פוס געפינט זיך נישט אין ישיבה און ער גייט אַרום פוסט און פּאַסט.

דערנאָך האָט זי מיך געבעטן איך זאָל איר מוחל זיין פאַר דעם, וואָס זי האָט מיך פאַרשעמט און מיר געזאָגט:

—דערפאַר וועל איך זיך פאַר דיר אָננעמען.

דער בעל הבית האָט געהערט און נישט פאַרשטאַנען:

—פאַרוואָס בעטסטו ביי אים ער זאָל דיר מוחל זיין? וואָס האָסטו אים דען געטאָן?

זי האָט אים אַלץ דערציילט אַז זי האָט געגלייבט עכבורן ווייל זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַ צדיק תמים. איצט זעט זי אָבער אַז עס איז אַ ליגן.

ער איז שטאַרק בייז געוואָרן, האָט זיך געבייזערט און געזאָגט:

—איך וועל דעם נבל בחרפה שטעלן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

—כ'בעט דיך מאיר, מאַן מיינער,—האָט זי זיך געבעטן—זיי נישט אין כעס און הייב נישט אָן מיט דעם דאָזיקן מענטשן. איך וועל דערפאַר אויפנייען פאַר דעם בחור צוויי נייע העמדער און ער וועט מיר מוחל זיין. און גאָט זאָל באַצאָלן די שלעכטע מענטשן ווי זיי קומט.

—אפשר ביזטו גערעכט.

אַז מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש עסן, האָט דער בעל הבית געזאָגט צו מיר:

—היינט עסטו ביי מיר, מאָרגן און איבערמאָרגן וועסטו עסן ביי מיין שוועסטער. און אַזוי וועט שוין זיין אַלע וואָך: ביי מיר וועסטו עסן דאָנערשטאָג און ביי מיין שוועסטער פריי-טאָג און שבת, און טאָמער וועט דיר פעלן אַ טאָג, קאָנסטו קומען אַהער וועלן מיר צוזאַמען עסן.

—זער גוט, וואָס דו האָסט מיך דערמאַנט—האָט זי זיך אָנגערופן—איך האָב דיר שיעור פאַרגעסן צו דערציילן אַז אויך פאַר דיין שוועסטער דבורה האָט עכבור אויסגערעדט אויף אים—דעריבער זע דאָס צו באַוואָרענען.

—אַזאַ הונט מיט אויערן!—האָט דער בעל הבית ווידער אויסגערופן מיט כעס—איך וועל באַלד גיין צו מיין שוועסטער.

נאָכן עסן האָב איך די וואוילע מענטשן שטאַרק באַדאַנקט און האָב צוריקגעקערט אין ישיבה. איך האָב דערציילט פאַר גדעונען וואָס מיט מיר האָט פאַסירט, און ער האָט מיר שטאַרק געלויבט די מענטשן און האָט מיר דערציילט, אַז אויך דער מאיר האָט אַמאָל געלערנט אין דער ישיבה, ווייל ער איז געווען אַן אָרעם קינד און זיין שוועסטער איז געווען אַ דינסט ביי איינעם אַ רייכן מענטש, האָט דער פאַרוואַלטער פון דאָרט זיך פאַרליבט אין איר און מיט איר חתונה געהאַט און איצט איז ער פון די שענסטע בעלי הבתים אין שטאָט, וואָרום ער

איז געוואָרן שטאַרק רייך און אויך איר ברודער האָט ער אַרויסגעהאָלפן, כאָטש ער געפעלט אים נישט איבעריק, וואָרום ער האָט צו טאָן בסתר מיט השכלה־ביכלעך, פונדעסטוועגן איז ער אים מכבד און העלפט אים צו ווערן רייך ווייל ער האָט ליב זיין שוועסטער. און אַז מאירן גייט גוט איז גוט פאַר אַלע, וואָס בעטן ביי אים הילף, וואָרום ער האָט אַ האַרץ פון אַ מלאך. אויך זיין ווייב העלפט אים גוטס צו טאָן, און אויב זיי האַלטן פון עמיצן, איז יענער שוין באַוואָרנט פון אַלע צרות.

אַזוי האָט מיר גדעון דערציילט און איך האָב זיך זער געפרייט וואָס איך האָב געפונען ווער עס זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען.

—און דאָס אַלץ האָסטו צו פאַרדאַנקען דעם ראש ישיבה.— האָט גדעון געזאָגט.

—אויב אַזוי דאַרף איך דאַנקען דאָס געלט, וואָס איך האָב אים געגעבן.

—דאָס רעדט פון דיר אַרויס דן—האָט ער געענטפערט טרויריק—דאָס האָט ער אין דיר פאַרפלאַנצט פיינטשאַפט צו מענטשן: וואָרום וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס ביסל געלט קעגן די טובות, וואָס דער ראש הישיבה האָט דיר געטאָן. און דו געדענקסט נאָר דאָס געלד.

רעדנדיק פון דן׳ען האָב איך זיך דערמאַנט און גע־פרעגט:

—און ווען וועסטו מיר דערציילן, וואָס מיט אים האָט פאַסירט, ווי דו האָסט מיר צוגעזאָגט?

—איך וועל דיר געבן אַ בוך אין וועלכן ס׳איז פאַר־שריבן זיין ביאָגראַפיע, ער אַליין האָט עס געשריבן און מיר געגעבן, נאָר וואַרט צו ביז איך וועל דאָס איבערשרייבן. איך וועל בעטן ביי מאיר זרחי, ער זאָ, מיך לאָזן איבערשרייבן ביי אים אין שטוב, כדי קיינער זאָל עס נישט וויסן.

—ווער איז מאיר זרחי?

—דאָס איז דער ביי וועמען דו עסט דאָנערשטאָג, ווייסט

נישט אַז ער הייסט מאיר זרחי?

—איך ווייס נישט, ווייל מען רופט אים כסדר מאיר דבורהס.

—מען רופט אים אויף דער שוועסטערס נאָמען ווייל זי איז באַוואוסט מיט איר צדקה און פרומקייט, ווען נישט וואָס מען האָט פאַר איר דרך ארץ, וואָלט מען אים געהאַלטן פאַר אַן אפיקורוס דערפאַר וואָס ער האָט געשטיצט דן׳ען ווען ער איז דאָ געווען און נאָך אַ צוויי דריי וואָס שטרעבן צו וויסנ־שאַפט און געפונען אַ שטיצע אין זיין הויז. אויך איך קום אָפט צו אים אַהיים און מיר ליינען צוזאַמען ביכער.

—מאיר זרחי? דער נאָמען איז מיר נישט פרעמד, איך געדענק אָבער נישט וואו איך האָב אים געהערט...

—צי האָט ער דיך נישט געפרעגט אויב דו קענסט העב־רעאיש און צי דו קענסט זיך מיט מיר?

—ניין, איך זע אים זעלטן. נאָר איך ווייס אַז ער האָט מיך ליב.

—ער וועט דיך נאָך מער ליב האָבן, אַז ער וועט זיך דערוויסן, אַז דו שטרעבסט צו וויסנשאַפט. אַז איך וועל אים זעען—וועל איך אים זאָגן.

—טו ווי דו פאַרשטייסט.

—איך וועל אויך רעדן וועגן דיר מיט איינעם אַ זקן, וואָס איז זער אַ געלערנטער, און כאָטש ער קאָן דיר מיט גאָרנישט העלפן, וואָרום ער איז ערנידעריקט ביי אַלע וואָס קענען אים, פונדעסטוועגן וואָלט איך דיר געראַטן דו זאָלסט צו אים אַריינגיין אָפט צו הערן זיין חכמה, נאָר היט זיך קיינער זאָל דערפון נישט וויסן.

—ווער איז ער?

—דאָס איז דער ברודער פון דעם זקן, וואָס האָט דיך אָפגעראַטעוועט אין ערשטן טאָג, ווען דו ביזט אַהער געקומען, פון די וואָס זענען דיך באַפאַלן און ביי וועמען דו עסט מאָנטאָג.

—ס׳איז מיר אַ וואונדער, וואָס איך האָב אים נאָך קיינ־

מאָל דאָרט נישט געזען, איך האָב אויך נישט געהערט אַז דער אַלטער האָט אַ ברודער אין שטאָט. כאָטש איך ווייס אַלץ, וואָס דאָרט טוט זיך און ווייס פון זייער גאַנצער משפחה, וואָרום דאָס מיידל, זיין איניקל, האָט מיר אַלץ דערציילט.

—ער קומט נישט צו זיי און זיי דערמאָנען נישט זיין נאָמען. וואָרום זיי זענען אַלע פרומע לייט, דער זקן איז אויך אַ חסיד, וואָס פאָרט קיין צבועאל. נישט אַזוי אָבער איז דער ברודער. ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעטיילט פון זיי און קאָן נישט פאַרטראָגן קיין נאַרישקייטן. ביידע ברידער זענען ערלעכע און פיינע, און איינעמס וועג איז סם המות פאַרן צווייטן. דערפאַר קאָנען זיי זיך נישט צוזאַמענקומען. וואָרום ביידע האָבן זיך זער ליב און איינער דעם אַנדערן וויל שטענדיק אַרויספירן אויפן גוטן וועג, און זיי פלעגן זיך דעריבער שטענדיק קריגן אַז זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן: דער חסיד האָט אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער איז אַן אפיקורוס, לייקנט אין גאָט און עובר כל עבירות, און דער אפיקורוס האָט פאָרגעוואָרפן דעם חסיד זיין נאַרישע אמונה וואָס ער גלייבט אין רבין און געזאָגט, אַז ער דינט די עבודה זרה. אַזוי אַרום איז איינער אָפּגעריסן און דערווייטערט געוואָרן פון צווייטן כדי זיי זאָלן זיך פאַרשפּאָרן צו קריגן און יאַדען, דעריבער הערסטו נישט זיין נאָמען דערמאָנען ביים זקן. אָבער דו זוך אַ וועג צו קומען צו אים, כדי דו זאלסט זיך פון אים אַ סך לערנען. איך זאָג עס דיר פון דיין טובה וועגן: וואָרום פון דעם מענטש האב איך און דן אַ סך געלערנט און אויך דו וועסט אַ סך לערנען פון אים.

ארץ־ישראל־פירות.

פון זינט איך בין געבוירן געוואָרן ביז איך בין אָנגעקומען אין ישיבה, איז מיר נאָך נישט אַזוי גוט געווען ווי די ערשטע חדשים, וואָס איך האָב געלערנט אין ישיבה. כ׳האָב געגעסן און געטרונקען צו דער זעט, כ׳בין געגאַנגען אין ריינע מלבושים, אויך כבוד האָב איך געהאַט. אין דעם טאָג וואָס דער ראש הישיבה האָט מיך איבערגעפירט אין דער גרויסער כתה, האָב איך געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז מיין. אויך דאָס וואָס איך האָב געקענט די לאַנדשפּראַך און העברעאיש— איז מיר זער געפעלן, וואָרום איך האָב מיר געטראַכט: כאָטש די זאַכן זענען אומווירדיק ביי די ישיבה־בחורים, פונדעסטוועגן קען איך זיי יאָ און זיי—נישט. און לערנען קען איך אויך נישט ווייניקער פון זיי. און פון דעמעלסט אָן האָב איך זיך מיטן גאַנצן האַרצן גענומען צום לערנען כדי איך זאָל מער קענען און גערימט ווערן. אַ חוץ דעם, האָב איך מער נישט אין זינען געהאַט. עס פלעגט מיר נאָך אַמאָל איינפאַלן זיך נוקם זיין אָן עכבורן. איך האָב זיך אָבער באַלד דערמאַנט אָן

ראש הישיבהס שטראָף-רייד און זיך אָפּגעהאַלטן דערפון. נאָך אײן מחשבה פלעגט מיר אַמאָל אײַנפאַלן, נאָר די מחשבה איז גיך דורך ווי אַ שאָטן און האָט מיר נישט געשטערט מײַן מנוחה. די דאָזיקע מחשבה איז געבוירן געוואָרן אין מײַן האַרץ אין דעם טאָג, וואָס איך בין אָנגעקומען אין שכולה, דערזעענדיק דאָס מיידל מיט די שוואַרצע אויגן און הערנדיק זי רעדן. ווען איר האָב זי געזען האָט זיך די מחשבה דערוועקט אין מיר און אַז איך האָב איר פאַרלאָזט, האָט אויך די מחשבה מיך פאַרלאָזט. און כאָטש זי האָט מיך שוין איצט נישט געבראַכט אין פאַרלעגנהייט ווי אין ערשטן טאָג און איך האָב שוין נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן באַגעגענדיק זיך מיט איר בליק, דאָס האַרץ האָט שוין נישט אויפגעקאָכט אין מיר ווי דעמעלסט, נאָר עפּעס אַ זיסע וואַרימקייט האָב איך דערפילט און ס'איז מיר געווען זער אָנגענעם צו הערן איר רעדן ביים עסן און איר ליכטיק פנים האָט מיר געמאַכט פון מעדני מלך, פונדעסטוועגן האָט מיר מײַן האַרץ געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב לחלוטין נישט פאַרשטאַנען. עפּעס דאָס האַרץ הייבט אָן אַזוי שלאָגן, דאָס בלוט אין די אָדערן רוישט און ברויזט און וואָס איז דאָס? וואָס וויל דאָס האַרץ?

אָבער דאָס איז געווען נאָר איין מאָל אין וואָך ווען איך האָב איר געזען און אויף אַ קליינע ווײַלע—אין דער צייט ווען איך בין געגאַנגען פון דאָרט אין ישיבה אַריין. אַז איך האָב נאָר אַריבערגעטרעטן די שוועל פון ישיבה—האָב איך אין דעם פאַרגעסן. צי צוליב דער שרעק פאַרן משגיח אָדער פון ליאַרם און געשריי פון די בחורים. דאָס געפיל פון ליבע איז מיר נאָך פרעמד געווען, כאָטש איך האָב שוין געהאט די איבעריקע געפילן וואָס באַגלייטן דאָס ליבע-געפיל...

אַנדערש אָבער זענען געווען מײַנע געדאַנקען ווען איך בין שבת געזעסן אין הויז פון מאירס שוועסטער. דאָרט האָב איך געוואוסט וואָס איך טראַכט: דאָרט האָב איך זיך פאָרגעשטעלט דעם זיסן פאַרגעניגן וואָס עס האָט אַ בחור ווען ער ווערט אַ חתן. די גליקלעכע צייט, פון זינט מען שרייבט די

תנאים ביז מען גייט מיט פרייד אונטער דער חופה מיט דעם מיידל וואָס דער שדכן האָט באַשערט—די דאָזיקע צייט איז די בעסטע אין לעבן פון אונזערס אַ בחור. דעמעלסט פוצט ער זיך אויס אין די מתנות וואָס די כּלה האָט געשאָנקען איר אויס-דערוויילטן וועלכן די עלטערן אירע האָבן איר אויסגעקליבן, אַלע גיבן אים אָפּ כּבוד און רופן אים „חתן". און ער גייט זיך אַרום מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט גליקלעכע פאַנטאַזיעס. טראַכטענדיק פון דעם וואָס ער וועט שוין מער נישט הערן דאָס געשריי פון משגיח און דעם ליאַרם פון די בחורים נאָר וועט זיך זיצן אין אַ באַזונדער אַלקיר און נעבן אים זיין שיין ווייבל, וואָס וועט אים גלעטן און קושן און זיי וועלן נישט וויסן פון קיין שום זאָרג, וואָרום זיי וועלן עסן קעסט. וועלן אויך גיין אָנגעטאָן אין די נייע שיינע חתונה-מלבושים און זיי וועלן זיך זיין פרייע מענטשן און נאָר אין זינען האָבן זייער ליבע.!.

און ווייל דאָס גליק איז נאָר אין דער פאַנטאַזיע—וואָרום ווי נאָר עס גייען אַוועק די ערשטע פּאָר חדשים הייבט זיך אַ מורמלען פון די עלטערן, וואָס האָבן אַליין קיין פּרנסה נישט און ער מוז זיך נעמען אַליין זאָרגן פאַר זיך. די מלבושים ווערן אָפּגעקראָכן און אָפּגעבליאַקעוועט, די שיך עפענען אויך די מיילער און זאָגן! שוין צייט זיך אָפּצורוען. דערווייל ווערט געבוירן אַ קליין מלאכל און שטעלט זיך אַוועק צווישן די שרפים... דעמעלסט—: אָדער ער ווערט אַ מלמד אָדער ער באַ-קומט אַ קלייטל אָן סחורה, אָדער ווערט ווידער מגולגל אין אַ ישיבה, אין אַן אַנדער שטאָט אַריין.—דערפאַר טאַקע וואָס דאָס גליק איז נאָר אין דער פאַנטאַזיע, דעריבער צעוואַקסט עס זיך גאָר שטאַרק.

אַזעלכע מחשבות האָב איך אויך געהאַט זיצנדיק אין שטוב ביי דבורהן און קוקנדיק אויף חנה די יתומה איר שוועס-טערס טאָכטער. וואָרום איך האָב געהערט ווי מען שושקעט זיך: מאיר וועט צונויפּפּאָרן יוסןן מיט חנהן. און דאָס האָט מיר זער געשמעקט. נישט ווייל דאָס דאָזיקע מיאוסע אָפּגעריסענע

מיידל איז מיר געפעלן. אירע טריפענדיקע אויגן האָבן מיין הארץ נישט געפאַנגען. נאָר—ווייל איך האָב געוואָלט ווערן אַ חתן. בפרט נאָך נאָכדעם, אַז איך האָב מיך דערוואוסט, אַז עכבור זוכט זיך צו דערנענטערן צו דער שטוב, ווייל ער וויל חנהן פאַר זיין זונס וועגן. פון דעמעלסט אָן האָב איך כסדר געטראַכט דערפון, פילנדיק אַז אַזוי אַרום וועל איך מיך שטאַרק נוקם זיין אָן אים. דעריבער האָב איך געטאָן אַלץ, כדי צו געפעלן מאירן און דבורהן און געוואַרט מיט אומגעדולד אַז אבירם דבורהס מאַן זאָל צוריקקומען פון זיינע מסחרים, וואָרום איך האָב געוואוסט, אַז נאָר אין אים געווענדט זיך עס. און דער טאָג איז געקומען נאָך אַ פּאָר חדשים וואַרטן.

אבירם איז אַהיים געקומען נאָכדעם ווי ער איז שוין אַ יאָר צייט נישט געווען, צוליב זיינע מסחרים וואָס זענען גע-וואַקסן מיט יעדן טאָג. פרייד און גליק האָבן פול געמאַכט דאָס הויז מיט זיין קומען. וואָרום ער האָט זער געגליקט דאָס יאָר. האָט אַ סך פאַרדינט און געבראַכט מיט זיך אַ סך געלט און מתנות פאַר זיין ווייב דבורה און איר אַלטער מוטער וואָס האָט ביי אים געוואוינט, און פאַר מאַירן מיט זיין ווייב. די שמחה איז געווען גרויס, ווי עס וואָלט געווען יום-טוב. אויך פרעמדע האָבן הנאה געהאַט פון דער שמחה, וואָרום ער האָט צעטיילט אַ סך נדבות פאַר אָרימע און אלמנות. שבת האָט ער געמאַכט אַ סעודה און פאַרבעטן געסט. נאָכן דאַווענען איז אַ גרויסער עולם זיך צוזאַמענגעקומען אַהין מקבל פנים צו זיין דעם גאַסט און זען די פירות, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט, וואָרום ער האָט מיט זיך געבראַכט ארץ-ישראל-פירות.

נאָכדעם ווי מען האָט אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען—האָט זיך עכבור אויפגעשטעלט—אויך ער מיט זיין ווייב און זון זע-נען דאָרט געווען פאַרבעטן—און געזאָגט:

—וואו זשע זענען די פירות פון אונזער הייליק לאַנד? זאָל מען זיי באַווייזן און לאָמיר זיי זעען.

אַלע האָבן אים צוגעטאַקעוועט און אים געגעבן גערעכט. אויך איך האָב זייער חשק געהאַט צו זעען די פירות. אָבער

זעענדיק ווי אבירם נעמט אין האַנט אַריין אַ גרויסע שוואַרצע „מאַסלינע" און באַווייזט זי — האָב איך זיך צעלאַכט אין האַרצן, וואָרום איך האָב שוין די דאָזיקע „זיתים" גענוג געגעסן ווען איך בין געווען אין אַשדות. דאָרט איז עס קיין נייעס נישט, דאָרט ברענגען די שיפן דורכן שוואַרצן ים פאַרשידענע פּירות פון דרום. זיתים, מילגרוימען, פייגן. נאָר ביי די שכולהער לייט איז דאָס געווען אַ גרויסע פּלא און מיט גרויס תּאווה האָבן זיי געקוקט אויף דער פּרי.

— מיין טייערער מאַן, לאַנג לעבן זאָל ער, ברענגט שטענדיק מיט פון וועג טייערע זאַכן, אויך די אוירינג וואָס איך טראָג האָט ער מיר געבראַכט אַ מתּנה — האָט דבורה אויסגערופן מיט פרייד, און דערביי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ כּדי אַ שאָקל צו טאָן די אוירינג און מען זאָל זען ווי די דימענטן בלישטשען.

אבירם האָט מיט ליבשאַפט געקוקט אויף זיין ווייב און געזאָגט:

— די דאָזיקע אוירינג זענען נישט קיין טייערע, ווען איך וואָלט ספּעציעל געקויפט פאַר דיר אוירינג — וואָלט איך געקויפט אַ סך מער טייערע, אָבער ס'האָט זיך גראָט געטראָפן צו קויפן די דאָזיקע, און דו ווייסט דאָך אַז איך האָב ליב צו קויפן חפצים פאַר העלפט אומזיסט, האָב איך זיי געקויפט. מיט גאָטס הילף וועל איך דיר קויפן אַנדערע און די וועסטו געבן חנהן, ווען זי וועט אַ כּלה ווערן. עכבור — האָט ער זיך געווענדט צו עכבורן — גיב נאָר אַ קוק וויפיל זענען זיי ווערט?

עכבורס פּנים האָט אָנגעהויבן צו שיינען זעענדיק אַז אבירם האַלט אים פאַר אַ מבין, און אָן ספק האָט ער נאָך געטראַכט: אָט די אוירינג וועלן דאָך געהערן צו מיין זונס ווייב. האָט ער זיך אַ גלעט געטאָן דעם שטערן און די באָרד און געזאָגט:

— אָפּשאַצן איז זער שווער, פונדעסטוועגן רעכן איך אַז פינף הונדערט קערבלעך קאָסטן זיי.

דאָ האָט זיך אבירם צעלאַכט:

—פינף הונדערט קערבלעך! איך וועל קויפן פאַר מיין ווייב אַ מתנה פאַר פינף הונדערט קאַרבוינעס? דריי טויזנט איז דאַכט זיך מער פון פינף הונדערט?

—דריי טויזנט קערבלעך! דריי טויזנט קערבלעך!—האָט זיך עכּבור און אַלע איבעריקע גאָר נישט געקאָנט אָפּוואונדערן.

—און זיי געפעלן מיר נישט, איך וועל נאָך צולייגן דריי מאָל אַזוי פיל און וועל קויפן מיין ווייב אַזעלכע אוירינג, וואָס שלמה האָט נאָך נישט געזען זייט די שטאָט שטייט.

—גאָט צו דאַנקען! אַ ביסל געלט פאַרמאָגן מיר נאָך און מיין מאַן ווייסט שוין ווי אַזוי צו קויפן—האָט זיך אָנגערופן די בעל הביתטע מיט פרייד.

—גיב נאָר אַ קוק ווי די דינסטמויד באַרימט זיך מיט איר עשירות. פאַרוואָס האָט זי זיך נישט אַזוי געבלאָזן מיט צען יאָר צוריק?—האָט איינע פון די שכנות, וואָס זענען אַלע טאָג געקומען זען וואָס זי מאַכט, געזאָגט צו איר מאַן אויפן אויער.

—שווייג—האָט דער מאַן געענטפערט בייז—האָסט פאַרגעסן אַז מיר לעבן פון אבירמן?

—און פאַרוואָס ביזטו נישט געוואָרן אַזוי רייך ווי ער, מיין טאַטע האָט דיר דאָך געגעבן נדן און די דינסטמויד האָט דאָך גאָרנישט פאַרמאָגט?

—אַז מיר וועלן אַהיים קומען וועל איך דיר ענטפערן—האָט דער מאַן געענטפערט, זיך פאַרביסן די אייבערשטע ליפּ און זיך אויסגעדרייט.

—וואו וואַקסן די זיתים?—האָט איינער געפרעגט אבירמן.

—זיי וואַקסן אין ארץ ישראל—האָט אבירם געענטפערט מיט גרויסקייט און זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגן: זעט אַז נישט נאָר געלט האָב איך נאָר אויך פאַרשטאַנד און שכל.

—אין ארץ ישראל! אין ארץ ישראל!—האָבן זיך אַלע געוואונדערט.

דבורה האָט זיך אויפגעהויבן און דערלאַנגט צום טיש די

„מאַסלינעס" און יעדן איינעם דערלאַנגט איין „מאַסלינע". זיי האָבן עס אַיינגעשלונגען אין איין אָטעם.

—איך פיל נישט קיין טעם אין דעם, עס איז ביטער און געזאַלצן—האָט איינער געזאָגט און אויסגעשפּיגן.

—מרגל! (די מרגלים האָבן גערעדט שלעכטס אויף ארץ ישראל)—האָט זיך עכבור צעשריגן—ביזט אַהער געקומען צו באַרעדן די ארץ ישראל-פּירות? ווי האָסטו די העזה אַזוי צו זאָגן אויף ארץ ישראל-פּירות?

—לאָז אים צורו—האָט דער בעל הבית געזאָגט מיט גרויס עניות—ער האָט נאָך די פּירות קיינמאָל נישט געגעסן, דעריבער פילט ער נישט קיין טעם. ווען ער וואָלט אָבער געווען צו דעם צוגעוואוינט ווי איך, וואָלט ער געוואוסט אַז אַזאַ באַטעמטע פּרי איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

—וואָס מאַכט ער אַזאַ אָנשטעל—האָט דער מענטש געענטפערט—אפשר איז דיר עכבור געפעלן די פּרי—האָסטו זי אויפגעגעסן, ווען דו פילסט נישט קיין טעם וואָלסטו זי אויך אויסגעשפּיגן.

—ס'איז אַ ליגן! אויך איך האָב נישט געפילט קיין טעם, אָבער דער זכרון פון ארץ ישראל איז מיר זער טייער.

—אויב אַזוי ביזטו זיך מודה אַז דו האָסט אויך נישט געפילט קיין טעם!—האָט זיך יענער צעלאַכט.

עכבור איז אַ ווײַלע צעטומלט געוואָרן נאָר באַלד האָט ער אויסגערופן:

—אין פונדעסטוועגן האָב איך זי געגעסן מיט גרויס הנאה צוליב אונזער הייליק לאַנד.

—וואַרט נאָר אַ מינוט, און איך וועל באַלד פּרוון צי עכבור זאָגט אמת. אַז לכבוד ארץ ישראל קאָן ער עסן דאָס, וואָס מען עסט נישט—האָט מאיר אויסגערופן און זיך געווענדט צו דער אַלטער מוטער וואָס איז נעבן אים געזעסן:—מאַמע, גיב אים אַ ביסל פון דער ארץ ישראל-ערד, וואָס דו האָסט, וועלן מיר זען צי ער וועט די ערד עסן.

די אַלטע וואָס האָט ליב געהאַט דעם זון האָט אים גע-

פּאָלגט, כאָטש ס'איז איר געווען אַ שאָד צו געבן פון דער ערד, און האָט דערלאַנגט עכּבורן אויף דער האַנט אַ ביסל ערד. ער האָט גאָרנישט געטראַכט און האָט עס גלייך אויפגעגעסן.

אַלע זענען איבעראַשט געוואָרן זעענדיק זיין פרומקייט און גרויס ליבע צום הייליקן לאַנד און מאיר האָט אים גע־פרעגט מיט שפּאָס:

—די ערד איז עפּעס באַטעמט?

—ווי מעדני מלך.—האָט עכּבור געענטפערט מיט גרויסקייט.

דאָ האָט זיין זון דער חכם אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און געזאָגט:

—טאַטע, גיב מיר אויך!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, ווייל יעדער האָט געוואוסט סאַר אַ גרויסער חכם דער בן איז. און עכּבור האָט זיך אָנגערופן מיט גרויסקייט:

—און וואָס איז דאָס נעלעכטער? ער איז געראָטן אין טאַטן. איך האָף צו גאָט, אַז ער וועט זיין גוט און פרום.

דאָס זונדל האָט ווידער געוואָלט באַווייזן זיין פרומקייט און אויסגעשריגן:

—גיב מיר אויך, טאַטע. דו אַליין האָסט אויפגעגעסן דאָס שוואַרצע נוסל און אויך דאָס וואָס די אַלטע האָט דיר געגעבן און מיר גיסטו גאָרנישט!

עכּבור האָט דעם זון געגעבן אַ שטאַרקן קניפּ אין פּוס כּדי ער זאָל שווייגן. אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַז דאָס טוט דער טאַטע און אַרויסגעלאָזט אַ געשריי:

—אַ הונט! אַ הונט איז אונטערן טיש! ער האָט מיר אַ ביס געטאָן אין פוס!

עכּבור איז געוואָרן רויט ווי בלוט און געזאָגט:

—האָסט אַ טעות, זון מיינער. דאָס האָב איך דיר גע־געבן נישט ווילנדיק אַ דריק אין פוס.

—כ'האָב דען געזאָגט אַ נאַרישקייט, וואָס דו האָסט מיר אַ קניפּ געגעבן אין פוס? דו זאָגסט דאָך, אַז נאָר ווען איך רעד נאַרישקייטן גיסטו מיר אַ קוועטש דעם פוס כּדי איך זאָל שווייגן.

עכבור איז געוואָרן שטאַרק צעקאָכט און האָט שוין מער נישט גערעדט. אַלע וואָס זענען געזעסן ביים טיש האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט און איך בין אינדערשטיל צוגעגאַנגען צו עכבורס זונדל, וואָס איז געזעסן ביים עק טיש און געזאָגט צו אים אינדערשטיל:

—דו ווילסט די שוואַרצע ניסלעך?

—כ׳וויל.

—קום מיט מיר וועל איך דיר געבן וויפיל דו ווילסט.

ער איז אַרויס נאָך מיר און גענומען ביי מיר דאָס וואָס ער האָט געבעטן, איז צוריק אַריין, האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן פאָטער, האָט גענומען איין שוואַרץ נוסל, האָט עס אַריינגעלייגט אין מויל און געזאָגט: זע טאַטע, אָט האָב איך אַ סך שוואַרצע ניסלעך. אויב דו ווילסט וועל איך אויך דיר געבן.

מיט אַ הילכיק שטורמיק געלעכטער האָבן אַלע אַרויסגעשאָסן דערזעענדיק די שוואַרצע ניסלעך ביי עכבורס זון אין די הענט און עכבור האָט זיך צעליאַרמט מיט שרעקלעכן כעס.

—ווער האָט דיר געגעבן די דאָזיקע קאָזע-באָבקעס? וואַרף אַוועק! זאָג! ווער האָט עס דיר געגעבן?

דער קלוגער בן האָט געקוקט מיט וואונדער און געסמאַקעוועט:

—טעם ארץ ישראל! טעם ארץ ישראל!—און ווייטער געגעסן, ביז דער פאָטער האָט עס אים מיט געוואַלד אַרויסגעריסן פון האַנט און אַלץ אַזוי געליאַרמט:

—ווער האָט עס דיר געגעבן? שוין זאָלסטו זאָגן!

—דער אשדותער האָט זיי מיר געגעבן!

ער איז אויפגעשפרונגען פון אָרט ווי אַ ווילדער הונט און געוואָלט אָנפאַלן אויף מיר, נאָר מאיר האָט אים דעם וועג פאַרשטעלט און האָט מיך פאַרבאָרגן. ער האָט מיך נאָך געלויבט און געזאָגט אַז איך בין זער אַ קלוגער. אַלע האָבן אים גערעכט געגעבן און געהאַלטן אין איין לאַכן אויך נאָכדעם ווי עכבור מיט זיין זון זענען שוין נישט געווען.

צו מיין פרייד איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען,

זעענדיק אַז ביי אַלעמען בין איך דער חכם, און הערנדיק ווי עס לויבן מיך די מענטשן וואָס קאָנען מיך דערהייבן און מיך מאַכן פאַר אַ חתן. בין איך אַזוי געווען פריילעך דעם גאַנצן טאָג און איך האָב געלאַכט פון טיפן האַרצן ווען איך האָב עס דערציילט פאַר מיין חבר גדעון. אָבער אַז גדעון האָט דער־הערט, וואָס איך האָב געטאָן, האָט ער געגעבן אַ פליעסקע מיט די הענט און אויסגערופן מיט זאָרג:

—ווי, וואָס האָסטו געטאָן? האָסט דאָך געבראַכט אויף זיך אַ גרויס אומגליק מאַכנדיק עלבורן פאַר דיין שונא. ער וועט דאָך נישט רוען ביז ער וועט זיך אָן דיר נוקם זיין. געדענק דו ביזט אַ פרעמדער דאָ, האָסט נישט קיינעם.

איך האָב נישט געוואָלט מודה זיין אַז ער איז גערעכט און געזאָגט:

—און וואָס קאָן ער מיר טאָן? דער רבי באַשיצט מיך, מאיר האַלט פאַר מיר, אויך אבירם וועט מיר העלפן.

—עס זאָל אפילו זיין אַזוי אַז די אַלע וועלן פאַר דיר גיין אין פייער און אין וואַסער—ביזטו אויך נישט גערעכט. וואָרום צוליב אַ שפּאַס זאָלסטו דאַרפן אויסנוצן די הילף פון דריי מענטשן. אָבער ווייס, אַז דו האָסט אַ גרויסן טעות דער־מיט וואָס דו פאַרלאָזט זיך אויף זיי. דער רבי וועט דיר דאָ גאָרנישט העלפן. ער קאָן דיר נאָר העלפן אין ישיבה, מער נישט. אויך מאיר קאָן דיך באַשיצן, ווען ער איז דערביי. און דאָס וואָס דו האָפסט צו געפונען הילף ביי אבירמן, איז גלאַט אַ פאַלשע האָפנונג, וואָרום אין האַרצן שעצט ער מער עלבורן פאַר מאירן. ער איז אַ פרומאַק און דערמיט וואָס דו האָסט פאַרשעמט עלבורן ביזטו ביי אים מיאוס געוואָרן. מיר דאַכט זיך, אַז דו וואָסט אים שוין מער נישט זען. מען וועט דיך אַהין מער נישט אַריינלאָזן. און דו אַליין ביזט זיך שולדיק אין דעם.

איך בין בייז געוואָרן און זיך געוואָלט נעמען קריגן מיט אים, פאַר וואָס ער זאָגט מיר אַזוי. אָבער צו ביסלעכווייז האָב

איך אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז ער איז געדעכט און לסוף האָב איך געפרעגט מיט זאָרג:

—וואָס זשע טוט מען אַצינד? אדרבה, גיב אַן עצה.

—איין עצה האָב איך פאַר דיר, זאָלסט אַריבערגיין צו עלבורן און אים איבערבעטן.

—ווען מען זאָל מיר ברענען דאָס לייב, ווען מען זאָל מיך שטעכן מיט אַ שווערד וועל איך עס נישט טאָן! בשום אופן נישט!

איך האָב אויסגעשריגן די לעצטע ווערטער מיט כח. גדעון האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט און געזאָגט:

—טו ווי דו פאַרשטייסט. איך האָב דיר געזאָגט מיין עצה און דו קאָנסט זיך טאָן וואָס דיין האַרץ גלוסט.

אַ צוויי שעה בין איך געזעסן שטאַרק צעמישט אויף מיין אָרט נאָכדעם ווי גדעון איז אַוועק און איך האָב אַליין נישט געוואוסט וואָס איך טראַכט. גאָך מנחה, ווען דער עולם האָט שוין געהאַט אָפּגעדאַווענט און אַרויס אין דרויסן מחדש זיין די לבנה, האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וואָס צו טאָן. צי זאָל איך גיין צו אבירמן עסן וועטשערע, צי נישט. כ׳האָב מורא געהאַט מען זאָל מיך פשוט נישט אַרויסטרייבן פון דאָרט. נאָר אַזוי טראַכטענדיק האָב איך דערזען אַז איך שטיי פאַר אבירמס הויז, וואָרום איך בין געגאַנגען און אַליין נישט געוואוסט וואו איך גיי ביז איך בין אַהין געקומען.

—וואָס זשע שטייסטו אין דרויסן? בחור!

כ׳האָב באַלד דערקענט דאָס קול פון אבירמס קעכין, אַן אַלטע פאַרביטערטע יידענע, וואָרום אירע צוויי זונדלעך האָט מען פון איר צוגענומען און זיי אַוועקגעגעבן פאַר זעלנער. זי האָט מיך נישט גערופן ביים נאָמען נאָר—בחור.

איך האָב זיך ווי אויפגעכאַפּט און בין נאָך איר אַריין אין שטוב אַריין. דאָרט האָב איך קיינעם נישט געטראָפן אויסער דעם אָנטרייבער, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד און געכראָ־פעט און איין ליכט האָט געברענט אין גאַנצן צימער. די קע־כין האָט פאַר מיר אַוועקגעשטעלט עסן: ברויט, פיש און פוטער,

איך האָב זיך אָבער נישט צוגערירט צום עסן. נאָכדעם ווי איך בין אויפגעשטאַנען פון מיין אָרט אַוועקצוגיין, איז צו מיר צו־געקומען די קעכין און מיט אַ דערשלאָגן געמיט האָט זי געזאָגט:

—כ׳האָב פאַר דיר אַ שלעכטע בשורה: דער בעל הבית האָט מיר געהייסן דיר זאָגן זאָלסט מער נישט קומען אַהער. ער זאָגט: לצים גיב איך נישט צו עסן.

—גוט. זאָגט אייער בעל הבית אַז איך דאַרף נישט האָבן נישט אים נישט זיין עסן.—האָב איך געענטפערט מיט גרויסקייט כדי נישט אַרויסצעווייזן די וואונדן פון מיין האַרץ.

די יידענע האָט מיט באַדויערן מיר נאָכגעשאָקלט מיטן קאָפּ און גאָרנישט געענטפערט.

כ׳בין געווען אין כעס אויף זיך אַליין. כ׳האָב געוואוסט, אַז דאָ בין איך אַליין זיך שולדיק. מיט אַ געבראָכן האַרץ בין איך צוריקגעקומען אין ישיבה און זיך געוואָלט באַהאַלטן פון גדעונען, אָבער גדעון האָט מיך דערזען, איז צו מיר צוגע־קומען און האָט מיך גענומען טרייסטן:

—מילא, אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך אין לעבן און אויב מיר זאָלן זיך פון יעדער זאַך נעמען צום האַרצן וועלן מיר דאָך נישט קאָנען לעבן אויף דער וועלט. שטאַרק זיך און זאָל דער צופאַל דיר זיין אַ גוטע לעקציע דו זאָלסט וויסן זיך מער נישט צו באַנאַרישן.

—פון וואַנען ווייסטו וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט? האָסט געהערט פון מאירן אַז מען האָט מיך פון דאָרט אַרויסגעטריבן?

—איך האָב עס פון קיינעם נישט געהערט, נאָר איך האָב עס גלייך פאַרשטאַנען, אָבער נעם זיך נישט צום האַרצן, וועסט געפונען אַנדערע טעג.

ער האָט ווייטער גערעדט און מיך געטרייסט, נאָר אומ־זיסט, וואָרום נישט די טעג האָבן מיר באַנג געטאָן נאָר אויף מיינע האָפנונגען צו ווערן אַ חתן—האָט מיר דאָס האַרץ ווי געטאָן. איך האָב דאָך געוואַרט אויף אבירמן, איך האָב גע־האָפט אויף זיין קומען, און ער איז געקומען, איך בין שוין געווען נאָענט צום גליק און מיט אַמאָל איז אַלץ אַוועק מיטן ווינט.

אזוי האָב איך ביטער געטראַכט און זיך נישט געקאָנט טרייסטן. אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגן און נישט געקאָנט קיין אויג צומאַכן.

צומאָרגנס, אַז איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַרן ראש הישיבה האָט ער מיך אָנגעקוקט און געפרעגט:

—וואָס איז דיר יוסף, וואָס דו זעסט אויס אַזוי שלעכט?

—איצט פעלן מיר שוין צוויי טעג אין וואָך,—האָב איך אים געענטפערט—אבירם וועט מיר שוין מער קיין טעג נישט געבן.

—ווער הייסט אַ שוטה—דער וואָס פאַרלירט דאָס, וואָס מען האָט אים געגעבן—האָט ער געענטפערט בייז—איך האָב דיר געגעבן גוטע טעג ביי פיינע מענטשן און דו מיט דיינע נאַרישקייטן מאַכסט זיך אַליין קאַליע. וואָס זשע זאָל איך דיר טאָן?

ער האָט גערעדט און מיר געזאָגט מוסר, איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד און געשוויגן.

—איצט פאַרשטייסטו שוין, אַז דו האָסט זיך באַנאַרישט און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. אָבער זאָג! צי וועט עס דיך שוין האָבן כאָטש אָנגעלערנט?

איך האָב געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט.

—אָבער רעד, איך בין דאָך נישט אַזאַ חכם ווי שלמה המלך, איך זאָל קאָנען רעדן צו האָלץ אָדער שטיין, וואָס עפנט נישט קיין מויל. וואָס איז?—איך וועל רעדן און פרעגן און דו וועסט שווייגן און גאָרנישט ענטפערן?

—וואָס ס'איז אָפּגעטאָן, איז דאָך שוין פאַרפאַלן.—האָב איך געענטפערט שטיל.

—אָבער ביזט מודה, אַז דו האָסט זיך באַנאַרישט?

די ווערטער האָבן מיך געטראָפן ווי קוילן אין האַרץ און מיר איז שטאַרק שווער געווען זיך מודה צו זיין, אַז איך האָב זיך באַנאַרישט, כאָטש אין האַרצן האָב איך שוין לאַנג מודה געווען. אָבער איך האָב זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

—אמת, איך האָב נישט גוט געטאָן!

—געדענק זשע, נאָך דאָס מאָל בין איך דיר מוחל, נאָר געדענק, צוויי מאָל האָב איך דיר מוחל געווען, מער וועל איך דיר נישט מוחל זיין. איך וועל נאָך היינט גיין צו אבירמן מיט אים איבערצורעדן.

ער האָט ווידער שטאַרק אַ קוק געטאָן אויף מיר. ער האָט אודאי געטראַכט אַז איך וועל מיך מיט דעם שטאַרק דערפרייען און אים דאַנקען. אָבער איך האָב געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט: וואָרום ס'איז מיר געווען שווער ווי דער טויט צוריקצוגיין אַהין פון וואַנען מען האָט מים אַרויסגעטריבן.

—איך וועל דיר צוריקגעבן די טעג, נאָר געדענק פאָלגאַלץ וואָס איך וועל דיך הייסן—האָט דער רבי געזאָגט—וועסט מיך פאָלגן?

—כ'וועל טאָן אַלץ, וואָס דער רבי וועט מיך הייסן.—האָב איך געענטפערט מיט אַ שטיל קול.

—טאָ גיי תיכף צו עכבורן און בעט אים ער זאָל דיר מוחל זיין אויף דעם, וואָס דו האָסט אים נעכטן פאַרשעמט. איך בין זיכער אַז ער וועט דיר מוחל זיין.

ביז אַהער האָבן זיינע ווערטער געטריפט אין מיין האַרץ אַריין ווי טראָפּנס סם, וואָס סמען אָפּ דאָס פלייש און ברענגען אַ צעמישונג אין דער נשמה. אָבער זיינע לעצטע ווערטער האָבן מיר אַ זעץ געטאָן אין די אויערן ווי אַ דונער און מיך אַרויסגעבראַכט פון מיין פאַרלעגנהייט. מיין מוט און שטאַרקייט האָט זיך צו מיר צוריקגעקערט און איך האָב אויסגערופן פעסט און זיכער:

—ווען איך זאָל אפילו שטאַרבן פון הונגער און זאָל זיך וואַלגערן אַ נאַקעטער אויפן מיסט, וועל איך נישט גיין זיך בעטן בײַ קיינעם.

דער רבי האָט אויף מיר געקוקט בייז און געזאָגט:

—זאָג מיר נאָר: צי ביזט אַ קינד פון פריצים, וואָס דיין כבוד איז בײַ דיר אַזוי טייער? צו וואָס זשע ביזטו אַהער געקומען? ווייסטו דען נישט אַז נאָר פאַר אָרימע, וואָס האָבן נישט צו עסן און ווילן לערנען תורה, נאָר פאַר זיי איז די ישיבה

אָבער נישט פּאַר פּריצישע קינדער, וואָס ווילן שפּאַטן און הוליען.

אַז ער האָט געענדיקט רעדן, האָט ער זיך בייז אויסגע-דרייט און אַוועקגעגאַנגען. איך האָב שטיל געזאָגט:

—נישקשה, אַ ביסל געלט וועט אָפּווישן דעם כּעס, ווען איר האָט ביי מיר גענומען געלט בין איך געווען אַ גאַנצער פּריץ און נייע צוויי גאָלדשטיקלעך וועלן מיך ווידער מאַכן פאַר אַ פּריץ.

ער האָט זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט און איך האָב נישט געוואוסט צי ער האָט געהערט וואָס איך האָב געזאָגט, אָדער ער האָט זיך גלאַט אומגעקוקט, דאָס האַרץ איז אין מיר אָפּגע-שטאָרבן פון שרעק.

אַ גאַנצע טאָג בין איך געזעסן ביים טיש און נישט אַרויסגענומען די אויגן פון דער גמרא אויף קיין איין רגע. וואָרום מיט געוואַלד האָב איך געוואָלט פאַרטרייבן די זאָרג פון מיין האַרץ. אין אָנפאַנג זענען מיינע געדאַנקען געווען צע-שווימען און איך האָב נישט געהערט די ווערטער וואָס מיין מויל האָט אַרויסגעזאָגט, אָבער אַז איך האָב לאַנג געלערנט, האָב איך פאַרגעסן דעם טרויער און ס'איז מיר לייכטער גע-וואָרן. איך האָב שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס איך לערן און געהאַט דערפון אַ פאַרגעניגן.

פאַרנאַכט איז דער רבי ווידער צו מיר צוגעקומען און געזאָגט:

—ביזט געווען גערעכט מיט דעם, וואָס דו האָסט געזאָגט: וואָס ס'איז אָפּגעטאָן איז שוין פאַרפאַלן, וואָרום דו האָסט גע-וואוסט, אַז דו האָסט דיין נאַרישקייט איבערגעחזרט צום צווייטן און דריטן מאָל און קיינער קאָן דיר שוין נישט העלפן.

איך בין איבעראַשט געוואָרן צו הערן אַזוינס:

—וואָס אַזוינס האָב איך נאָך געטאָן?—האָב איך געפרעגט—וואָס איך האָב געטאָן האָב איך דאָך נישט געלייקנט, וואָס זשע זאָגט דער רבי, אַז איך האָב מיין נאַרישקייט איבערגעחזרט צום צווייטן און דריטן מאָל?

—דו האָסט מיר דען דערציילט אַז דאָס וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן בייטאָג איז דיר נאָך ווייניק געווען דעריבער האָסטו עס ביינאַכט נאָך פאַרשטאַרקט זאָגנדיק דער קעכין, אַז דו דאַרפסט נישט האָבן נישט אבירמן און נישט זיין עסן? דאָס האָסטו אים אָפּגעדאַנקט פאַר זיין ברויט, וואָס האָסט געגעסן אַ גאַנץ יאָר! און די קעכין האָט עס אים דערציילט און איצט איז שוין אַלץ פאַרפאַלן. איך האָב אים געפּרובט איבעררעדן, וואָרום איך האָב פון דיינע לעצטע ווערטער נישט געוואוסט, האָב איך איבער דיר געליטן חרפה. איך זאָג דיר דעריבער נאָך אַמאָל: אויב דו ווילסט זיך בלייבן ביי דיינעם און זיין אַן עקשן, זאָלסטו וויסן אַז איך וועל מיך נישט אומקוקן אויף דיר און וועל נישט רעדן מער צום ווינט.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געהאַלטן אין איין טראַכטן טרויריקע מחשבות. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פון איצט אָן וועלן מיך אַלע אַרויסטרייבן פון די טעג—איך האָב אפילו גע-טראַכט שוין צו פאַרלאָזן די שטאָט. האָב איך אָבער געדענקט אין זקן מיט זיין אייניקל און האָב שוין אַנדערש געקלערט. אַזוי האָב איך געטראַכט ביז איך בין לסוף איינגעשלאָפן מיט אַן אומרואיקן שלאָף און געהאַט שרעקלעכע מוראדיקע חלומות.

ג

דער אַלטער און זיין אייניקל.

איך, וואָס אין מיין פריער יוגנט האָב איך זיך שוין אַרומגעוואַלגערט און געוואַנדערט ווי אַ פייגעלע אָן אַ נעסט; איך, וואָס נאָך אין מיין פריער יוגנט האָב איך שוין געוואוסט אָפּצושאַצן די גוטסקייט פון האָבן אַ היים און אַן אייגענע משפּחה, האָב זער געוואָלט האָבן אַן אייגענע שטוב און זאָל מער נישט דאַרפן מורא האָבן פאַר אַ פּליצלינגער צרה, וואָס קומט און באַפעלט: וואַנדערער! נעם דעם שטעקן און שפּאַן ווייטער! און אָט האָב איך שוין דערפון געחלומט און געוואַרט אויף דעם און פּלוצלינג: אַ דונער האָט אַ שלאָג געטאָן און אַלץ צעקלאַפּט! בין איך דערפון זער טרויריק געווען, מיין האַרץ איז צעבראָכן געוואָרן און איך בין געזעסן דערשלאָגן און שוין נישט געגלייבט צו געפינען אַ טרייסט. אָבער נישט אַזוי איז עס געווען. נאָך דעם זעלבן טאָג, ווען איך בין געקומען נאָכן דאַוונען צום זקן אויף אָנבייסן און האָב דערזען דאָס מיידל, וואָס האָט מיר באַוויזן אַ ליכטיק פּנים, זענען אַלע מיינע טרויריקע געדאַנקען זיך צעפלויגן ווי די נאַכט-שאָטנס פאַרן מרימאָרגן.

דאָס מיידל האָט זיך געזעצט קעגנאיבער מיר, האָט גע-נומען רעדן און האָט מיר מיט פרייד דערציילט, אַז אין גיכן דאַרף קומען איר מוטער זיך זעען מיט איר.

—האָסט נאָך אַ מאַמע?—האָב איך געפרעגט מיט וואונ-דער, ווארום ביז אַהער האָב איך זי געהאַלטן פאַר אַ יתומה פון פאָטער און מוטער.

—איך האָב אַ טאַטן און אַ מאַמען. מיין טאַטע איז אָבער קראַנק, האָט מיך דער זיידע גענומען צו זיך, ווארום איך האָב אים ליב ווי דאָס לעבן און ער מיך אויך.

„ווער קאָן נישט ליב האָבן אַזאַ טייער קינד"—האָב איך אַ טראַכט געטאָן נאָר זאָגן דאָס, האָב איך זיך נישט אונטער-געשטעלט.

—נאָך אין אַ חודש אַרום וועט זיין ביי אונז אַ שמחה. ס'וועט זיין מיין געבורטסטאָג און איך וועל ווערן „בר מצוה"—האָט זי געשמייכלט. איך האָב זיך פאַרוואונדערט הערנדיק, אַז זי איז שוין אַלט דרייצען יאָר, איך האָב געמיינט אַז זי איז אַלט אַ יאָר עלף און איך האָב זי געפרעגט:

—שוין דרייצען יאָר ווערסטו אַלט?

—איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז איך ווער „בר מצוה" און דו ביזט דאָך אַ לערנער און ווייסט דאָך אַז אַ בר מצוה ווערט מען צו דרייצען יאָר—האָט זי געענטפערט מיט אַ זיסן שמייכל.

איך האָב פאַרגעסן אַלע זאָרג און אויך געענטפערט מיט אַ שפאַס:

—איך ווייס אַז אַ יינגל ווערט אַלט דרייצען יאָר ווערט ער בר מצוה, איך האָב אָבער קיינמאָל נישט געהערט אַז אַ מיידל זאָל ווערן בר מצוה אפילו צו זיבעצען יאָר.

—אַ מיידל פון זיבעצען יאָר!—האָט זי זיך שטאַרק צע-לאַכט. אין דער ווייַלע איז דער אַלטער אַריינגעקומען און אַז ער האָט דערזען ווי זי לאַכט, האָט ער זיך אויך צעלאַכט און זי איז אים גלייך געפאַלן אויפן האַלז, האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער באָרד און אַזוי שטאַרק געקושט, אַז די קושן האָבן

איבער דער שטוב געקלונגען, דער זקן האָט איר אויך גע־קושט, האָט זי אַוועקגעזעצט נעבן זיך און געפרעגט:

—וואָס זשע האָסטו געלאַכט, טאָכטערשי?

—און פאַרוואָס האָסטו געלאַכט אַריינקומענדיק אויב דו האָסט נישט געוואוסט פאַרוואָס איך לאַך?—האָט דאָס מיידל גע-ענטפערט אַ שאָקל געבענדיק דעם קאָפּ מיט גרויס חן.

—אוי דו שטיפערקע!—האָט דער אַלטער אַלץ געלאַכט—אַזוי ענטפערט מען אַ זיידן? געדענק, וואָס דו האָסט מיר היינט אָפּ-געטאָן, און נישט איך וועל שולדיק זיין אויב איך וועל דיר נישט קויפן קיין מתנה צו דיין געבורטסטאָג.

—אָבער קומען וועסטו דאָך צו מיין שמחה?

—איך פאַרשטיי נישט, די שמחה וועט דאָך זיין דאָ, ביי אונז, וואָס זשע פרעגסטו צי איך וועל קומען?

—אויב אַזוי דאַרף איך נישט קיין מתנה, אויב דו אַליין וועסט נאָר זיין.

דער אַלטער האָט זי אַרומגענומען מיט פרייד און גע-זאָגט:

—אָבער זאָג מיר, פאַרוואָס האָסטו געלאַכט?

—דער בחור זאָגט אַז אַ מיידל ווערט נישט קיין בר מצוה אפילו צו זיבעצען יאָר—האָט זי זיך ווידער שטאַרק צע-לאַכט—האָסטו אַמאָל געזען אַ מיידל פון זיבעצען יאָר?

—דער בחור איז גערעכט, אַ מיידל קאָן נישט זיין קיין בר מצוה נאָר אַ בת מצוה.

—גוט. וועל איך זיין אַ בת מצוה. אָבער זאָל דער בחור אויך קומען אַהער צו אונזער שמחה, כאָטש איך וועל נישט זיין קיין בר מצוה נאָר אַ בת מצוה.

—ס'איז דאָך דיין שמחה און וועמען דו וועסט וועלן דעם וועט מען פאַרבעטן.

—וועסט פאַרבעטן עכבורן?

—פאַרוואָס פרעגסטו דאָס?

—ווארום איך קאָן אים נישט אָנקוקן און אַז איך זע אים ווערט מיר אַלץ פאַרשטערט.

אַזוי ווי אין אָנפאַנג, אַז איך האָב דערהערט עכּבורס באָמען, איז דאָס האַרץ אין מיר אָפּגעשטאָרבן, אַזוי בין איך דערפרייט געוואָרן הערנדיק, אַז דעם וואָס איך האָב פיינט קאָן זי אויך נישט אָנקוקן.

—און פאַרוואָס האָסטו אים אַזוי פיינט, ער האָט דיר דאָך קיין שום שלעכטס נישט געטאָן?

—וואָרום ער איז אַ שלעכטער מענטש און וויל נאָר שלעכטס טאָן.

—ווער האָט עס דיר געזאָגט?—האָט דער אַלטער זיך פאַרוואונדערט און האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, ער האָט מסתּם געמיינט אַז דאָס האָב איך פאַר איר שלעכטס גערעדט אויף עכּבורן.

—איינרעדן מענטשן צו טאָן שלעכטס איז עס נישט קיין שלעכטס? און ער האָט דיר דאָך געוואָלט איבעררעדן, אַז דו זאָלסט דעם בחור דעם טאָג נישט געבן. איך האָב עס דאָך אַליין געהערט.

דער אַלטער איז געבליבן אין פאַרלעגנהייט און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, האָט ער געטראַכט אַ ווײַלע און נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָט ער עס געוואָלט פאַרגלעטיקן און פאַרעדן און אָנשטאָט צו ענטפערן האָט ער גע-פרעגט:

—און פאַר וואָס טוסטו שלעכטס און זינדיקסט מיט די רייד?

—איך?—האָט דאָס מיידל אויסגעשריגן און איז רויט גע-וואָרן ווי צונטער—איך טו שלעכטס? ווען האָב איך געטאָן שלעכטס? זאָג מיר ווען, וועל איך אים באַלד איבערבעטן.

—דערציילן רכילות איז נישט קיין שלעכטס? דאָס איז דאָך רכילות אַז דו דערציילסט עכּבורס רייד דער בחור זאָל עס הערן.

—עכּבור אַליין האָט דאָך דערפון נישט געמאַכט קיין סוד. ער האָט דאָך געשריגן און געליאַרמט און אַ סך מענטשן האָבן עס געהערט. הייסט דאָס אַ סוד?

—דו ביזט נאָך אַ קליין מיידל און ווייסט נאָך נישט וואָס עס הייסט גוטס און וואָס שלעכטס, איך זאָג דיר, אַז דו האָסט נישט גוט געטאָן.

—אויב איך האָב געטאָן אַן אומרעכט, וועל איך עס מער נישט טאָן. איך האָב נישט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ זינד, אָבער אַז איך ווייס—וועל איך בעטן עכבורן ער זאָל מיר מוחל זיין.

—זאָלסט עס נישט טאָן—האָט דער אַלטער געזאָגט.

—פאַרוואָס זשע? האָסט דאָך מיר אַליין אַ סך מאָל געזאָגט, אַז אויב אַ מענטש זינדיקט קעגן אַ מענטש, וויל אים גאָט נישט מוחל זיין ביז ער בעט יענעם איבער.

דער אַלטער איז ווידער געקומען אין פאַרלעגנהייט און נאָך דעם ווי ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן האָט ער געענטפערט:

—איך פריי זיך זער, טאָכטער מיינע, פון דיין באַאיווי־טעט און ריינעם האַרצן. אָבער בעטן אַנטשולדיקונג ביי עכבורן דאַרפסטו נישט. וואָרום ווען דער עכבור וואָלט געווען דער אמתער ערלעכער מענטש, איז עפּעס אַנדערש, אַזוי אָבער, אַז ער וועט זיך דערוויסן, אַז דער בחור ווייסט פון דעם, אַז ער האָט אויף אים גערעדט שלעכטס, און דאָס האָט נישט גע־האָלפן—וועט ער נאָך מער אין כעס ווערן אויפן בחור און וועט זיך דוקא וועלן אין אים נוקם זיין.

—אויב אַזוי וועל איך שוין מער גאָרנישט רעדן מיט עכבורן און וועל שוין היטן מיין צונג פון איצט אָן.

זעענדיק ווי זיי רעדן צווישן זיך פונקט ווי איך וואָלט דערביי נישט געווען—בין איך טרויריק געוואָרן. ווי אַ טויטער בין איך ביי זיי—האָב איך זיך געטראַכט—זיי רעדן זיך, פרעגן און ענטפערן און קוקן זיך נישט אום אויף מיר. ווען איך וואָלט געווען אַ זון פון רייכע לייט, וואָלט איך פאַר זיי גע־ווען אַ לעבעדיקער מענטש און זיי וואָלטן מיך אויך געפרעגט און געוואַרט אויף דעם וואָס איך וועל זאָגן, אָבער ווער קוקט זיך אום אויף אַן אָרים־בחור?

אַזוי האָב איך געטראַכט און מיין האַרץ האָט זיך אויפ־

געקאָכט. אַ שרעקלעכער צאָרן און אַ פיינטשאַפט האָט זיך אין מיר צעפלאַקערט. נאָר דאָ האָט זיך דער אַלטער געווענדט צו מיר און געפרעגט מיט געטריישאַפט:

—כ'האָב געהערט אַז אבירם האָט דיר אָפגעזאָגט פון טאָג. איז עס אמת?

—אמת—האָב איך געענטפערט מיט אַ זיפץ.

—זאָרג נישט. איך וועל דיך נישט לאָזן פאַלן און מיין הויז איז פאַר דיר שטענדיק אָפן.

אין אָנפאַנג האָב איך געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט, וואָרום איך האָב נישט געהאַט די העזה אויפצוהייבן די אויגן אויף דעם מענטש אויף וועמען איך האָב נאָר וואָס געטראַכט שלעכטס. דערנאָך אָבער האָב איך זיך געשטאַרקט און אויסגערופן:

—מיט וואָס זאָל איך אַייך אָפדאַנקען פאַר דעם גוטס וואָס איר טוט מיט מיר? איך האָב גאָר נישט קיין ווערטער אייך אויסצודריקן מיין דאַנק...

—איך פאַרלאַנג נישט קיין דאַנק און עס קומט מיר נישט קיין דאַנק. וואָרום וואָס אַזוינס האָב איך דאָ געטאָן? איך גיב עסן דעם, וואָס איז הונגעריק? איך רעכן אַז אויך דו וואָלסט עס געטאָן ווען דו ביזט עס אימשטאַנד. דעריבער דאַרפסטו מיר נישט דאַנקען. און דאַרפסט אויך נישט זיפצן, וואָרום קיין עסן וועט דיר נישט פעלן.

—איך בעט אייך—האָב איך אויסגערופן מיט געפיל—איר טוט מיט מיר אַזוי פיל גוטס און פאַרוואָס לאָזט איר מיר נישט אַייך דאַנקען? דערויף טוט מיר דאָך וויי דאָס האַרץ, וואָס איך בין נישט דאַנקבאַר געווען אבירמן אין גערעדט אַזעלכעס וואָס מען האָט נישט געדאַרפט.

—וואָס אַזוינס האָסטו גערעדט?

—איך האָב זיך באַנאַרישט און געענטפערט דער קעכין, וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט אין זיין נאָמען אַז „קיין לצים וויל ער נישט געבן קיין עסן"—„זאָגט אַייער בעל הבית אַז איך דאַרף נישט האָבן נישט אים נישט זיין עסן". איצט אָבער האָב

איך שטאַרק חרטה אויף די רייד און איך שווער, אַז מער וועל איך אַזאַ נאַרישקייט נישט באַגיין.

אויף דעם אַלטנס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל און ער האָט געענטפערט:

—אַז דו האָסט חרטה איז דאָך שוין גענוג.

—אַך, ווי טייער עס זענען מיר אייערע ווערטער!—האָב איך אויסגערופן און און האַרצן האָב איך געטראַכט: ער בייזערט זיך נישט אויף מיר ווי דער ראש הישיבה, ער טרייסט מיך. ווען איך וואָלט געווען אַ רייך קינד, וואָלט איך אים געקאָנט אַרויסווייזן מיין ליבשאַפט; איך וואָלט אים געפאַלן אויפן האַלז און אים געקושט. אָבער אַזוי—אַז איך בין אָרעם און אָן אַ נאָמען ווי זאָל איך וואַגן דאָס צו טאָן. אוי דאָס אָרעמקייט! דאָס אָרעמקייט!

—וואָס זשע ביזטו אַזוי טרויריק געוואָרן?—האָט מיך דער אַלטער געפרעגט.

—איך בין טרויריק, ווייל איך בין נישט אימשטאַנד אייך אָפּצוצאָלן קיין טויזנט חלק פאַר אַלע טובות וואָס איר האָט מיר געטאָן.

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט ליבשאַפט און געזאָגט:

—וועגן דעם זאָלסטו זיך נישט זאָרגן, וואָרום נישט שטענדיק קאָנען מיר צאָלן אַ טובה פאַר אַ טובה, אָבער גוטע מחשבות זענען ווי גוטע מעשים, און איך האָב גענוג געצאָלטס פון דיינע וואַרימע געפילן צו מיר—אָבער אויך איך בין נישט אַזאַ מלאך ווי דו מיינסט—האָט ער גערעדט מיט אַ שיינענדיק פּנים—וואָרום אויך איך וועל באַקומען געצאָלטס. נישט אומזיסט וועל איך דיר געבן עסן, נאָר דו וועסט עסן פון דיין פאַרדינסט.

מיט וואונדער האָב איך געקוקט און געפרעגט:

—און מיט וואָס וועל איך אייך באַצאָלן?

—הער אויס, וועסטו פאַרשטיין. אָט דער עבור וואָס האָט דיר געוואָלט טוען אַ רעה, האָט דיר גאָר געטאָן אַ טובה: איך האָב זיך שוין לאַנג באַשלאָסן צו לערנען דעם מיידל די

לאַנדשפּראַך, איך האָב אָבער נישט געפונען קיין פּאַסיקן מענטש, ווער עס זאָל מיט איר לערנען, ביז אַהער האָב איך גאָרנישט געוואוסט, אַז דו קענסט אַזוי גוט די לאַנדשפּראַך, און פון עלבורן האָב איך עס זיך דערוואוסט. ער האָט עס מיר דער־ציילט צו באַווייזן דיינע זינד און איך האָב זיך מיט דעם זער שטאַרק דערפרייט: דו וועסט איר לערנען ליינען און שרייבן וועל איך דיר באַצאָלן פאַר דעם און קיינער וועט פון דעם נישט וויסן.

אַן אַרעסטאַנט, אַז מען באַפרייט אים פון טיורמע, אַ קראַנקער, וואָס האָט געהאַלטן ביי שטאַרבן און ער איז צוריק געזונט געוואָרן, וועט זיך נישט אַזוי פרייען ווי איך האָב זיך געפרייט מיט דער בשורה: נישט בלויז, וואָס עס וועט מיר נישט פעלן קיין טעג צו עסן, נאָר איך וועל שוין פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבן און נישט דאַרפן פאַרשעמט זיצן ביים טיש, וואָרום איך וועל נישט עסן אומזיסט און צו דעם—וועל איך נאָך כּסדר זיין מיטן מיידל.

איך בין געוואָרן אַזוי פריילעך, אַז איך האָב פאַרגעסן צו דאַנקען דעם אַלטן און אויך נישט געדענקט די גרויסע נקמה וואָס איך וועל האָבן אין עלבורן, אַז ער וועט זיך דער־וויסן, אַז אָנשטאָט אַ רעה האָט ער מיר גאָר געטאָן אַ טובה. איך בין געווען ווי שכּור און נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר פון גרויס פרייד. דער אַלטער האָט עס באַמערקט און גאָרנישט גערעדט. ער האָט מיר געוויס נישט געוואָלט שטערן די שמחה. דערנאָך אַז איך האָב זיך באַרואיקט, האָב איך זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערקלייבן און האָב זיך זער געפרייט זעענדיק אין מיין פאַנטאַזיע ווי עלבור איז אין כּעס און פרעסט זיך אויף פון בייזקייט. איך האָב זיך געפרייט טראַכטענדיק פון דעם וואָס דאָס מיידל וועט זיך אַ סך אויסלערנען פון מיר—רערמאַנענדיק זיך אין מיידל בין איך געווען גליקלעך אָן אַ גרענעץ—ס'וועט לאַנג נישט געדויערן און דער אַלטער וועט זעען ווי ווייט זי האָט דערגרייכט אין בילדונג און מיט פרייד וועט ער אויסשרייען: יוסף איז טאַקע אַ געבילדעטער און ווייסט

ווי צו באַצאָלן פאַר די טובות וואָס מען האָט אים געטאָן. דאָס אַלץ אָבער איז אַ גאָרנישט קעגן דער גרויסער פרייד, אַז איך וועל אַלע טאָג זעען דאָס מיידל...

—און ווען וועט דאָס זיין?—האָט דאָס מיידל געפרעגט דעם אַלטן.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

—פריער וועל איך דיר קויפן ביכער און רעדן מיטן ראש הישיבה און אים בעטן ער זאָל אים ערלויבן צו פאַרלאָזן די ישיבה אויף איין שעה אין טאָג.

איך בין דערשראָקן געוואָרן, דערמאָנענדיק זיך אַז איך בין נישט ביי מיר אין רשות. וואָס וועט טאַקע זיין אויב דער ראש הישיבה וועט מיר נישט ערלויבן?

—און וואָס וועט זיין אַז דער ראש הישיבה וועט אים נישט ערלויבן?—האָט דאָס מיידל געפרעגט ביים אַלטן, פּונקט ווי זי וואָלט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אין מיין האַרצן.

—איך רעכן, אַז ער וועט אים נישט שטערן. אויב אָבער ער וועט אים נישט ערלויבן, וועל איך שוין געפינען אַן עצה.—האָט ער איר געענטפערט, זיך אויסגעדרייט צו מיר און געזאָגט: היינט וועסטו מיך שוין נישט זעען, וואָרום איך וועל אַ גאַנצן טאָג נישט זיין אין שטוב. קום צו גיין מאָרגן וועל איך דיר שוין זאָגן וואָס דער ראש הישיבה האָט מיר געענטפערט.

איך בין אויפגעשטאַנען צוועקצוגיין. שטייענדיק אויף דער שוועל, האָט עס אין מיר אַ געשריי געטאָן: דער ראש הישיבה וועט דיך נישט לאָזן! מיט אַלע כחות האָב איך זיך אָנגעהאַלטן אָן דער קלאַמקע פון דער טיר, איך זאָל נישט אומפאַלן. אַז איך בין צו זיך געקומען האָב איך זיך געאײַלט צוריקצוגיין אין ישיבה און דערציילן גדעונען פון אַלץ וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט.

—און ווי רעכנסטו—האָב איך אים געפרעגט—צי וועט מיר דער ראש הישיבה ערלויבן?

—כ'האָב דיר גאָר פאַרגעסן צו זאָגן—האָט ער געענטפערט—אַז דער ראש הישיבה איז קראַנק און וועט היינט נישט

קומען אין ישיבה.

—זער גוט. איצט וועל איך קאָנען גיין און קומען ווען איך וועל וועלן.

—האָסט אַ גרויסן טעות—האָט ער מיר געענטפערט טרוי־ריק—אויב דער ראש הישיבה איז קראַנק און קומט נישט אַ פּאָר טעג פאַרנעמט אַן אַנדערער זיין אָרט אויף דער צייט, און איך בין זיכער אַז בעריל דער משגיח וועט איצט פאַרנע־מען זיין אָרט און עס וועלן קומען פאַר אונז פינצטערע טעג: וואָרום ער איז זער אַ שלעכטער מענטש און די וואָס לערנען די לאַנדשפראַך האָט ער גאָר פיינט ווי דעם טויט.

— איך וועל אים נישט פרעגן און וועל טאָן וואָס איך וויל.

—אויב דו וועסט אים נישט פאָלגן, וועט ער דיך אַרויס־טרייבן פון ישיבה.

—איך וועל אָבער נישט וואַרטן ביז ער זאָל מיך אַרויס־טרייבן, איך וועל אַליין פאַרלאָזן די ישיבה און וועל זיך באַ־זעצן אין איינע פון די שולן, איך וועל עס פריער זאָגן דעם אַלטן, און ער וועט אויף דעם מסכים זיין.

—זאָל דיך גאָט היטן פון אַזעלכע געדאַנקען—האָט ער אויסגערופן מיט זאָרג—איצט ווילסטו פאַרלאָזן די ישיבה? וואָס ווילסטו מען זאָל דיך כאַפּן און אַוועקגעבן פאַר אַ זעלנער? כל זמן ביזט אין ישיבה ביזטו באַשיצט, וועסטו אַרויס פון ישיבה—ווערסטו הפקר און מען וועט דיך פאַרקויפן, כדי דיך אָפּצוגעבן צו די זעלנער אויסצולייזן אַ גביריש קינד!

אַזוי ווי איך זיץ אַזוי און רעד מיט גדעונען, איז מיר פלוצלינג פינצטער געוואָרן אין די אויגן, עס האָט מיר אָנגע־הויבן קלאַפּן שטאַרק די שלייפן און איך בין געוואָרן ווי שכור.

—וואָס איז דיר, וואָס קוקסטו אויף מיר מיט עפּעס משונהדיקע אויגן?—האָט גדעון אויסגערופן מיט שרעק.

איך האָב אים נישט געענטפערט, כאָטש איך האָב נאָך געהערט די ווערטער. כ'בין געבליבן אָן כחות, כ'האָב פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין און בין אַראָפּגעפאַלן פון באַנק. נעפּל און פינצטערניש האָט מיך איינגעהילט...

יא.

אין היץ.

ס'ברענען ליכט אין גאַנצן הויז. לעקן מיט רויטע פֿלעמלעך די סטעליע. טייכן בלוט פֿלייצן פֿון אַלע עקן. עס רוישט אין די אויערן און עס ברומט פֿון אַלע זייטן. קוק איך אַריין אין רויטן ים און אַ קאַרעטע געשפּאַנט צו זעקס פֿליגן לויפֿט דורך ווי אַ לייכטער וואָלקן אויף דער וואַנט און לויפֿט צוריק.

אויף אַ שטריקל וואָס איז דין ווי אַ האָר, וואָס איז צו-געבונדן אין ביידע זייטן וועלט, רייט איך צווישן הימל און ערד. די פֿיס מיינע הענגען זער שווער אַראָפּ, וואָרום גרויסע שווערע אײַזערנע באַלעמס הענגען אויף זיי. פֿון די באַלעמס ציִען זיך גרינע שטריקלעך וועלכע זענען אין די הענט פֿון צוויי שרעקלעכע מענטשן וואָס שטייען אויף דער ערד אונטן אויף ביידע זייטן וועלט. זיי קריגן זיך מיט שרעקלעכע מורא-דיקע קולות, איינער זאָגט: ער קער צו מיר, און דער אַנדע-רער שרייט: ניין, מיינער איז ער! יעדער איינער ציט מיך מיט זיין שטריק. אָט גיט מיך איינער אַ שטאַרקן צי און איך פֿלי-פֿייל פֿון בויגן קיין צפֿון, און אָט גיט דער צווייטער אַ שטאַרקן

שלעפ-און איך פלי גלייך אויף דרום. ווין איך, בעט איך זיך, נאָר קיינער הערט מיך נישט.

איך שווים אין פייערדיקן ים. כ׳שווים אַזוי לאַנג ביז איך האָב שוין נישט קיין כח צו שווימען און איך פאַל אַראָפּ צום אָפּגרונט. דאָרט דערזע איך א גרויסן פיש מיט פיר הערנער און זעכצען פליגל, גייט אַרום ווי אַ מענטש אויף צוויי פיס. ער רייצט זיך מיט מיר:

—אָבער קיין חתן ביזטו נישט!

—כ׳בין יאָ אַ חתן!

—גדעון! כ׳האָב נישט געוואוסט, אַז איך הייס גדעון... וואָס ווילסטו דאָ אויסגעלאָסענע לילית? אַוועק פון מיר!—און אַז איך האָב געזען ווי זי שטרעקט אויס די האַנט צו מיר— האָב איך אויפגעהויבן די האַנט און זי אַראָפּגעלאָזט מיט אַ שרעקלעכן קלאַפּ איר אין פנים. און ווידער איז געוואָרן פינצטער אַרום מיר.

אַז איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און נישט געוואוסט וואו איך בין. איך בין געלעגן אויף אַן אייזערן בעטל אין אַ גרויס צימער אין וועלכן ס׳זענען געשטאַנען אַ סך בעטן און אויף זיי זענען געלעגן מענטשן און קינדער. נעבן מיר איז געשטאַנען אַ טישל און אויף דעם—אַ פלעשל און אַ גלעזל מיט רעצעפּטן. כ׳האָב זיך אַ ריר געטאָן און פון קאָפּ איז מיר אַראָפּגעפאַלן אַ ווייס טיכל פול מיט שניי. פון די האָר זענען מיר געריגען טראָפּענס און אין דער זייט האָב איך דערפילט אַזאַ ווייטאָק ווי טשוועקעס וואָלטן מיך דאָרט געשטאָכן. כ׳האָב אויסגעטאָן דאָס העמד און כ׳האָב דערזען אויף מיין לינקער זייט אַ סך קליינע רויטע פרישטשעס. האָב איך געמיינט, אַז דאָס חלומט זיך מיר און האָב פאַרמאַכט די אויגן. דערנאָך האָב איך זיי צוריק געעפנט און אויסגעשריגן אויפן קול:

—וואו בין איך?

פון צווייטן צימער איז אַריינגעלאָפן גדעון.

—וואָס איז געשעען מיט מיר? וואו בין איך? ווער זענען

דאָס די אַלע מענטשן דאָ? וואָס פאַר אַ פרישטשעס האָב איך אויף דער זייט? נעכטן בין איך דאָך געווען אין ישיבה? ווי זשע קום איך אַהער?

—בארואיק זיך—האָט מיר גדעון געענטפערט—בארואיק זיך און רעג זיך נישט אויף. דו וועסט שוין לעבן און זיין געזונט. איצט ביזטו נאָך קראַנק, ליג זשע רואיק.

—ווער זאָגט דיר, אַז איך בין קראַנק? אָט וועל איך דיר ווייזן אַז איך בין געזונט.

אַזוי רעדנדיק האָב איך זיך געוואָלט אויפזעצן, איך בין אָבער צוריקגעפאַלן.

—כ'בין טאַקע קראַנק. איך האָב גאָרנישט געוואוסט. אָבער נעכטן בין איך דאָך געזונט געווען?

—דו ליגסט שוין אַזוי קראַנק דריי און צוואַנציק טעג. איצט האָסטו צום ערשטן מאָל געעפנט די אויגן זינט דו ליגסט. האָסט דורכגעטראָגן אַ שווערע היץ-קרענק.

—דריי און צוואַנציק טאָג? דו חלאַכסט פון מיר! נעכטן בין איך דאָך געווען אין ישיבה! אָבער וואָס איז דאָס? ווער האָט דיר אַזוי צעשלאָגן דעם שטערן?

—איינער פון מיינע פריינט.

—וואָס איז דאָס פאַר אַ פריינט! דער טייוול זאָל נעמען אַזאַ פריינט!

—שעלט אים נישט, וואָרום ער איז אויך דיינער אַ פריינט.

—מיין פריינט? אַ ליגן! דו ביזט מיר אויך נישט קיין פריינט!—

איך האָב דאָס אויסגעשריגן הויך און שטאַרק, וואָרום איך האָב אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר אים. עס זענען אַריינגעלאָפן צוויי מענטשן און האָבן מיך אָנגעכאַפּט, האָבן מיך געהאַלטן מיט אַלע כחות. איך האָב זיך געווערט קעגן זיי, האָב זיך נישט געלאָזט. זיי האָבן מיך אַוועקגעלייגט און געלייגט שניי אויף מיין קאָפּ. איך האָב אָנגעהויבן דרימלען און בין איינגעשלאָפן.

אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט האָב איך געזען ווי קעגן מיר ליגט אַ בחור פון ישיבה און פון האַלז סווישטשעט אים ווי אַ פייפל, זיין פנים און די הענט זענען גרין ווי גראָז. איך האָב זיך איינגעקוקט אין אים. פּלוצלינג און פון זיינע נאָזלע-כער האָט אַ זעץ געטאָן אין זיך גענומען גיסן צוויי ריטשקע-לעך בלוט, נאָך אַ פּאָר מינוט האָט דאָס בלוט אויפגעהערט רי-נען, דאָס סווישטשעריי האָט זיך איינגעשטילט, דאָס מויל האָט זיך אים געעפנט, די אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט און ער איז געבליבן ליגן ווי אַ שטיק האָלץ.

—ער איז געשטאָרבן!—האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

איך האָב אָבער נישט מורא געהאַט פאַר אים און כסדר געקוקט אויף אים.

גדעון איז אַריינגעקומען, איז צו מיר צוגעגאַנגען און געפרעגט:

—וואָס מאַכסטו?

—גאַנץ גוט. אָבער זאָג מיר ווער איז דער בחור וואָס ליגט טויט דאָ?

גדעון האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און מיט באַדויערונג געשאָקלט מיטן קאָפּ:

—דערקענסט אים נישט?

—ווי אַזוי זאָל איך אים דערקענען, אַז דאָס פנים איז אים אויסגעשמירט מיט בלוט?

—דאָס איז דער עזובער, וואָס איז קראַנק געוואָרן פון האַרץ-ווייטאָג, ווארום זיין ברודער איז אַריינגעפאַלן צו די כאַפּערס, וואָס האָבן אים פאַרקויפט פאַר אַ זעלנער.

—אָבער וואו בין איך?

—זעסט דען נישט אַז דו ביזט אין שפּיטאָל?

—איך געדענק, אַז איך האָב מיט דיר עפּעס גערעדט דאָ, איך געדענק אָבער נישט וואָס. ווי לאַנג בין איך שוין דאָ?

—מער פון אַ חודש צייט.

—מער פון אַ חודש?! וואָס איז מיין קראַנקייט?

—האָסט אַריבערגעטראָגן אַ היץ-שלאַפקייט.

—אַ וואונדער. פאַרוואָס געדענק איך גאָרנישט: ווען און

ווי אַזוי בין איך קראַנק געוואָרן?

—זוך נישט איצט זיך צו דערמאַנען, עס קאָן אויף דיר שלעכט ווירקן.

—איצט פיל איך, אַז איך בין אָן כחות. איך בין אויך הונגעריק.

אַ פרייד האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים הערנדיק, אַז איך וויל עסן. ער איז גיך אַרויסגעלאָפן אין אַנדערן צימער און אויסגערופן הויך:

—רבי אברהם! יוסף וויל עסן. אַ גוטער סימן.

—אזבל גרייט צו אַ פליישיקע יויך פאַרן בחור—האָט זיך געהערט אַ מענער-שטים.

—אָט באַלד, אין דער מינוט!—האָט זיך געהערט אַ ווייבעריש קול—וואָס דען? אָט לויף איך ביינאַכט קאָכן אַ יויך! וואָס איז? אַ פריץ איז ער? וואָס איז? ביזט אויך משוגע געוואָרן ווי דער בחור? וואָס, דער פּאַרוואַלטער פון שפּיטאָל וועסטו מיר דאָ ווערן? ביזט נאָר אַ משרת!

—אָבער דער דאָקטאָר האָט דאָך אָנגעזאָגט מען זאָל אים תיכף געבן אַלץ, וואָס ער וועט פאַרלאַנגען. און פאַר זיינעטוועגן האָט דאָך ר׳ משה געגעבן אַ הון—האָט גדעון געענטפערט.

—ווער ביזטו און וואָס ווילסטו דאָ?—האָט די יידענע אויסגעשריגן מיט צאָרן—וואָס ביזטו דאָ אַ משגיח, וואָס בעטסט פון מיר חשבונות? אַזאַ עזות-פּנים! אַ ישיבה בחור קומט אַהער פאָדערן חשבונות! אויב ער איז הונגעריק, איז דאָך אַ סימן, אַז ער איז שוין געזונט—קאָן ער דאָך עסן ברויט. גיב אים ברויט, אויב ער וויל.

גדעון איז צוריק אַריינגעקומען אַ בייזער, אַ צעקאָכטער און האָט צו מיר געזאָגט:

—וואַרט אַ ווײַלע און איך וועל דיר ברענגען צו עסן.

איך האָב אים געוואָלט פרעגן מיט וועמען ער האָט דאָרט גערעדט, ווער איז דאָס די יידענע און ווער איז דאָס דער בחור וואָס איז משוגע, ער אָבער איז באַלד אַרויס און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער צוריקגעקומען און האָט מיר געבראַכט אַ יויך מיט אַ שטיקל עוף. איך האָב עס געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט און ווי נאָר איך האָב אָפּגעגעסן בין איך באַלד איינגעשלאָפן

יב.

אונטער דער הערשאַפט פון משגיח.

צומאָרגנס, אַז דער דאָקטאָר האָט מיך באַטראַכט, האָט ער געזאָגט, אַז די קרענק בין איך שוין איבערגעקומען און נאָך אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך שוין זיין אינגאַנצן געזונט. צו גדעונס פרייד איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען און ער איז מיט מיר געבליבן כמעט דעם גאַנצן טאָג.

איך האָב אים ווידער געפרעגט וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, וואָרום איך האָב גאָרנישט געדענקט און ער האָט מיר אַזוי דערציילט:

—דעם טאָג, וואָס דו ביזט צוריקגעקומען פון אַלטן, איז דיך באַפאַלן אַ היץ-שלאַפקייט און דו ביזט ווי משוגע געוואָרן. דו האָסט געזען משונהדיקע זאַכן און האָסט גערעדט פון היץ. ביינאַכט ווען אַלע זענען געשלאָפן, האָסטו אָנגעצונדן אַ סך ליכט און געשריגן: לילית! לילית! און אַז איך האָב דיך געוואָלט צוריקלייגן אויף דיין געלעגער, האָסטו מיר דערלאַנגט אַ שטאַרקן זעץ און אויסגעשריגן: אַוועק פון מיר לילית! און אָט פון דעם זעץ איז מיר דער שטערן צעשלאָגן. אַלע האָבן גע-

מיינט, אַז דו ביזט משוגע געוואָרן און זיי האָבן מורא געקריגן פאַר דיר. נאָר דער דאָקטאָר, וואָס איז צומאָרגנס געקומען צו דיר—האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פיבער-קראַנקהייט נישט קיין שגעון. ער האָט אָבער נישט געגלייבט, אַז דו וועסט איבער-טראָגן דאָס שלאַפקייט און געזונט ווערן.

ערשט איצט האָב איך זיך דערמאַנט אין דעם אַלטן און בין זער טרויריק געוואָרן אויף דעם וואָס איך בין קראַנק גע-וואָרן און נישט געקאָנט קומען צו אים לערנען דאָס מיידל. האָב איך געפרעגט גדעונען צי ער ווייסט נישט, וואָס עס מאַכט דער אַלטער און דאָס מיידל.

—דער אַלטער איז דאָ געוועזן צוויי מאָל זעען וואָס דו מאַכסט.—האָט מיר גדעון געענטפערט—און ער האָט מיר גע-זאָגט, אַז דאָס מיידל איז מיטגעפאָרן מיט איר מוטער וואָס איז אַהער געקומען אויף איר געבורטסטאָג—זיך צו זעען מיטן פאָ-טער, וועמען זי האָט שוין אַ יאָר צייט נישט געזעען. אָבער אין אַ חודש אַרום קומט זי צוריק אַהער.

—און וואָס מאַכט דער ראש הישיבה? ער איז שוין געזונט?

אַ מוראדיקע זאָרג האָט זיך באַוויזן אויף זיין פנים און ער האָט געשוויגן.

—צי איז דער רבי מער נישטאָ?—האָב איך געפרעגט.

—ער לעבט—אָבער...

—אָבער וואָס? וואָס רעדסטו נישט?

—איך האָב זער מורא דיר צו. דערציילן, דו זאָלסט זיך נישט אויפרעגן, ווארום דאָס קאָן דיר שאַדן.

—האָב נישט קיין מורא, איך פיל זיך שוין אינגאַנצן געזונט.

—וועל איך דיר דערציילן, נאָר שטאַרק דיך דו זאָלסט נישט אויפגערעגט ווערן. זיי ווייסן, אַז איך געפין זיך שוין נישט אין ישיבה.

—וואָס? דו האָסט פאַרלאָזט די ישיבה.

—נישט איך האָב זי פאַרלאָזט, נאָר מען האָט מיך אַרויס-געטריבן.

—דיך האָט מען אַרויסגעטריבן?!—האָב איך געעפנט מויל און אויגן ווי איך וואָלט געהערט אַן אומגליקלעכע זאַך—פאַר וואָס?

—הער אויס רואיק און איך וועל דיר דערציילן ווי דאָס איז פאָרגעקומען. דער ראש הישיבה איז קראַנק געוואָרן, ווי דיר איז שוין באַוואוסט און זיין אָרט האָט איבערגענומען בערל משגיח, און ס'איז געקומען אַ ביטערע צייט פאַר אונז אַלע: ער האָט דאָך בטבע פיינט אַלע בחורים, בפרט נאָך מיך: וואָרום ער גלייבט באמונה שלמה אַז דער וואָס לערנט זיך פרעמדע שפּראַכן איז גאָר קיין ייד נישט. ער האָט מיר אָבער גאָר-נישט געקאָנט טאָן די גאַנצע צייט, וואָרום דער רבי האָט מיך געשיצט. אַז ער האָט אָבער איבערגענומען די גאַנצע ממשלה, האָט ער זיך אָנגעהויבן טשעפּען צו מיר און זוכן אויף מיר חטאים. איך האָב דאָס געוואוסט און האָב זיך באַשלאָסן נישט לערנען זיין שיעור, ווי עס האָבן געטאָן אַ סך פון די גרויסע בחורים. די ראשי הקהל האָבן אויך געוואוסט אַז דער משגיח איז אַ קנאַפּער למדן, אַז מיר קענען בעסער פון אים, און זיי זענען נישט געווען דערקעגן. אין אים אָבער, האָט געברענט אַ פייער פון נקמה. ער האָט זיך געוואָלט אין אונז נוקם זיין דערפאַר, וואָס מיר האָבן אים פאַרשעמט, ער האָט אונז אָבער גאָרנישט געקאָנט טאָן. מיר זענען געזעסן און געלערנט מיט גרויס התמדה.

ס'איז געווען דער פינפטער טאָג זינט דו ביזט קראַנק געוואָרן און איך בין זיך פאַרזעסן שפּעט אין שפּיטאָל: דער אַלטער איז דעמעלסט אויך געווען אין שפּיטאָל און מיר האָבן אַ לאַנגע צייט געשמועסט. אַז איך בין צוריקגעקומען אין ישיבה, איז דער משגיח צו מיר צוגעקומען מיט אַ שרעקלעך געשריי: זאָג דו לאָבוס! וואו קריכסטו אַרום אַ גאַנצן טאָג? דערפאַר גיט מען דיר צו עסן דו זאָלסט אַרומגיין שפּאַצירן? זאָג שוין וואו ביזטו געווען? מסתם ביזטו אַרומגעגאַנגען מיט געמיינע יונגען... וואו ביזטו געווען?

איך האָב געשוויגן. געהערט ווי ער זידלט מיך און גאָר-

נישט געענטפערט: וואָרום איך האָב אים נישט געוואָלט געבן קיין מעגלעכקייט ער זאָל מיך נאָך באַפאַלן. ער אָבער האָט געהאַלטן אין איין שרייען:

—דו שווייגסט! אַ סימן אַז דו ביזט אַריינגעפאַלן. און דו האָסט געמיינט, אַז קיינער ווייסט נישט פון דיינע מעשים. איצט וועל איך דיר ווייזן, אַז איך בין משגיח.

—איך בין גאָר נישט אַריינגעפאַלן: וואָרום איך האָב גאָר נישט געזינדיקט—איך גיי בדרך הישר—האָב איך געענטפערט רואיק.

—דו גייסט בדרך הישר?—האָט ער זיך צעלאַכט—וועמען וועסטו איינרעדן? דו, וואָס ביזט אַן אפיקורוס, דו, וואָס לייקענסט אין גאָט—דו גייסט בדרך הישר? אומזיסט ווילסטו מאַכן אַן אָנשטעל, דיין פנים זאָגט עדות וואָס דו טראָגסט אין האַרצן:

—צי מיין פנים זאָגט עדות צי נישט, דאָס ווייס איך נישט. נאָר מיינע מעשים זאָגן עדות אַז איך בין ערלעך און נישט זינדיק.—האָב איך אים ווידער געענטפערט רואיק.

מיין רואיקייט איז אים געווען ווי איך וואָלט געגאָסן בוימאייל אויפן פייער. ער איז געוואָרן מלא רציחה, האָט געטופעט מיט די פיס ווי אַ משוגענער און געשריגן מיטן גאַנצן כעס:

—זאָג גלייך, וואו ביזטו געווען? אויב נישט— — —

—איך בין געווען אין שפיטאָל מבקר חולה זיין יוסקן—

ער איז געוואָרן צעטומלט, וואָרום ער האָט געזען אַז ער האָט שוין נישט קיין האָפנונג ער זאָל זי קאָנען נוקם זיין אָן מיר. האָט ער אַ ווייַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער ווידער אויסגעשריגן:

—אָבער ווי האָסטו די העזה אַוועקצוגיין פון ישיבה און מיך נישט פרעגן?

—איך האָב געפרעגט דעם ראש הקהל און דעם ראש הישיבה און זיי האָבן מיר ערלויבט אַוועקצוגיין ווען נאָר איך וועל וועלן נישט פרעגנדיק קיינעם.

ער האָט פאַרביסן די ליפּ ביז בלוט און אויסגערופן:

—איצט בין איך ראש הישיבה און דו האָסט מיך געדאַרפט פרעגן!

—דער ראש הקהל האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף נישט פרעגן קיינעם.—האָב איך אים ווידער געענטפערט.

—איך גלייב דיר נישט, איך וועל אַליין פרעגן דעם ראש הקהל!—האָט ער אויסגעשריגן און איז אַוועק מלא כעס.

איך בין געבליבן זיצן אויף מיין אָרט. האָב אַרויסגענומען דעם ספר ישעיהו מיט דער דייטשער איבערזעצונג, ווי איך פלעג דאָס טאָן אַלע פאַרנאַכט און אָנגעהויבן לערנען אין דעם ספר. איך האָב זיך אַריינגעטראַכט אין נביאס רייד און איך בין באַגייסטערט געוואָרן. האָב איך גענומען פאַפיר און בלייפעדער און גענומען שרייבן מיינע געדאַנקען וועגן דער פאַלשקייט פון דער וועלט און וועגן דער וויסנשאַפט וואָס ברענגט אַזוי פיל נחת ווי דאָס לעבן.

אַ לאַנגע צייט בין איך געזעסן פאַרטראַכט און געשריבן און פּלוצלינג האָב איך אויפגעציטערט דערהערנדיק הינטער זיך אַ בייז צאָרנדיק קול:

—וואָס האַלטסטו אין האַנט?

כ'האָב זיך אומגעקוקט און דערזעען דעם משגיח, וואָס שטייט הינטער מיר און קוקט אַריין אין ספר. איך בין געבליבן ווי צעמישט און נישט געקאָנט ענטפערן.

—וואָס האַלסטו דאָ? איך פרעג דיר דאָך?

—איר זעט דאָך, די כתבי הקודש.

—כתבי הקודש!?—האָט ער אויסגעשריגן מיט געלעכטער—דאָס איז כתבי הקודש? דו רשע, ווי האָסטו גאָר די העזה אָנצורופן דיינע טמא ביכער כתבי הקודש?!—אַזאַ נבלה איז דאָך נאָך נישט געהערט געוואָרן! אין אַ מקום קדוש ברענגט מען אַריין גוישקע אַפּיקורסישע ביכער! דערפאַר גיט מען דיר צו פרעסן כדי דו זאָלסט מטמא זיין די ישיבה מיט טמא ביכער און מיט דיין טמא מויל? איך וועל אויסראָטן די טמאה!

אַזוי שרייענדיק האָט ער געכאַפּט און צעריסן דאָס ספר אויף שטיקלעך, האָט די שטיקלעך איבערגעגעבן אַ בחור פון די

בחורים און באַפוילן זיי אַריינוואַרפן אין בית הכסא. דער בחור האָט געכאַפּט די צעריסענע בלעטער, און מיר אויך צו להכעיס און כדי צו חנפענען דעם משגיח האָט ער אויסגעשריגן: „אשר קדשנו במצותיו וצונו על ביעור טומאה״—

איך בין צעמישט געוואָרן זעענדיק, וואָס דאָ ווערט אָפּגעטאָן, איך האָב פאַרלוירן מיין איינגעהאַלטנקייט און אויסגעשריגן מיט כעס:

—אַזוי זאָל דיך דער טייוועל אַריינוואַרפן אין הייסע צ... צוזאַמען מיט דיינע חברים וואָס שפּעטן אָפּ פון גאָטס נביאים!

ער איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ ווילדער וואָלף, האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי די האָר און גענומען מיך טרייסלען. כ׳האָב געמאַכט אַ געוואַלד, אָבער קיינער איז מיר נישט געקומען צו הילף. זעענדיק, אַז קיינער העלפט מיר נישט, האָב איך אויפגעהויבן דעם פוס און אים דערלאַנגט אַ שטאַרקן קאָפּע אונטערן בויך, אַזוי אַז ער איז אומגעפאַלן און האָט מיך דערווייל אָפּגעלאָזט. איך בין גיך אַנטלאָפן מיט די ביינער. איצט ווייס איך, אַז איך האָב נישט גוט געטאָן, נאָר דער כעס האָט מיך משוגע געמאַכט.

—וואָס זשע? עס טוט דיר באַנג אויף דעם וואָס דו האָסט געטאָן? האָסט חרטה? ס׳איז דאָך אַ מצוה אויף יעדן מענטשן ער זאָל פּאַטשן אַזאַ געמיינעם יונגן!

כ׳האָב אויך אַזוי געהאַלטן. נאָר ידידיה—ביי וועמען איך האָב זיך באַהאַלטן ווען איך בין אַנטלאָפן פון ישיבה—האַלט אַנדערש. איך האָב אים אַלץ דערציילט און ער האָט מיך באַדויערט און געזאָגט: ביז איצט האָב איך דיך געהאַלטן פאַר אַ פאַרשטענדיקן מענטשן, איצט זע איך, אַז דו ביזט נאָך אַ יינגל און האָסט זיך זער באַנאַרישט. וואָרום ביים משגיח איז יעדער ספר וואָס איז געשריבן אויף אַ פרעמדער שפּראַך—טמא, איז ער דאָך גאָרנישט שולדיק, וואָס ער האָט עס צעריסן. ער האָט עס געטאָן פון אומוויסנהייט און דו האָסט זיך נישט געדאַרפט אַקעגנשטעלן און אים שעלטן.

ידידיה האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך בין נישט

געדערכט געווען, וואָרום בכלל איז נישט דאָס פּאַפּיר און טינט הייליק, נאָר דער גייסט וואָס רעדט פון די ספרים איז הייליק און דער גייסט ווערט נישט פאַרשוועכט דורך דעם וואָס איינער אַן אומוויסנדער צערייסט דאָס ספר.

איך האָב מודה געווען, אַז איך האָב מיך באַנאַרישט און האָב געוואָלט באַלד צומאָרגנס גיין צום משגיח איך איבערבעטן, אָבער דער משגיח האָט מיר דעם וועג פאַרשטעלט און אָפּגעטאָן אַזאַ מיאוסע זאַך, נאָך וועלכן איך קאָן שוין מער אַהין נישט קומען: וואָרום ער האָט אויף מיר אויסגעטראַכט אַ שרעקלעכן בלבול און האָט מיר צוגעטשעפּעט אַ מוראדיקן חטא כדי ער זאָל בלייבן גערעכט: ער האָט פאַר די עלטסטע בעל הבתים דערציילט, אַז ער האָט ביי מיר געפונען אַ בוך מיט צלמים. צוויי פון די בחורים האָבן אויף מיר עדות געזאָגט, אַז זיי האָבן מיך געזען אַלע טאָג גיין אין דער גוישקער גאַס, און אַז איך האָב געהאַט צו טאָן מיט עפּעס אַ פרוי און אַז זיי האָבן ביי מיר געזען אַ סך געלט, וואָס איך האָב אָן ספק געגנבעט. און אַז ער—דער משגיח האָט דאָס געזען און געהערט—האָט ער מיר גענומען זאָגן מוסר, האָב איך אים געזידלט און געשאָלטן, דעמעלסט האָט ער אויפגעהויבן די האַנט און מיר דערלאַנגט אַ פּאַטש.

אַזוי האָט ער דערציילט פאַר די עלטסטע בעלי הבתים און די בחורים, וואָס זענען ס׳מערסט מיינע שונאים, און וואָס האָבן אויך געוואָלט אונטערחנפענען דעם משגיח, האָב אים צוגעטאַקעוועט, אַלע האָבן דעריבער געגלייבט דעם משגיח און געהייסן ברענגען מיין קעסטל מיט די זאַכן, וואָס איך האָב דאָרט געלאָזט אַוועקלויפנדיק. האָט מען עס געעפנט און דאָרט געפונען די גאָלדשטיקלעך אין דעם בייטל וואָס איך האָב אַראָפּגענומען פון דיין האַלז ווען דו ביזט קראַנק געוואָרן. און די גאָלדשטיקלעך זענען געווען עדות אַז איך האָב זיך פאַרנומען מיט גנבה, אַזוי אַרום איז מיין זינד באַשטעטיקט געוואָרן פאַר גאַנץ קהל און ווער וועט מיך פאַרענטפערן?

אַז איך האָב דאָס דערהערט בין איך שטאַרק אין כעס גע-

וואָרן און געוואָלט לויפן און צונישט מאַכן די אַלע שקרים, וואָס דער מסור האָט אויף מיר אויסגעטראַכט און אָפּנעמען דאָס געלט, ווארום מיר האָט שטאַרק ווי געטאָן דאָס האַרץ אויף דיין געלט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט, אָבער ידידיה האָט מיך נישט געלאָזט גיין מער אין ישיבה און האָט מיך געוואָרנט אַז איך וועל האָבן אַ ביטערן סוף אויב איך וועל אָנהייבן אַ מלחמה מיט זיי; וואָרום זיי זענען אַ סך און איך—איינער. איך האָב עס פאַרשטאַנען, אַז ער איז גערעכט און איך האָב נישט געפונען קיין עצה ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען פון זיי דאָס געלט, דעריבער האָב איך עס געלאָזט ביי זיי, ביז דו וועסט געזונט ווערן.

אַ שרעקלעכער צאָרן האָט זיך צעפלאַקערט אין מיין האַרצן, איך בין אויפגעשפרונגען און אויסגערופן:

—איך וועל גיין און אָפּנעמען ביי זיי מיין געלט!

—באַרואיק זיך. ביזט נאָך קראַנק און קאָנסט נאָך נישט פאַרלאָזן דאָס בעט. אַז דו וועסט געזונט ווערן, וועסטו דעמעלסט קאָנען אָפּנעמען דאָס געלט. ביז אַהער האָב איך נאָך קיינעם נישט געזאָגט, אַז דאָס געלט איז דיין, כאָטש מיטן ראש הישיבה האָב איך עטלעכע מאָל גערעדט. נעכטן האָט ער מיר אויך געזאָגט, אַז נאָך אין אַ זעקס טעג אַרום וועט ער שוין אָנהייבן קומען אין ישיבה, דעריבער—וואַרט צו ביז ער וועט שוין קומען, וועסטו זיך צו אים ווענדן און ער וו‿ל דיר העלפן.

—פאַרוואָס האָסטו נישט געשיקט זאָגן, אַז דאָס געלט איז מיינס? וואָלסט דאָך דערמיט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם חשד און איך וואָלט דאָס געלט נישט היזק געהאַט?

—וואָרום איך ווייס, אַז מען וועט מיר נישט גלייבן, צווייטענס האָב איך מורא געהאַט מען זאָל נישט זאָגן אַז מיר ביידע זענען שותפים. אָבער אַז דו אַליין וועסט צוריקקומען אין ישיבה, וועסטו זיי זאָגן פון וועמען דו האָסט דאָס געלט באַקומען, אויב זיי וועלן דיר נישט גלייבן, קאָנסטו דאָך אָנשרייבן אַ בריוו צו דעם, וואָס האָט דיר געגעבן דאָס געלט.

און אַז ער וועט אויך עדות זאָגן וועט דאָך קלאָר ווערן דיין גערעכטיקייט.

—אויב אַזוי האָב איך שוין נישט מיין געלט!—האָב איך אויסגערופן ווי צעמישט.

—פאַר וואָס זאָגסטו אַזוי?

—וואָרום דאָס געלט האָב איך שוין לאַנגע יאָרן. דער מענטש, פון וועמען איך האָב עס באַקומען איז שוין לאַנג געשטאָרבן, ווי אַזוי זשע וועל איך קאָנען באַווייזן מיין גערעכטיקייט?

—איז שלעכט. אָן אַ באַגלייבטן עדות, וועט מען דיר נישט גלייבן, מיין עצה איז זאָלסט גאָרנישט זאָגן, אַז דאָס געלט איז דיין, וואָרום עס קאָן דיר ערגער ווערן.

—ניין. איך וועל זיך קלאָגן פאַרן ראש הישיבה, פאַרן אַלטן, זיי וועלן מיר העלפן.

—און אויב אויך זיי וועלן פאַרלאַנגען באַווייזן, אַז דאָס געלט איז דיינס?

—וואָס הייסט? פון דעם געלט האָב איך דאָך געגעבן דעם ראש הישיבה און ווען ער האָט ביי מיר גענומען געלט האָט ער מיך גאָרנישט געפרעגט פון וואַנען איך האָב, וואָס זשע וועט ער מיך איצט פלוצלינג נעמען פרעגן? דער אַלטער ווידער וועט מיר גלייבן, אויף אים פאַרלאָז איך זיך.

—זאָל זיין אַזוי. מיין עצה אָבער איז, דו זאָלסט גאָרנישט זאָגן, וואָרום איך האָב מורא אַז אויך דער אַלטער וועט דיר נישט גלייבן. וואָרום: פון וואַנען נעמט זיך געלט צו אַן אָרימען בחור וואָס עסט טעג? און פאַרוואָס ביזטו אַזוי טרויריק געוואָרן ווען דיר האָט געפעלט איין טאָג, אויב דו האָסט געהאַט אַזוי פיל געלט?

—אפשר ביזטו גערעכט—האָב איך אים געענטפערט—כאַפּט עס דער רוח דאָס גאַנצע געלט.

—איצט וועל איך דיר נאָך עפּעס זאָגן: זיי וויסן, אַז איינגיכן פאַרלאָז איך די שטאָט.

—דו וועסט פאַרלאָזן די שטאָט? און אויף וועמען וועסטו

מיך לאָזן? ווי ווי, דאָס איז שוין מיין מזל, אַלע חברים פאַר־לאָזן מיך. אַזוי איז געווען מיט דןען: אַז איך האָב אים שוין שטאַרק ליב געהאַט, האָט ער מיך פאַרלאָזט. דאָס זעלבע איז מיט דיר, איך האָב אין דיר אָנגעהויבן האָבן אַ טרייסט, אויף אַלע צרות—פאַרלאָזטו מיך אויך.

—וואָס זאָל איך טאָן, פון ישיבה האָט מען מיך אַרויס־געטריבן, איך באַהאַלט זיך אויס פון יעדערן און ווען נישט ידידיה וואָס שטיצט מיך—וואָלט איך געשטאָרבן פון הונגער, אָבער ער אַליין איז אָרעם און האָט נישט, אַ חוץ דעם—מיינע אויגן האָבן זיך איצט געעפנט צו זעען, אַז עס איז גאָרנישט קיין תכלית צו פאַרברענגען די יאָרן אין ישיבה. וויפיל איז דער שיעור? ווען האָב איך דאָ און וואָס האָב איך דאָ? גענוג פאַר מיר דאָ צו זיצן. כ'האָב דעריבער ביי זיך באַ־שלאָסן און אַזוי האָט מיר אויך געראַטן מיין לערער ידידיה, פון וועמען איך האָב מיין גאַנץ קענטעניש—צו פאַרלאָזן די שטאָט און אַוועק קיין דייטשלאַנד. איך האָב זיך פאַר דער צייט וואָס איך בין דאָ אַ סך אויסגעלערנט. איך קען גוט דייטש און די דייטשע וויסנשאַפט, וועל איך אַוועק קיין דייטשלאַנד און אַריינטרעטן אין גימנאַזיע, וועל דאָרט לערנען און קומען צו אַ תכלית. און אַז איך וועל קומען צו אַ תכלית וועל איך אויך דיך געדענקען און דיך אַרויסשלעפן פון דער זומפ, און ביז דעמעלט לערן זיך, לייען, כדי דו זאָלסט אויך קומען צו דער קענטעניש וואָס איך. אַז דו וועסט געזונט ווערן, וועל איך דיך אַוועקפירן צו ידידיהן און ער וועט דיך לערנען ווי ער האָט געלערנט מיך און דןען. דעריבער דאַרפסטו נישט טרויריק זיין, וואָרום דו האָסט אויף וואָס צו האָפן. ווען מיר וואָלט דאָס איינגעפאַלן מיט צוויי יאָר צוריק, וואָלט איך צוגעשטאַנען צו דןען און וואָלט אים מיט געוואַלד מיטגענומען, כאָטש ער האָט נישט געטראַכט פון דעם, זיין האַרץ איז געווען אָנגעווייטאָקט פון אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן און פון נקמה נאָך וועל־כער ער האָט געלעכצט. ער האָט כסדר אין זינען געהאַט זיך נוקם צו זיין אָן דעם וואָס האָט אומגליקלעך געמאַכט זיין פאָ־

טערס הויז, דעריבער האָט ער נישט אין זינען געהאַט קיין תּכלית און האָט זיך דערגידעריקט אַרומצובלאָנקען מיט אַ חזן און זיין אַ משורר, כּדי קיינער זאָל נישט אויפמערקזאַם ווערן אויף אים און זיין שונא זאָל אים נישט דערקענען, אַז ער וועט קומען אין זיין שטאָט אַריין, וואָרום נאָר אַהין האָט ער געשטרעבט האָפּענדיק זיך נוקם צו זיין אין זיין בלוטיקן שונא. אָבער דאָס אַלץ וועסטו וויסן נאָכדעם ווי דו וועסט איבערליי־ענען זיין ספר, וואָס ער האָט געשריבן און דעם שרעקלעכן בריוו, וואָס ער האָט געשיקט צו ידידיהן און מיר, מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז דער בריוו אָנגעקומען, ער דערמאַנט אין אים אויך דיין נאָמען.

רעדנדיק די לעצטע ווערטער איז ער זער טרויריק גע־וואָרן.

—אַ בריוו פון דנען?—האָב איך אויסגערופן—פאַר וואָס זשע האָסטו אים נישט געבראַכט מיט זיך? און וואָס ביזטו עפּעס מיט אַמאָל אַזוי טרויריק געוואָרן?

—דאָס האַרץ וויינט אין מיר אויף דעם מענטש וואָס איז געלערנט און האָט אַ סך קענטעניש, וואָס איז ערלעך און ריין און דאָס ביטערע מזל טרייבט אים אַרום. ווען מיט אים וואָלט נישט געטראָפן דאָס לעצטע אומגליק, וואָלט איך אַוועק צו אים אין זיין שטאָט און געווירקט אויף אים ער זאָל צוזאַמען מיט מיר אַוועק--איצט אָבער, ווי ווי.

—וואָס איז מיט אים געשען?—האָב איך אויסגערופן מיט זאָרג.—וואָס האָט געטראָפן?

אין דער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריין דער דאָקטאָר, נאָך אים—דער אויפזעער מיט זיין ווייב.

דער דאָקטאָר איז צו מיר צוגעגאַנגען, האָט מיך באַ־טראַכט און געזאָגט:

—אָ, אַ וואוילער בחור! נאָך אין אַ פּאָר טעג אַרום וועסטו שוין קאָנען גיין אַ טענצל.

—וואָס איז? מלכּה די הייוון האָט חתונה אין אַ פּאָר טעג אַרום? און ווער איז איר באַשערטער?—האָב איך געפרעגט.

דער דאָקטאָר, דער אויפזעער און זיין ווייב האָבן זיך אַלע צעלאַכט, וואָרום די הייזוז איז שוין אַלט געווען ביי אַ הונדערט יאָר.

—ער איז שוין נישט קראַנק—האָט דער דאָקטאָר געזאָגט ווענדענדיק זיך צום אויפזעערס ווייב—איר וועט אים שוין מער נישט געבן די רעצעפּטן. און דו—האָט ער געזאָגט צו מיר—היט זיך און עס נישט צופיל.

—גוט—האָב איך געענטפערט—דאָס וועט שוין די אויפזעערין אין זינען האָבן...

זיי זענען אַלע אַרויס אין צווייטן צימער און גדעון—מיט זיי. דורך דער וואַנט האָב איך געהערט ווי דער דאָקטאָר האָט באַפוילן, אַז מען זאָל מיך איבערפירן צו די איבעריקע קראַנקע כדי איך זאָל נישט זיין טרויריק זיצנדיק אַליין און צו גדעונען האָט ער געזאָגט:

—דו האָסט דורכגעפירט דיין זאַך מיט שכל און חכמה, וואָרום דו האָסט אים אויסגעפּרוּווט און אים דערציילט שרעק־לעכע זאַכן און ער האָט עס געקאָנט איבערטראָגן, איז אַ סימן, אַז ער איז שוין אינגאַנצן געזונט. אָבער איצט זאָלסטו זיך מיט אים מער נישט זעען, כדי ער זאָל זיך אָפּרוען און קומען צו זיך.

—זאָל איך אים גיין זאָגן, אַז איך וועל צו אים קומען מאָרגן?—האָט גדעון געפרעגט.

—מען דאַרף נישט, וואָרום ער וועט דיך נישט אָפּלאָזן.

איך בין געבליבן אַליין און האָב פאַרזונקען אין מחשבות: ער האָט מיך געפּרוּווט? נאָך וואָס זשע האָט ער עס געטאָן? וואָס זשע? איז דאָס אַלץ, וואָס ער האָט מיר דערציילט, אויס־געטראַכט? ווי קאָן עס אָבער זיין, ער האָט דאָך גערעדט פון טיפן האַרצן און איז געווען אַזוי טרויריק... איצט בין איך אָרעם און פאַרמאָג נישט קיין פּרוטה... אָבער וואָס האָב איך געהאַט פון דעם געלט, ווען עס איז ביי מיר געווען?—וואָס פאַר אַ נוצן ס'האָט מיר געבראַכט?—האָב איך צוריק געטראַכט—ס'האָט מיר דאָך געעפנט די טירן פון ישיבה. ווער ווייס וואָס

ווייטער וועט מיט מיר זיין? אָבער פאַרפאַלן. און פאַר וואָס איז פאַרפאַלן?—איך וועל זיך ווענדן צום ראש הישיבה און ער וועט מיר העלפן. און אַז ער וועט מיך פרעגן פון וואַנען איך האָב דאָס געלד?

אַזוי האָב איך געטראַכט און זיך דערוויל דערמאַנט אָן בעל שם, אָן דער קרעטשמע מיט די חסידים און זייער געשלעג און פלוצלינג האָב איך זיך דערמאַנט דעם נאָמען מאיר זרחי, וואָס איך האָב דאָרט געהערט פון די חסידים. זאָל דאָס זיין דער מאיר זרחי ביי וועמען איך עס אַ טאָג? אוי, פאַר וואָס האָב איך זיך עס נישט דערמאַנט ביז אַהער? ווי דערלעבט מען שוין דעם מאָרגנדיקן טאָג און איך וועל עס דערציילן גדעונען!

דערוויל איז אַריינגעקומען דער אויפזעער און כמעט מיט געוואַלד האָט ער מיך אַריבערגעפירט אין צימער וואו עס געפינען זיך די איבעריקע קראַנקע.

דאָרט איז געווען אַ פולע שטוב מיט קראַנקע. יעדער איז זיך געזעסן אויף זיין בעטל און מען האָט זיך געקריגט איינער מיטן אַנדערן. מען האָט זיך אויפגעוואָרפן פאַרשידענע קרענק און פלוצלינג בין איך שטאַרק טרויריק געוואָרן אַליין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס. אַ גרוילעדיקע שרעק האָט מיר דאָס האַרץ פאַרקוועטשט, ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר פאָראויסגעזאָגט, אַז עס קומען פאַר מיר ביטערע פינצטערע טעג.

אָן חשק בין איך געבליבן אין דער שטוב, האָב זיך אַוועקגעלייגט אויף מיין געלעגער און אַזוי געלעגן ביז ס׳איז פינצטער געוואָרן און איך בין איינגעשלאָפן.

יג.

ידידיהס טויט.

א דערשלאָגענער האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי און אויסגעקוקט גדעון זאָל קומען, אָבער ער האָט זיך נישט געוויזן. בין איך געזעסן שטאַרק טרויריק און געזאָרגט אויף דעם, וואָס מען זעט אים נישט.

דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען און האָט מיך געפרעגט:

—וואָס זעסטו אויס אַזוי שלעכט?

—איך ווייס אַליין נישט—האָב איך אים געענטפערט—איך בענק זער נאָך גדעונען.

—באַרואיק זיך, ער וועט קומען.

—ווער ווייסט?

—זאָג מיר וואו ער וואוינט, וועל איך נאָך אים שיקן.

—אַדאַנק אייך, הער מיינער—האָב איך אויסגערופן מיט פרייד—ער געפינט זיך ביי ידידיה הירשזאָן און איך בין זי־כער, אַז ער וועט באַלד קומען ווי מען וועט אים רופן.

—גוט, איך וועל שיקן נאָך אים.

אַ פּאָר מינוט האָב איך זיך געטרייסט, אָבער שפּעטער,

ווען ס'איז אַוועק אַ שעה נאָך אַ שעה, און דער גאַנצער טאָג איז אַוועק און גדעון איז נישט געקומען, האָט מיך ווידער אַרומגענומען אַ טרויער וואָס האָט מיך שטאַרק געפּייניקט. אַ גאַנצע נאַכט בין איך שלעכט געשלאָפן, געהאַט שרעקלעכע חלומות און זיך געוואַלגערט אויפן געלעגער ביז אינדערפרי. כ'האָב זיך קוים דערוואַרט אויפן דאָקטאָרס אָנקומען און אַז איך האָב דערהערט זיין קול פון אויפזעערס צימער—בין איך אַהין אַריינגעלאָפן און אויסגעשריגן:

—און וואו איז גדעון?

—איך ווייס נישט—האָט ער געלאַסן געענטפערט—נעכטן האָב איך געשיקט נאָך אים צו ידידיה; איז ער אָבער דאָרט נישט געווען און ידידיהן אַליין ווייסט אויך נישט וואו ער איז.

—ער איז אַוועקגעפאָרן!—האָב איך אויסגערופן און זיך ביטער צעוויינט, אַזוי שטאַרק, ווי אַלע מיינע צרות און זאָרגן וואָלטן זיך פאַרוואַנדלט אין וואַסער. דער דאָקטאָר האָט זיך נישט געאײַלט מיך צו טרייסטן, האָט אויף מיר געקוקט אַ ווײַלע און געזאָגט:

—דו ביזט שוין אינגאַנצן געזונט, קאָנסט שוין פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל אויב דו ווילסט, אפשר, אַז דו וועסט אים זוכן, וועסטו אים געפינען.

אין איין רגע כמעט זענען פון מיר אָפּגעטאָן געוואָרן אַלע זאָרג הערנדיק די בשורה, אַז איך בין פריי און קאָן גיין וואו איך וויל. פון גרויס פרייד האָב איך אים באַדאַנקט, כ'האָב זיך גיך אָנגעטאָן, בין אַרויס פון שפּיטאָל און אַוועק צו ידידיהן.

אין אַ קליין נידעריק שטיבל, וואָס האָט געהאַלטן ביי׳ איינפאַלן און וואָלט שוין לאַנג איינגעפאַלן ווען נישט די סלופּעס, וואָס האָבן עס אונטערגעשפּאַרט פון אינעווייניק און פון דרויסן, איז געזעסן דער אַלטער ידידיה. געזעסן איז ער אין אַ קליין ענג צימערל, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרשטויבט, דאָס פּנים—איינגעקנייטשט פון עלטער, זיינע אויגן, וואָס זענען געווען געזונקען אין קאָפּ אַריין און האָבן געבלישטשעט ווי פונקען פייער פון אונטערן אַש, האָבן געקוקט פון אונטער־

לאַנגע ווייטע וויעס, זיינע ליפּן האָבן זיך כסדר געשאָקלט און די הענט האָבן אים געציטערט.

ער איז געזעסן אויף אַ שטול און אַריינגעקוקט אין אַ ספר וואָס ער האָט געהאַלטן אין די ציטערדיקע הענט און האָט נישט געהערט ווי איך בין אַריינגעקומען. אַ שטיקל צייט בין איך געשטאַנען אויף מיין אָרט און נישט געוואַגט צוצוגיין צו אים בענטער אים צו שטערן זיין רו. צי דאָס איז אָט דער מענטש—האָב איך זיך געטראַכט—וואָס אַלע באַרעדן אים ווי ער וואָלט אַ סך שלעכטס געטאָן און לויט גדעון זאָגט איז ער אַ גרויסער חכם און אַ קענער? צי די דאָזיקע טרוקענע ביינער האָבן צוגענומען פּרעמדס? צי די דאָזיקע אָדערן אָן פלייש האָבן געטרונקען אומשולדיק בלוט? ניין! ניין! ער איז אַ צדיק און האָט קיין שום שלעכטס נישט געטאָן.

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס ספר און איז אויפגעשטאַנען, דעמעלסט בין איך צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

—גוט מאָרגן אייך!

—ווער ביזטו קינד מיינס?—האָט ער געפרעגט מיט אַ קול פון אַ קראַנקן—און ווער האָט דיך געשיקט אַהער?

—גדעונען זון איך—האָב איך געענטפערט טרויריק, טראַכ-טענדיק, אַז אָט דער מענטש, וואָס זיצט אַ גאַנצן טאָג און לערנט און טראַכט, נישט האָבנדיק קיין שום פאַרגעניגנס אויף דער וועלט און וואָס האָט נאָך קיינעם קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטאָן—ווערט באַשמוצט און באַשולדיקט און אַלע זענען אים שונאים; אין דער צייט ווען רויבערס—וואָס פּאַשען זיך פון פרעמדע פּראַצע זענען גאַנצע צדיקים.

—גדעונען זוכסטו? און ווער ביזטו?

—איך בין יוסף פון אַשדוה.

—דאָס ביזטו יוסף? זעץ זיך. דיין נאָמען האָב איך שוין לאַנג געהערט פון גדעונען. זעץ זיך.

—כ'בעט אייך, זאָגט מיר, וואו איז גדעון?

—כ'ווייס אויך נישט. שוין דריי טעג אַז איך האָב אים נישט געזען און ווייס נישט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

—זאָל ער האָבן אוועקגעפאָרן און איך נישט געזאָגט?— האָב איך געפרעגט מיט וואונדער.

—ס׳קאָן נישט זיין ער זאָל אַוועקפאָרן און זיך נישט זעען פריער מיט מיר. אויך זיינע מלבושים און כתבים האָט ער נישט גענומען. כ׳האָב מורא, אַז מיט אים האָט געטראָפן אַן אומגליק.

—אַן אומגליק? וואָס אַזוינס האָט געקאָנט טרעפן מיט אים?

—איך ווייס אויך נישט, נאָר איך טראַכט אַזוי. פון וואַנען קומסטו איצט?

—פון שפּיטאָל?

—און אין ישיבה ביזטו נאָך נישט געווען?

—ניין, וואָרום איך בין צום ערשטן געלאָפן געוואָר ווערן וואָס גדעון מאַכט.

—אויב אַזוי, גיי אין ישיבה, אפשר וועסטו זיך דאָרט עפּעס דערוויסן וועגן אים. וואָרום איך גיי נישט אַרויס פון שטוב און ווייס נישט, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. אַז דו וועסט זיך עפּעס דערוויסן, וועסטו קומען מיר דערציילן—אויב אפילו דו וועסט זיך גאָרנישט דערוויסן קום אַהער פאַרנאַכט.

איך האָב זיך געאיילט אים צו פאָלגן און בין אַוועק אין ישיבה.

אַז איך בין אַהין אַריינגעקומען—האָבן אַלע ישיבה-בחורים מיך אַרומגערינגלט, זיך אַיינגעקוקט אין מיר און מיך געפרעגט וואָס איך מאַך, פונקט ווי איך וואָלט צוריקגעקומען פון בית עולם און זיי אַלע זענען מיינע לייבלעכע ברידער און גוטע פריינט, וואָס זאָרגן וועגן מיר. אין איין רגע האָב איך פאַרגעסן אַלע מיינע זאָרגן און איך האָב זיך אַליין געוואונדערט: ווי אַזוי האָב איך זיי אַלע געהאַלטן פאַר שלעכטע און פאַר שונאים. כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, האָב גענומען אַ ספר און געוואָלט זיך צערעדן מיט דעם בחור וואָס האָט זיך מיט מיר געחברט אין ערשטן טאָג, וואָס איך בין געקומען אין ישיבה און זיך פון אים דערוויסן, וואָס עס איז מיט גדעונען אפשר ווייסט ער. ער איז צו מיר צוגעלאָפן מיט פרייד און

האָט מיר דערציילט, אַז ער איז שוין צווישן די גרויסע און איז זיכער, אַז איך וועל מיך מיט אים מער נישט שעמען:— און אויף דעם פריי איך מיך נאָך מער ווי אויף דעם וואָס איך הייס שוין אַ גרויסער: וואָרום איך האָב דיך זעער ליב—האָט ער געענדיקט.

—האָסט אַ טעות, איך האָב זיך נישט געשעמט מיט דיר קיינמאָל.

—פונדעסטוועגן האָסטו זיך ביז אַהער פון מיר דערווייטערט. נאָר דו ביזט נישט שולדיק, דער שטן האָט אונז צעשיידט, איצט אָבער, אַז דער שטן איז שוין אומגעקומען, וועסטו צוריק מיין חבר און וועסט אַוועקוואַרפן די טמא ביכער.—כ'האָב פאַרשטאַנען אַז דאָס מיינט ער גדעונען.

—זער נישט פיין פון דיין זייט צו שפּעטן פון מיין גוטן פריינט. כ'קאָן מיט דיר אויך ווערן חבר, אָבער דאַרפסט נישט באַרעדן מיין חבר.

—וואָס זשע האָסטו נאָך אין זינען גדעונען? זיין נאָמען איז דאָך אַ חרפּה ביי יעדן און דו וועסט אויך איבער אים ליידן אויב מען וועט געוואָר ווערן, אַז נאָך איצט ביזטו זיינס אַ גוטער פריינט. דערמאָן בעסער נישט זיין נאָמען.

—דאָס וועל איך דיך נישט פאָלגן. אָבער לאָמיר פון אים נישט רעדן. איך בין זיין גוטער פריינט אויף שטענדיק. און... ווער ווייסט, ס'קאָן זיין אַז איך וועל אויך טאָן דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געטאָן.

—וואָס רעדסטו? וואָס איז? ווילסט מען זאָל דיר אויך אָנטאָן קייטן און אַוועקפירן אין אַ וויסט פרעמד לאַנד אַריין ווי גדעונען?

—איך פאַרשטיי נישט. וואָס פאַר אַ קייטן? ווער האָט אים אַוועקגעפירט? ער איז דאָך אַוועק קיין דייטשלאַנד כדי אָנצוקומען אין גימנאַזיע.

אַלע זענען פאַרוואונדערט געוואָרן הערנדיק מיינע רייד און מיין חבר האָט געפרעגט:

—ווער האָט דיר דאָס געזאָגט?

—פון אים אַליין האָב איך עס געהערט.
—ווען האָט ער דיר דאָס געזאָגט?
—אייערנעכטן ווען ער איז ביי מיר געווען אין שפּיטאָל.
—אַזוי, ווייסטו דאָך נאָך גאָרנישט! ווי מיר שיינט ווייסטו גאָרנישט וואָס ס'האָט געטראָפן מיט גדעונען.
—וואָס האָט געטראָפן מיט אים?
—ער איז אַריינגעפאַלן צו די כאַפּערס און זיי האָבן אים פאַרקויפט פאַר אַ זעלנער!
—ווי איז מיר!—האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי פון מיין האַלז און איך בין געפאַלן חלשות.
ווען איך בין צו זיך געקומען, נאָך דעם ווי מען האָט אויף מיר געגאָסן קאַלט וואַסער, בין איך באַלד אַוועק צו ידידיהן. כ'האָב געגעבן אַ פּראַל-אויף די טיר און נאָך שטייענדיק אויף דער שוועל האָב איך אויסגעשריגן מיט אַ שרעקלעך קול:
—ער איז אַריינגעפאַלן צו די כאַפּערס!
דער קראַנקער זקן האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און איז געבליבן שטיין בלייך, ווי אַ מת ביי דער טהרה. זיינע אויגן זענען געבליבן שטיין, די ליפּן פאַרשלאָסן, און די האַנט וואָס ער האָט צו מיר אויסגעשטרעקט איז געבליבן ווי אָפּגעדאַרט. אַזוי איז ער געשטאַנען אַ ווייל, דערנאָך האָט ער זיך אָן כחות אראָפּגעלאָזט אויף דער שטול און די ברעמען האָבן זיך אים באַוועגט ווי זיי וואָלטן געגאָסן טרערן, נאָר קיין טרערן האָבן זיך נישט געוויזן.
אַ שטיק צייט איז ער אַזוי געזעסן און נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט און איך בין געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט אויף מיין אָרט.
דערנאָך איז ער צו זיך געקומען און געזאָגט:
—פאַר געלט האָבן זיי פאַרקויפט אַ צדיק. האָבן פאַרגאָסן בלוט פון אומשולדיקע אָרימעלייט! ווויי, וויי! איך האָב געמיינט: פון אים וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער לייט וואָס וועט זיין אַ

ברכה פאַר אַלע, צום סוף איז ער געפאַלן פון די אכזרישע הענט פון אייגענע ברידער!

אַזוי האָט דער אַלטער צו זיך גערעדט און שטאַרקע זיפצן האָבן זיך געריסן פון זיין ברוסט ווי טענער פון אַ צע-בראָכענער פידל—שרעקלעך איז דער צאָרן פון פיינט, מוראדיק זענען די צרות וואָס ס׳האָט געליטן דאָס פאָלק, אָבער עס האָט נאָך נישט געליטן אַ העלפט פון דעם וואָס עס האָט זיך פאַר-דינט. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר און געזאָגט:

—זאָג מיר, קינד מיינס, ווער האָט עס דיר דערציילט?

—אין ישיבה האָב איך עס געהערט—וויי וויי, צי איז גאָר קיין האָפנונג נישטאָ אים אָפצוראַטעווען?

—אַ האָפנונג? יונגעלייט קאָנען האָפן, מיין האָפנונג איז, אַז נאָך אַ ביסל און איך וועל אויף אייביק פאַרגעסן אַלע מיי-נע צרות.

—אָבער צי איז שוין גאָר נישטאָ קיין ערלעכער מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל העלפן די אומגליקלעכע?

—ערלעכע מענטשן? וואַרט נאָר אַ ווײַלע!—האָט ער מיר געענטפערט און מיט דער האַנט זיך פאַרמאַכט די אויגן—ווי ער וואָלט זיך געוואָלט עפּעס דערמאַנען—וואַרט נאָר.

אַזוי איז ער געזעסן אַ שטיקל צייט מיט פאַרמאַכטע אויגן און אַלע ווײַלע געזאָגט: וואַרט נאָר.

מיט אַמאָל האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט פון דרימל און געזאָגט: כ׳האָב נאָך אַ פונק פון האָפנונג, איך וועל זיך פּרוּוון אפשר וועט מיר גליקן. זיי רואיק און שטער מיר נישט.

אַזוי זאָגנדיק האָט ער גענומען אַ פען און פאַפּיר און אַזוי אויפגעשריבן:

—ברודער מיינער! מיט ציטערדיקע הענט פון אומגליק און עלטער שרייב איך דיר די דאָזיקע ווערטער: מיין לייבלעפער ברודער, אין נאָמען פון אונזער מוטער און אין נאָמען פון אונזער ערלעכן פאָטער, וואָס האָט נישט געוואוסט פון קיין שנאה, באַשווער איך דיך זאָלסט טאָן מיין בקשה—מיין לעצטע בקשה! די ווערטער מיינע וועלן זיין די לעצטע, וואָרום מיין

סוף דערגרענטערט זיך. נאָך אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום וועסטו זיך שוין נישט שעמען מיט דיין ברודער, וואָס איז אין דיינע אויגן געווען ווי אַן אפיקורוס. ברודער מיינער. געדענק, אַז איך האָב פון דיר קיינמאָל גאָרנישט געבעטן הער זשע צו מיינע איצטיקע ווערטער.

שטעל דיר פאָר: אַ זקן אָן כּחות, עלנט און אין נויט, וואָס גרייט זיך צו שטאַרבן בעט פון דיר און טו זיין בקשה. איך שטאַרב אָן קינדער, מיינע קינדער זענען אומגעקומען אין זייער יוגנט און איך האָב מיר דערצויגן אַ זון. אַ כּשרע ריינע נשמה און פול מיט וויסן און פאַרשטאַנד. כ'האָב מיט אים גע-לערנט און געהאָפט אויף גוטס. געהאָפט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג און ער וועט שיינען און באַלויכטן זיין פאָלק, ער וועט פאַר אַ סך זיין אַ ביישפיל מיט זיין ליבע צו זיין פאָלק און— געקומען איז שלעכטס! ווי געשריגן! דער דאָזיקער טייערער בריליאַנט איז אַריינגעפאַלן אין אכזריותדיקע הענט, וואָס האַנ-דלען מיט לעבעדיקע מענטשן; און אַלע מיינע האָפנונגען זע-נען פאַרשניטן געוואָרן. ברודער מיינער, ראַטעווע אים! ראַטע-ווע אים פון זייערע הענט און קער צוריק צו אונזער פאָלק דעם דאָזיקן דימענט, וואָס וועט דאָס פאָלק באַשיינען. ב־ודער, טו דאָס מיר צוליב, אים צוליב און דיין פאָלק צוליב. העלף מיר איך זאָל קאָנען שטאַרבן רואיק, נאָך וואָס זאָל איך פאַר-לאָזן די וועלט מיט אַ ביטער האַרץ און קריצן מיט די ציין שטייענדיק ביים קבר? איך וויל פאַרלאָזן די וועלט מיט אַ האַרץ פול מיט ליבע און מחילה... אויב דו וועסט מיר נישט העלפן, אויב דו וועסט נישט זעען אַרויסצוראַטעווען דעם דאָזיקן גע-פאַנגענעם, וועל איך שעלטן דאָס לעבן פלוכן אלע געבליבענע אויף דער וועלט און מיינע לעצטע ווערטער וועלן זיין פלוך און קללה. איך האָב דיר געוואָלט נאָך אַ סך שרייבן, כ'האָב געוואָלט נאָך אַ סך רעדן צו מיין ברודער צו ווען איך האָב שוין פערצען יאָר נישט גערעדט. מיינע כּחות אָבער פאַרלאָזן מיך. דאָס בחורל וועט דיר ברענגען מיין בריוו און וועט מיר ברענגען דיין ענטפער—זיי געזונט און לעב צופרידן אויף דער

יועלט וועלכע דיין ברודער פאַרלאָזט!

די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געשריבן, איז זיין פּנים אַלע רגע פאַרענדערט געוואָרן, און אַז ער האָט געענדיקט שרייבן איז ער געפאַלן אויף זיין געלעגער און פאַרמאַכט די אויגן. די פעדער האָט ער שטאַרק געדריקט צווישן די פינגער.

—ער איז געשטאָרבן—האָב איך אַ טראַכט געטאָן און בין געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט. דערנאָך האָב איך זיך דער-מאָנט, אַז איך דאַרף גיין רופן מענטשן, איך האָב זיך אויסגע-דרייט און געוואָלט אַרויסגיין נאָר דאָ האָט ער געעפנט די אויגן, זיך אומגעקוקט און אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנט צום צייכן אַז ער רופט מיך. איך בין צו אים צוגעגאַנגען און זיך אַראָפּגעבויגן צו הערן, וואָס ער זאָגט און ער האָט מיר געזאָגט מיט זייער אַ שוואַך קול:

—גיי גיך צו מיין ברודער און גיב אים איבער מיין בריוו.

—כ׳וועל פריער גיין רופן מענטשן זיי זאָלן אייך העלפן.

—פריער גיי און גיב איבער דעם בריוו, דערנאָך וועסטו אַהער קומען און אַז דו וועסט מיך נאָך טרעפן אַ לעבעדיקן, וועל איך דיר זאָגן מיין פאַרלאַנג. גיי גיכער, זיי וועלן אים נאָך קאָנען ראַטעווען אויב זיי וועלן נאָר וועלן.

מיט געשטרויכלטע קניען בין איך אַרויס פון שטוב און האָב זיך געוואַקלט גייענדיק ווי אַ שכּור. אַזוי בין איך געגאַנ-גען אין דער פינצטער—ס׳איז געווען אַ פינצטערע פאַרוואָלקנטע נאַכט—ביז איך בין געקומען צום הויז פון זקן. כ׳האָב אָנגע-קלאַפּט און קיינער האָט נישט געענטפערט. כ׳האָב שטאַרקער אָנגעקלאַפּט און געהערט אַ שטים פון אינעווייניק: אָט גיי איך! אָט גיי איך! דערנאָך האָט אַן אַלטע יידענע געעפנט די טיר אין געהאַלטן אַ ליכט אין האַנט. אַז זי האָט מיך דערזעען, האָט זי זיך איבערגעשראָקן, האָט זיך אָפּגערוקט און געוואָלט צוריק פאַרמאַכן די טיר, אָבער איך האָב אויסגערופן:

—איר דערקענט מיך נישט, צי וואָס?

—ווער ביזטו?—האָט זי צוגעטראָגן דאָס ליכט צו מיר—

יוסף! איך האָב דיך נישט דערקענט וואָרום דיין פּנים און דיין קול זענען פאַרענדערט געוואָרן און איך זע נישט אַזוי גוט, אָבער וואָס טוסטו דו אַזוי שפּעט?

—לאָזט מיך אַריין, וועל איך מיך אַ ביסל אָפּרוען, איך בין שטאַרק מיד.

—אַדרבה, קום אריין, רו זיך אָפּ, קאָנסט אפילו נעכטיקן דאָ, קיינער איז דאָ נישטאָ אַ חוץ מיין זון.

—און וואו איז דער אַלטער? און וואו איז דאָס מיידל?

—דאָס מיידל איז שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן מיט איר מו-טער, וואָס איז דאָ געווען און דער אַלטער—איז אויך אַוועק-געפאָרן און וועט נישט קומען ביז שבת.

דער ענטפער האָט מיך געטראָפן ווי אַ קויל אין האַרצן און נישט זאָגנדיק גאָרנישט האָב איך זיך געלאָזט לויפן צוריק צו ידידיהן, נישט מאַכנדיק זיך וויסן אויף דער אַלטערס רייד, וואָס זי האָט מיר נאָכגעשריגן:

—וואו לויפסטו? וואו וועסטו גיין ביינאַכט? נישט אַנדערש אַז ער איז אַנטלאָפן פון שפּיטאָל און איז נאָך משוגע.

אַז איך בין אַריין צו ידידיהן אין שטוב איז מיך אַ שרעק באַפאַלן: אין שטוב איז געווען פינצטער און קיין מענטש-לעך קול האָט מען נישט געהערט.

אומזיסט האָב איך געקלאַפּט אין די טירן פון ידידיהס שכנים, אומזיסט האָב איך געשריגן מיט אַלע כּחות: ראַטעוועט! קיינער האָט מיך נישט געהערט. אַלע זענען געשלאָפן און נישט געוואוסט אַז נישט ווייט פון זיי שטאַרבט אַ מענטש. אַ צייט בין איך געשטאַנען און נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. ביז איך האָב זיך דערמאַנט אָן חברה קדישה שמש יחיאל, בין איך גיך אַוועק און אים אויפגעוועקט און ער איז געגאַנגען מיט מיר.

ביז אינדערפרי זענען מיר געזעסן און געשמועסט. ער האָט מיר דערציילט פון ידידיהס פאָטער, און פון ידידיהן וואָס איז געווען זייער רייך און זייער געשעצט אין זיין יוגנט און האָט זייער אַ סך גוטס געטאָן פאַר די אָרעמע. שטיל און רואיק האָט מען דעם מת מקבר געווען, קיינער האָט אים נישט מספּיד

געווען, אפילו דער מגיד זכריה, וואָס האָט אין דער יוגנט גע־לערנט ביי אים און ביי אים געגעסן, אויך ער האָט זיך נישט אונטערגעשטעלט צו מאַכן אים אַ הספד. און קיינער האָט זיך נישט אויסגעשריגן אויף דעם בדכן כלב, וואָס האָט דערביי געזאָגט: „זה כפרתי זה חליפתי".

מיט אַ צעבראָכן האַרץ בין איך צוריקגעקומען אין ישיבה און בין אַ גאַנצן טאָג געזעסן אַ פאַרצוקטער און האָב אפילו פאַרגעסן צו עסן. כ'האָב כסדר געטראַכט וועגן גדעונען און דעם זקן, וועלכן איך האָב נאָר איין טאָג געזען, פונדעסט־וועגן בין איך צו אים צוגעבונדן געוואָרן, און דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן זעענדיק, אַז נאָר איך איינער וויין נאָכן מת און טרויער נאָכן געפאַנגענעם—מער פילט מיר קיינער נישט מיט.

אויך צומאָרגנס בין איך געבליבן זער טרויריק. כ'האָב מיך אָבער געשטאַרקט און זיך געזעצט לערנען, מיינענדיק אַז דאָס וועט מיך טרייסטן, אָבער איך האָב נישט פאַרשטאַנען דאָס וואָס איך האָב געזען מיט די אויגן. מיין האַרץ איז געווען צעריסן אויף שטיקער. קעגן מיר זענען געזעסן צוויי בחורים און געשמועסט צווישן זיך, איך אָבער האָב זיך נישט איינגע־הערט צו זייערע רייד. נאָר ווען איך האָב דערהערט ווי איי־נער דערמאַנט דעם נאָמען גדעון, האָב איך זיך גענומען איינ־הערן און דאָס גאַנצע בלוט האָט אין מיר אויפגעקאָכט הערב־דיק ווי איינער פאַרן צווייטן דאַנקט גאָט פאַר דעם וואָס ער האָט זיך אין איין וואָך נוקם געווען אָן ביידע פושעים: איצט וועט מען זיך אַרויסנעמען אַ מוסר נישט צו גיין אין שלעכטן וועג—דערביי האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר און געוואַרט צו הערן פון מיר אַן ענטפער. איך האָב זיך אָבער איינגעהאַלטן און געשוויגן. ער ווידער זעענדיק, אַז איך ענטפער גאָרנישט, האָט ער זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט:

—דאָס איז אַ גאָט־זאַך! גאָט האָט זיך נוקם געווען אָן די רשעים און דו נעם זיך אַראָפּ אַ מוסר און זאָלסט נישט גיין אין זייערע וועגן.

דער בחור, וואָס האָט זיך מיט מיר געוואָלט חברן האָט זיך אָנגערופן צו יענעם:

—אָבער געדענק דער אַלטער איז דאָך שוין אַ שוכן עפר און מען טאָר נישט רעדן אויף אַ מת. וואָרום ווער ווייסט: אפשר האָט ער אויך גוטס געטאָן.

—ווער ווייסט? — האָט דער ערשטער געענטפערט מיט שפּאָט—גאָט ווייסט, דערפאַר האָט אים טאַקע גאָט באַצאָלט ווי אים קומט. אָבער נישט צו דיר רעד איך, איך רעד צו דעם פאַרפירטן ער זאָל זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר און צוריק קערן צום גוטן וועג.

—ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ מוסר-זאָגער?—האָב איך בייז זיך אָפּגערופן—און דו ביזט ריין פון יעדער זינד? זאָל יעדער זיך אַליין אין זינען האָבן איידער צו זאָגן מוסר אַנדערע.

ג

—וואָס? האָט דער בחור אויסגערופן מיט רויסקייט—צי קאָנסטו מיך באַשולדיקן? צי האָב איך זיך געלערנט ביי פושעים?

—איר אַלע זענט פושעים נישט גדעון. ער איז אַ צדיק און איר אַלע זענט רשעים, וואָס איר טראַכט אויף אים אויס בלבולים!—האָב איך אויסגעשריגן מיט כעס.

—ווי האָסטו אַ חעזה געטראַכט צו מאַכן דעם גנב נאָכדעם ווי מען האָט ביי אים געפונען די גנבה? וואו דען האָט ער גענומען די גאָלדשטיקלעך? ער האָט זיי דאָך געגנבעט!—האָבן ביידע בחורים אויסגעשריגן מיט אַמאָל. הערנדיק זייער געשריי, האָבן זיך צונויפגעקליבן נאָך בחורים, וואָס האָבן זיי געטראַכט געגעבן. איך האָב שוין מער נישט געקאָנט איבערטראָגן, הערנדיק ווי מען באַשמוצט אַן אומשולדיקן מענטש און האָב זיך צעשריגן מיט גרויס כעס:

—שקר! ליגנערס זענט איר! ער האָט קיינמאָל נישט געגנבעט! די גאָלדשטיקלעך זענען מיינע! ביי מיר האָט ער זיי גענומען.

דאָ איז אויפגעשפּרונגען אַ בחור און אויסגערופן מיט כּרייד.

—איר האָט געהערט? ער איז גאָר דער גנב! ער האָט זיך אַליין מודה געווען, אַז ער האָט געגנבעט די גאָלדשטיקלעך. איר זענט אַלע עדות! זער גוט, מיר וועלן עס דערציילן דעם רבין, וועט ער אים מיט חרפה אַרויסטרייבן פון ישיבה, וואָרום אַ גנב האָט נישט קיין אָרט אין ישיבה!

—גערעכט! גערעכט!—האָבן אַלע געשריגן—ער איז אַ גנב! אַ גנב! און דער רבי האָט אים שוין לאַנג נישט ליב און איצט, אַז ער וועט הערן, אַז ער איז אַ גנב, וועט ער שוין גאָר קיין רחמנות נישט האָבן און וועט אים אַרויסטרייבן.

—איר אַליין זענט גנבים, געמיינע יינגען, פּושעים זענט איר אַלע און איך האָב נישט געגנבעט, דאָס געלט איז מיין און אויב אַפילו דער רבי האָט מיך נישט ליב, וועט ער אויך מודה זיין אַז די גאָלדשטיקלעך זענען מיינע, דאָס האָב איך זיי געבראַכט מיט מיר ווען איך בין אַהער אָנגעקומען, וואָרום אויך דעם רבין האָב איך פון זיי געגעבן—האָב איך זיך צע־שריגן מיט אַלע כּחות און דער קאָפּ האָט זיך מיר צעמישט פון גרויס צאָרן און איך האָב נישט פאַרשטאַנען, אַז איך שיט זיך אַליין הייסע קוילן אויפן קאָפּ.

די בחורים אויסהערנדיק מיינע רייד, האָבן איינער אויף דעם אַנדערן געקוקט מיט גרויס וואונדער, דערנאָך האָבן זיי אַלע אויסגערופן:

—ער טראַכט אויס בלבולים אויף אונזער רבין, ער זאָגט, אַז דער רבי איז מיט אים אַ שותף. לאָמיר אים דאָס דערציילן און זאָל ער וויסן, אַז דער גנב איז אים מבזה.

כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב דאָ אָנגעמאַכט, אָבער ס'איז געווען פאַרפאַלן, איך האָב שוין די ווערטער נישט געקאָנט צוריקכאַפּן.

די דאָזיקע עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט פון גרויס כּעס, האָבן מיר אָנגעמאַכט שרעקלעכע צרות. דעם זעלבן טאָג נאָך, איז צו מיר צוגעקומען דער משגיח און נישט רעדנדיק קיין איין וואָרט, האָט ער מיך אָנ־

געגומען פאַרן קאַרק און מיך אַרויסגעשטעלט אונטער דער טיר זאָגנדיק דערביי!

—אַזוי טוט מען מיט אַ יינג אַ לאָבוס, וואָס גנבעט און באַרעדט זיין רבין!

דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס האָט אים דער רבי געהייסן מיך אַרויסוואַרפן, וואָרום ער האָט מורא געהאַט אָפּצולייקענען מיינע ווערטער, טאָמער זאָג איך אים אין די אויגן אַריין, אַז ער האָט יאָ גענומען, דעריבער האָט ער גע-הייסן דעם משגיח, ער זאָל מיך אַרויסטרייבן. און דער משגיח האָט עס געטאָן מיט פרייד און אַזוי בין איך אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער ישיבה און נישט געקאָנט אַריין אין קיין אַנ-דער ישיבה—וואָרום אין איין רגע איז מיין זינד באַשטעטיקט געוואָרן פאַר דער גאַנצער שטאָט, אומזיסט האָב איך זיך גע-פּרוווט בעטן ביי אַנדערע ראש ישיבות אין שטאָט, קיינער האָט מיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן. איך האָב די נאַכט גענעכטיקט אין איינעם פון די בתי מדרשים און צומאָרגנס פאַרנאַכט זענען געקומען גוטע מענטשן און האָבן מיר געגעבן אַ וואוינונג און עסן נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מען האַלט מיך פאַר אַן אפּיקורוס.

יד.

אין תפיסה.

געשעען איז עס אַזוי: יענעם טאָג בין איך געזעסן אין חברה קדושה בית המדרש און מיט אַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר און עלבור מיט נאָך צוויי זענען אַריינגעקומען. אַז איך האָב דערזעען עלבורן, איז דאָס האַרץ פון מיר אַרויסגעשפּרונגען, ווי איך וואָלט דערזעען דעם מלאך המות. איך האָב זיך אָבער געשטאַרקט און בין געזעסן אויף מיין אָרט. ער האָט זיך אַ פּאר מינוט געשושקעט מיט די צוויי לייט און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען. ביינאַכט, ווען איך בין צוריקגעקומען פון וועטשערע, האָב איך געטראָפן דאָס בית המדרש פאַרשלאָסן און איך האָב נישט געקאָנט אַריינגיין, שטייענדיק אַזוי און קלערנדיק, וואָס צו טאָן, זענען צו מיר צוגעגאַנגען דריי מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין גאַס און איינער האָט צו מיר געזאָגט:

—גדעון האָט מיך געשיקט צו דיר, איך זאָל דיר זאָגן, אַז ער וויל דיך זעען.

—גדעון? גדעון האָט אַייך געשיקט נאָך מיר? מיטן גאַנצן האַרצן וועל איך גיין,—האָב איך אויסגערופן מיט פרייד און

האָב איין ווײַלע פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך אין תפיסה וואו עס זיצן די אַלע אומגליקלעכע, וואָס ווערן פאַרקויפט פאַר זעלנער.

—קום מיט אונז, וועלן מיר דיך אַהין פירן—האָבן זיי געענטפערט.

אָבער דאָ האָב איך זיך דערמאַנט, וואָס מען האָט גע־טאָן מיט גדעונען און פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל מיט מיר טאָן. האָב איך געוואָלט אַנטלויפען, נאָר זיי האָבן מיך גע־כאַפט און האָבן מיר געבונדן די הענט. כ'האָב געוואָלט מאַכן אַ געוואַלד—האָט איינער געכאַפט זיין פאָלע און מיר פאַר־שטאָפט דאָס מויל, האָבן זיי מיך געכאַפט אויף די הענט און מיך געטראָגן צו דער תפיסה. אַלע געדאַנקען האָבן זיך מיר צעמישט און איך האָב נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. שוין זיצנדיק אינעווייניק און זעענדיק אַ סך מענטשן אַרום מיר, אַ סך האָבן שרעקלעך געוויינט, אַנדערע האָבן ביטער גע־שוויגן און די איבעריקע זענען געזעסן און געשמועסט צווישן זיך, אויך דעמעלסט בין איך געזעסן ווי פאַרשטיינערט, כ'האָב נישט געוויינט, נישט געשריגן, ביז איך האָב דערהערט גדעונס קול. ער האָט מיט עמיצן גערעדט און איך בין צו זיך געקו־מען און צוגעלאָפן צו אים. און ווי איבעראַשט בין איך גע־וואָרן זעענדיק אַז זיין פנים שיינט ווי פריער. ער אָבער, אַז ער האָט מיך דערזעען, איז ער געוואָרן דערשטוינט און אויס־גערופן מיט ביטערניש:

—דו ביזט אויך דאָ?!

—אויך איך בין ווי דו אַריינגעפאַלן צו די רוצחים אין די הענט!—האָב איך אויסגעשריגן און אַ שטראָם טרערן האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון מיינע אויגן—ווײ, מיין סוף קומט! איך וועל שטאַרבן, איך וויל נישט מער לעבן. איך וועל נישט עסן, איך וועל הונגערן אַזוי לאַנג ביז די נשמה וועט מיר אויסגיין.

איך אַליין האָב זיך דערשראָקן פאַר מיינע ווערטער, וואָרום איך האָב זער מורא פאַרן טויט און איך בין שטיל גע־וואָרן. און ער, כאָטש מיין אומגליק האָט אים צעבראָכן, פונ־

דעסטוועגן האָט ער זיך נישט געאײַלט מיך צו טרייסטן, איז ער געבליבן זיצן נעבן מיר און אויך געשוויגן.

נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב קיין וואָרט נישט געהאַלטן. און אויך דאָ האָב איך גיך פאַרגעסן, דאָס וואָס איך האָב געזאָגט און צומאָרגנס—ווען איך בין הונגעריק געוואָרן, האָב איך זיך געזעצט צום עסן און זיך גוט אָנגעגעסן. אָבער נישט איך איינער בין אַזוי געווען, אַלע אומגליקלעכע האָבן זיך אין אָנפאַנג געריסן די האָר פון קאָפּ און ביטער געוויינט און געשריגן, אַז זיי ווילן בעסער שטאַרבן איידער לעבן, און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיי פאַרגעסן זייערע געשרייען און זענען געבליבן רואיק ווי אַלע מענטשן. אין תפיסה ווי אין שפּיטאָל, אין שפּיטאָל ווי אין ישיבה, געוויינט מען זיך צו צו אַלע צרות.

אַז איך בין דאָרט אָפּגעזעסן אַ פּאָר טעג—האָב איך זיך אויך צוגעוויינט און האָב אויפגעהערט זאָרגן. כאָטש אַלע גלי-דער האָבן אין מיר געציטערט דערמאַנענדיק זיך אין דעם בי-טערן טאָג, ווען איך וועל איבערגעגעבן ווערן פאַר אַ זעלנער. אויך גדעון האָט מיך געטרייסט, אויך ער האָט נישט געזאָרגט און האָט אַלץ רואיק איבערגעטראָגן. צייטנווייז האָב איך אין זיין פּנים דערקענט, אַז ער איז שטאַרק פאַרטראַכט אָבער איך האָב אים נישט געבעטן ער זאָל מיר דערציילן פון וואָס ער טראַכט.

אַז איך האָב זיך שוין געהאַט איינגעאַנצן באַרואיקט, האָב איך זיך דערמאַנט, אַז איך האָב אין קעשענע דעם בריוו, וואָס ידידיה האָט געשריבן צו זיין ברודער. האָב איך אַרויסגענומען דעם בריוו און אים איבערגעגעבן גדעונען, און איך האָב אים דערציילט, אַז דער אַלטער איז שוין אַ שוכן עפר. ער האָט ביי מיר גענומען דעם בריוו און אַז ער האָט אים גענומען לייענען האָבן זיך צוויי שטראָמען טרערן גענומען גיסן איבער זיינע באַקן.

אַז ער האָט געענדיקט לייענען, האָט ער זיך אָפּגעווישט די טרערן און מיך געבעטן, איך זאָל אים נאָך אַמאָל דערציילן

וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דעם זקן. צי ער איז גאָשטאָרבן רואיק. און האָט זיך זער געפרייט הערנדיק, אַז ער איז גע-שטאָרבן ביים גאַנצן שׂכל און אַז ער האָט מיך געטריבן איך זאָל גיין מיטן בריוו און האָט נישט מורא געהאַט פאַרן טויט מיט וועלכן ער האָט זיך שוין געראַנגלט.

—און ווי אַזוי איז מען זיך מיט אים באַגאַנגען ביי דער לויה? צי האָט מען אים נישט מבזה געווען?

—ניין. נאָר דער שמש איז זער בייז געווען, אַז איך האָב אים אויפגעוועקט אין מיטן דער נאַכט, אָבער אויך ער האָט נישט געהאַט די העזה צו רעדן שלעכטס אויף אים זיצנדיק ביים מת, וואָס האָט געשיינט ווי אַ געטלעכער מלאך און נאָר דער לץ, דער בדכן כלב, האָט זיך געפּרוווט אָפּשפּעטן אָבער ווער קוקט זיך אום אויף אַזאַ גאָרנישט?

—צי האָט ער דערמאַנט דנען?

—ניין. וואָרום ער האָט נאָר דיך אין זינען געהאַט, זינט ער האָט געהערט פון מיר, אַז דו ביזט אַריינגעפאַלן צו די געמיינע אויסוואורפן און נאָך דעם האָט ער נאָר אַ פּאָר שעה געלעבט און ווען ער איז געשטאָרבן—בין איך דערביי נישט געווען. אָבער גוט וואָס דו האָסט מיך דערמאַנט: וואו איז דער בריוו, וואָס דן האָט געשריבן צו דיר און ידידיהן? וואו איז ער ביי ידידיהן אין שטוב צי ביי דיר? און זיין ביאָגראַפיע וואו איז?

—דער בריוו איז ביי מיר און זיין ביאָגראַפיע ביי מאיר זרחי.

—איך האָב מיך שוין דערמאַנט, וואו איך האָב געהערט דעם נאָמען מאיר זרחי. דאָס איז געווען אין אַ קרעטשמע, דאָרט זענען געווען אַ באַנדע חסידים, האָבן זיי איינער דעם אַנדערן דערציילט די מופתים יעדער פון זיין צדיק און איינער האָט דערמאַנט דעם נאָמען מאיר זרחי, דערציילנדיק אַז ער האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם צדיק און אים נישט געוואָלט פאָלגן און זיינע משרתים האָבן אים שטאַרק צעשלאָגן. צו-מאָרגנס זענען אַהין אין קרעטשמע געקומען זעלנער און דעם

וואָס האָט דאָס דערציילט האָבן זיי אַוועקגעפירט אין תפיסה. אָבער איך ווייס נישט ביז אַהער צי דאָס איז דער זעלבער מאיר זרחי אָדער ער איז אַן אַנדערער.

—דאָס איז טאַקע ער וואָס האָט געפירט אַ מלחמה מיט דער שלעכטער באַנדע און איז קוים אַרויס גאַנץ מיטן לעבן. אָט האָסטו דנס בריוו, דאָרט ווערסטו זען, אַז ער האָט אויך די זעלבע צרה ווי מיר, ער איז אויך אַריינגעפאַלן צו די אויסוואורפן און דאָס, וואָס מיך מיט דיר האָט געטראָפן, האָט אים געטראָפן אין אַשדות.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און גענומען ליינען. די איבעריקע געפאַנגענע, כאָטש זיי האָבן ס׳מערסט געשפעט און געלאַכט און איינער האָט דעם אַנדערן אָפּגעטאָן פאַרשידענע שטיקלעך, האָבן אונז נישט געשטערט, ווייל אַלע האָבן שטאַרק דרך ארץ געהאַט פאַר גדעונען, וואָס האָט גערעדט מיט אַלעמען קלוג און פאַרשטענדלעך און ער האָט געווינען די הערצער אויך פון די ווילדע יונגען. די פּראָסטע יונגען זענען טאַקע געווען דער רוב—וואָרום געכאַפּט האָט מען נישט בלויז אפּיקורסים און כופרים—אַזעלכע וואָס האָבן שבת געטראָגן אַ טאַשנטיכל, אָדער האָבן זיך אונטערגעשניטן די פּאות, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס זענען נישט געווען שטאַרק זינדיק—וואָס זענען נאָר צוגעשטאַנען צו אַ חברה גנבים אָדער רוצחים, אָדער האָבן זיך געוואָלט שמדן,—האָט מען אויך געכאַפּט. די דאָזיקע—די לעצטע—האָבן ס׳מערסט געקלאָגט און געוויינט די ערשטע טעג, דערנאָך האָבן זיי זיך געטרייסט און זענען באַשטאַנען צו נעמען אַ ביסל געלט פון די כאַפּערס, כדי זיי זאָלן זאָגן אַז מיטן גוטן ווילן האָבן זיי זיך פאַרקויפט, און פאַר דעם געלט פלעגן זיי הוליען און שכורן און אָפּטאָן איינער דעם אַנדערן מיאוסע שטיקלעך. אָבער גדעונען האָבן זיי געשוינט און אים געשעצט. דעריבער האָבן זיי אונז נישט געשטערט ווען מיר האָבן זיך געזעצט ביים אויוון צו ליינען דעם בריוו.

טו.

געדאנקען פון אן אומגליקלעכן.

צו אייך ידידיה מיין לערער שרייב איך און דערצייל אויס מיין הארץ.

איך שרייב מיטן בלוט פון מיין הארצן, ווארום פון זינט איך בין געבוירן געווארן, ווייס איך נאר פון צרות און פיין. אומעטום וואו איך גיי און שטיי, יאגט עס מיך און טרייבט מיך אן אויפהער און אן רחמנות. איך וועל נישט גלאט רעדן און שרייבן, איך וועל אייך נאר איבערגעבן דאס, וואס ס'האט מיט מיר פאסירט פאר דער צייט וואס איך האב אייך פארלאזט ביז איצט, ווען איך זע שוין נישט קיין מענטשן פאר די אויגן און דאס לעבן איז שוין נישט מיין.

דאס אלץ וואס איך שרייב דא, האב איך געשריבן אלע פרימארגן ווי א טאגבוך. דאס אויפגעשריבענע וועט בלייבן לעבן נאכדעם ווי איך וועל שוין נישט זיין אויף דער וועלט. דאס איז די ירושה, וואס איך וועל לאזן נאך מיר, און אפשר בין איך שוין אוועקגעגאנגען פון דער וועלט, ווען איר וועט דעם בריוו האבן פאר די אויגן—פאר אייך און פאר גדעונען

האָב איך דאָס אויפגעשריבן און איצט קומט מיין סוף. דאָס איז דאָס לעצטע זייטל, וואָס איך שרייב איצט און איר וועט עס ליינען דאָס ערשטע — מער וועל איך נישט קאָנען שרייבן, וואָרום אַלע מיינע חושים וועפּן אויס. די געדאַנקען פאַרלאָזן מיך. איך גלייב שוין נישט אין לעבן און גרייט זיך צום שטאַרבן...

פיר טאָג אין חודש... יאָר...

איך האָב פאַרלאָזט שכולה. דאָס איז די איינציקע שטאָט, וואָס דערוועקט אין מיר גוטע זכרונות, וואָרום אין דער שטאָט האָב איך דערקענט אַייך מיין לערער און גדעונען. דאָס, וואָס האָט זיך געטאָן אין מיין האַרצן, האָב איך אויך פון אַייך פאַרבאָרגן. די נקמה האָט מיך מיט געוואַלד אַוועקגענומען פון אַייך, זי האָט מיר קיין רו נישט געגעבן. זי האָט פאַר מיר פאָרגעשטעלט דאָס געשטאַלט פון מיין שוועסטערס באַטריגער און באַפוילן: גיי און נעם פאַר איר נקמה אין דעם אויסוואורף! ער האָט זי דערנידעריקט, האָט זי אומגליקלעך געמאַכט און אין דער ערד אַריין געטריבן! — איך האָב געפאָלגט און בין געגאַנגען.

אַז איך בין אַרויס פון שטאָט האָב איך זיך באַשלאָסן צו גיין קיין מאפליה און כדי מען זאָל מיך נישט דערקענען, האָב איך זיך געזוכט אַן אָרט ביי אַ חזן צו ווערן אַ משורר. אין בית המדרש אַריין האָב איך נישט געוואָלט און נישט געקאָנט גיין, וואָרום דאָס לערנען איז מיר נישט געקראָכן אין קאָפּ — און אויסער די צוויי מיטלען האָב איך נישט געהאַט קיין מיטל צום לעבן. אויפן וועג האָב איך זיך אָנגעטראָפן מיט אַ בחורל פון אַ יאָר פערצען, זער אַ שיינער און אַ קלוגער, וואָס האָט אויך געוואָלט אָנקומען צו אַ חזן און מיר האָבן זיך שטאַרק באַפריינדעט. אויך דעם בחורל האָט דאָס בייזע מזל פאַרפאָלגט. אויך אין זיין פאָטערס הויז זענען פאָרגעקומען שרעקלעכע מוראדיקע געשעענישן, וואָס האָט דאָס הויז אומגעבראַכט, אָבער ער איז רואיק און ווייסט נישט פון בייז, וואָרום ער האָט דאָס אַלץ נישט צוגעקוקט מיט זיינע אויגן. דאָס איז

פֿאַרגעקומען ווען ער איז נאָך גאָר אַ קינד געווען.

דאָס דאָזיקע בחורל איז דער זון פֿון יוסף פֿון דער שטאָט מדמנה, דער יוסף וואָס איז דורך זיין אייגענעם ברודער אומגעקומען און געגאַנגען פֿון דער וועלט. איך האָב אים דער־ציילט פֿון דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיין פֿאָטער. ער האָט ביטער געוויינט, נאָר קיין נקמה-געפֿילן האָב איך אין אים נישט באַמערקט.

צוזאַמען האָבן מיר געוואַנדערט מיט אַ חזן אַ געמיינעם יינג און פֿאַר דער גאַנצער צייט האָב איך אַלץ געזען רויבע־ריי און אומרעכט, נאָר פֿאַלשקייט און באַטריג. רויבער זינגען און פֿרייען זיך און אַלע תנפֿענען זיי, באַרויבטע שרייען פֿון פּיין און וויטאָק און זיי זענען ערנידעריקט און באַליידיקט און יעדער איז זיי נאָך מבזה. אומעטום האָב איך געזען די פֿאַלש־קייט, זי גייט אַרום מיט אַן אויפֿגעהויבענער שטאָלצן קאָפּ, קומט אין גאָטס הויז—און מען שטעלט זיך אויף פֿאַר איר, קומט אין בית דין שטוב—און מען בוקט זיך צו איר, זיצט צוזאַמען מיט חכמים און מען הערט זיך צו צו אירע רייד. זי שלעפּט אַרויס די שווערד פֿון די הערצער פֿון מענטשן וועלכע זי הרגעט און פֿון בלוט שפּריצט זי אויף גאָטס מזבח און איר קרבן איז ביי אַ סך מענטשן אָנגעלייגט. זי וואַשט זיך די הענט איידער זי זעצט זיך עסן אָרימעלייט, זי מאַכט אַ ברכה איבער אַ בעכער פֿול מיט טרערן פֿון באַרויבטע און אַלע ענטפֿערן אָמן! אַז זי גייט אַרויס אין גאַס, טוישט זי אַלע ווילע די מלבושים וואָס זי האָט אַוועקגעגנבעט פֿון נאַאיוויטעט, יושר, גערעכטיקייט, גאָטספֿאַרכטיקייט און חכמה, און די לעצטע באַ־האַלטן זיך, וואָרום זיי זענען נאַקעט...

דעם אויסוואורף וואָס איך זוך, האָב איך געפֿונען אין דער שטאָט און ער איז דאָרט דער גאַנצער ראש הקהל, באַ־צווינגט רעכטפֿאַרטיקע און באַרויבט אומגליקלעכע. די לאַנגע קייט פֿון זיינע זינד, וואָס ער האָט אָנגעהויבן פּלעכטן אין מיין שטאָט ביי אונז אין הויז—פּלעכט ער ווייטער. אַלע רגע קומט צו אַ רינג אין דער קייט. ווער ווייסט ווען עס וועט נעמען אַ

סוף צו זיין אַרבעט. ווען וועט ער די לעצטע רינג אָפּגעבן פון זיין האַנט? איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אַ סוף מאַכן צו זיין אַרבעט, אָבער עס איז מיר נישט געלינגען. איך וואַרט, איך האָף! אַזוי איז שוין דער גורל פון אַלע שוואַכע וואָס קאָנען זיך נישט העלפן—זיי האָפן.

מנשה דער באַטריגער פון מיין שוועסטער זיצט זיך איצט אין רואיקע חדרים און פירט אָן מיט אַ גרויסער עדה יידן און טוט מיט זיי וואָס ער וויל. אויך די טאָכטער פון אבינדב איז דורך אים געפאַלן אַ קרבן, אויך איר ערע האָט ער גערויבט ווי די ערע פון מיין שוועסטער, מיין שוועסטערס כבוד האָט ער צוגענומען מיט גוטע ריידלעך און די אומגליקלעכע האָט ער באַשפּעט און באַשענדעט מיט גרויס חוצפה. דער גורל פון אבינדב און זיין הויזגעזינט, איז דאָך אייך באַקענט און וואָס עס האָט איצט געטראָפן מיט זיין טאָכטער, וועט איר זיך דער-וויסן פון מענטשן, וואָס וועלן דערציילן די צדקות פון מאפּליהער ראש הקהל, וואָס האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די זינדיקע... איך לאָז זיך איצט קיין אַשדות, וואָרום פון דער אומגליקלעכער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איר מאַן געפינט זיך דאָרט. איך וועל אים אויפזוכן און צוזאַמען וועלן מיר זיך נוקם זיין אָן דעם משחית.

דעם בחור יוסף האָב איך איבערגערעדט ער זאָל אַוועק צו אייך אין שטאָט און איך בין זיכער, אַז איר וועט אים מקרב זיין. ער וועט אייך אויך דערציילן פון דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אבינדבס טאָכטער. איך האָב אים נישט דער-ציילט אַז ביי אייך אין שטאָט וואוינט דער איידעם פון אחירע זיין פעטער, כדי ער זאָל נישט מורא האָבן צו קומען אַהין, אויך איר זאָלט עס אים נישט אויסזאָגן.

—אחירעס איידעם?—האָב איך אויסגערופן מיט וואונדער—ווער איז עס זיין איידעם?

—איך קאָן עס דיר נישט זאָגן, ווייל מיין חבר דן הייסט נישט.

—איצט איז מיר אַלץ איינס, איך וועל סיי ווי מער נישט זעען די שטאָט.

—ווער ווייסט? כל זמן מיר לעבן דאַרפן מיר זיך נישט מיאש זיין.—האָט ער מיר געענטפערט און גענומען ווייטער ליינען.

דינסטאָג חודש...

איך בין אָנגעקומען קיין עזובה און בין אַריינגעקומען צו אחירען אין שטוב. דאָס בלוט, וואָס האָט זיך אין מיר צעקאָכט איבערטרעטנדיק די שוועל פון דער שטוב, האָט זיך צורוק אין מיר באַרואיקט ווען איך האָב אים דערזעען: ער ליידט זער פיל. ער איז משוגע געוואָרן פון גרויס פיין, וואָס זיין געוויסן האָט אים געפייניקט! ווען איך בין געזעסן מיט דער ארירה—זיין ווייב—אין איר צימער, האָט זיך פון צווייטן צימער דערהערט אַ שרעקלעך ביטער געשריי: יוסף! דערבאַרם זיך אויף מיר, פייניק מיך נישט, שפּריץ נישט אויף מיין פּנים מיט דיין בלוט, אַלע מלבושים מיינע זענען אויסגעשמירט פון דיין בלוט. טייכן בלוט רינען פון מיין פּנים און האָר, וואו האָסטו גענומען אַזוי פיל בלוט? טייכן בלוט! פון הונגער גייט זי אויס, די אומגליקלעכע אסתּר. נאָ דיר ברויט. ווילסט נישט, ס׳איז געראָבט ברויט. ווי ווי, ברויט און בלוט. שדים זענט איר אַלע. אַלע שרייט איר קין! קין!—אַז ער האָט געשריגן קין, האָט ער עס געשריגן מיט אַזאַ דין קול, ווי ער וואָלט אַרויסגעשריגן פון דער ערד און באַלד האָט ער זיך שטאַרק צעשריגן:—כ׳וועל נישט גיין! כ׳וועל נישט גיין מיט אייך! אוי דו ארירה, דו ארירה! זי איז שולדיק אין דעם אַלעם!

איך האָב עס געהערט און אַלץ פאַרשטאַנען און געקוקט אויף איר, נאָר זי—ס׳האָט זי נישט גערירט, איר האַרץ איז ווי שטיין און זי האָט אַ קופּערנעם שטערן און האָט זיך גאָר נישט ווינסדיק געמאַכט.

עס האָט אין מיר אויפגעקאָכט דער צאָרן אויף דער אומווירדיקער פרוי, האָב איך מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט זי פּייניקן און איך האָב זי געפרעגט:

—ווער רעדט עס דאָרט אונטער דער וואַנט?

זי האָט אויף מיר געגעבן אַ שאַרפן קוק און געזאָגט:

—דאָס איז איינער פון מיינע באַקאַנטע, ער איז קראַנק און רעדט משוגהדיקע רייד, דאָס פיבער ברענט אין אים.

צי איז ער משוגע געוואָרן פון די פיל זינד, וואָס ער האָט געטאָן און ס'איז פאַראַן אַ פאַרבאָרגענער שופט וואָס באַצאָלט יעדערן ווי אים קומט?—אָדער פון גרויס צרות, וואָס זענען אויף אים געקומען דורך אַזעלכע וואָס זענען נאָך ערגער פון אים?—ווער ווייסט עס?

אַשדות יום ה לחודש...

אַ שרעקלעכע היץ איז אין שטאָט. די ערד און דאָס זאַמד ברית ווי קוילן. די הימלען זענען ווי פלאַמען.

איינס אַ זייגער בין איך היינט אַרויס צו מיין אַרבעט און די זון האָט מיר שטאַרק אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. אַן אָרימע יידענע האָט צו מיר אויסגעשטרעקט די האַנט און געבעטן אַ נדבה.

—ווי האָט איר כח אַרומצוגיין אין גאַס אין אַזאַ היץ?— האָב איך זי געפרעגט.

—איך בין נאָך געפרוירן פון ווינטער און די היץ פּייניקט מיך נישט אַזוי ווי עס פּייניקן מיך מיינע דריי קינדער, וואָס זיצן אינדערהיים—האָט זי געענטפערט.

—מסתם האָבן אייך בייזע מענטשן אומגליקלעך געמאַכט.

—ניין. גאָט אַליין האָט אונז געשטראָפט, ער האָט אַראָפּגעשיקט אַ פייער אויף מיין הויז און מיין מאַן איז פאַרברענט געוואָרן.

—גאָט שיקט נישט קיין פייער, איך מיין אַז געמיינע לייט האָבן אייער הויז אונטערגעצונדן.

—חלילה צו טראַכטן שלעכטס אויף אַ מענטשן, איך האָב נאָך קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן, פאַר וואָס זשע זאָל אַ מענטש מיר שלעכטס טאָן? דאָס האָט גאָט אַראָפּגעשיקט אַ פייער. אַזוי האָט מיר אויך געזאָגט רבי צדקיאל, וואָרום, אַז די מזוזות זענען נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין, דעמעלסט קומט אַ פייער פון הימל און פאַרברענט די שטוב מיט די מענטשן

נאָר גאָטס חסדים זענען גרויס האָט ער מציל געווען מיך מיט מיינע קינדער.

—ווער איז דאָס דער רבי צדקיאל?

—ער וואוינט נעבן מיר, דאָס גרויסע הויז, וואָס דו זעסט—איז זיינס.

—פאַר וואָס העלפט ער אייך נישט אונטער, אַז ער איז אַזאַ פרומער ייד?

—ער איז זער אַ פרומער גאָטספאָרכטיקער ייד, ער דאַ-ווענט און פאַסט אין די תעניתים. נאָר מילא, דאָס איז שוין באַוואוסט: קיין בעל צדקה איז ער נישט.

—זעט איר דאָך שוין אַז ער איז אַ שלעכטער מענטש.

—פונדעסטוועגן אַלואי וואָלטן אַלע יידן אַזוי געווען.

—וואָלט איר דאָך געשטאָרבן פון הונגער.

—ווען מיר גייען אין זיינע וועגן, וואָלט אויף אונז דאָס אומגליק נישט געקומען.

איך האָב מער נישט געוואָלט רעדן מיט דער אָרימער יידענע. האָב איך איר געגעבן איר נדבה און זי איז אַוועק-געגאַנגען. נאָר אין כעס בין איך געווען אויף איר, וואָס זי גיט געדערלעכט דעם דאָזיקן צדקיאל און ווער ווייסט צי דאָס האָט נישט ער אַליין אונטערגעצונדן איר הויז, כדי ער זאָל קאָנען פאַרכאַפן אַ שטיקל פלאַץ מער פאַר זיין הויז.

אַזוי איז שוין די טבע פון יידן. זיי קוקן נישט אויף דעם, וואָס דער מענטש טוט, נאָר אויף דעם ווי יענער גלאָצט מיט די אויגן צום הימל און ער מעג שוין טאָן אַלדעסבייז— בלייבט ער אַ פרומער שיינער ייד.

יום ב לחודש

מיט אַ דערצערנט האַרץ בין איך געקומען צו חמורן אין הויז און זיך גענומען צו דער אַרבעט: צו לערנען מיט זיינע קינדער. דער עלטסטער בן איז געקומען פון די הינט מיט וועל-כע ער האָט זיך געשפּילט און אַוועקגעזעצט זיך אַ בייזער, וואָרום ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס איך האָב אים צוגענומען פון די הינט. דער דאָזיקער יינג איז פאַרגרעבט און האָט פיינט

בתכלית השנאה אי דאָכ לערנען אי דעם לערער. דער אַנדע־רער בן איז אַ פאַרשטענדיקער, אָבער ער האָט אויך ליב דאָס, וואָס דער עלטערער האָט ליב — די הינט. איך האָב געפּרוווט ווירקן אויפן עלטערן און פאַראינטערעסירן אים מיטן לערנען, נאָר ער האָט פון מיר געלאַכט. איך מיטן איז זייער פאָטער אַרייגעקומען און די יינגען זענען דערציטערט געוואָרן. ער האָט געביסן די אייבערשטע ליפּ פון כעס און געזאָגט צו מיר: נישט מיט רייד ווערסטו עפּעס אויסלערנען דעם דאָזיקן בן סורר, הייב אויף די האַנט, ווייז אים וואָס דו קענסט — דעמעלסט וועט ער הערן וואָס מען רעדט צו אים. דער לערער, וואָס האָט פריער מיט זיי געלערנט, האָט אים כסדר געשלאָגן און גע־פּאַטשט און ער האָט אים אויסגעלערנט.

— און וואו איז די חכמה, וואָס יענער לערער האָט אים אויסגעלערנט דורך קלעפּ? איך האָב אים געפונען אַ גראָבן יינג, וואָס ווייסט גאָר נישט.

— אַזוי זאָגן אַלע לערער, זיי ווילן צונישט מאַכן די פרי־ריקע לערער כדי זיך צו רימען, אַז דאָס גאַנצע קענטעניש האָבן די יינגלעך פון אים באַקומען.

— איר האָט אַ טעות. איך האָף גאַרנישט אַז מיר זאָל גע־לינגען אים עפּעס אויסצולערנען, ווי עס איז נישט געלינגען דעם פריערדיקן לערער און איך האָב נישט געזאָגט קיין ליגן, אַז דער יינג ווייסט גאָר נישט פון דעם, וואָס ער לערנט.

דער פאָטער איז רויט געוואָרן ווי בלוט און ער האָט גע־זאָגט מיט פאַרבאָרגענעם כעס:

— אויב אַזוי, איז צו וואָס זשע זאָל איך אומזיסט אַרויס־וואַרפן געלט, און פאַר וואָס ווילסטו געצאָלטס אַז דו ווייסט פריער, אַז עס וועט דיר נישט געלינגען אים עפּעס אויסצו־לערנען?

— אָבער איך פטר דאָך מיין צייט, און פון וואַנען וועל איך נעמען צו עסן? אָבער איך וויל אייך נישט אָפּנאַרן און איך זאָג אייך, אַז ער האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ.

ער איז שטאַרק אויפגעקאָכט געוואָרן און אויסגערופן:

—גענוג, גענוג צו באַליידיקן מיין קינד. ס׳ערשטע מאָל הער איך, אַז דערפאַר וואָס ער וויל נישט לערנען האָט ער אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ. ער וויל נישט לערנען, ווייל אַלע רייכע קינדער ווילן נישט.

—איר האָט עס נישט געהערט? ווייל אַלע לערער זאָגן שקר און איך וועל קיין פאַלשער נישט זיין.

—נו גוט! וועל איך מיר געפונען אַ לערער וואָס וועט מיר יאָ צוזאָגן אים אויסצולערנען.

—איר קאָנט געפונען אַ לערער וואָס וועט אייך צוזאָגן, אָבער קיינער קאָן עס נישט באַווייזן.

—וואָס איז? נאָר דו ביזט אַן אמתער מענטש און אַלע אַנדערע לערער זענען פאַלשע?

—דאָס ווייס איך נישט, איך ווייס נאָר וואָס איך זע. איך האָב געמיינט איך וועל טאָן אַלץ וואָס איך קאָן. און אויב אפילו איך וועל אים עפּעס אויסלערנען--וועט אויך זיין גענוג פאַר אים, ווארום זיין פאָטער האָט אַ סך געלט און פאַר געלט מאַכט מען אַלץ.

דער פאָטער איז שטאַרק בייז געוואָרן און איז אַרויס פון צימער. פון יענער זייט טיר—האָב איך געהערט—ווי ער שרייט און איז בייז אויף מיר. די בעל הביתטע האָט ווידער געהאַלטן מיט מיר זאָגנדיק, אַז איך אַרבעט מיט אַלע כחות, נישט ווי דער פריערדיקער לערער, וואָס האָט זיך גלאָט נאַריש געמאַכט. כ׳האָב געהערט ווי דער גאַנצער פאַרוואַלטער פון זיין מסחר—וואָס איז געווען אַ חסיד און האָט מיך פיינט געהאַט, האָט גערעדט קעגן מיר, און די אַלטע קעכין האָט מיך גע-לויבט, אַז איך האָב נישט אין זינען די דינסטן ווי דער פרי-ערדיקער לערער. די טאָכטער ווידער, וואָס האָט מיך פיינט געהאַט, ווייל איך האָב איר נישט געזאָגט קיין קאָמפּלימענטן ווי דער פריערדיקער לערער, וואָס האָט איר געזאָגט אַז זי איז זער שיין און זי האָט אים געגלייבט, כאָטש דער שפּיגל האָט באַוויזן, אַז ער זאָגט ליגן, האָט איצט אויך אויסגעלאָזט דעם גאַנצן כעס צו מיר און האָט מיר געהייסן אָפּזאָגן:

—דו זעסט דאָך—האָט זי געזאָגט צום פּאָטער—דו זעסט דאָך, אַז ער איז משוגע. אַלע, וואָס קענען אים ווען זאָגן, אַז ער איז משוגע, צו וואָס זשע דאַרפסטו האָבן אַ משוגענעם?

דער פּאָטער האָט געשוויגן, וואָרום ער איז שטענדיק געוואוינט געווען צו טאָן פּונקט פאַרקערט ווי מען האָט אים געצהט. ווען זיין טאָכטער וואָלט נישט געווען אַזוי קעגן מיר, וואָלט ער מיר מסתמא אָפּגעזאָגט כּדי צו טאָן פאַרקערט ווי דאָס ווייב האָט אים געעצהט, אָבער הערנדיק ווי זיין טאָכטער הייסט מיר אויך אָפּזאָגן, האָט ער דוקא געוואָלט טאָן פאַרקערט און אויסגעשריגן:

—נישט דו וועסט מיך לערנען וואָס צו טאָן! איך ווייס בעסער וועמען אָפּצוזאָגן און וועמען צו האַלטן.

—מיר איז אַלץ איינס. האַלט אים אָדער זאָג אים אָפּ דעם משוגענעם!

דער משוגענער! מילא, בין איך שוין ביי זיי משוגע אויך...

יום...

היינט האָב איך זיך זער געפרייט. איך געדענק נישט דעם טאָג איך זאָל זיך אין אים אַזוי פרייען. היינט איז אַנטדעקט געוואָרן די זינד פון אַ פרומאַק אַ צבועק. אַ מענטש וואָס האָט נאָר גאָט געהאַט אויף די ליפּן און אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע משכּילים און געפּייניקט יידישע יונגעלייט, ער איז היינט אַנטדעקט געוואָרן: דאָס איז דער קצב שמריה פון וועמענס פליייש עס האָבן געגעסן אַלע פרומאַקעס, ווייל מען האָט אים געהאַלטן פאַר זער אַ פרומען ייד. היינט איז באַקאַנט געוואָרן אַז שוין צען יאָר ווי ער פאַרקויפט טרפה און נבלה. אַ גרויסער המון מענטשן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט, מענער, ווייבער און קינדער, האָט מען אים אָנגעטאָן אַ טרפהנעם קאָפּ אויפן האַלז און געשלעפּט אַזוי איבער די גאַסן. אַלע האָבן אים באַוואָרפן מיט שטיינער און ערד און דערנאָך האָט מען אַרויסגעטראָגן אַ פּסק, אַז מער טאָר ער נישט פאַרקויפן קיין פליייש ביז ער וועט תשובה טאָן גאַנצע זעקס חדשים און וועט

פאַסטן און תפלה טאָן. זאָלן זיי זעען די פרומאַקעס און זיך שעמען, זאָלן זיי זעען אַז זיי האָבן זיך גענאַרט און די צדיקים און חסידים האָבן זיך אָנגעגעסן מיט טרפה.—אַזוי האָב איך זיך געטראַכט און פון גרויס שמחה בין איך אַוועק טרינקען אַ גלעזל וויין.

—זיי האָבן זיך נוקם געווען אָן פושע, אָבער נישט אויף אייביק איז זייער נקמה, אַזוי פירן זיך יידן—האָט צו מיר געזאָגט אַ מענטש, וואָס האָט צוזאַמען מיט מיר געטרונקען וויין.

—און פאַר וואָס האָבן זיי דאָס געטאָן? פאַר וואָס האָט מען זיך אָן אים נוקם געווען? צי צוליב פרומקייט? ניין! זיי זענען אים באַפאַלן ווי בייזע הינט כדי צו ערפילן זייער תאוה צו שלאָגן און בייסן ווי הינט. ווען זיי וואָלטן מורא געהאַט פאַר גאָט, וואָלטן זיי אים שוין קיינמאָל נישט געגלייבט און וואָלטן אים נישט אָנגערירט שלעכטס צו טאָן: וואָרום צי וועט דען דאָס פלייש, וואָס זיי האָבן שוין אויפגעגעסן ווערן כשר דורך די קלעפּ, וואָס זיי ווען אים שלאָגן? זיי האָבן אָבער נישט אַזוי געטאָן: וואָרום נאָר אויף זעקס חדשים האָט מען געאסרט צו קויפן ביי אים פלייש און דערנאָך וועט ער זיי ווייטער געבן טרפה צו עסן. און אַז מען וועט אים כאַפּן דערביי—וועט מען אים ווידער שלאָגן, וואָרום דאָס נאָר איז זייער באַגער. ווען מען דערוויסט זיך אין שטאָט אַז יונתן דער שרייבער, ווען מען האַלט פאַר אַן אפיקורוס, ווייל ער לייענט ספרים חצונים, און דערפאַר האָט מען צעבראָכן זיין פרנסה, ווען מען דערוויסט זיך אַז ער איז געוואָרנט פון יעדער טמאה און ער דאַווענט און בעט צו גאָט ווי איינער פון די גרעסטע צדיקים, צי וואָלט מען זיך געאַיילט אים צו טראָגן אויף די הענט איבער די גאַסן און שרייען: צדיק! ניין, דאָס וואָלט מען נישט געטאָן. אָבער אַז מען דערוואוסט זיך פון זינד פון אַ פרומאַק שלאָגט מען אים און מען הרגעט אים. איז עס אַ באַוויז, אַז מענטשן זענען שלעכט און נאָר שלאָגן און בייסן איז זייער שטרעבונג...

—איצט זע איך, אַז איך דו ביזט אַ גרויסער צדיק—האָט דער מענטש געענטפערט.

—אין וואָס באַשטייט זיין צדקות?—האָט אַן אַנדערער, וואָס איז געזעסן ביים טיש געפרעגט.

—וואָרום ער איז מקיים אַזאַ מצוה, וואָס קיין איינער פון די צדיקים איז נישט מקיים, דאָס איז די מצוה: „והיית משוגע ממראה עניך”—(זאָלסט זיין משוגע)—האָט ער אויסגערופן און זיך שטאַרק צעלאַכט, אויך דער צווייטער האָט זיך צעלאַכט און איך האָב געגעבן נאָך אַ גלעזל וויין און ווייטער געטרונקען...

היינט האָט מיין חבר שמעון זיך געקלאָגט פאַר מיר אין שענק, אַז ער פאַרשטייט נישט די וועלט, און איך האָב אים געלערנט אָט די תורה—וועלכע איך האָב קענען-געלערנט:

אַז דו רעדסט מיט דיין חבר, לויב אים ווי ווייט דו קאָנסט, דערצייל אים אויך אַז דיינע חברים האָבן אים גע-רימט און דו וועסט אים געפעלן. געדענק אויך זיך אַליין, לויב זיך אַליין און וועסט האָבן כבוד.

אַז דו ווילסט פאַררעכנט ווערן צווישן די חכמים און דו ביזט באמת אַ גראָבער יינג—האָב אין זינען צו רימען דעם חכם, ווען דו רעדסט מיט אים און ער וועט דיך מקרב זיין ווי אַ פריינט, פאַרשווייג דעם נאָמען פון חכם וועמען ער האָט פיינט און דו וועסט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ חכם.

אַז דו ווילסט ווערן אַן אָנגעזעענער באַגלייבטער מענטש—טו אַלץ וואָס דו קאָנסט אויף צו באַקומען געלט, צי דורך ער-לעכקייט צי דורך אומרעכט—דאָס איז נישט וויכטיק, אַז דו וועסט נאָר האָבן געלט ביזטו אַ פיינער אָנגעזעענער מענטש.

פון אמת זאָלסטו זיך דערווייטערן, פאַלשקייט און באַ-טריג—מיט דעם זאָלסטו זיך אַרומטראָגן דאָס גאַנצע לעבן, וועסטו גליקן און זיין אַ מענטש.

אויב אַ מענטש וועט דיך פרעגן צי דו האָסט געליינט דאָס און דאָס ספר—וועמענס נאָמען דו ווייסט אפילו נישט, ענטפער: יאָ. און אויב ער וועט דיך פרעגן וועגן דעם, וואָס דאָרט איז געשריבן—ענטפער, אַז פון האָבן צופיל מחשבות גע-

דענקסטו שוין נישט, און אַ סך ווען זיך וואונדערן אויף דיין גרויס חכמה.

צווישן חסידים זיי אַ חסיד און צווישן רשעים זיי אַ רשע, זאָלסט קיינעם נישט גלייבן אויפן וואָרט און נישט גלייבן יענעמס שבועה, וואָרום פאַלשקייט איז דער יסוד פון דער וועלט און די שיצונג פאַר מענטשן.

די חכמה האַלט פאַר אַ שוועסטער, די פרומקייט פאַר אַ מוטער און באַטרוג פאַר אַ געליבטע און וועסט זיין געבענטשט אויף דער וועלט.

אמת, צדק און יושר דאָס זענען ווערטער, וואָס זענען צופעליק געקומען אויף דער וועלט, דעריבער פאַרלאָז זיך נישט אויף זיי.

דער אָרימאַן האַלט יעדן מענטשן פאַר אַ רייכן, און די רשעים האַלטן די תמימים פאַר אנשי-אמת.

די ווייבער טויגן נישט צו מסחר, צו שרייבן ספרים און צו פאַרבערענגען מיט גרויסע לייט: ווייל רעדנדיק אַ סך כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס—נישט ווילנדיק—אַן אמת וואָרט פון זייער מויל—דעריבער זיי נישט ווי אַ יידענע.

אַזוי זאָלסטו זיך פירן און דו וועסט גליקן. אַנטלויף פון אמתע מענטשן, כדי דו זאָלסט נישט אַריינפאַלן, טו נישט קיין גוטס קיינעם כדי יענער זאָל דיר נישט אָפּצאָלן מיט שלעכטס, זאָלסט זיך נישט קריגן אָבן מיט קיינעם—נאָר שטעל אים אונטער אַ פיסל, ער זאָל עס נישט וויסן. מיט דיין מויל זאָלסטו פאַרבאָרגן דיינע מחשבות—זאָלסט רעדן נישט דאָס וואָס דו טראַכסט, דער שמייכל זאָל פאַרבאָרגן דאָס שלעכטקייט פון דיין האַרץ און דיין געלט זאָל ביי דיר זיין דער גאָט דיינער. אויב דו וועסט זיך אַזוי פירן וועסטו שטענדיק גליקן און אויב דו קאָנסט זיך אַזוי נישט פירן, הענג זיך בעסער אויף איידער זיין צווישן מענטשן.

אַ שרעק האָט אָנגעכאַפּט די וואָס האָבן מיינע רייד געהערט, וואָרום איך האָב געזאָגט אַן אמת.

נעכטן, אייערנעכטן און היינט האָב איך געטרונקען אַ סך

ווייַן. דער ווייַן האָט מיר אויסגעזען ווי אַ געטרייער חבר, וואָס טרייסט.

דאָס איז דער איינציקער אמתער פריינט.

דער וואָס איז שכּור איז ווי טויט—זאָגן מענטשן. און אויב דער טויט ברענגט אַזעלכע אָנגענעמע חלומות ווי דער ווייַן—איז מיר דער טויט אויך טייער.

אינדערפרי האָב איך איבערגעלעזן דאָס, וואָס איך האָב נעכטן אָנגעשריבן און דאָס האַרץ האָט מיר זער ווייַ געטאָן זעענדיק—אַז נאָר דאַן ווען איך הער אויף צו זיין אַ מענטש בין איך גליקלעך, נאָר דאַן ווען איך בין שכּור—ווייס איך נישט פון קיין ווייטאָג. דער ווייַן טייט אין מיר אָפּ אַלע מיינע חושים און איך ווייס נישט, אַז מיר איז שלעכט.

מיין חבר שמעון איז אומגליקלעך, וואָרום ער האָט מורא פאַרן טויט און וויל לעבן. איך בין אומגליקלעכער פאַר אים וואָרום איך שרעק מיך פאַרן טויט און האָב מורא פאַרן לעבן.

מיין חבר שמעון האָט זיך היינט געקלאָגט פאַר מיר, אַז ער האָט נישט גאָר נישט אין לעבן אַ חוץ זיינע מחשבות. אוי סאַר אַ נאַר ער איז! ער געפינט אַ טרייסט אין די טרויריקע מחשבות. איך וואָלט דאָך אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, אפילו דאָס לעבן וואָלט איך אָפּגעגעבן ווען איך וואָלט געקאָנט פּטור ווערן פון מיינע מחשבות... קאָן איך דאָס נישט ווענד איך זיך צום ווייַן.

שוין אַ גאַנצן חודש אַז איך טרינק און פאַרגעס מיינע ווייטאָגן. שלעכט זענען די מענטשן, זיי שפּעטן פון מיר, זיי ווילן אונטערברעכן מיין שטיקל פּרנסה, אַ שכּור בין איך אין זייערע אויגן. אוי רשעים, צי ווייסט איר נישט ווי ביטער מיר איז? אַ משוגענער בין איך אין אַייערע אויגן ווען איך שריי ביטער און אַז איך בין שכּור און פאַרגעס מיינע צרות וואונדערן זיי זיך. כ׳וועל טרינקען, טרינקען, טרינקען ביז עס וועט קומען דער טויט און מאַכן אַ סוף צו אַלע מיינע צרות.

דער ווײַן איז אַ פֿאַרעטער! ער האָט מיך פֿאַראַטן! איך האָב געמיינט, אַז איך האָב שוין איבערגעליטן אַלע צרות. אָבער ניין! דער צאַרניקער גאָט האָט נאָך מיט וואָס זיך נוקם צו זײַן. איצט האָט ער אין מיר די לעצטע קויל אַרײַנגעשאָסן! און פֿאַר וואָס? צי בין איך ערגער פֿון אַנדערע מענטשן? צי קומט עס מיר? ניין, ניין, ניין! ס׳איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט אויפֿן הימל ווי עס איז נישטאָ קיין יושר אויף דער ערד. איך האָב געטראַכט און געקלערט און געקומען צו דעם, אַז מײַן איינציקע זינד איז, וואָס איך האָב נ י ש ט געזינדיקט! מײַן זינד איז זער גרויס—וואָרום איך האָב קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן.

ווי אַ פֿייגעלע בין איך אַרײַנגעפֿאַלן אין נעץ, נאָך אַ ווײַלע און מען וועט מײַן פֿלייש אויפֿעסן. די רוצחים וועלן פֿאַר מיר נעמען אַ ביסל געלט און זיך פֿרייען מיט דעם. און צוליב דעם האָב איך געלעבט ביז אַהער? ווײ. אין איין פֿרײַנט האָב איך געגלייבט—אין ווײַן, און ער האָט מיך פֿאַראַטן. ווען איך האָב אים געטרונקען, און ער האָט מיך געטרייסט, האָט ער מיך פֿאַרקויפֿט צו אויסוואורפֿן—כ׳האָב מיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף אין וועלכן ער האָט מיך אײַנגעוויגט—האָב איך דערזען, אַז איך געפֿין זיך אין תּפֿיסה.

ביינאַכט האָט מען מיך אַהער געבראַכט כּדי צו פֿאַרקויפֿן מיך פֿאַר אַ זעלנער!

—וואָס האָב איך געזינדיקט?—האָב איך אויסגערופֿן מיט אַ ביטער קול זעענדיק אַז איך געפֿין זיך אין תּפֿיסה.

—ווײַל דו האָסט נישט קיין פּאַספּאָרט—האָט מיר דער וועכטער געענטפֿערט רואיק—און ס׳איז אַ געזעץ אַז די אַלע, וואָס האָבן נישט קיין פּאַספּאָרטן, זאָל מען שיקן פֿאַר זעלנער.

—זאָגסט ליגן! איך האָב אַ פּאַספּאָרט!—האָב איך געשריגן און אַרײַנגערוקט די האַנט אין קעשענע אַרײַן אַרויסצונעמען אים, אָבער אומזיסט—ער איז נישטאָ. אומזיסט איז געווען מײַן שרײַען, אומזיסט האָב איך געשאָלטן און געפּליכט די רוצחים— זיי האָט מײַן שרײַען נישט געאַרט.

—גיט אים אַ גלאָז וויין—האָט געזאָגט איינער פון די וועכטער און אַ צווייטער האָט מיר דערלאַנגט אַ פולן כוס. נאָר איך האָב אים אַ כאַפּ געטאָן און אים אַ שליידער געטאָן דעם וועכטער אין קאָפּ אַריין. האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט און מיר געבונדן די הענט. כ'האָב געשריגן, געטופּעט מיט די פיס, זיך געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט און זיי האָבן מיך אַריינגעשלעפּט אין אַן אַנדער צימער, האָבן מיר אָנגעטאָן קייטן, און איך בין מיד געוואָרן און די כחות האָבן מיך פאַרלאָזט.

דער טויט, דער טויט! ווער וועט מיר ברענגען דעם טויט? אויך די איינציקע טרייסט איז פון מיר פאַרבאָרגן. אויך מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן, קאָן איך נישט. ווי ווי, ס'איז מיר זער ביטער!

אַ גאַנצן טאָג בין איך געזעסן עלנט און איינזאַם און געהאָפט פון מינוט צו מינוט איך זאָל אַראָפּ פון זינען. אָבער צו מיין ווייטאָג—בין איך נישט משוגע געוואָרן. פאַרנאַכט איז צו מיר געקומען איינער אַ קריסט, האָט זיך איינגעקוקט אין מיר אַ ווײַלע און געזאָגט צו מיר רעדנדיק אויף דער לאַנד-שפּראַך: אויב דו וועסט מיר צוזאָגן, אַז וועסט מער נישט שלאָגן קיי-נעם, וועל איך הייסן אַראָפּנעמען די קייטן פון דיינע פיס.

—איך וויל זיך נעמען דאָס לעבן, קיין אַנדערן אָבער וויל איך נישט טשעפּען.

—און פאַר וואָס ווילסטו דעם טויט? ביזט דאָך נאָך ייִנג און קאָנסט נאָך וויסן פון אַ גוט לעבן.

—פון אַ גוט לעבן? פאַרשאָלטן זאָל ווערן דאָס לעבן. אַ גוט לעבן אין אַ ווייט לאַנד אונטערן שווערן יאָך פון אַ סך שרים. ווי, איך וויל שוין בעסער דעם טויט.

—דו האָסט דאָך אָבער אַ מעגלעכקייט זיך צו באַפרייען פון דאַנען און אויב דו וועסט וועלן וועל איך דיר דערביי צוהעלפן.

—וואָס לאַכט איר נאָך פון מיינע צרות?

—איך לאַך גאָרנישט און זאָג דיר נאָך אַמאָל: אויב דו ווילסט אַרויס פון דאַנען בין איך גרייט דיר צו העלפן.

—צי איז עס מעגלעך?
—הער אויס רואיק מיינע רייד. אויב אפילו זיי וועלן דיר נישט געפעלן, זאָלסטו זיך נישט אײַלן גאָרנישט צו זאָגן איידער ווערסט זיך גוט איבערלייגן. נעם דיר אין זינען אַז די קייטן אויף דיינע הענט קומען צו דיר דורך אויסוואורפן, דורך רשעים, וואָס לאַכן פון אַלע גערעכטיקייטן און טוען אָפּ אַלע געמיינע זאַכן פאַרן ביסל געלט. געדענק אַז די אויסוואורפן האָבן געבראַכט אויף דיר און אויף דיין פאָטערס הויז אַ גרויס אומגליק ווען דו ביזט נאָך אַ קינד געווען. די זעלבע האָבן דיך גערודפט ווען ביזט אויסגעוואַקסן, זיי האָבן אויך איצט גע-בראַכט אויף דיר די צרה, און די זעלבע וועלן דיך ווידער נישט אָפּלאָזן אויב דיר זאָל אפילו געלינגען אַרויסצוראַטעווען זיך איצט פון דעם אומגליק. און ווער זענען זיי די לייט? פון דיין פאָלק און פון דיין גלויבן! ווער האָט זיי געגעבן דעם כח זיי זאָלן דיך קאָנען אַזוי פייניקן אומזיסט און אומנישט?— נאָר אַייער רעליגיע! זי פאַרבינדט אײַך אין ברודערשאַפט און פון איר האָסטו אַלע צרות! דעריבער קום צו זיך ווער אַ מענטש, זאָג איין וואָרט און דיינע שטריק וועלן זיך צערייסן ווי איבערגעברענט פלאַקס. זאָג צו דיינע פאַרפאָלגער: איך בין נישט פון אַייער פאָלק—און דו ביזט פריי, און ווערסט זיך לעבן רואיק און שטיל.
נישט טראַכטנדיק גאָרנישט, האָב איך אויסגעשריגן מיט צאָרן:
—איך וועל אײַך קיינמאָל נישט פאָלגן. ס'איז מיר בע-סער דער טויט איידער צו פאַרקויפן די ערע פון מיין פאָלק.
—דיין פאָלק—האָט יענער געחוזקט—דיין פאָלק, איז אַ ווילד פאָלק, וואָס יאָגט זיך נאָך גערויבט געלט, וואָס באַפאַלן איינער דעם אַנדערן ווי בייזע הינט.
—ניין, איך וויל בעסער שטאַרבן איידער פאַרשוועכן די אמונה פון מיינע עלטערן.
—דו ביזט דען אַ גלייביקער? מען האַלט דאָך דיך פאַר אַן אפיקורוס. דערפאַר טוט מען דאָך דיר אָן אַזוי פיל צרות.

דערפֿאַר האָט מען דאָך דיך אַהער געבראַכט. זיי ווילן דיך אומברענגען. אפֿילו דו זאָלסט איצט ווערן פֿרום און גוט, זאָלסט כסדר פֿאַסטן און דאַווענען, זאָלסט ווערן דער גרעסטער צדיק, וועט עס דיר נישט העלפֿן, וואָרום זיי ווילן דיך אומברענגען. זיי ווילן נאָר דאָס געלט, וואָס זיי קאָנען פֿאַר דיר באַקומען. הער וואָס מען האָט נעכטן גערעדט וועגן דיר ביי חמורן, וואו דו ביזט געווען אַ לערער, וועסטו אַנדערש רעדן. אַז חמור האָט זיך דערוואוסט אַז ביזט אַריינגעפֿאַלן צו די כאַפּערס, האָט ער אויף דיר רחמנות געקריגן און געוואָלט פֿאַר דיר באַצאָלן אויסלייזגעלט און האָט געשיקט צו זיך רופֿן דעם עלטסטן פֿון די כאַפּערס און אים געוואָלט געבן צוויי הונדערט זילבערשטיק און יענער איז באַשטאַנען. דעמאָלסט האָבן זיך צו אים גענו־מען זיינע ברידער, זיין משפּחה און זיין הויזגעזינט און האָבן נישט דערלאָזט ער זאָל עס טאָן. כאָטש ער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט אַז דו לייקנסט נישט אין גאָט, פֿונדעסטוועגן האָבן זיי אים נישט געלאָזט דיך אויסלייזן און אַלע האָבן דיך פֿאַר־משפּט צו בלייבן אין תּפֿיסה מען זאָל דיך פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ זעלנער. אָט דאָס איז זייער גערעכטיקייט און גוטסקייט צו זייערס אַן אייגענעם. איך גיב דיר אַ גוטע עצה, עס זאָל דיר שטענדיק גוט זיין און אויב דו וועסט נישט וועלן פֿאָלגן, וועסטו זיך אַליין שולדיק זיין. באַטראַכט זיך גוט. מאָרגן וועל איך קומען נאָך אַ תּשובה.

ער איז אַרויסגעגאַנגען און איך האָב זיך געטראַכט:

און פֿאַר וואָס זאָל איך אים נישט פֿאָלגן? צי איז ער דען נישט גערעכט? פֿאַר וואָס זאָל איך זיך אָפּזאָגן פֿון לעבן? זאָל דאָס זיין אַ חרפּה פֿאַר די אויסוואורפֿן און אויף זייער קאָפּ זאָל דאָס פֿאַלן...

מיר האָבן נאָך געליינט דעם בריוו און פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ געוויין אין דערבייאיקן זאַל, אַ געוויין פֿון אַ יינגל און אַ ביטער געשריי פֿון אַ פֿרוי. די טיר האָט זיך גע־עפֿנט און צוויי פֿון די כאַפּערס האָבן אַריינגעבראַכט אַ שיין

ייִנגל פון אַ יאָר פערצן, האָבן פאַרשלאָסן הינטער אים די טיר און זענען אַוועק.

דאָס ייִנגל האָט ביטער געוויינט און זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. ער האָט געוויינט אַזוי לאַנג ביז ער האָט שוין נישט געהאַט קיין כּח צו וויינען, איז ער שטיל געבליבן. דער וועכטער האָט אים אַרייַנגעבראַכט עסן, האָט עס פאַר אים אַוועקגעשטעלט און געזאָגט:

—הייב זיך אויף און עס, וואָרום וואָס ס'איז געשעען איז שוין פאַרפאַלן.

—איך וויל בעסער שטאַרבן,—האָט דאָס ייִנגל געשריגן—דאָ וויל איך שטאַרבן.

—פאַרלאָז זיך אויף גאָט—האָט גדעון צו אים שטיל געזאָגט—גאָט וועט דיך נישט פאַרלאָזן.

דאָס ייִנגל האָט זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט געקוקט גדעונען אין פּנים אַרייַן און געזאָגט:

—ביזט גערעכט. ווי אַזוי האָב איך פאַרגעסן זיך צו פאַרלאָזן אויף גאָט. ווייַ! ווער וואָלט געגאַנגען און געזאָגט מייַן מוטער, אַז זי זאָל נישט וויינען און זיך פאַרלאָזן אויף גאָט!—האָט ער אויסגערופן מיט פרייד ווי איינער, וואָס טרינקט זיך און כאַפּט זיך אָן אָן אַ שטיק ברעט און שרייַט אויס: איך בין געראַטעוועט! געראַטעוועט!—ביזט גערעכט, איך וועל זיך פאַרלאָזן אויף גאָט, אַזוי האָט מיך מייַן טאַטע אויך געלערנט, פאַרלאָזן זיך אויף גאָט און ער וועט אונז שוין העלפן. ער האָט מיר געגעבן אַן עצה וואָס צו טאָן...

אַ סך בחורים האָבן אים אַרומגערינגלט און זיך צוגעהערט צו זייַנע רייד און גדעון האָט אים געפרעגט:

—וואָס איז די עצה?

—אַז מען זאָל זאָגן תּהלים און גאָט וועט אונז צוהערן און אונז באַפרייַען!—האָט דאָס ייִנגל אויסגערופן מיט געפיל.

עטלעכע בחורים האָבן זיך צעלאַכט. אויך אויף גדעונס פּנים האָט זיך געוויזן אַ שמייכל ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט נישט צו לאַכן און געזאָגט:

— איר זאָלט נישט לאַכן, גאָט קאָן אונז טאַקע העלפן און וועט אונז העלפן, לאָמיר טאַקע זאָגן תהלים.

אַלע בחורים האָבן תיכף גענומען די תהלימלעך און צו־זאַמען האָט מען הויך אויף אַ קול גענומען זאָגן. און וואָס מער מען האָט געזאָגט אַלץ מער האָבן זיך די הערצער צעוואַרעמט און אַלץ שטאַרקער האָט מען געזאָגט. איינער האָט זיך מיט אַמאָל צעוויינט און אַלע האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און ס'איז געוואָרן אַ קלאָגעריי אין שטוב. אויך דער וואָס האָט זיך „פּאַרקויפט" איז צו אונז צוגעשטאַנען און געזאָגט הויך אויף אַ קול און באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלאָגעריי אויך הינטער דער וואַנט: די ווייבער וואָס זענען זיך צונויפגעקומען מיט דער מוטער פון קינד, וואָס מען האָט דאָ נישט לאַנג געבראַכט, זע־נען נאָך נישט געווען אַוועקגעגאַנגען און דערהערנדיק אונזער געוויין האָבן זיי זיך צעקלאָגט און צעיאָמערט, אויך איך האָב שטאַרק געוויינט און פון גדעונס אויגן זענען אויך גערינען טרערן. נאָכדעם ווי מיר האָבן אויפגעהערט צו זאָגן האָבן מיר גענומען קוקן איינער אויפן אַנדערן מיט ליבשאַפט און רחמנות און עפּעס ווי אַ שווערער שטיין איז אַראָפּ פון אונזערע הערצער.

מיר זענען געוואָרן שטאַרק היימיש צווישן זיך. אַ צוויי שעה צייט זענען מיר געזעסן ביים טיש און יעדער האָט אויס־דערציילט די צרות פון זיין האַרצן. דער תהילים האָט פאַר־בינדן די הערצער אונזערע, ביז אַהער זענען מיר זיך געווען פרעמד און איצט זענען מיר געוואָרן ווי לייבלעכע ברידער.

ס'איז געוואָרן נאַכט, האָבן מיר אַלע געדאַווענט פרום און הייס, אויך דער „פאַרקויפטער", וואָס האָט ביז אַהער געלאַכט פון דאַווענען האָט אויך מיט אונז געדאַווענט און אויך ביי דער וועטשערע איז ער צוזאַמען מיט אונז געזעסן.

נאָכן עסן האָט זיך קיינער פון אָרט נישט גערירט. אַלע האָבן געקוקט אַ ווײַלע אויף גדעונען און אַ ווײַלע אויף דעם פרישן יינגל, ווי זיי וואָלטן געוואַרט נאָך עפּעס פון זיי צו הערן. נאָר איין ליכטל האָט באַלויכטן דאָס גאַנצע צימער און

מיר האָבן נישט געקאָנט ווייטער ליינען דנס בריוו. אַז גדעון האָט געזען ווי אַלע וואַרטן ער זאָל עפּעס זאָגן, האָט ער זיך אָנגערופן:

—ברידער, אויב איר ווילט מיך פאָלגן, וואָלט איך אייך געזאָגט, וואָס מיר זאָלן איצט טאָן.

—זאָג.—האָבן אַלע געענטפערט...

—מיין עצה איז, אַז מיר זאָלן זיך איינער דעם אַנדערן דערציילן, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין לעבן, ביז ער איז אַהער אַריינגעפאַלן.

—גוט, זער גוט!

—און ווער וועט זיין דער ערשטער?

—דו. דו.

—איך האַלט, אַז דער עלטסטער צווישן אונז זאָל דערציילן צום ערשטן.

דער עלטסטער צווישן אונז איז געווען דער „פּאַרקויפטער" און ער האָט געקוקט אויף גדעונען מיט גרויס דאַנק פאַר דעם כבוד וואָס ער האָט אים צוגעטיילט און געזאָגט:

—איך בין גרייט צו ערפילן אייער פאַרלאַנג.

טז.

אַ ביישער זון.

מיין פאָטער האָבן אַלע שטאָטלייט געהאַלטן פאַר אַ חסיד און אַ צדיק און ער איז געווען משמש ביים רבין אין ל.ו.טן. ס'איז אים געגאַנגען זער גוט אין לעבן, וואָרום אַלע וואָס זע־נען געקומען צום צדיק האָבן אים אויך מהנא געווען פון זייער געלט. מיין מוטער האָט זיך מיט אים געגרויסט און מיך האָט זי געקעכלט פון זינט איך בין געבוירן געוואָרן און ס'איז פאַר מיר גאָרנישט געווען קיין צו גרויסע זאַך, אַלץ האָט זי מיר נאָכגעגעבן. אַז איך האָב געדאַרפט אָנהייבן גיין אין חדר, האָט זי מורא געהאַט דער מלמד זאָל מיך נישט שלאָגן, האָט זי געצוואונגען מיין פאָטער ער זאָל מיך אָפּגעבן נישט צו דעם גוטן מלמד, וואָס האָט געהאַט אַ טבע נישט צו פרעגן נאָך קיינעם און טאָן ווי אים געפעלט, נאָר ער זאָל מיך אָפּגעבן צו עפּעס אַ מלמד גאָר נישט מיט קיין נאָמען, כדי ער זאָל פאָלגן אַלץ, וואָס זי וועט אים הייסן, און אָנגעזאָגט האָט זי אים ער זאָל זיך נישט אַנטוועגן אויפצוהייבן אויף מיר אַ האַנט.

דער מלמד האָט זיך זער געפרייט וואָס מען האָט מיך

אָפּגעגעבן צו אים, ווייל ער האָט געהאָפט, אַז אַ דאַנק מיר וועט ער באַקומען נאָך קינדער פון רייכע בעל-הבתישע הייזער. ער האָט אויך געהאָפט צו באַקומען אַן אָרנטלעכן שכר-למוד פאַר מיר. אויפן פאַרלאַנג פון מיין מוטער האָט ער איר הייליק צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיך קיינמאָל נישט שלאָגן, און ער האָט זיין צוזאָג דערפילט, הגם איך האָב אָפּגעטאָן כלערליי שפּיצלעך אים, זיין ווייב און זיינע קינדער. אַזוי איז אַוועק צוויי יאָר, און מיין פאָטער האָט זיך נישט געמאַכט וויסנדיק, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר מיין מוטער. צולעצט האָט דער מלמד נישט געקאָנט מער זיך איינהאַלטן און מיך געזידלט, ווייל איך האָב מיט מיין ווילדקייט שיער דערטרינקען זיין צוויי-יעריק יינגעלע. איינמאָר בין איך געבליבן אַליין מיט זיין יינגעלע אין חדר, האָב איך גענומען און אים אַריינגעזעצט אין אַ באַליע מיט וואַסער. דאָס קינד האָט געמאַכט קולות און איך בין געשטאַנען און געלאַכט. דאָ איז געקומען די מוטער, און, אַרויסכאַפּנדיק דאָס קינד פון באַליע, האָט זי גענומען מיך שעלטן און שלאָגן. האָב איך געכאַפּט אַ טאָפּ און איר געוואָרפן אין קאָפּ און אויך זי אָנגערופן מיט מיאוסע צונעמען. קומענדיק אַהיים, האָב איך זיך געקלאָגט פאַר דער מאַמען, אַז די רביצין האָט מיך געשלאָגן. איז די מאַמע געלאָפן זיך קריגן מיט דער רביצין. דער מלמד האָט זיך אַריינגעמישט און געזאָגט אויף מיר, אַז איך וועל אויסוואַקסן אַ רוצח. די מאַמע האָט אים געמאַכט ווי די בלאָטע און מיך אָפּגענומען פון חדר. דער פאָטער האָט דאָס אַלץ צוגעזען און געשוויגן.

הגם קיין גמרא האָב איך נישט געלערנט, בין איך דאָך געווען קלאָר אין „הלכות אשות". אַ סך דינסטמיידלעך, וואָס זענען אָנגעקומען צו אונז, האָבן זיך די יאָרן פאַרשאָלטן אייבער מיר. מיין מוטער, וועלכע האָט מיך אַזוי פיל געצערטלט, געגעבן געלט וויפיל איך האָב געוואָלט און אָפּגעהיטן פון אַלדאָס בייז, האָט אויך געהאַט פון מיר געברענטע צרות. דער סוף איז געווען, אַז מיין מאַמע איז פון האַרצווייטיק קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. מיין גרעסטע צרה איז דאַן געווען,

וואָס איך האָב געמוזט אַ גאַנצע וואָך זיצן „שבעה" אינאיינעם מיטן פאָטער און נישט געקאָנט אַרומלויפן איבער די גאַסן.

מיטן טויט פון מיין מוטער איז אויסגעטרוקנט געוואָרן דער קוואַל, פון וואַנען איך האָב געשעפּט געלט אויף מיינע אייגענע נישט-כשרע באַדערפענישן, האָב איך נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג, ווי זיך ווענדן וועגן געלט צו מיין פאָטער. ער האָט מיך אָבער געוואָלט אָפּפּטרן מיט עטליכע רובל און דאָס איז געווען פאַר מיר צו ווייניק; פלעג איך מיך אַריינכאַפּן צום רבין אין שטוב, וואו איך בין געווען אַן אָפּטער איינגייער, צוגנבענען זילבערנע כלים און פאַרקויפן, צולעצט איז מען געוואָר געוואָרן פון מיינע גנבות, און דער פאָטער האָט מיך פון שטוב אַרויסגעטריבן.

קיין תורה און קיין מלאכה האָב איך נישט געלערנט, צו קיין אַרבעט בין איך נישט געוואוינט געווען, האָב איך פאַרלאָזן די שטאָט און אָנגעהויבן וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף. ווען איך האָב נישט געהאַט וואָס צו עסן, האָב איך געמאַכט אַ גנבה, איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין הצלחה אין די גנבות, און אַז מען האָט מיך געכאַפּט, האָט מען מיר אָנגעבו"אָכן די ביינער און איינגעזעצט אין תפיסה. לסוף בין איך אַריינגעפאַלן צו די כאַפּערס אין די הענט.

די צוהערער האָבן די גאַנצע צייט אַרויסגעוויזן צייכנס פון מיטלייד; זיי האָבן דעם דערציילער נישט געזידלט און געשאָלטן פאַר אַלץ וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, נאָר אים באַדויערט. אַ פּאָר מינוט האָבן זיי אַלע געשוויגן און דערנאָך האָט איינער זיך אָפּגערופן:

— ווער וועט איצט דערציילן?

— דער עלטסטער פון אונז — האָט גדעון געענטפערט.

י״ן.

אומגליקלעך דורך די עלטערן.

דער עלטסטער לויט דער רייע איז געווען אַ בחור פֿון דריי און צוואַנציק יאָר, אַ הויכער און אַ דאַרער. זיין פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט פֿיל איבערגעליטן אין לעבן.

דערציילט, חנינה, דיין לעבנסגעשיכטע — האָבן אייניקע זיך אָפּגערופֿן.

— איך בין געבוירן ביי רייכע עלטערן, אין אַ הויז, וואו ס׳איז געווען פֿון כּל־טוב. איך און מיין שוועסטער און ברודער האָבן אין דער קינדהייט זיך געבאָדן אין וואוילטאָג און האָבן דעמאָלט נישט געוואוסט, אַז דאָס גאַנצע אייגנס פֿון מיינע עלטערן איז דערוואָרבן אויף אַ פֿאַרברעכערישן וועג. מיין פֿאָטער האָט אונטערן איינפֿלוס פֿון דער מוטער געמאַכט אַ בלבול אויף זיין לייבלעכן ברודער און אים איינגעזעצט אין תּפֿיסה, כּדי ער זאָל קענען אָפּירשענען זיין פֿערמעגן. דער פֿעטער און די מומע זענען ביידע געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ קליין ייִנגעלע. מיין פֿאָטער, וועלכער האָט חרטה געהאַט אויף זיינע שלעכטע מעשׂים, האָט גענומען דאָס ייִנגעלע

צו זיך אין שטוב. איך האָב עס ליב געקראָגן ווי אַ ברידערל, אָבער מיין מאַמע האָט עס פיינט געהאַט און אָנגעטאָן געברענטע לייד. איך בין דעמאָלט אַלט געווען צוועלף יאָר, געווען אַן אומשולדיק קינד, אָבער אינסטינקטיוו נישט ליב געהאַט דער מאַמען, הגם כ'האָב אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס. דערפאַר האָב איך שטאַרק ליב געהאַט דעם פאָטער.

איינמאָל האָב איך געהערט ווי טאַטע־מאַמע קריגן זיך צווישן זיך איבערן קינד, וואָס דער פאָטער האָט אין שטוב אַריינגענומען. מיין פאָטער האָט דערביי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז זיין גאַנץ אייגנס געהערט דעם קינד, און כדי מכפּר צי־זיין די גרויסע זינד געגן ברודער, וויל ער ווייניקסטנס עפּעס גוטס טאָן זיין קינד. מיין מוטער האָט גאָרנישט געוואָלט וויסן פון דעם אַלעמען און פאַרלאַנגט, מען זאָל דאָס יינגל אַרויס־טרייבן. איך בין אין האַרצן נאָך מער ביינז געוואָרן אויף דער מוטער און דאָס יינגל נאָך מער ליב באַקומען. איינמאָל איז דער פאָטער אַוועקגעפאָרן אויף לאַנג פון דער היים און דאַן האָט די מוטער אויסגעלאָזט איר גאַנצן צאָרן צום קינד. מיר האָט זי אָנגעזאָגט, איך זאָל זיך נישט חברן מיט דעם ממזר, און די דינערשאַפט — אַז זיי זאָלן אים אַזוי ווייט דערקוטשען, אַז ער זאָל מוזן אַנטלויפן פון שטוב. דער סוף איז געווען, אַז די מוטער האָט אויסגעפירט, וואָס זי האָט געוואָלט, און דאָס יינגל איז פאַרשוואונדן. ס'זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז אַ געדונגענער רוצח האָט אים ערמאָרדעט. פון דעמאָלט אָן האָב איך דער מוטער נישט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן און מורא געהאַט, זי זאָל מיך אויך נישט הרגענען. די מוטער האָט נאַטירלעך געפילט מיין שנאה צו איר און זי האָט מיך אויך פיינט געהאַט. מיין קליינעם ברודערל פלעגט זי קושן און האַלזן און מיך אַוועקשטויסן פון זיך. מיין ברודערל פלעגט מיר טאָן צו להכעיס און זי האָט געלאַכט פון מיר. פול מיט שרעקלעכע געדאַנקען בין איך אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטרויערטער, אַ פאַראו־מערטער און מיט קיינעם אין שטוב נישט אויסגערעדט אַ וואָרט. מיין מוטער האָט קיין אַנדער נאָמען נישט געהאַט פאַר מיר,

זוי משוגענער, און איך אַליין האָב געמיינט, אַז איך בין טאַקע משוגע געוואָרן. דער פאָטער איז אויך געווען תמיד אַ פאַרצאָרנטער, ער האָט קענטיק געליטן פון געוויסנסביסן, באַזונדערס זינט דאָס ייִנגל איז פאַרפאַלן געוואָרן, און די מוטער האָט נאָך געשאָטן זאַלץ אויף זיינע וואונדן. איינמאָל, ווען זיי זענען געווען צוזאַמען אין אַ צימער, האָב איך געהערט, ווי זי שרייט אויף אים: דו ביזט אַ מערדער, דו האָסט געבראַכט דיין ברודער אין דער ערד אַריין און וועסט האָבן דערפאַר אַ מיאוסן סוף...

איך בין געוואָרן ערשטוינט פון אַזעלכע רייד, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז אַלץ, וואָס דער פאָטער האָט געטאָן, איז געשען לויט איר עצה און מיט איר הילף. דער פאָטער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן אירע שטעכווערטער און האָט אויסגערופן, אַז ער וועט משוגע ווערן. דערויף האָט זי מיט אַ געלעכטער געענטפערט: דו ביזט שוין משוגע! בלוט ווערט נישט פאַרשוויגן! דו וועסט האָבן דיין מפּלה...

— מיר וועלן ביידע אין דר'ערד גיין!— האָט מיין פאָטער געשריגן — דערביי האָב איך דערהערט אַ גערודער, אַ קלאַפּעריי, אַ געראַנגל. מיטאַמאָל האָט מיין פאָטער אָנגעהויבן כאָרכלען, גלייך מען וואָלט אים שטיקן. זי וועט אים ערמאָרדן—איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק און איך האָב זיך אַריינגעריסן אין צימער. ווען זי האָט מיך דערזען, האָט זי אָנגעהויבן שרייען: „אַוועק פון דאַנען, דו משוגענער!” אויסער זיך פון כעס און אויפרעגונג, האָב איך געכאַפּט אַ מעסער פון טיש, צעשטאָכן איר דאָס פּנים, דעם האַלז און געפאַלן אין חלשות. ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך געשווינד פאַרלאָזן דאָס הויז און די שטאָט, וואָס איז פאַר מיר געוואָרן ערגער ווי אַ גיהנום...

דער דערציילער איז אַנטשוויגן געוואָרן, נישט געקאָנט מער רעדן. מיר האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט ווי מיט אַ האַמער. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז דער אומגליקלעכער עלנדער יונגערמאַן איז מיין קוזין און אַז די העלדן פון זיין ערציילונג זענען מיין פעטער און מומע און איך אַליין. אַ צייט בין איך

געזעסן ווי אַ פֿאַרגליווערטער פֿון אויפֿרעגונג און נישט געקאָנט אַרויסרעדן אַ וואָרט. לסוף האָב איך געוואָלט וויסן אויף קלאָר, צי איך האָב קיין טעות נישט און אים אַ פֿרעג געטאָן:

— ווי איז דער נאָמען פֿון דיין פֿאָטער?

ער איז ווי פֿאַרצאַפּלט געוואָרן פֿון דער פֿראַגע און דערנאָך געענטפֿערט, מיט אַ פֿערשטיקטער שטים:

— אחירע.

— אחירע!— האָב איך אויסגערופֿן אַ פֿאַרצאַפּלטער, האָב זיך אָבער באַלד באַהערשט, כּדי מען זאָל נישט וויסן, אַז איך קען אים. אין האַרצן האָט מיר ווי געטאָן אויפֿן אומגליקלעכן יונג, וועלכער האָט אַזוי פֿיל געליטן פֿאַר זיינע עלטערנס זינד.

דעם יונגנמאַן איז געוואָרן נישט גוט און ער האָט באַקומען אַ בלוט-שטורץ.

— געקומען מיין סוף — האָט ער אויסגערופֿן — געדאַנקט און געלויבט איז גאָט! מיין לעבן איז מיר מאוס ונמאס געוואָרן, איך וויל נישט לעבן! זיי מיר מוחל, ליבער גאָט, אויב איך האָב געזינדיקט! איך האָב עס געטאָן אומגערן, געגן מיין ווילן!

מיר האָבן אים אַוועקגעלייגט אויף אַ באַנק, אים געטרייסט ווי וויט מיר האָבן געקאָנט, און מיט אַ צעבראָכן געמיט געגאַנגען שלאָפֿן. גדעון האָט מיט מיר נישט גערעדט אַ וואָרט, ער איז קענטיק אויך געווען פֿול עגמת-נפֿש איבער דעם ביטערן מזל פֿון חבר, וועלכער האָט אין די ערגסטע צייטן נישט פֿאַרלוירן דעם גלויבן אין גאָטס גערעכטיקייט. איך האָב געהאַט גרויס רחמנות אויף מיין עלנדן קוזין און געפֿרעגט גדעונען, צי איך זאָל אים נישט אויסזאָגן, אַז איך בין דאָס יינגל, וועלכעס ער האַלט פֿאַר געשטאָרבן.

ער האָט מיר געראָטן איך זאָל גאָרנישט זאָגן, וויל דאָס וועט אים אויפֿרעגן און קיין שום נוצן נישט ברענגען.

מיר האָבן דערנאָך געשמועסט וועגן אונזער אייגענער ביטערער לאַגע. גדעון האָט נישט פֿאַרלוירן די האָפֿענונג און געזאָגט, אַז די רעטונג וועט, לויט זיין מיינונג, קומען פֿריער

ווי מיר רעכענען,

איך בין געווען פֿאַרקערט פֿאַרצווייפֿלט און געזאָגט:

— וואָס פֿאַר אַ האָפֿנונג האָבן מיר? צי זענען מיר בכּח אַרויס־צורייסן זיך מיט געוואַלט פֿון אונזער טורמע? אָט באַלד וועט מען אונז אַזוי ווי די שעפּסן אַוועקטרייבן אין אַ וויסטן ווייטן לאַנד, פֿון וואַנען קיינער קומט נישט צוריק.

גדעון האָט מיר געענטפֿערט, אַז ער האָט אַן עצה ווי אונז צו ראַטעווען, אָבער מען מוז וואַרטן, עס איז נאָך די צייט נישט געקומען.

— אָבער אַלנפֿאַלס וויל איך וויסן, דערציי̇ל מיר — האָב איך אויסגערופֿן מיט נייגיר.

— וואַרט ביז מיר וועלן האָבן די געלעגנהייט צו בלייבן אַליין, און דאַן וועל איך דיר זאָגן.

איך האָב געטראַכט, און געטראַכט, וואָס פֿאַר אַ מיטל גדעון קאָן האָבן צו ראַטעווען זיך און אונז, און מיר האָט גאָרנישט געקאָנט איינפֿאַלן. לסוף איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז גדעונס מיטל איז נישט אַנדערש, ווי... זיך אָפּשמדן. אויף אַן אַנדער אופֿן איז אוממעגלעך באַפֿרייט צו ווערן...

הגם אָנפֿאַנגס בין איך פֿאַרציטערט געוואָרן פֿון דאָזיקן געדאַנק, אָבער שפּעטער, ווען איך האָב מיך איבערגעלייגט און דערמאַנט אָן דנ׳ס ווערטער, איז מיר געוואָרן רעכט. און פֿאַר־וואָס טאַקע זאָל ער זיך נישט שמדן?— האָב איך אין האַרצן זיך געפֿרעגט. פֿאַרוואָס זאָל ער נישט אָפּשיידן זיך פֿון דער באַנדע רויבער, וועלכע פֿאַנגען זייערע ברידער אין נעץ און פֿאַרקויפֿן זיי פֿאַר שקלאַפֿן — זעלנער. די זינד, וואָס ער וועט באַגיין, וועט דאָך פֿאַלן אויף זייערע קעפּ און זיי וועלן באַ־שטראָפֿט ווערן פֿון גאָט! אין דינסט וועט ער דאָך סיי־ווי נישט קענען בלייבן קיין ייד! ער וועט מוזן עסן טרפֿה, מחלל זיין שבת און יום־טוב און לעבן צווישן גוים. צי לוינט עס צו מאַ־טערן זיך דאָס גאַנצע לעבן, ווען ער קאָן דורך אַ קלייניקייט אויסגעלייזט ווערן פֿון אַלע צרות. נישט אַנדערש: ער וויל זיך שמדן און מיך אויך אָנרעדן צו שמד! אָבער וואָס וועט זיין

מיט מיין תורה, מיט מיין לערנען, איבער וועלכן איך האָב פאַרברענגט טעג און נעכט? מיין גאַנצע האָרעוואַניע וועט דאָך גיין אין ניוועטש. מיינע ברידער וועלן פאַרפרעמדט ווערן צו מיר און וועלן מיך שעלטן און פלוכן! אָבער ווער זענען עס מיינע ברידער? אָט די, וועלכע האַנדלען מיט מיין גוף און מיט מיין נשמה? ניין, ניין! דאָס זענען נישט קיין ברידער! אויב ביי גדעונען, וועלכער איז געלערנטער און קליגער פון מיר זאָל זיין רעכט, דאַרף ביי מיר אודאי רעכט זיין! וואָס ער וועט טאָן, וועל איך אויך טאָן! און אַזוי טראַכטנדיק, בין איך איינגעשלאָפן.

מיר האָט זיך געחלומט, אַז מיין מוטער שטייט פאַר מיר, קוקט זיך איין אין מיין פנים מיט פאַרטרערטע אויגן, נישט אויסצורעדן אַ וואָרט. איך האָב געוואָלט צוגיין נענטער צו איר, אָבער זי האָט זיך געגעבן אַ רוק אָפּ. פלוצלינג האָבן צוויי מענטשן מיך גענומען אונטער דער האַנט און געפירט מיט פאַראַד אין קירך אַריין, וואָס שטייט אין מיטן מאַרק. די גלאָקן האָבן אָנגעהויבן קלינגען, פאַרהילכן די גאַנצע שטאָט, די קירך איז געווען פול מיט מענטשן, יעדער מיט אַ וואַקסן ליכט אין האַנט, אָבער דאָך איז אַרום און אַרום געווען טונקל, ווי פון אַ נעפל. דער גלח האָט מיך באַשפּריצט מיט הייליק וואַסער און אַ שוידער איז מיר אַדורך איבערן לייב. אין די אויערן האָבן מיר געקלונגען פאַרשידענע קולות, קולות פון פייניקער און מערדער, וואָס וואַרפן זיך אויף זייערע קרבנות, און וויי־געשרייען פון געפייניקטע און ערמאָרדעטע. די אַלע קולות האָבן זיך אויסגעמישט אין איין שרעקלעכן טייוולאָנישן ליאַרעם.

מיינע אַלע גלידער זענען געווען ווי געבונדן, איך האָב נישט געקענט זיך אַ ריר טאָן... פלוצלינג האָט מיר ווער אַ ריר געטאָן אין שטערן. איך טו אַ קוק און דאָס איז גדעון. אַ פאַרבאָרגענע האַנט האָט מיך ווי אַ שטופּ געטאָן. איך האָב אַרויסגעכאַפּט פון טאַש מיין קליין מעסערל און געוואָלט אַריינזעצן גדעונען אין האַלז, אָבער איידער איך האָב די האַנט אויפגעהויבן, האָב איך געזען, ווי גדעונס קאָפּ קייקלט זיך אַן אָפּגע-

האַקטער לעבן מיינע פיס, און פון זיין האַלז שטראָמט אַ טייך שוואַרץ בלוט. איך האָב דערפילט, ווי די פּאָדלאָגע אונטער מיינע פיס האָט זיך געטרייסלט און אַראָפּגעלאָזן אַלץ טיפער און טיפער. פלוצלונג הייב איך אויף די אויגן אַרויף און זע ווי דער גלאָק רייסט זיך אָפּ פון קייט און פאַלט מיר גלייך אין קאָפּ...

געוואַלט!—האָב איך אַ געשריי געטאָן און זיך אויפגע־כאַפּט. דער שרעק האָט מיך ווי געפּענטעט און אַ צייט האָב איך נישט געקאָנט זיך פון בעט אויפהייבן. שפּעטער, ווען איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך גדעונען נישט געקאָנט קוקן גלייך אין פּנים; איך האָב מורא געהאַט טאָמער וועל איך אים שחטן.

נאָך האַלבן טאָג זענען געקומען צוויי פון די כאַפּערס און אַוועקגעפירט חנינהן אין שפּיטאָל אַריין, דערנאָך זענען זיי ווידער געקומען און געפרעגט: ווער עס וויל גיין אין גאַס? אַלע זענען אויפגעשטאַנען און געוואָלט גיין מיט זיי אין באָד, און איך האָב אויך געוואָלט מיטגיין, אָבער גדעון האָט מיר אַ וואונק געטאָן איך זאָל בלייבן.

ווען איך בין געבליבן אַליין מיט גדעונען, האָב איך גע־מיינט, אַז אָט פאַרפירט ער מיט מיר אַ שמועס וועגן שמדן זיך. אין האַרצן האָב איך באַשלאָסן אים נישט צו פאָלגן, זאָל ער טאָן וואָס ער וויל און איך וועל בלייבן אַ ייד. ער האָט מיך אָנגעקוקט און אַ פרעג געטאָן, וואָס איך בין אַזוי אָנגע־ברוגזט.

— איך וועל דיר נישט פאָלגן — האָב איך אויסגערופן מיט פעסטקייט — איך וועל זיך נישט שמדן!

— וואָס רעדסטו? — האָט ער געזאָגט אַ דערשטוינטער.

— מיר האָט געדוכט, אַז דו ווילסט מיר זאָלן זיך שמדן.

— וואָס פאַלט דיר איין! איך האָב אַ בעסערע עצה.

— וואָס דענקסטו צו טאָן?— זאָג געשווינד!

— זיי וויסן, אַז אין אַ פּאָר טעג ארום ווער איך פריי, ווייל איך האָב אַ פּאַספּאָרט...

— פאַר וואָס־זשע האָסטו אים נישט געוויזן די כאַפּערס,

וואָלטן זיי דיך געמוזט פּריילאָזן?

— זיי וואָלטן גאָרנישט מוזן... זיי וואָלטן ביי מיר צו־געכאַפּט דעם פּאַספּאָרט און געזאָגט, אַז איך האָב קיינמאָל קיין פּאַספּאָרט נישט געהאַט, און דאַן וואָלט איך געווען אַ פּאַרלוי־רענער. האָב איך געמאַכט בעסער, איך האָב באַהאַלטן מיין פּאַס, און איצט ווען מען וועט מיך ברענגען פאַר דער מאַכט, וועל איך אַרויסנעמען מיין פּאַס און מען וועט מיך מוזן פריילאָזן. זייענדיק פריי, וועל איך אָנווענדן אַלע כּוחות צו שאַפן אַ פּאַס אויך פאַר דיר און אַרויסנעמען דיך פון געפענגעניש. אָבער דו מאַך זיך נישט וויסנדיק און באַווייז נישט קיין פריילעכע מינע מען זאָל זיך נישט עפּעס אָנשטויסן...

— דו האָסט געמאַכט ווי אַ חכם — האָב איך אויסגערופן אַ דערפרייטער, אָבער באַלד האָב איך זיך צוריק געכאַפּט און געזאָגט:

— ווער ווייסט, צי דו וועסט קענען מיר עפּעס העלפן. ווער ווייס, צי מען וועט אונז נישט פירן אַלע באַזאַמען אין פּריסוטסטווע.

— דערפאַר האָב איך נישט קיין מורא, ווייל איך ווייס, אַז מיך וועט מען פריער פירן אין פּריסוטסטווע. אָבער אויף יעדן פאַל זאָלסטו שבת זיך מאַכן קראַנק און ליגן ביז דינס־טיק, ווען מען דאַרף מיך פירן אין פּריסוטסטווע, און דאַן וועט מען דיך לאָזן צורו. און איך וועל מיין צוזאָג ערפילן.

— וואי רעכנסטו צו קריגן פאַר מיר אַ פּאַס?

— אין מאפליה וועל איך קריגן פאַר צען רובל, דאָס ווייס איך אויף זיכער.

— און וואו וועסטו נעמען געלט?

— אַז איך וועל אַרויס פריי, וועל איך שרייבן צו מאיר זרחי, און ער וועט מיר צושיקן. אַלזאָ זאָרג נישט, מיין פריינט, דו וועסט אויך אינגיכן געהאָלפן ווערן.

דו ביזט מיין רעטער! מיין מלאך — האָב איך אויסגע־רופן מיט התלהבות און געוואָלט כאַפּן אים קושן, אָבער ער האָט מיר נישט געלאָזט, כּדי די וועכטער זאָלן נישט עפּעס

מערקן. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, צו זיצן רויק אויף מיין אָרט, ווייל די כאַפּערס און די געכאַפּטע דאַרפן באַלד קומען פון באָד און זיי טאָרן אויך גאָרנישט מערקן. נישט צו פאַרגעסן זיך קראַנק מאַכן אום שבת און מער נישט צו רעדן מיט אים וועגן דער זאַך. מען זאָל זיך נישט עפּעס אָנשטויסן.

איך בין געזעסן רויק שטיל, אונטערדריקנדיק מיין פרייד-געפיל, אבער, טראַכטנדיק וועגן דעם צוקונפט, האָב איך מיר דערמאָנט וועגן אַלטן און דעם מיידל און בין ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ מרה-שחורה. מען האָט דאָך מיך אַרויסגע־טריבן פון דער ישיבה ווי אַ גנב, אַלע פריינט האָבן זיך פון מיר דערווייטערט און ווי וועל איך דעם אַלטן און דער מיידל קענען קוקן אין די אויגן אַריין? דער איינציקער אויסוועג פאַר מיר איז געווען אַוועקצופאָרן מיט גדעונען, וואוהין ער וועט פאָרן. איך האָב באַשלאָסן טאַקע אַזוי צו טאָן און געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן באַפרייונגס־טאָג.

יח.

דער באַפרייונגס־טאָג.

אזוי ווי גדעון האָט פאָראויסגעזען, אַזוי איז געשען: אים — האָט מען דינסטיק אַוועקגעפירט קיין מאפליה און דאָרט באַפרייט, איך האָב זיך קראַנק געמאַכט און בין ווייטער געבליבן אין טורמע, אבער זיין צוזאָג מיך צו באַפרייען האָט גדעון נישט דערפילט. ס'זענען אַוועק צען טעג און מען האָט גאָרנישט געהערט פון אים. און אין פיר טעג אַרום דאַרף מען מיך פירן אין פריסוטסטווע און אָפגעבן פאַר אַ זעלנער...

איך בין געווען אויס מענטש פון עגמת־נפש, פון קרענקונג, בין אַרומגעלאָפן איבערן טורמע־צימער ווי אַ געפאַנגענע חיה איבערן שטייג. געוואַלט, וואָס טוט מען? צי האָט מיין פריינט מיך פאַרראַטן? ביי דעם געדאַנק בין איך שיער פון זינען אַראָפ...

ס'איז אַוועק נאָך אַ טאָג און מאָרגן איז שוין דער יום־הדין... געוואַלט, וואָס טוט מען? זאָל איך מיר דאָס לעבן נעמען? שרעק איך מיך פאַרן טויט! זאָל איך זיך שמדן? האָב איך מיך דערמאָנט אָן חלום!

וואָס איך האָב איבערגעליטן די נאַכט, איז אוממעגלעך אויסצודריקן מיט ווערטער. דאָס זענען געווען אמתע יסורי-גיהנום, אַזוי ווי עס ווערט באַשריבן אין די מוסר-ספרים. באַזונדערס האָט מיך געפּייניקט דער געדאַנק, וואָס מיין איינציקער פריינט גדעון, אויף וועלכן איך האָב אַלע מיינע האָפענונגען געלייגט, האָט פאַרגעסן אָן מיר. בלויז אַ דאַנק אים בין איך דאָך געקומען צום איצטיקן מעמד! ווען איך וואָלט זיך פאַר אים נישט אָנגענומען, וואָלט מען מיך נישט אַרויסגעטריבן פון דער ישיבה און נישט געכאַפּט און איינגעזעצט! אָט אַזוי צאָלט מען אָפּ פאַר גוטס!

צו מיין גרעסטן אומגליק, האָב איך פאַרלוירן דעם גלויבן אין גאָט און אין מענטש...

ווי האָב איך מקנא געווען דאָס ייִנגל, וואָס איז געזעסן געגנאיבער מיר אַ גאַנצע נאַכט און געזאָגט תהלים מיט האַרץ, מיט ביטערע טרערן. ער האָט געהאָפט, אַז זיין הייסע תפלה וועט אָנגענומען ווערן און ער וועט אין דער לעצטער מינוט געהאָלפן ווערן. דאָס תהלים-זאָגן האָט אים פאַרגרינגערט דאָס שווערע געמיט און ער זיצט איצט א געטרייסטער, אַ האָפענונגס-פולער... אָט דער, וואָס האָט זיך פאַרקויפט, איז שכור-לוט און האָט פאַרגעסן אָן אַלע צרות, אָבער איך, אָן האָפענונג, אָן גלויבן אָן פאַרשכורונגס-מיטלען, זיץ און שווייג...

אַלע זענען איינגעשלאָפן. אויך דער תהלים-זאָגער איז איינגעדרימלט און דער שכור ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד און כראָפּעט. אָבער איך בין וואַך... ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָב איך מיך געשטעלט דאַווענען. פלוצלינג האָבן מיינע אויגן-קוואַלן זיך געעפנט און עס האָט זיך געגאָסן פון זיי אַ טייך טרערן. איך האָב געוויינט אָן אויפהער, און עס איז מיר אַ ביסל גרינגער געוואָרן. אַ פונק פון האָפענונג האָט זיך אַריינגעגנבעט אין האַרצן, און בין געווען גרייט צו גיין, וואוהין מען וועט מיך פירן.

ווי איך האָב אַזוי געדאַוונט און געגאָסן מיט טרערן,

האָט זיך פלוצלינג דערהערט אַ גערודער איז גאַס און קלאַנגען פון מוזיק.

וואָס זאָל דאָס באַטייטן? — האָב איך מיר געטראַכט.

מיר האָבן אַלע אָנגעשפּיצט די אויערן און זיך איינגעהערט. דאָס איז געווען אַ פרייליכע, אַ לעבעדיקע מוזיק, ווי אַ מאַרש, וואָס מען שפּילט אויף אַ מיליטער־פּאַראַד. די מוזיק־קלאַנגען האָבן זיך אויסגעמישט מיט קינדער-אויסגעשרייען: הוררא! און געקומען אַלעמאָל נענטער צו אונז. אונזערע הערצער האָבן אויפגעלעבט, מיר האָבן זיך אָנגעקוקט איינער די אַנדערע מיט פאַרוואונדערונג און אַ פאַרבאָרגענער האָפענונג...

פלוצלינג האָט די טורמע־טיר זיך אויפגעפּראַלט און אַן עולם מענטשן האָט זיך אַריינגעריסן מיט אַ טומל און געפּיל־דער, מיט טרומייטן און טאַצן, און מיט פלעשלעך און גלעזלעך אין די הענט, אויסרופנדיק מיט פרייד: „לחיים, לשנה הבאה בירושלים!"

— הערט גאָטס נסים! — האָט איינער אויסגערופן — עס איז אַרויס אַ קייזערלעכער אוקאַז, אַז די גזרה איז בטל און איר ווערט באַפרייט! טרינקט, קינדער, לחיים! און דאַנקט גאָט פאַר זיין גרויסן חסד!

— און איך האָב זיך אָפּגערעכנט מיט יענקל דעם כאַפּער — האָט זיך אָפּגערופן איינער אַ הויקער, אָנגיסנדיק כוסות פאַר אונז אַלע.

— דו האָסט זיך אָפּגערעכנט מיט אים? — האָט אַן אַנדערער געזאָגט מיט אַ געלעכטער — ער וואָלט דאָך דיך מיט איין פינגער אַוועקגעלייגט!

— איך האָב אָנגעשלאָגן זיין קליין יינגל! — האָט געענטפערט דער הויקער מיט שטאָלץ.

— אָבער איך האָב אים אַליין געבראָכן די ביינער, און ער ליגט איצט אַ צודמטער — האָט זיך אָפּגערופן אליעזר דער בעל־עגלה, אַ ייד אַ גנב.

— זאָל אייך גאָט געבן געזונט דערפאַר! — האָבן עטלעכע מענטשן געזאָגט, קוקנדיק אויף אים מיט ליבשאַפט.

די שמחה פון די תפוסניקעס און פון געקומענעם עולם איז געווען אומבאַשרייבלעך; מען האָט געטאַנצט און געשפרונגען ווי ווילדע מענטשן און געגאָסן אין זיך איין כוס נאָכן אַנדערן. נאָר איך בין געשטאַנען אָן אַ זייט מיט די תפילין אויפן קאָפּ און אויפן אָרעם און פון שמחה און אויפרעגונג נישט געקאָנט אַרויסרעדן אַ וואָרט. איינער איז צו מיר צוגעגאַנגען און אַ זאָג געטאָן:

– דאַוון אָפּ און נעם עפּעס אין מויל!

איך האָב זיך אָפּגערופן צו די חברים מיט באַגייסטערונג:

– היינטיקע נאַכט האָט איר געזאָגט תהלים און געבעטן גאָט, ער זאָל אונז העלפן פון דער נויט. איך בין געשטאַנען פון ווייטן, האָב נישט געקאָנט בעטן גאָט. איצטער, אַז גאָט האָט אונז געהאָלפן, לאָמיר אַלע לויבן זיין ליבן נאָמען! נעמט די תהלימלעך! אַלע יינגלעך האָבן גענומען די תהלימלעך און אָנגעהויבן זאָגן תהלים מיט אַ ברען, מיט אַ געוויין, דאָס איז געווען אַ געוויין פון פרייד! אַלע געקומענע האָבן מיטגעזאָגט און מיטגעוויינט מיט פריילעכע הערצער. בלויז דער יונג, וואָס האָט זיך פאַרקויפט, האָט געוויינט מיט אַ צעבראָכן האַרץ. דער באַפרייונגס־אוקאַז האָט נישט כולל געווען אים, ווייל ער האָט זיך פאַרקויפט פון אייגענעם ווילן. אָבער דער גאַנצער עולם האָט אויס רחמנות באַשלאָסן אים אויסצולייזן פון זעלנערײ מיט געלט. אויף מיר האָבן זיי אַלע געקוקט מיט אַכטונג, ווייל איך האָב אינמיטן דער שמחה נישט פאַרגעסן צו לויבן גאָט.

איך האָב זיך שוין געקליבן אַוועקגיין פון טורמע, זענען אָנגעקומען גדעון און מאיר זרחי. מיר האָבן זיך צעקושט און איך האָב ווידער געוויינט פאַר פרייד. מיין שמחה איז געווען אַ טאָפּעלע, ווען איך בין געוואויר געוואָרן, אַז גדעון האָט אָן מיר נישט פאַרגעסן, נאָר פאַרקערט, די גאַנצע צייט געזוכט מיטלען ווי אַזוי מיך צו באַפרייען. ער האָט זיך אָבער נישט געוויזן צו מיר, ווייל מאיר זרחי, שיקנדיק אים געלט אויף קויפן אַ פּאַס, האָט אים געוואָרנט, ער זאָל נישט קומען מער קיין שבולה, ווייל מען וויל אים דאָ שלעכטס טאָן, נאָר זאָל בלייבן אין

מאפליה, ביז מען וועט מיך ברענגען אַהין און דאָן וועט ער פאַרשטעלן מיין פּאַס, זאָגנדיק, אַז איך האָב אים געגעבן דעם פּאַס צו באַהאַלטן. און ער האָט געוואָלט אַזוי טאָן, אָבער אינ־מיטן איז אַרויס דער באַפרייונגס־דעקרעט, איז ער געקומען זיך פריייען מיט מיר, פאַרן אַוועקפאָרן.

דעמזעלביקן טאָג בין איך געגאַנגען צום אַלטן, מיין וואוילטעטער, און אים איבערגעגעבן זיין ברודערס בריוו. דער אַלטער איז שטאַרק געענדערט געוואָרן זינט איך האָב אים לעצטנס געזען. דעם ברודערס בריוו האָט אים גערירט ביז טרערן.

— ער האָט מיך פיינער באַהאַנדלט, ווי איך אים. — האָט אויסגערופן דער אַלטער — ער האָט מיך אין דער ערגסטע צייט נישט פאַרלאָזן און איך האָב פאַרגעסן אָן אים, און דער־פאַר האָט מיך גאָט געשטראָפט. און וואָס איז מיטן יונגנמאַן, פאַר וועלכן מיין ברודער בעט? צי איז ער באַפרייט געוואָרן? אָדער מען האָט אים שוין אַוועקגעשיקט? איך האָב אים דער־ציילט וואָס ס'איז געשען און ער האָט אויסגערופן מיט שמחה: געלויבט איז גאָט! דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: טו מיר אַ גע־פעליקייט און בעט דעם יונגנמאַן ער זאָל קומען צו מיר, איך וואָלט אים זייער וועלן זען.

דער אַלטער האָט זיך זייער דערפרייט מיט גדעונען און געבעטן, ער זאָל ביי אים נעמען אַ שטיצע. גדעון האָט גע־דאַנקט און נישט געוואָלט נעמען גאָרנישט.

קומענדיק אַהיים, האָט גדעון אָנגעהויבן זיך גרייטן אין וועג. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיך מיטנעמען. ער האָט אָבער אָפּגעזאָגט, ווייל עס איז נאָך די צייט נישט געקומען און באַזונדערס, ווייל ער וויל פריער פאָרן קיין אשדות אויפ־זוכן דן, וועלכער איז אויך אפשר באַפרייט געוואָרן. רעדנדיק וועגן דן, האָב איך אים געבעטן, ער זאָל מיר געבן איבערלייע־נען זיינע כתבים. ער האָט ערפילט מיין וואונטש און בעת מיר זענען געזעסן אין אָוונט ביי מאיר זרחי, האָט ער אַרויסגענו־מען די כתבים און אָנגעהויבן לייענען פאָלגנדעס:

יט.

דנ׳ס ביאָגראַפּיע.

איך בין געבוירן אין שטעטל המולה, אָבער דאָס שטעטל געדענק איך שוין נישט, ווייל נאָך בעת איך בין געווען אַ קינד האָט מיין פאָטער מיט דער פאַמיליע זיך איבערגעצויגן אין דערבייאיקן שטעטל נצב, וואו ער האָט געגומען אין פאַכט דעם בראָנפן-אַקציז. אַלע אַזוי־גערופענע „אָטקופּשטשיקעס״ פלעגן רייך ווערן פון פאַכט, הגם דער אַרענדע־אָפּצאָל איז געווען געגוג גרויס און אַחוץ דעם האָט מען געמוזט געבן טאָפּלט די רעגירונגס-באַאַמטע, זיי זאָלן זיך נישט „טשעפּען״. לויטן געזעץ, האָבן די אָטקופּשטשיקעס געמוזט געבן בראָנפן פון אַ געוויסן גראַד אָדער שטאַרקייט, אָבער זיי האָבן צוגעמישט וואַ־סער וויפל זיי האָבן געוואָלט, און די „אַקציזניקעס״ האָבן אַוועק־געקוקט, נישט געמאַכט זיך ווייסנדיק. מיין פאָטער איז געווען נישט בעסער, ווי אַלע אַנדערע אָטקופּשטשיקעס, און ער איז אויך רייך געוואָרן פון פאַכט.

מיין פאָטער איז געווען געאַכטעט אין שטעטל נצב, אָבער נישט באַליבט, ווייל ער האָט זיך געפירט גאַנץ אַנדערש ווי די

איבעריקע שטאָט־לייט. די יידן פון שטעטל זענען אַלע געווען חסידים און געגלייבט אין „היילינקן" צדיק פון צבועאל. זיי האָבן נישט געהאַלטן פון לערנען תורה און גמרא, ווייל דאָס אַלץ איז נישט מסוגל „אויפצוהייבן די נשמה צום שורש" און „אַרויסצונעמען די ניצוצית פון דער קליפה", לויט דער לערע פון דער קבלה. דאָס איז מעגלעך צו דערגרייכן בלויז דורך זופן זוהר און קבלה־ספרים, הגם מען פאַרשטייט נישט וואָס מען זאָגט. איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן איז שמחה, צו זיין שטענדיק פריילעך, און דאָס ווערט דערגרייכט דורך טרינקען „תיקון" אין שטיבל נאָכן דאַווענען און אין דערהיים, ווען עס מאַכט זיך און אויף אַ סעודת־מצוה. איין גרויסע מעלה איז געווען ביי חסידים — אחדות, אַזוי, אַז אין אַ צרה, אין אַ נויט, האָט איינער דעם אַנדערן געהאָלפן און נישט געלאָזט פאַלן, און אַ רייכער האָט זיך נישט גרויס געהאַלטן קעגן אַן אָרעמען, נאָר פאַרקערט, באַטראַכט אים פאַר אַ חבר, פאַר אַן אייגענעם. די חסידים פלעגן אַריינגעמען אין זייער חברה אויך געמיינע פאַרדאָרבענע מענטשן, און געהאַלטן פאַר זייער גלייכן, אַבי זיי זענען נאָר געפאָרן צום רבין, געדאַוונט אין שטיבל און געטרונקען „תיקון". די מתנגדים, ד. ה. די געגנער פון די חסידים, זענען געווען מענטשן פון אַן אַנדער שניט: זיי האָבן געחוזקט פון רבין און פון זיינע מופתים. געפירט זיך שטרענג לויטן שלחן ערוך און געלערנט פלייסיק משנה, גמרא און פוסקים. וואָס מער מען האָט געקענט לערנען און געלערנט, איז מען געווען אַלץ מער געאַכטעט און געשעצט, און ווער שמועסט נאָך אויב מען האָט דערגרייכט די מדרגה, צו מאַכן אַן אייגענעם חבור — האָט ער אפילו געמעגט זיין פול מיט נאַרישע פלפולים, איז מען געווען דאָס אויבערשטע פון שטייסל. קיין אחדות איז ביי די מתנגדים נישט געווען, נאָר יעדער בעזונדער האָט געזוכט אָנצוזאַמלען זיך פאַרן לעבן וואָס מער עולם־הבא דורך דאַווענען, לערנען גמרא, משניות, עין יעקב, שלחן ערוך, זאָגן תהלים, יעדער לויט זיין מדרגה. די חסידים און די מתנגדים האָבן פיינט געהאַט איינע די אַנדערע תמלית

שנאה, און אָפטמאָל פלעגט אויסברעכן צווישן זיי מחלוקתן איבער אַ רב, אַ שוחט און דעסגל. אין אַזאַ פאַל איז יעדער געווען גרייט צו גיין דעם אַנדערן אין לעבן, צו מסרן און אָפטאָן כלערליי אונטערשפּיצלעך, באַזונדערס זענען געווען בריות דערויף די חסידים.

מיין פאָטער איז געווען דער איינציקער מתנגד אין שטעטל, ד. ה. ער האָט נישט געגלייבט אין רבין פון צבועאל און נישט געגאַנגען אין שטיבל. און דערצו אַלס אָטקופשטשיק, וועלכער האָט צו טאָן תמיד מיט שררות און טשינאָווניקעס, איז ער געגאַנגען געקליידט קורץ. אַזאַ חטא האָבן אים די חסידים נישט געקאָנט מוחל זיין באין אופן. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס ער האָט געשריבן צוויי ספרים און נאָכן אַריינפירן זיי אין שול געמאַכט פאַרן גאַנצן שטעטל אַ סעודה, וואו וויין און בראָנפן האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. עס האָבן אויך נישט געהאָלפן די נדבות וואָס ער האָט געגעבן אויף יעדער דבר־טוב. אַ קורץ געקליידעטער איז אַן אַפּיקורס, אַ מין, און אַזעלכן מעג מען טאָן אַלדאָס בייז. אַזוי הייסט גאָט און דער צדיק, לויט דער מיינונג פון די חסידים.

איינער פון די ראשי-קהל אין שטאָט, וועלכער האָט נישט פאַרגינען דעם פאָטער די בראָנפן־פאַכט און אויסערדעם געטראָגן אויף אים אַ שנאה דאַרפאַר, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זיך משדך זיין מיט אים, האָט געזוכט מיטלען ווי־אַזוי אַרויסצורייסן פון פאָטערס הענט דעם פאַכט און מיט הילף פון פאַלשע עדות האָט ער געמאַכט אויף אים אַ שרעקלעכן בלבול, אַז ער האָט פאַרבאַהאַלטן ביי זיך אַ שווערן פאַרברעכער און זיך באַטייליקט אין זיינע פאַרברעכן. מען האָט מיין פאָטער, מוטער און עלטערע שוועסטער איינגעזעצט אין טורמע און עס האָט געהאַלטן דערביי, מען זאָל זיי משפטן ווי אָנטיילנעמער אין מאָרד און אין גנבה, ווייל אַ גאַנצע ריי פאַלשע עדות פון די נצבער חסידים, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר אַ מצוה עוקר מן השורש זיין דעם אפיקורס, האָבן עדות געזאָגט געגן זיי. ערשט נאָך אַ האַלב יאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַשול-

דיקונג איז אַ פאַלשע, אַז מיין פאָטער און זיין פאַמיליע זענען אומשולדיק און מען האָט זיי פריי געלאָזן.

צוריקגעקומען אַהיים, האָבן מיינע עלטערן געפונען, אַז זייער האָב־און־גוטס איז צעגנבעט, צעשלעפּט און אַז זיצנדיק ווייטער אין נצב איז ער נישט זיכער מיטן לעבן. ער האָט דערום באַשלאָסן צו פאַרקויפן דאָס הויז און וואָס עס איז געבליבן פון די שטוב־זאַכן און אומקערן זיך אין מאפּליה.

דאָס געלט, וואָס דער פאָטער האָט באַקומען פאַרן הויז און שטוב-זאַכן, וואָלט אפשר געווען גענוג צו מאַכן עפּעס אַ געשעפט און צו פאַרדינען אויף חיונה, אָבער דער פאָטער האָט זיך נישט גענומען צו קיין שום אַרבעט. ער איז אַרומגעגאַנגען פוסט און פּאַס און נאָר געטראַכט וועגן איין זאַך: ווי אַזוי זיך נוקם צו זיין אָן די שונאים, וועלכע האָבן אים בדלות געשטעלט און געבראַכט צו דער איצטיקער מדרגה. דערווייל איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ חודש נאָך אַ חודש און דאָס ביסל געלט, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, איז צערונען. אומזיסט האָט מיין מוטער געבעטן רחמים ביים פאָטער, ער זאָל געדענקען אָן גאָט און אָן די קינדער און זאָל זוכן עפּעס אַ פּרנסה. דער פאָטער איז ווייטער אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער, אַ פאַראומערטער און נאָר געטראַכט וועגן נקמה. ער האָט אפילו נישט אַכטונג געגעבן אויף די קינדער, וועלכע זענען אים געווען טייערער ווי דאָס לעבן. דאָס נקמה־געפיל האָט אַפּנים באַהערשט זיין גאַנץ וועזן און אַרויסגעשטופּט אַלע אַנדערע געפילן. מיין מוטער איז פאַר קרענקונג און נויט קראַנק געוואָרן, דאַן איז דער פאָטער, וועלכער איז געווען צוגעבונדן צו דער מוטער מיט לייב און זעל, מיטאַמאָל געוואָרן אַן אַנדערער. ער איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין דערהיים און נישט אָפּגעטרעטן פון דער מוטערס בעט. ער האָט איר אויך צוגעזאָגט הייליק, אַז קוים וועט גאָט העלפן און זי וועט געזונט ווערן, וועט ער פאַרגעסן אָן די שונאים און וועט זיך אָפּגעבן אינגאַנצן דעם הויזגעזינט. די מאַמע איז געווען אויפן זיבעטן הימל, אין עטלעכע טעג געפילט זיך אויך בעסער אין געזונט. אָבער באַלד

האָט די קראַנקהייט זיך ווידער פאַרשטאַרקט און נאָכדעם ווי די מוטער האָט זיך אָפּגעמוטשעט נאָך עטלעכע טעג, איז זי געשטאָרבן.

אונזער פאַרצווייפלונג נאָך דער מוטערס טויט איז געווען אין לשער. איך און די שוועסטערס האָבן מיר געיאָמערט און געקלאָגט, אָבער דער פאָטער איז געווען ווי פאַרשטיינערט. ער איז ווידער פאַרפאַלן געוואָרן פון אונז אויף גאַנצע טעג און געזוכט מיטלען ווי נקמה צו נעמען אָן זיינע דם-שונאים.

איינמאָל איז ער געקומען אַהיים אָן אויפגערוימטער, אַ פרייליכער, און נאָכדעם ווי ער האָט פאַרבראַכט מיט אונז אין אַ געשפרעך וועגן היימישע זאַכן, האָט ער אַ פרעג געטאָן די עלטערע שוועסטער, צי זי האָט געלייענט די היינטיקע צייטונג און צי האָט זי נישט געפונען דאָרט עפּעס נייעס.

די שוועסטער האָט געענטפערט, אַז זי האָט געלייענט, אַז אין נצב איז געשען אַ רויב־מאָרד און אַז אייניקע אָנגעזעענע מענטשן פון שטאָט איז מען חושד אין פאַרברעך.

צומאָרגנס האָט דער פאָטער אונז דערציילט מיט שמחה, אַז זמרי פון נצב, דערזעלביקער, וואָס האָט געהאַט געמאַכט אַ בלבול אויף אים און אויף אונזער הויזגעזינט און געבראַכט אונז צו געפענגעניש און צו דלות, איז איצט מיט אייניקע פון זיינע חברים אַרעסטירט געוואָרן אונטער דער באַשולדיקונג פון רויב־מאָרד, און אַז ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן, אַז זייער שולד זאָל אַנטדעקט ווערן, אַזוי איז דער הייסער וואונטש פון מיין פאָטער נקמה צו נעמען פון זיינע דם-שונאים דערפילט געוואָרן, אָבער אונז איז דערפון נישט געוואָרן גרינגער; פאַרקערט, מיר האָבן געציטערט מען זאָל דערפון נישט געוואויר ווערן אין מאפליה, און דאַן וועט מען אונז נאָכוואַרפן שטיינער, אַלס מוסרים און קינדער פון מוסרים. אַ מוסר איז פון אייביק אָן פאַרהאַסט ביי יידן, ווייל מיר האָבן אין אַלע צייטן געליטן פון זיי אַ סך צרות און מען דאַרף נישט אויף אונז פאַראיבל האָבן דערפאַר.

מיין שוועסטער האָט געבעטן רחמים דעם פאָטער, ער זאָל זיך מער נישט מישן אין דער זאַך און זאָל אויף אונז נישט ברענ־

ען קיין נייע צרה. און דער פֿאָטער האָט דאָסמאָל געפֿאָלגט. איבעריקנס האָט ער איצט שוין נישט געהאַט וואָס צו טאָן, ווייל די גאַנצע באַנדע מערדער איז שוין געווען אין דער האַנט פֿון געריכט.

אָבער אונזער מעסטל צרות איז אַפּנים נאָך נישט פֿאַרפֿולט געוואָרן. דער פֿאָטער האָט אַריינגעבראַכט צו אונז אין שטוב אַ קלוגן און אינטעליגענטן יונגנמאַן מנשה, וועלכער איז אונז אַלעמען זייער געפֿעלן און אין גיכן איז ער געוואָרן אַ בן־בית ביי אונז. דאָס איז אָבער געווען אַ שלעכטער און פֿאַלשער מענטש, וועלכער האָט אונז אַלעמען אומגליקלעך געמאַכט, און פֿאַרפֿלוכט זאָל זיין דער טאָג, ווען דידאָזיקע שלאַנג אין געשטאַלט פֿון אַ מענטש איז איבערגעטרעטן אונזער שוועל. דערדאָזיקער מענטש האָט אונז אַלעמען גענומען מיט זיינע שיינע גלאַטיקע רייד. פֿאַרן פֿאָטער האָט ער געשפּילט די ראָל פֿון אַ געהאָרזאַמען זון, פֿאַר מיר — פֿון אַ געטרייען ברודער און פֿאַר דער שוועסטער — פֿון אַ צאַרטן איבערגעגעבענעם פֿריינט. ער האָט אונז אַלע אויפֿגעהייטערט און פֿריילעך געמאַכט, אַזוי, אַז מיר האָבן אים געבעטן, ער זאָל וואוינען ביי אונז און מיר האָבן אים אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער.

מנשה איז אפֿילו געווען ווייניק געבילדעט, ער איז אָבער געווען קלוג און באַרעדעוודיק, מיר האָבן אים נישט געקענט און נישט געוואוסט פֿון וואַנען ער קומט און פֿון וועמען ער שטאַמט, און דאָך האָט דער פֿאָטער איינגעשטימט זיך משדך צו זיין מיט אים. מיר האָבן אים שוין באַטראַכט פֿאַר אַ מיטגליד פֿון אונזער פֿאַמיליע. אָבער פּלוצלינג איז געשען אַן אומגעריכט אומגליק: מען האָט ווידער אַרעסטירט מיין פֿאָטער און מיין עלטערע שוועסטער און מען האָט זיי אַוועקגעפֿירט אין תּפֿיסה אין דער אויעזדנער שטאָט. איך האָב זיך אפֿילו נישט געקאָנט זען מיט זיי. איך און מיין יונגערע שוועסטער זענען געבליבן אַליין מיט מנשהן און מנשה האָט באַנוצט אָט די געלעגנהייט צו פֿאַרפֿירן מיין שוועסטער...

פֿאַרוואָס בין איך נישט משוגע פֿאַר צרות? פֿאַרוואָס האָב

איך נישט געמאַכט אַ סוף צו מיין וויסטן עלנדן לעבן? ניין, איך האָב נאָך עפּעס וואָס צו טאָן אויף דער וועלט! איך דאַרף נעמען נקמה פאַרן טויט פון מיין פאָטער און דער שאַנד פון מיין שוועסטער! מיין בלוט קאָכט און זידט אין מיר ווי אַ קעסל. איך וועל נישט שטאַרבן ביז איך וועל נישט נקמה נע-מען אָן מנשה!

די לעצטע ווערטער האָט גדעון געלייענט מיט אַ פאַר-שטיקטן קול פון געוויין, שפּעטער האָט ער מיר דערציילט, אַז מנשה, וועלכער איז געקומען צו דנ׳ס פאָטער ווי אַ גוטער פריינט, איז אין אמתן געווען אונטערגעשיקט פון זיינע דמ-שונאים פון נצב. די מערדער פון נצב זענען באַפרייט געוואָרן, ווייל זיי האָבן געשטעלט פאַלשע עדות און ניט געקאַרגט מיט געלט. דעמאָלט איז געהאַט אויסגעבראָכן די פּוילישע רעוואָ-לוציע און דנ׳ס פאָטער האָט פון פּרנסה וועגן פאַרזאָרגט די פּאָוסטאַנצעס מיט געווער. די נצבער לייט זענען דערפון גע-וואויר געוואָרן און האָבן אים געמסרט. מען האָט געפונען ביי דנ׳ס פאָטער בריוו פון די פּאָוסטאַנצעס און דאָס איז געווען אַ געניגנדער באַווייז געגן אים. דער סוף איז געווען, אַז דנ׳ס פאָטער האָט מען פאַרמשפּט צום הענגען און זיין עלטסטע שוועסטער איז געשטאָרבן אין תפיסה. מנשה איז אַוועק פון שטאָט אין מען ווייסט נישט וואו ער איז אַהינגעקומען, דן וואַנדערט אַרום איבער דער וועלט אים אויפצוזוכן און זיך נוקם זיין אָן אים. אָבער, זיי וויסן, אַז אָט דער פּושע־ישראל, וועלכער האָט פאַראומגליקט דנ׳ס פאַמיליע, וועלכער האָט זיך אָנגערעדט צו באַגנבענען דעם פעטער און זיך אַוועקגעפירט פון פעטערס הויז, איז איצט אַ גביר און אַ ראש-הקהל און קיי-נער קאָן אים גאָרנישט טאָן.

דנ׳ס צ־ות האָבן מיך אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן. מיר זענען געשטאַנען פאַר די אויגן דנ׳ס אויפגעהאָנגענער פאָטער און זיין געשענ-דעטע שוועסטער. אויך מייגע אייגענע צרות זענען מיר געקו-מען אויפן געדאַנק: עכבור און די כאַפּערס, דער ראש־ישיבה,

דער משגיח און די ישיבה־בחורים. איך האָב זיך דערמאָנט אָן אַלע צרות, וואָס זיי האָבן מיר אָנגעטאָן, און באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די פאַרשאָלטענע שטאָט. אָבער וואוהין גייט מען? גדעון וויל מיך נישט מיטנעמען.

אָבער ווער איז שולדיק אין מיינע צרות? איך בין דאָך תחלת געווען באַליבט אין שטעטל און ווער ווייס, אויב איך וואָלט שוין היינט נישט געווען אַ גביריש איידעמל און געהאַט אַ ווייב און אומזיסטע קעסט, ווען איך וואָלט נישט געלייענט קיין השכּלה-ספרים. אָבער וואָס האָב איך געהאַט פאַר אַ נוצן דערפון? גדעון איז אויך אַ משכּיל און האָט דערפון בלויז צרות. איך וועל ליבער זיך פירן ווי אַלע יידן, וועל פאָרן קיין יובך און זיך זעצן לערנען אין דער דאָרטיקער ישיבה – וועל איך זיין געשעצט און געאַכטעט פון אַלעמען. אַזוי האָב איך באַשלאָסן טאָן און מער שוין נישט געבעטן גדעונען, ער זאָל מיך מיטנעמען. זאָל ער זיך גיין זיין וועג און איך – מיין וועג. מיר האָבן זיך געזעגנט, און דעמזעלביקן טאָג, ווען ער איז אָפּגעפאָרן קיין אשדות, בין איך אַוועק – צו פאָרן קיין יובך.

כ.

אין נצב.

אויפן וועג קיין יובך האָב איך מיך אָפּגעשטעלט אין נצב, ווייל איבערן רעגן האָב איך נישט געקאָנט גיין ווייטער. נצב איז אַ קליין שטעטל און פאַרמאָגט אַן ערך פופציק יידישע פאַמיליעס, דורכאויס חסידים. אַריינקומענדיק אין בית־מדרש, איז מיר דערום נישט געווען קיין חידוש, וואָס עס איז געווען כמעט ליידיק; חסידים האַלטן נישט פון לערנען. בלויז איין יונגערמאַן, אַ קורצער, אַ מאָגערער, מיט לויפנדיקע אייגעלעך, איז געזעסן און מעין געווען אין אַ ספר. ער האָט אַלע ווײַלע געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף מיר, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט אויפעסן. פון בוידעם־שטיבל, וואו עס איז געווען די ווייבערשול, האָט זיך געלאָזט הערן אַ זינגעריי פון קינדער. וואָס האָבן געלערנט מיט אַ רבין.

איך האָב זיך אַנידערגעזעצט און גענומען אַריינקוקן אין אַ גמרא, מסכת נדרים, וועלכע איך האָב שוין פיל מאָל געלערנט, ווייל דער פירוש פון ר"ן איז מיר זייער געפעלן. דער יונגערמאַן האָט זיך אַלע ווײַלע אויפגעהויבן, גלייך ער וואָלט

זיצן אויף הייסע קוילן; ער איז משמעות געווען אין כעס אויף מיר דערפאַר, וואָס איך בין פריער נישט צוגעגאַנגען זיך באַקענען מיט אים. דערנאָך האָט ער נישט געקאָנט זיך מער איינהאַלטן און מיך אַ פרעג געטאָן מיט חוצפה:

— ווער ביזטו?

זיין חוצפה האָט מיך אויפגערעגט און דערום האָב איך אים נישט געענטפערט און ווייטער געלערנט. זעענדיק, אַז ער וועט מיט מיר גאָרגישט מאַכן, האָט ער געפרעגט צום צווייטן מאָל, נאָר שוין געלאַסן, ווער איך בין.

— אַ ישיבה־בחור — האָב איך געענטפערט.

— וואו האָסטו געלערנט?

— אין ר׳ מנחמס ישיבה אין שכולה.

— און פאַרוואָס ביזטו אַוועק פון דאָרט?

— ווייל איך וויל לערנען אין יובך, וואו ס׳איז אַ גרעסערע ישיבה.

— און ר׳ מנחמס תורה איז פאַר דיר ווייניק? פאַר דיר וואָלט עס, דוכט זיך, קלעקן נאָך אויף יאָרן! די זאַך איז מסתמא נישט גלאַטיק?...

רעכענענדיק צו בלייבן אין נצב נישט מער ווי איין נאַכט, האָב איך נישט געוואָלט מאַכן מיט אים קיין טענה און גאָרנישט געענטפערט, אָבער דערנאָך האָב איך מיך מיישב געווען: פאַרוואָס זאָל איך אים שווייגן, דעם עזות-פנים, און אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען קענסטו ר׳ מנחמס ישיבה און וויאַזוי מען לערנט דאָרט?

— פון וואַנען איך קען ר׳ מנחמס ישיבה?— האָט ער געענטפערט מיט אַ פאַראַכטנדיקן געלעכטער — איך האָב דאָרט געלערנט פינף יאָר.

— איך פאַרשטיי נישט — האָב איך געענטפערט געלאַסן — פאַרוואָס ביזטו אַוועק פון דאָרט. צי איז פאַר דיר ווייניק ר׳ מנחמס תורה? דוכט זיך, אַז זיין לערנען וואָלט דיר געקאָנט קלעקן אויפן גאַנצן לעבן!

דער יונגערמאַן איז רויט געוואָרן פון כעס און אַ גע־שריי געטאָן:

— דו, עזות־פּנים! דו ווילסט זיך גלייכן צו מיר? דו קענסט מיין לומדישקייט?

— און פון וואַנען קענסטו מיין לומדישקייט?

— איך דערקען אָן דיין פּנים, אַז דו ביזט אַן עם-הארץ. אַ סימן, דו האָסט גענומען אַ מסכת, וואָס איז נישט פאַר יונגע בחורים. און וועגן מיר, פרעג די גאַנצע שטאָט, וועט מען דיר זאָגן, מיט וועמען דו האָסט געהאַט אַ העזה אַזוי צו רעדען!

— גוט, איך גיי באַלד פרעגן די גאַנצע שטאָט, וועל איך שיין וויסן וויאַזוי מיט דיר צו רעדן.

— דו ביזט אַן עזות־מחוצף־פּנים אָן גלייכן!

— יאָ, וואו דו ביזט נישטאָ.

— איך וועל דיך אָנלערנען, דו ווילדער יונג! נאָך היינ־טיקן טאָג וועט מען דיך אַרויסטרייבן פון דאַנען!

צו מיטאָג־צייט איז דער יונגערמאַן אַוועקגעגאַנגען, און דער מלמד מיט די קינדער זענען אַראָפּ פון בוידעם־שטיבל. דער מלמד איז געווען אַ מענטש אין די פופציקער מיט אַ סימפּאַ־טיש געזיכט און אין אַן אַלטן געלאַטעטן מלבוש. ער איז צו־געגאַנגען צו מיר, דערלאַנגט שלום און נאָכן געוויינלעכן אויס־פרעגן ווער און פון וואַנען איך בין, האָט ער מיך געפרעגט, וואָס איך האָב אַזוי איינגעטענהט מיט דעם יונגנמאַן דעם פּרוש.

איך האָב אים דערציילט, וואָס צווישן אונז איז פאָרגע־קומען, און זיך פאַרענטפערט, וואָס איך האָב זיך מיט אים גע־קריגט. אָנשטאָט צו געבן מיר שלום,— האָב איך געזאָגט, — ווי דער מנהג איז מיט אַן אורח, האָט ער אָנגעהויבן זיך קריגן מיט מיר.

— דער פּרוש איז שוין אַזאַ מענטש, ער האָט ליב זיך צו קריגן, — האָט געענטפערט דער מלמד, — אַ חוץ דעם האָט ער מורא, דו זאָלסט אים נישט משיג-גבול זיין, אָבער ער קאָן

דיר גאָרנישט טאָן, אויב דו ווילסט, בלייב דאָ, וועט דיר זיין נישט שלעכט.

– מיר פאַלט גאָרנישט איין דאָ צו בלייבן, – האָב איך געענטפערט, – איך וויל גיין קיין יובך און בלייבן דאָ נאָר איבער נאַכט.

– און אויב דו ווילסט מיך פאָלגן, בלייב ליבער דאָ, וועט דיר זיין בעסער ווי אין יובך. דאָרט איז אַגרויסע ישיבה מיט אַ סך בחורים טעג־עסער, וועסטו באַקומען אין בעסטן פאַל טעג ביי אָרעמעלייט. אויסערדעם וועט מען דיר דאָרט נאָכ־קוקן, וויפל און וואָס דו לערנסט, און דאָ וועסטו זיצן רויק, האָבן גוטע מיטאָגן און לערנען וויפל דו וועסט ווען. אין יובך וועט דיר נישט זיין גוט, איך ווייס, מיין בחור האָט אויך דאָרט געלערנט.

פון זיינע רייד האָב איך דערקענט, אַז ער איז אַ חסיד, ביי וועמען דאָס עסן שפּילט מער ראָל ווי דאָס לערנען. אָבער ער איז מיר געפעלן איבער זיין גוטמוטיקייט און צוגע־לאָזנקייט, און איך האָב געזאָגט:

– גוט, איך וואָלט דאָ בלייבן, אָבער איך האָב מורא איך זאָל נישט האָבן צרות פון דעם פרוש, דער שלאַנג.

– שרעק זיך נישט, – האָט געענטפערט דער מלמד, – דער היגער רב איז זייער אַ וואוילער מענטש און אַ גרויסער למדן און ער איז מקרב ישיבה־בחורים. גיי אַריין צו אים, און אויב דו וועסט געפעלן ווערן דעם רב, וועלן די בעלי־בתים דיך אויף די הענט טראָגן, און פאַרן פרוש האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבן, ווייל מען האָט אים נישט ליב אין שטאָט. און איך וועל אויך זיין צופרידן, איך וועל האָבן מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן.

איך האָב געזען, אַז דער מלמד מיינט פשוט מיין טובה, אָן שום פניות, האָב איך געענטפערט:

– גוט, איך וועל זען! איך דאַנק אייך פאַר אייער עצה־טובה.

– איצט גיי איך עסן וואַרעמעס – האָט געזאָגט דער

מלמד — און וואוהין וועסט דו גיין? איך האָב זיך אפילו נישט צוגעגרייט פאַר דיר, אָבער אַ ביסל געקעכטס וועט זיין.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן מענטש און אויף זיין מלבוש און פאַרשטאַנען, אַז קיין מעדני־מלכים וועל איך ביי אים נישט באַקומען, אָבער דאָס וואָלט נישט אויסמאַכן: ווען מען איז הונגעריק, שמעקט אַלץ. איך האָב אָבער מורא געהאַט, אַז זיין ווייב וועט נישט צופרידן זיין צו טיילן זיך מיט איר ביסן, און האָב אים געגעבן אָנצוהערעניש וועגן דעם.

—דערפאַר זאָלסטו נישט מורא האָבן. מיין ווייב איז נאָך צופרידענער פון אַן אורח ווי איך. דו וועסט זען, וואָס פאַר אַ פאַראַד זי וועט פאַר דיר מאַכן.

דער מלמד האָט מיך געפירט צו זיך אַהיים, און אויפן וועג זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען דעם מאַרק — אַ גרויסער ליי־דיקער פּלאַץ מיט אַ ריי קראָמען אין מיטן און הילצערנע היי־זער ביי דער זייט. דאָ האָט ער מיר אָנגעוויזן אויפן גבירס נחלה — אַ גרויס הילצערן הויז מיט זעקס פענצטער אין גאַס אַרויס און אַ לאַנגן הויף מיט שטאַלן, באַמערקנדיק, אַז דידאָזיקע נחלה האָט אַמאָל געהערט צו אַן אָטקופשטשיק אַ פושע־ישראל, וועלכער האָט געהאַט אַן עסק מיט פוילישע פּאָוסטאַנצעס און מען האָט אים דערפאַר אויפגעהאָנגען. איצט געהערט זי צו אַ יוד אַ חסיד מאנשי־שלומנו. איך האָב פאַרשטאַנען ווער דער פושע־ישראל איז געווען און זיך דערמאָנט אָן דן און אָן דעם אומגליק, וואָס זיין פאָטער האָט געטראָפן, אַ דאַנק די אנשי־שלומנו, איך האָב אָבער גאָרנישט געענטפערט, און קריכנדיק פאַ־מעלעך אין בלאָטע ביז די קני זענען מיר צוגעקומען צום מלמדס נחלה — אַ קליין איינגעהויקערט הייזל מיט צוויי פענצטערלעך. אינעווייניק אָבער איז דעם מלמדס דירה געווען ריין, ציכטיק: די ווענט זענען געווען קלאָר אויסגעווייסט און די פּאָדלאָגע פריש אויסגעשמירט מיט ליים, דער הילצערנער טיש און בענק־לעך האָבן געבלאַנקט פון ווייסקייט. איבער דער קיך זענען געהאָנגען אייניגע ריין־אויסגעשייערטע קופּערנע פענדלעך, און צינערנע טעלערס, וועלכע זענען קענטיק געווען דאָס צירונג

פון שטוב. איך בין געבליבן שטיין ערשטוינט אויף דער שוועל, ווייל איך בין נישט געוואוינט געווען צו זען אַזוי אַ זויבער־קייט אין אַ יידישער אָרעמער שטוב. אויף דעם מלמדס ווייב אָדער רביצין, וועלכע איז אונז אַנטקעגנגעגאַנגען, איז אויך געלעגן אַזאַ ציכטיקייט ווי אויף דער שטוב. זי האָט מיך אויפגענומען ווי אַ טייערע מאַלינקע און באַלד געשיקט נאָך איר טעכטערל חנה, זי זאָל ברענגען אַ הערינג, עסיג און אייל לכבוד דעם גאַסט.

מיר האָבן זיך געזעצט אַלע צום טיש און זיך געלאָזט וואוילגיין מיט די מאכלים, וואָס די רביצין האָט אונז דערלאַנגט אין די צינערנע טעלער, וועלכע האָבן געבלאַנקט ווי זילבער. מיר האָבן געשמועסט, דערציילט מעשיות און איך האָב זיך געפילט ווי אין דער היים צווישן דידאָזיקע בכבודיקע צופרידענע אָרעמעלייט. ווי ווייניק דאַרף דער מענטש פאַר זיין גליק — האָב איך מיר געטראַכט. די סעודה האָט נישט לאַנג געדויערט. דער מלמד האָט זיך געאיילט צו זיינע תלמידים אין ווייבער־שול און איך האָב אים באַגלייט אַהין.

כא.

אַ חשוב אין ק"ק נצב.

אַ דאַנק די גוטע מענטשן, וואָס איך האָב באַגעגנט — דעם מלמד און זיין הויזגעזינט — האָב איך חשק געהאַט צו בלייבן אין נצב, האָב אָבער מורא געהאַט, דער פּרוש זאָל מיר נישט אָנטאָן צרות. ווען איך בין נאָכמיטאָג צוריקגעקומען אין בית-מדרש און געזעצט זיך לערנען, האָט דער פּרוש זיך גע־דרייט אַרום מיר, דורכשטעכנדיק מיך מיט זיינע בייזע בליקן. איך האָב באַשלאָסן צו וואַרטן אַ פּאָר טעג און זען וואָס דאָ וועט זיין.

צו מנחה איז געקומען דער רב — אַ הויכער פּעט-לייבי־קער ייד מיט אַ שיינער ברייטער באָרד. די זיידענע זשופּעצע, וואָס ער האָט געטראָגן, איז געווען כמעט ניי, אָבער פול מיט שטויב און בלאָטע־פלעקן. פון זיין ברייטן געזיכט האָט אַרויס־געקוקט אַ סך תמימות און ווייניק חכמה. דערזעענדיק מיך פון ווייטן, האָט ער מיך צוגערופן, דערלאַנגט שלום און געזאָגט:

— ר' ברוך מלמד האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביזט אַ וואוי־לער בחור, און אויב דו ווילסט דאָ פאַרבלייבן, וועל איך אי־בערעדן מיט אונזערע בעלי־בתים, און דיר וועט קיין זאַך

נישט פעלן. וואַרפנדיק דערביי אַ בליק אויף דער גמרא, וואָס איך האָב געלערנט, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— דו לערנסט מסכת נדרים? פאַרשטייסט דאָ עפעס?

דער פרוש, וועלכער איז געשטאַנען דערנעבן, דערהערנדיק דעם רבס ווערטער, האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב דאָך באַלד געזאָגט, אַז דער בחור איז אַן עם-הארץ און האָט זיך געכאַפּט צו אַ מסכת, וואָס איז נישט פאַר זיין השגה!

דעם רב האָט קענטיק שוין פאַרדראָסן וואָס ער געזאָגט, און האָט אויסגערעדט דעם פרוש דערפאַר, וואָס ער האָט מיך פאַרשעמט. דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט, און איך האָב אויסגעזידלט דעם פרוש ווי ער איז ווערט געווען. דער פרוש האָט געוואָלט צוריק ענטפערן, אָבער דער רב האָט אים נישט געלאָזט, זאָגנדיק:

— לאָז געמאַך, דו האָסט דאָך אָנגעהויבן! איבעריקנס וועלן מיר באַלד זען וואָס ער קען.

— גוט,— האָט זיך אָפּגערופן דער פרוש,— און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז איך בין גערעכט, וועט מען אים, דעם עזות-פנים, אויספּאַטשן און אַרויסוואַרפן.

דער רב האָט גענומען רעדן מיט מיר אין לערנען. איך האָב באַלד דערפילט דעם רבס שוואַכע זייט און האָב אים גענומען פאַרשיטן מיט שאלות און פשטלעך, אַז ער תאָט זיך נישט געקאָנט אַ קער טאָן, און כדי זיך אויסצודרייען פון מיין האַנט, האָט ער מיר אַ קניפּ געטאָן אין באַק און אַ זאָג געטאָן:

— אַ וואוילער בחור, בנאמנות, איך בין זיכער, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ לייט, אַ גרויסער רב! ער איז שוין אַ וואוילער לערנער!

דער עולם וואָס איז געשטאַנען אַרום אונז האָט געקוקט אויף מיר מיט אַכטונג, אָבער זייער פרוש האָט אויסגערופן:

— וואָס־זשע איז ער געקומען אַהער? פאַרוואָס איז אים נישט געפעלן ר׳ מגחמס ישיבה? מסתמא האָט מען אים פון דאָרט אַרויסגעטריבן.

איך בין געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער; איך האָב גע־מיינט, אַז דער פּרוש ווייסט עפּעס וואָס מיט מיר איז געשען אין שכולה און האָב געוואָלט געשווינד זיך אַרויסדרייען פון עולם און אַנטלויפן, אָבער באַלד האָב איך דערזען, אַז מיין פּחד איז געווען אומזיסט. דער רב האָט זיך אָנגענומען פאַר מיר, האָט אַ געשריי געטאָן אויפן פּרוש, ער זאָל נישט רעדן וואָס ער ווייס נישט, און גלייכצייטיק מיך פאַרבעטן צו זיך אויף וועטשערע. אָבער דער פּרוש איז נישט אַנטשוויגן גע־וואָרן און געזאָגט:

— איך וועל גיין שווערן, אַז מען האָט אים פון ר׳ מנחמס ישיבה אַרויסגעטריבן. נישקשה, מיר וועלן עס דערגיין...

באַלד נאָך מעריב בין איך געגאַנגען מיטן רב צו אים אַהיים. דער רב האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דער רביצין, זאָגנדיק: מרים, אָט דאָ האָב איך געבראַכט אַ בחורל אַ וואויל־לערנער, ער האָט געלערנט ביי ר׳ מנחמען אין ישיבה, און איצט וויל ער לערנען ביי אונז אין בית־מדרש.

די רביצין, וועלכע איז געזעסן פאַרטיפט אין אַ ספר, וואָס איז געלעגן פאַר איר אויפן טיש, האָט זיך אויפגעשטעלט, איינגעקוקט אין מיר מיט אירע קליינע אייגעלעך פון אונטער די גרויסע געלע ברעמען און אַ זאָג געטאָן מיט שמחה: ברוך הבא! קינדער, וואָס באַגערן צו לערנען, האָב איך ליב ווי דאָס לעבן. איך בין מישטיינס געזאָגט אַ יידענע און ווען איך האָב נאָר אַ פרייע מינוט זיץ איך און לערן. ווייל וואָס דען איז דעם מענטשס תכלית, אויב נישט לערנען די הייליקע תורה?

דער רב האָט באַשטעטיקט די ווערטער פון זיין ווייב און געזאָגט:

— די רביצין איז אַ וואוילקענערין, זי איז קלאָר אין „שלחן ערוך” און אין די מוסר־ספרים, ווי אין אַ וואַסער, און אין שטאָט רופט מען זי נישט אַנדערש ווי „חצי־רב”.

דער „חצי־רב” איז קענטיק געווען זייער צופרידן פון דער אַטעסטאַציע פון גאַנצן־רב און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך בין נישט פון די ווייבער, וואָס פאַרלאָזן זיך

אויפן מאַנס עולם-הבא, איך וויל מיר אַליין צוגרייטן אַ שטול אין גן־עדן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר!

דער רביצינס פּנים און מלבושים, ווי אויך די פאַרשמירטע פּנימלעך פון די קינדערלעך און די גאַנצע ווירטשאַפט האָבן עדות־געזאָגט, אַז די רביצין איז מער פאַרנומען מיט לערנען תורה ווי מיט בעלי־בתישקייט. זי האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש און געוואָלט זיך ווייטער נעמען צום ספר „ראשית חכמה“, וואָס איז פאַר איר געלעגן, אָבער דער רב, וועלכער איז קענטיק געווען הונגעריק און נישט זאַט געוואָרן פון דעם ווייבס תורה, האָט אַ זאָג געטאָן:

— מרים, גיב וועטשערע!

מען האָט געגרייט צום טיש, אָבער די דינסט, וועלכע האָט דערלאַנגט דאָס עסן, דאָס טישטוך און די טעלער און לעפל זענען געווען אַזוי ברודיק, אַז עס האָט מיך געעקלט צו עסן און איך האָב כּמעט נישט גענומען קיין זאַך אין מויל. די רביצין האָט מיך אַ פּאָר מאָל געבעטן עסן, אָבער איך האָב קוים אָנגערירט די מאכלים. ווען די רביצין האָט מיך ווידער דער־מאָנט עסן, האָב איך געמוזט זאָגן, אַז איך האָב היינט זיך אָנ־געגעסן ביי וואַרעמעס און האָב איצט נישט קיין אַפּעטיט.

— וואו האָסטו געגעסן וואַרעמעס?

— ביי ר׳ ברוך מלמד.

— האָט מען דיר געגעבן אַזעלכע געשמאַקע מאכלים, אַז דו ביזט נאָך איצט זאַט?

— ביי מיר איז דער עיקר נישט די מאכלים, נאָר די גינציקייט, מיט וועלכער מען גיט זיי.

— יאָ, דאָס איז ריכטיק, „טוב פּת חרבה ושלוה בה“ (בעסער טרוקן ברויט מיט רויקייט), אָבער מיר גיבן אויך מיטן גאַנצן האַרצן.

— דאָס זע איך, און בין איבערצייגט, אַז אויב איך וואָלט זיך נישט אָנגעגעסן ביי וואַרעמעס, וואָלט איך איצט געגעסן מיט אַפּעטיט.

מיין ענטפער איז קענטיק געפעלן געוואָרן און מען האָט

מיך געלאָזט צורו. באַלד איז די רביצין אַרויפגעקומען אויף אַ שמועס וועגן מלמדס ווייב, וועלכע פירט זיך אויפן גוישן אַרט דערמיט, וואָס זי קליידט זיך אַזוי ציכטיק און האַלט אַזוי ציכטיק איר דירה און שטוב-זאַכן. דאָס פּאַסט נישט, לויט איר מיינונג, פאַר אַ יידיש קינד, און זי האָט איר שוין גישט איינ־מאָל געזאָגט וועגן דעם, אָבער זי מאַכט זיך נישט פון אירע רייד, טוט אירס און לערנט אויך איר מיידל צו פירן זיך אַזוי. דערביי האָט די רביצין געשוואוירן ביי איר לעבן, אַז ווען ר' ברוך מלמד וואָלט געווען אימשטאַנד צו געבן זיין טאָכטער אפילו טויזנט רובל נדן, וואָלט זי זיך נישט משדך געווען מיט אים מיט איר זון, מיט איר מאירל.

וועלנדיק אַרויסווייזן מיין לומדישקייט, האָב איך זיך אַריינגעמישט אין שמועס און געזאָגט, אַז לויט ווי איך ווייס, שטייט נישט אין דער תורה אָדער אין דער גמרא, אַז אַ פרוי זאָל נישט האַלטן ציכטיק איר דירה און זאַכן. פאַרקערט, שלמה המלך האָט געריימט די „אשת חיל", וועלכע האַלט אין אָרדענונג איר שטוב, און טראָגט שיינע מלבושים, ווייל דאָס איז דער גאַנצער תכלית פון דער פרוי.

דער רב האָט מיר געגעבן גערעכט, אָבער די רביצין איז געווען בייז, און גישט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— צי האַלטסטו אַזוי, ווי דער פּראָסטער עולם, אַז אַלץ וואָס שטייט אין דער תורה מיינט מען פשוט אַזוי ווי דער טייטש איז? צי ווייסטו נישט, אַז די איינפאַכסטע ווערטער פון דער תורה זענען פול מיט סודות און רמזים און אַז מיט דער „אשת חיל" מיינט מען גאָר די תורה?

איך האָב געענטפערט, אַז ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט, דאַרף מען אָננעמען דעם איינפאַכן פשט פון פסוק.

— אויב דו זאָלסט אפילו גערעכט זיין אין דעם פרט, דאַרף מען דאָך תמיד געדענקען דעם חורבן. און ווער עס רייניקט זיך און פוצט זיך תמיד, מוז פאַרגעסן, אַז מיר זענען אין גלות.

— אַז מען זאָל געדענקען אָן חורבן, וועגן דעם האָבן שוין געזאָרגט אונזערע חכמים, און זאָרגן אָן אויפהער אונזערע שונאים. איבער דעם דאַרף מען לאָזן אין שטוב אַ שטיקל וואַנט אומגעפאַרבט, דעם טיש — אַ שטיקל נישט צוגעדעקט מיטן טיש-טוך, זאָגן פאַרן בענטשן „על נהרות בבל" און דאָסגל. און ביי דעם מלמד אין שטוב פירט זיך אַלץ על פי שלחן ערוך, ווי איך האָב אַליין געזען.

— אַ שיינע צדקות — האָט זיך אָנגערופן די רביצין בייז — וואָס דער מלמד און די מלמדיכע פירן זיך על פי שלחן ערוך. ווי דען זאָלן זיי זיך פירן? ווי גוים? מען דאַרף זיך אָבער פירן לפנים משורת הדין (מער ווי דער דין איז) און מאַכן אַ משמרת למשמרת.

— אַזוי דאַרפן טאָן בלויז חסידים ואנשי מעשה — האָב איך עקשנותדיק אָפּגעשלאָגן איר טענה, און אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: „לא כל הרוצה ליטול את השם יבוא ויטול" (נישט יעדער קען זיך האַלטן פאַר אַ חסיד).

די רביצין, איינזעענדיק, אַז מיט אַלע אירע גרויסע קענ-טענישן וועט זי מיך נישט קענען בייקומען, האָט אַוועקגעלייגט דאָס געווער.

מיר האָבן אָפּגעבענטשט און איך בין געגאַנגען שלאָפן אין בית-המדרש.

צומאָרגנס ביים דאַוונען האָט מיר דער רב פאַרגעשלאָגן אין זיין נאָמען און אין זיין ווייבס נאָמען, אַז איך זאָל לער-נען מיט זיין זון און דערפאַר וועל איך באַקומען ביי אים קעסט און מלבושים. בשעת מעשה האָב איך זיך אפילו דער-מאָנט אָן דער רביצינס ברודיקן טישטוך און אָן אירע אומריינע כלים, אָבער אַ ישיבה-בחור טאָר נישט זיין קיין איבערקלייבער און איך האָב איינגעשטימט. אַ ביסל האָב איך עס געטאָן דעם פרוש צו-להכעיס, ער זאָל זען וואָס פאַר אַ חשוב איך בין ביי דעם רב אין שטוב און פלאַצן פאַר קנאה.

ביסלעכווייז האָב איך זיך צוגעוויינט צום חצי-רב און צום רבס הויזגעזינט און געגעסן געשמאַק די קעסט; ווייל די

רביצין — מוזט איר וויסן — פלעגט באַקומען פון די קצבים די בעסטע חלקים פלייש. איך האָב געלערנט מיטן רבס זון, מיט מאירלען, וועלכער איז געווען גאָר אַ קנאַפּער למדן, און געהערט מופתים פון צבועאלער רבין, וואָס מאירל און דער חצי־רב פלעגן דערציילן. איך האָב זיך איינגעהערט מיט קאָפּ, מאַכנדיק דעם אָנשטעל. אַז איך גלייב אין דעם, ווי — להבדיל — אין תורת משה.

דער רב איז אויך געווען חזן און שוחט, פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט זייער ווייניק צו טאָן. געשחטן האָט מען אין נצבּ נישט מער ווי צוויי מאָל אין וואָך. גרויסע שאלות האָט דער רב נישט געפּסקנט און מען פלעגט שיקן פרעגן אין דערבּייאיקער מאפּליה; אויף די קליינע שאלות אין בשר בחלב פלעגט ער תמיד ענטפערן טריף, אַזוי אַז די נצבער האָבן שוין אויפגעהערט קומען פרעגן שאלות און פלעגן אַליין פסקענען. קיין גטין האָט מען אין נצבּ נישט מסדר געווען, ווייל עס איז דאָרט נישטאָ קיין טייך. און קיין דרשות האָט דער רב אום שבת־תשובה און שבת-הגדול נישט געזאָגט, ווייל די נצבער יידן זענען חסידים און האָבן פיינט דרשות. פונדעסטוועגן איז דער נצבער רב געווען רב, ווייל דער צבועאלער רבי האָט אַזוי געוואָלט.

אויסער וואָס דער נצבער רב האָט געהאַט אַן אַרבעט: צו פאָרן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק צום רבין און צו דערציילן מופתים וועגן אים מיט אַזאַ התלהבות, אַז אַלע האָבן געמוזט גלייבן אין זיי, האָט ער נאָך געשניצט ביישטידלעך צו מזוזות מיט פיין אוסגעאַרבעטע בלומען און צורות פון חיות און עופות, וואָס האָבן געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער סביבה. דער נצבער רב האָט אַפנים געהאַט אין זיך אַ פונק פון אַ קינסטלער, און ווען נישט וואָס ער האָט נושא־חן געווען בײם צבועאלער רבין און געוואָרן אויף זיין באַפעל אַ רב, וואָלט ער אפשר אַרויסגעקומען... אַ גוטער שניצער.

איצט, פאַר ימים-נוראים, האָט דער רב געהאַט נאָך אַן אַרבעט: צו מאַכן פראָבעס פון די נגינות און צו פילבעווען די בלי — דעם האַלז — ער זאָל נישט חס־ושלום קאַליע ווערן אויף

יום־טוב. ער איז איצט געזעסן גאַנצע טעג אין אַ בעזונדער חדר און געריסן דעם גאָרגל, אַז עס איז געווען אַ רחמנות. איך האָב אים געזאָגט אין שפּאַס, אַז, לויט מיין מיינונג, וואָלט מען געדאַרפט אַסרן די חזנים צו זינגען פאַר יום־טוב, פּונקט אַזוי ווי מען האָט געאַסרט עסן מצה פאַר פּסח, און בלאָזן שופר ערב ראש-השנה, כּדי עס זאָל זיך גלוסטן הערן די נגינות אום יום-טוב.

— די נצבבער בעלי-בתים פאַרשטייען זיך גאַנץ ווייניק אין נגינה, אַזוי אַז וואָס מען זאָל זיי נישט זינגען, איז אַלץ ביי זיי אַ נייעס — האָט געענטפערט דער רב תמימותדיק.

— האָט איר העלפערס?—האָב איך געפרעגט דעם רב.

— בלויז איין העלפער, דעם פּרוש.

— ער האָט דאָך אַ שטים פון אַ בת־היענה!

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן, ווען איך האָב נישט קיין בעסערן? איך קאָן דאָך נישט דאַוונען גאָר אָן אַ העלפער. דו ווייסט דאָך, אַז אַ חזן אָן אַ העלפער איז ווי אַ שניידער אָן אַ נאָדל.

און ווי אַ רב אָן תורה — האָב איך געטראַכט ביי מיר.

און איך וואָלט ראַטן, רבי, צו נעמען נאָך אַ משורר — האָב איך געזאָגט.

— אָבער וואו נעמט מען אים? נעמען אַ משורר פון מאָפּ־ליה, וועט מיך קאָסטן צו טייער, אויסערדעם זענען די דאָרטיקע משוררים צעלאָזענע יונגען, און איך וועל האָבן פון זיי צרות.

— אָבער איך האָב פאַר אייך, רבי, אַ משורר, אַן אָרנט־לעך יינגל מיט אַ פיינער שטים, פּונקט ווי צוגעפּאַסט פאַר אייך, און ער וועט אייך אויך נישט קאָסטן טייער...

— גוט, גוט — האָט געזאָגט דער רב אַ צעשטראַלטער — ברענג מיר אים, וועלן מיר איבעררעדן.

— איך דאַרף אים נישט ברענגען, ער איז דאָ — האָב איך געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

— ווער־זשע איז ער?

— אָט דאָס בין איך!—האָב איך זיך אָפּגערופן מיט שטאָלץ.

— דו האָסט אַ גוטע שטים און קאָנסט זינגען? — האָט ער געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג און מיט שמחה אינאיינעם.

איך האָב אים געלאָזט הערן מיין שטים און ער האָט אויסגערופן אַ דערפרייטער: גאָט אַליין האָט דיך צוגעשיקט אַהער! ווי גרויס זענען גאָטס וואונדער! און געוויס האָסטו נייע נגינות! לערן-זשע מיך אויס! וועלן מיר האָבן עפּעס נייעס פאַרן עולם. איך האָב אים געזונגען אַ נייע זאַך, איינמאָל, צוויימאָל און דריימאָל, ביז ער האָט עס איבערגענומען, און ער איז געווען אויפן זיבנטן הימל. ווער עס איז אַריינגעקו־מען שטוב, האָט ער אים דערציילט מיט באַגייסטערונג וועגן גרויסן גליק וואָס אים איז געשען, צו באַקומען אַזאַ משורר ווי איך. אויך דעם פרוש האָט ער דערציילט וועגן דאָזיקן גליק; יענער האָט געמאַכט אַ קרומע מינע, אָבער האָט געמוזט צוגעבן, אַז איך קען זינגען.

פון דעמאָלט אָן בין איך שוין געווען פאַרזאָרגט מיט אַרבעט: מיר זענען געזעסן גאַנצע טעג זאַלבעדריט: דער רב, איך און דער פרוש און געמאַכט פּראָבעס. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געקאָכט מיט דעם נייעם משורר, מען איז געשטאַנען אונטער די פענצטער און זיך איינגעהערט.

עס איז געקומען ראש-השנה צו מוסף. מיר זענען צוגע־גאַנגען צום עמוד און אָנגעהויבן די תּפלה „הנני העני ממעש", און אַ קלאָג איז געשען! דער רב איז הייזעריק ווי די וואַנט, ער קאָן דאָס מויל נישט עפענען. איך האָב זיך געמאַטערט מיט אַלע כוחות אַרויסצוהעלפן דעם חזן, האָב באַוויזן וואָס איך קען, אַזוי אַז דעם גאַנצן דאַווענען האָט מען געהערט נישט דעם חזן, נאָר מיך. דער עולם איז געווען צופרידן, און איך האָב באַקומען אַ שם פון אַ „מושלם בכל המעלות" (אַ יינגל מיט אַלע מעלות און קענטענישן).

דער מלמד און זיין ווייב האָבן אָנגעקוואָלן פון מיין ער־פאָלג. און אויך אָן זייער שוויגנדיק און חנעוודיק טעכטערל האָב איך דערקענט, אַז זי איז צופרידן צו הערן ווי מען לויבט מיך... אַ סך בעלי-בתים האָבן זיך אויסגעדריקט, אַז עס וואָלט

געווען אַ זינד אָפּצולאָזן אַזאַ טייערן אוצר, ווי איך. מען דאַרף זען, אַז איך זאָל דאָ פֿאַרבלייבן אויף תּמיד און געפֿינען אַ מקום־מנוחה ביי אַ רייכן בכבודיקן בעל־הבית... די מלמדיכע, הערנדיק די רייד, האָט נעבעך אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן, און ווי איך האָב פֿאַרשטאַנען האָט זי באַדויערט אין האַרצן וואָס זי איז נישט אימשטאַנד צו געבן דער טאָכטער אַ רייכן נדן און אַ פּאָר יאָר קעסט, און נעמען פֿאַר זיך דעם דאָזיקן טייערן תּכשיט. זי האָט נעבעך נישט געוואוסט, אַז איך בין דעמאָלט גרייט געווען צו נעמען איר טעכטערל אָן אַ גראָשן געלט, נאָר קיינער האָט נישט געהאַט די העזה מיר פֿאָרצולייגן אַזאַ שידוך. דער מלמד און זיין ווייב האָבן מיך פֿונדעסטוועגן ווייטער מקרב געווען, און זייער טעכטערל האָט ביסלעכווייז זיך צוגעוווינט צו מיר און מיר אָנגעהויבן קוקן אין פּנים אַריין און, אפילו — אויסגערעדט צו מיר עטלעכע ווערטער. איינמאָל, ווען איך בין געזעסן ביי זיי אַ לענגערע צייט און געוואָלט אַוועקגיין, האָט מיר חנהלע דערמאַנט, איך זאָל אָנטאָן אַ טיכל אויפֿן האַלז, איך זאָל זיך חס־ושלום נישט פֿאַרקילן. ווען איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב נישט מורא פֿאַר פֿאַרקילונג און האָב אפילו נישט מיטגענומען מיין טיכל, האָט זי מיר פֿאָרגעשלאָגן צו נעמען איר טיכל. איך האָב זיך געוואָלט אָפּזאָגן, אָבער, אַריינקוקנדיק אין איר פֿאַרוויטלטן געזיכט, האָב איך נישט געוואַגט עס צו טאָן, און גענומען דאָס טיכל און אָנגעטאָן אויפֿן האַלז.

קומענדיק אין שול, האָב איך נישט אויפֿגעהערט טראַכטן וועגן שעמעוודיקן באַחנטן מיידל, וועלכע האָט מיר אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט. איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט, ווי זי איז געוואָרן מיין כּלה, מיין געליבטע, ווי זי צערטלט און קושט מיך, לויט ווי עס שטייט אין די ראָמאַנען, וואָס איך האָב געלייענט. אָבער מיטאַמאָל האָב איך מיך דערמאָנט, אַז עס איז היינט ערב יום־כּפּור און ס׳איז אַ גרויסע זינד צו האָבן אַזעלכע מחשבות פֿאַרן יום־הדין, און האָב זיך געקלאַפּט „חטאתי". די רביצין האָט מיך דערווייל דערמאַנט צו שלאָגן כּפּרות, און דערלאַנגט אַ רויטן בייזן האָן, האָב איך מיר געטראַכט, אַז דער האָן וועט אויך פֿאַרטראָגן מיין היינטיקע זינד און מיר וועט גאָרנישט שאַטן.

כב.

יידישע חטאים.

ווען איך בין ערב יום-כפור נאָכן דאַווענען אַרויס פון בית-מדרש האָב איך דערהערט הינטער מיר אַן אויסגעשריי: „יידן בני-רחמנים!“ אומדרייענדיק זיך, האָב איך געזען, ווי מען פירט אַרעסטאַנטן, געשמידט אין קייטן, אונטער אַ שטאַרקער וואַך, און איינער פון זיי האָט נאָכאַמאָל אויסגערופן: „יידן בני-רחמנים, דערבאַרעמט זיך, עס איז היינט ערב יום-כפור איבער דער גאַנ-צער וועלט...“

— וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך? — האָב איך געפרעגט, אַ צעטומלטער.

— איך בעט אייך, גייט אַריבער צום רב אָדער ראש-הקהל און זאָגט זיי, אַז מען האָט אַהערגעבראַכט יידן אַרעסטאַנטן און זאָלן זיי בעטן ביי דער וואַך, אַז מען זאָל אונז דאָ לאָזן ביז איבער יום-כפור — האָט געזאָגט אַן אַרעסטאַנט, וועלכער איז ביי איין האַנט געווען צוגעשמידט דורך אַ קייטל צו אַ צווייטן אַרעסטאַנט.

— לויף געשווינד און זאָג אָן דער גאַנצער שטאָט — האָט אויס-

גערופן דער צווייטער אַרעסטאַנט, און בזכות זה וועסטו האָבן אַ גוט יאָר און אַ חתימה טובה...

— אָבער וואו וועט מען אייך טרעפן?

— זאָג, זיי מוחל, דעם הויפּט-וועכטער, אַז דו ווילסט מעלדן דעם רב, אַז מען האָט געבראַכט יידן — אַרעסטאַנטן, וועט ער דיר שוין זאָגן, וואו מען וועט אונז טרעפן. איך האָב אַזוי געטאָן און דער הויפּט־וועכטער האָט מיר געענטפערט, אַז ער וועט וואַרטן אַ שעה צייט אין איינפאָרהויז, און אויב מען וועט נישט קומען אין דער שעה, וועט ער פאָרן ווייטער מיט די אַרעסטאַנטן.

איך בין געלאָפן פייל־פון־בויגן צום רב און צום ראש־הקהל און אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען מיר אַלע דריי שוין געווען אין איינפאָרהויז, און דער ראש-הקהל האָט אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיטן הויפּט־וועכטער, אַז ער זאָל אָפּלאָזן די צוויי יידישע אַרעסטאַנטן אויף יום־כפור אין שול.

— ס'איז פאַראַן דריי יידן אַרעסטאַנטן — האָט געענטפערט דער אָפיציר, אָנווייזנדיק אויף אַן אַרעסטאַנט, וועלכער איז גע־זעסן לעבן דער וואַנט, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיטביידע הענט און געשוויגן.

דערדאָזיקער אַרעסטאַנט האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אונז און געווען ווי פאַרטיפט אין געדאַנקען.

דער ראש־הקהל האָט אים געפרעגט, אויב ער וויל אויך גיין אין שול. יענער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איך בין אויפגעצאַפּלט געוואָרן, דערזעענדיג זיין בלאַס אָפּגעצערט געזיכט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב אים ערגעץ געזען, האָב אָבער נישט געדענקט וואו. דער ראש־הקהל און דער רב האָבן אויך אַ ציטער געטאָן, דערזעענדיק זיין געזיכט. דער אַרעסטאַנט האָט צוריק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און גאָרנישט געענטפערט אויף דער פראַגע.

— ער רעדט נישט גאָרנישט — האָט געזאָגט איינער פון די אַרעסטאַנטן, אַרויפלייגנדיק דעם פינגער אויפן שטערן צום צייכן, אַז יענער איז נישט ביים פולן זינען.

דער ראש־הקהל האָט אַריינגערוקט עפּעס דעם הויפּט-וועכטער

אין האנט, און יענער האָט איינגעשטימט צו בלייבן מיט די אַרעסטאַנטן ביז איבער יום־כּפּור. די אַרעסטאַנטן האָבן אונז אָנגעדאַנקט אַ פולן קאָפּ, אָבער דער שווייגנדיקער אַרעסטאַנט האָט ווייטער געשוויגן.

די רביצין, דערהערנדיק וועגן די געקומענע אַרעסטאַנטן, האָט געכאַפּט אַ געקאָכטע הון, דריי חלות, פיש און זופּ און געגעבן דער דינסט, זי זאָל עס אַוועקטראָגן די אַרעסטאַנטן. נאָכן עסן בין איך אויך אַהין אַוועקגעגאַנגען און דערזען, ווי אין אַרעסטאַנטן-צימער איז דער גאַנצער גרויסער טיש געווען באַדעקט מיט טעפּלעך, שיסלען און טעלער, אָנגעפילט מיט פיש, פליישׁ, זופּ, קרעפּלעך, און פלעשלעך וויין און בראָנפן, ווי אויף אַ חתונה. דאָס אַלץ האָבן אָנגעבראַכט די יידישע ווייבער פון שטעטל, וועלכע האָבן זיך געפרייט מקיים צו זיין אום ערב יום־כּפּור אַזאַ גרויסע מצוה, ווי געבן עסן אַרעסטאַנטן. אָבער די יידישע אַרעסטאַנטן האָבן קוים אָנגערירט די מאכלים, זיי איז נישט געווען דער קאָפּ צום עסן; זיי האָבן קענטיק זיך דערמאָנט אָן זייער הויזגעזינט, פון וועלכן זיי זענען פלוצלינג אַוועקגעריסן געוואָרן, און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זייערע אויגן. דערפאַר האָבן די וועכטער און די גוישע אַרעסטאַנטן געגעסן ווי נישט אין זיך, און ביסלעכווייז אָפּגערוימט דעם טיש.

איך האָב געפרעגט איינעם פון די יידישע אַרעסטאַנטן, איבער וואָס פאַר אַ חטא האָט מען אים איינגעזעצט.

— גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט — האָט געענטפערט דער ייד מיט אַ טיפן זיפץ — גאָט שטראָפט אונז אויף דער וועלט, כּדי מיר זאָלן זוכה זיין צו יענער וועלט. איך האָף צו גאָט, אַז ער וועט האָבן רחמנות אויף מיינע קליינע קינדער און מיר אַרויסהעלפן פון דער נויט...

— אָבער איבער וואָס פאַר אַ חטא האָט מען אייך איינגעזעצט? — האָב איך געפרעגט נאָכאַמאָל דעם אַרעסטאַנט, זעענדיק, אַז ער ענטפערט נישט אויף מיין פראַגע.

— וואָס פאַר אַ חטא מען האָט אין מיר געפונען? וועלכער מענטש איז ריין פון זינד? דער ליבער גאָט טוט נישט קיין

עולה. לאָמיר מתפלל זיין, וועט ער אונז העלפן...

— איך זע, אַז איר ווילט נישט אויסזאָגן, איר שעמט זיך דערציילן.

— איך שעם זיך דערציילן? וואָס האָב איך מיך צו שעמען? צי האָב איך געגנבעט, געגזלט אָדער געמאַכט פאַלש געלט? מיין גאַנצער חטא איז, וואָס איך בין געווען אַ מלמד! געווען נישט אַ דרדקי-מלמד, נאָר פון גרויסע יינגלעך אין ארזה, האָב אויך געלערנט גמרא און פוסקים מיט חתנים און בעל-הביתלעך. אויך אונזער גביר ר׳ שמריה, וועלכער האָט איידעמעס בלויז רבנישע קינדער און זין וואויללערנער, האָט מיר אָפּגעגעבן זיין יינגסטן זין, דעם מוזשיניק חיימל. אָבער צי בין איך שולדיק, וואָס זיין מוזשיניק האָט אַ גראָבן קאָפּ און נישט געהאַט קיין פעולה ביי מיר? זיין מוטער האָט אים צופיל געצערטלט, ווי דער שטייגער איז מיט אַ מוזשיניקל, האָט ער נישט געוואָלט לערנען, האָט נאָר אין זינען געהאַט שטיפן און אַרומשפּאַצירן. אָבער גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב געאַרבעט מיט אַלע כחות. און ר׳ שמריה האָט עס גוט געוואוסט, און מיר געגעבן אַ שיינע מתנה צו חיימלס חתונה. און ר׳ שמריהס ווייב האָט פאַרבעטן מיין ווייב און מיין טעכטערל אויף דער חתונה און זיי אַוועקגעזעצט אויפן סאַמע אויבנאָן, מיין עלטערע טאָכטער איז שוין אַלט בלי עין-הרע פערצן יאָר און האָט שוין אַ חתן אַ וואוילן בחור, גאָט זאָל מיר העלפן, איך זאָל זיי נאָך זוכה זיין צו זען אין פריידן...

זעענדיק, אַז איך וועל דערטרונקען ווערן אין שטראָם פון מלמדס רייד, האָב איך אים אָפּגעשטעלט און ווידער געפרעגט פאַרוואָס מען האָט אים איינגעזעצט.

יאָ, יאָ, — האָט ווידער אָנגעהויבן דער מלמד — איך בין געווען אַ מלמד, ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, און געלערנט גמרא און פוסקים מיט גרויסע קינדער. האָב אויך געלערנט פסוק און שרייבן יידיש, דען איך בין אַ גוטער שרייבער, האָב אַ זעלטן-שיינע האַנטשריפט. פרעג וועמען דו ווילסט אין אונזער שטעטל, וועט מען דיר זאָגן, אַז איך בין אַ „ספרא רבא" (גרויסער שרייבער), און אַזוי רופט מען מיך טאַקע ביי אונז. אַלע תנאים און

כתובות פאַר מיינע תּלמידים אָדער מיינע משודכים האָב איך אַליין געשריבן. דען, איר מוזט וויסן, אַז איך בין אויך אַ שדכן און האָב אויסגעפירט אַ סך נגידישע שידוכים, און אַלע דאַנקען מיר דאָס גאַנצע לעבן, ווייל איך בין ב"ה אַ בר-מזל צו שידוכים. איך האָב פיינט אָפּנאַרן און דערציילן וואָס נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, ווי אַנדערע שדכנים, און ווען איך זאָג אַמאָל אַ ליגן, טו איך עס נאָר פון שלום וועגן, זאָל מיר אַזוי גאָט אַרויסהעלפן פון מיין צרה...—פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און באַקלערנדיק זיך אַ ווייל, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, דו ווילסט וויסן וואָס איך האָב געזינדיקט, וועל איך דיר באַלד זאָגן. איך בין געווען אַ מלמד...

איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער און געזאָגט:

— דאָס ווייס איך אַליין, אָהן אייער זאָגן...

— דאָס ווייסטו אַליין! האָט דער מלמד אויסגערופן מיט פאַרוואונדערונג — דו קענסט מיך? דו האָסט געהערט פון מיר? אדרבא, זאָג אַליין, צי בין איך נישט דער גרעסטער מלמד אין שטעטל?

— איר האָט אַ טעות, איך קען אייך נישט און איך ווייס אייך נישט, נאָר איר האָט מיר אַליין שוין דריי מאָל געזאָגט, אַז איר זענט אַ מלמד. דערביי האָב איך מיך אויפגעהויבן און געוואָלט אַוועקגיין, ווייל איך האָב נישט געהאַט, נישט קיין צייט און נישט קיין געדולד אויסצוהערן דעם מלמד, וועלכער האָט געהאַט אין זיך ניין מאָס רייד, ווי אַ יידינע.

אָבער דער מלמד האָט מיך נישט געלאָזט גיין און מיר דערציילט שוין אין קורצע ווערטער, אַז מען האָט אים איינגע־זעצט דערפאַר, ווייל ער האָט געלערנט גמרא מיט קינדער און לויטן נייעם אוקאַז טאָר מען נישט לערנען „תּלמוד".

איך בין געוואָרן אויפגעצאַפּלט, הערנדיק, אַז פאַר לערנען תּורה זעצט מען אַ מענטשן און מען פירט אים געשמידט אין קייטן אינאיינעם מיט גנבים און מערדער. איך האָב וועגן אַזאַ מין אוקאַז נישט געוואוסט, ווייל זעלטן וואו איז ער דורכגעפירט

געוואָרן אין לעבן, און נאָר אַ דאַנק די מסירות האָט מען צײַ-טנווייז געכאַפּט גמרא־מלמדים און אײַנגעזעצט.

איך האָב שוין צו לאַנג געזוימט בײַ די אַרעסטאַנטן און געוואָלט אַוועקגיין, אָבער דער צווייטער יידישער אַרעסטאַנט האָט מיך אָפּגעשטעלט מיט אַ פראַגע: פאַרוואָס איך וויל נישט וויסן, אין וואָס זיין חטא באַשטייט.

— אויב איר ווילט דערציילן — האָב איך געענטפערט — בין איך גרייט צו הערן.

— מיין חטא באַשטייט דערין, וואָס איך האָב געמאַכט מנין בײַ מיר אין שטוב אָן אַן ערלויבעניש. איך האָב געהאַט יאָרצייט און צוליבן שוואַכן געזונט האָב איך נישט געקאָנט גיין אין שול. דערפאַר האָט מען מיך אײַנגעזעצט און מען פירט איצט אין טורמע.

— און ווי אַזוי איז די מאַכט געוואויר געוואָרן דערפון?

— האָב איך געפרעגט.

— מען האָט געמסרט. — האָט געענטפערט דער אַרעסטאַנט מיט אַ קרעכץ.

אין דעם קרעכץ האָב איך געפילט אַ טאָפּלטן ווייטיק, איינמאָל, וואָס ער זיצט אין טורמע פאַר מאַכן אַ מנין און צווייטנס, וואָס עס האָט זיך געפונען אַ ייד, וועלכער האָט דעם מנין אויסגעגעבן. איך האָב אַליין מיטגעפילט דעם ווייטיק און אויסגערופן מיט הארץ:

— יאָ, מיר טאָרן זיך גאָרנישט קלאָגן אויף דער רעגי-רונג! ווען עס וואָלטן נישט געווען בײַ אונז אַזוי פיל מוסרים, וועלכע זענען גרייט צו פאַרקויפן זייער נשמה פאַר געלט, וואָלט מען נישט געכאַפּט קליינע יתומימלעך און אָפּגעגעבן פאַר רעקרוטן, און איר וואָלט איצט נישט געזעסן פאַר לערנען גמרא מיט קינדער און מאַכן אַ מנין! מיר זענען אין אַלעמען אַליין שולדיק.

— יאָ. די מוסרים זענען טאַקע די ערגסטע מכה אויפן גוף פון אונזער פאָלק, און אַ סך צרות און פיין האָבן מיר געליטן פון זיי אין פאַרשידענע צייטן. אָבער וואו איז פאַראַן אַ יחיד

און מכל־שכן אַ פֿאָלק, וואָס זאָל זיין ריין פון זינד? זייערע רוצחים שלאָגן, פייניקן מיט די הענט און אונזערע מיט דער צונג. זייערע געשלאָגענע זענען אָבער פֿערפֿאַלן אויף אייביק און אונזערע קענען נאָך אַמאָל ניצול ווערן.

איך האָב זיך געוואונדערט אויף דעם אומגליקלעכן אַרעס־טאַנט, וואָס ער האָט געזוכט אַ זכות אויף די מענטשן, וואָס האָבן אים געמאַכט אומגליקלעך, און געפרעגט: צי ער ווייסט נישט, אין וואָס עס באַשטייט די זינד פון דריטן אַרעסטאַנט.

— דאָס ווייס איך נישט, ווייל ער רעדט נישט מיט קיי־נעם. אָבער, ווי איך רעכן, איז ער פונקט אַזאַ שווערער פֿאַר־ברעכער ווי איך. איך האָב געזינדיקט דערמיט, וואָס איך האָב מתפלל געווען פֿאַר דער נשמה פון מיין פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָ־טער, און ער אפשר דערפֿאַר, וואָס ער האָט ליב געהאַט זיין לעבעדיקע מוטער, ברודער אָדער שוועסטער.

דער דריטער אַרעסטאַנט האָט אַ צאַפּל געטאָן ביי די לעצטע ווערטער פון זיין חבר, ער האָט געעפנט דאָס מויל און, דוכט זיך, געוואָלט עפּעס רעדן, האָט אָבער באַלד אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ און ווייטער געשוויגן.

מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ האָב איך פֿאַרלאָזן די אַרעס־טאַנטן און געגאַנגען דאַווענען מנחה. איך האָב געדאַוונט מיט כוונה, מיט האַרץ, און בעת אַלע האָבן געבעטן מחילה ביי איי־נאַנדער פֿאַר די זינד שבין אדם לחבירו, האָב איך אין האַרצן געבעטן מחילה ביי דעם כלל־ישראל דערפֿאַר, וואָס איך האָב אומזיסט אַרויפגעוואָרפן אויף אים די גאַנצע שולד פֿאַר אַלץ. די אַרעסטאַנטן — האָב איך מיר געטראַכט — האָבן מער רעכט צו באַשולדיקן און נישט, פֿאַרקערט, איינער זוכט גאָר אַ זכות אויפן כלל.

צו כל־נדרי זענען די אַרעסטאַנטן געווען אין שול אינ־איינעם מיט אַ שומר. דער רב אַלס חזן איז צוגעגאַנגען צום עמוד זאָגן כל־נדרי און איך מיטן פרוש — אים אונטערהעלפן. אין אַלטן סקאַרבאָווע ניגון פון כל־נדרי האָב איך געפילט קולות פון ווייטע פֿאַרגאַנגענע צייטן: דאָ האָט זיך געלאָזט הערן אַ

קרעכץ פון אַ גוסס, וועלכער ראַנגלט זיך מיטן טויט, און דאָ אַ קול פון אַ העלד, וועלכער איז גובר דעם פיינט, דאָ — וויי־געשרייען פון טויט־פּאַראָרטיילטע, וועלכע ווערן געפירט צום האַלק־שטויס, און דאָ — נצחון־אויסרופן פון אַ פאָלק: „כל כלי יוצר עליך לא יצלח”. (קיין שום כלי־זין וועט דיך נישט בייקומען).

כג.

אַ נײַ אומגליק.

מוצאי יום־כּפּור נאָך מעריב זענען מיר אַלע אַרויס אויפן שול־הויף מקדש זײַן די לבנה. די נאַכט איז געווען אַ שיי־נע, אַ וואַרעמע, און מיר האָבן געזאָגט ברכות הלבנה מיט אַ הילכיקער שטים, געשפּרונגען קייגן דער לבנה און געזאָגט „שלום־עליכם" איינער דעם אַנדערן. פּלוצלינג האָט איינער פון די אַרעסטאַנטן — דער שווייגעדיקער — מיך אָנגערירט בײַ דער האַנט און אַרײַנגעשטעקט אַ בריוול. איך האָב געוואָלט עפּעס רעדען, אָבער ער האָט אַרויפגעלייגט דעם פינגער אויפן מויל צום צייכן איך זאָל שווייגן. קומענדיק אַהיים צום רב אין שטוב האָבן מיר זיך געזעצט אָנבײַסן נאָכן תענית, אָבער ווי מיר זיצן אַזוי און עסן מיט אַפּעטיט, פאַלט אַרײַן אין שטוב אָן אַן אָטעם דער שמש, אויסרופנדיק: „אַ גרויס אומגליק איז געשען! איינער פון די אַרעסטאַנטן האָט זיך געשחטן!"

באַלד איז געקומען אַ שליח רופן דעם רב אין גאַסטהויז, וואו דער זעלבסטמערדער איז געלעגן. דער רב, דער שמש און איך זענען געגאַנגען אין גאַסטהויז, און אַ שרעקלעך בילד

האָט זיך דאָרט פאַרגעשטעלט פאַר אונזערע אויגן. דער שוויי־געדיקער אַרעסטאַנט איז געלעגן אַ גוססער אויף דער פאָדלאָגע און די גאַנצע פאָדלאָגע אַרום איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט, וואָס האָט נאָך לײַכט גערונען פון זײַן צעשניטענעם האַלז. דער הויפּט-וועכטער פון דער וואַך איז געשטאַנען אַ צערודער־טער און געשאָלטן די זשידעס און דעם „ראַווין“, וואָס האָבן אים אָנגערעדט בלײַבן אין שטעטל. ווען ער וואָלט דאָ נישט פאַרזוימט זיך איבעריקע צוויי טעג, וואָלט ער שוין געהאַט צוגעשטעלט די אַרעסטאַנטן אויפן אָרט און וואָלט די גאַנצע צרה נישט געהאַט. איצט וועט ער גיין „פּאָד סוד“ (האָבן אויף זיך אַ פּראָצעס). „אָבער ער וועט אַליין נישט גיין אין טורמע־האָט ער ווייטער געשריגן און געליאַרעמט—ער וועט מיטשלעפּן מיט זיך דעם „ראַווין“ און דעם גאַנצן „קאַהאַל“ (קהל).

דערווײַל איז אָנגעקומען פּאָליציי און אויסהערנדיק דעם הויפּטוועכטער, האָט זי אַרעסטירט דעם רב און דעם ראש־הקהל, וועלכער איז אָנגעקומען נאָך אונז, און אַלע אָפּגעפירט אין אַרעסט.

איך האָב מורא געקריגן פאַר מיר, מען זאָל מיך אויך נישט אַרעסטירן, ווייל איך בין געגאַנגען מיט זיי צוזאַמען, און האָב פאַמעלעך זיך אַרויסגערוקט פון צווישן עולם און אַנטלאָפן צו ר׳ ברוך מלמד.

דער מלמד און זײַן הויזגעזינט האָבן שוין געוואוסט פון אומגליק און זענען געשטאַנען צעטומלטע, דערשראָקענע ווען איך בין אַרײַן אין שטוב. די רביצין האָט זיך אָפּגערופן צו מיר:

— אַנטלויף, אַ נישט וועט מען דיך אויך אײַנזעצן!

אָבער עס איז גרינג צו זאָגן: אַנטלויפן. אין גאַס דרייט זיך אַרום פּאָליציי און איך וואָלט לײַכט אַרײַנגעפאַלן צו זיי אין די הענט, אַ חוץ דעם איז שפּעט בײַנאַכט און איך האָב מורא געהאַט צו גיין אַליין. דערווײַל האָבן זיך געלאָזט הערן אין גאַס טריט פון זעלנער מיט קלינגענדיקע שפּאָרן, און בײַ דעם מלמד און מלמדיכע זענען אַנטפאַלן די דמים: זיי האָבן

געמיינט, אַז אָט, אָט גייט מען מיך נעמען, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָבן די טריט זיך דערווייטערט און מיר האָבן זיך באַרויקט.

דער מלמד איז אַרויסגעגאַנגען זען, וואָס עס טוט זיך אין שטעטל און דעם מלמדס ווייב האָט זיך אָפּגערופן צו מיר:

— ווייסטו וואָס, יוסף, מיר וועלן טאָן? איך וועל דיך אָנטאָן אין אַ ווייבעריש קליידל. קיין באָרד און וואָנסעס האָסטו נישט, די פּיאות וועסטו אַרונטערמאַכן אונטערן אויער, און איך וועל דיך אַוועקפירן צו אַ באַקאַנטן אָרנטלעכן ערל, וועלכער וועט דיך באַהאַלטן ביי זיך אַפּאָר טעג ביז עס וועט ווערן רויק אין שטאָט און דערנאָך וועסטו אַוועקפאָרן.

איך האָב איר געפאָלגט, און באַלד זיך אָנגעטאָן אין אַ קליידל, אַ יאַקל מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ און בין געוואָרן אַזוי געענדערט אין אויסזען, אַז דעם מלמדס ווייב האָט אָנגעהויבן לאַכן און אַ זאָג געטאָן:

— אַן אמת מיידל, אפילו כּאַפּערס וואָלטן דיך אויך נישט דערקענט. פונדעסטוועגן וועל איך דיך אַוועקפירן צום ערל. דאָס איז זייער אַ גוטער ערל און ער וועט טאָן מיין בקשה.

דערווייל איז צוריקגעקומען דער מלמד פון גאַס און דערציילט, אַז אין שטאָט טוט זיך חושך. מען האָט דעם רב און דעם ראש־הקהל שוין אַוועקגעפירט קיין מאפּליה און עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום געבעט און שתדלנות. אומקוקנדיק זיך איבער דער שטוב, האָט דער מלמד אַ פרעג געטאָן: וואו איז יוסף? דערזעענדיק דערנאָך מיך, האָט ער אַ פרעג געטאָן: ווער איז דאָס מיידל?

מיר האָבן זיך ביידע צעלאַכט, און דעם מדמדס ווייב האָט זיך אָפּגערופן מיט שטאָלץ:

— אָט, זעט איר, מיין עצה איז געווען אַ גוטע, קיינער וועט דיך נישט דערקענען. איצט לאָמיר גיין צום ערל.

דעם מלמדס ווייב האָט געכאַפּט געשווינד די פּאַטשיילע און אַוועק מיט מיר צו איר באַקאַנטן ערל אין גוישן געסל. דער ערל האָט טאַקע דערפילט איר בקשה און מיך אַרויפגע-

פירט אויפן בוידעם און באַזעצט צווישן אַ באַרג אַלטע צעבראָ־כענע זאַכן. ער האָט מיר אויך געגעבן אַ שטיק און אַ קישן צום שלאָפן. ווען ער איז אַוועק מיט דעם לאָמטערן, בין איך געבליבן ליגן אַליין אין דער פינצטער. פון אָפענעם פענצטערל האָט געבלאָזן אויף מיר אַ קאַלטער ווינט.

אַ מידער און צעבראָכענער נאָכן תענית און דעם שרעק־לעכן איבערלעבעניש, בין איך געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט ווי אַ געהרגעטער. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, ווען די זון האָט אַריינגעשיינט דורכן פענצטערל און אַ קאַלטער ווינט האָט אויף מיר געבלאָזן.

באַלד איז געקומען דעם מלמדס ווייב און מיר געבראַכט עסן און דערציילט, אַז אין שטאָט קלויבט מען געלט צו באַ־פרייען דעם רב און דעם ראש־הקהל און ווי מען האָפט, וועט מען זיי פריילאָזן אין אַ פּאָר טעג. דעמאָלט וועל איך קענען אַרויסגיין פון מיין באַהעלטעניש.

זיצנדיק איינער אַליין אויפן בוידעם, האָב איך מיך דער־מאַנט אָן בריוו, וואָס דער זעלבסטמערדער האָט מיר איבערגע־געבן בעת קידוש־לבנה און וועלכן איך האָב ביזאַהער נישט געלייענט. ווען איך האָב געעפנט דעם בריוו, איז מיר אַ שווי־דער דורכגעלאָפן איבערן לייב. מיר האָט געדוכט, אַז דער בריוו איז באַשפּריצט מיט בלוט און אין מיינע אויערן האָט געקלונגען דאָס כאָרכלען פון אַ גוסס. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך זיך געשטאַרקט און גענומען לייענען דעם בריוו:

„יוסף! איך האָב דיך באַלד דערקענט, אָבער דו האָסט מיך נישט דערקענט. און באמת, וויאַזוי זאָלסטו דערקענען דיין פריינט דן, וועלכער האָט איבערגעליטן אַזוי פיל צרות און פּיין, זייט ער האָט זיך מיט דיר צעשיידט. ס'איז נישטאָ די צייט און געדולד דיר אַלץ צו דערציילן, נאָר איין זאַך וועל איך דיר זאָגן, אַז דאָ אין דער שטאָט, וואו מיינע צרות האָבן זיך אָנגעהויבן, וועל איך מאַכן פון זיי אַן עק. מען האָט מיך געמשפּט פאַרשיקט צו ווערן אין ווייטע מקומות דערפאַר, וואָס אין אשדותער טורמע האָב איך נישט געקאָנט איינהאַלטן דאָס

מויל און שאַרף פּראָטעסטירט געגן די עולות, וואָס מען האָט מיר געטאָן. איך האָב שוין איינמאָל געפּרובט זיך נעמען דאָס לעבן, נאָר ס'האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן, אָבער איך קען נישט און וויל נישט לעבן, בעזונדערס נאָכדעם, ווי איך האָב נעכטן געזען מיין שוועסטער אין מאפּליה... אויב דו וועסט זען ידידיה און גדעונען, זאָלסטו זיי זאָגן, אַז זיי דאַרפן מיך נישט באַדויערן, און דו זאָלסט מיך אויך נישט באַדויערן, ווייל דער טויט איז דער איינציקער אויסוועג פאַר מיר. ווען דו וועסט לייענען דידאָזיקע צייל, וועל איך שוין זיין אויפן עולם-האמת. איבערלייענענדיק דעם בריוו זאָלסטו אים צערייסן, כדי דו זאָלסט נישט האָבן דערפון קיין צרות. שטאַרבנדיק, וועל איך געדענקען מיינע דריי גוטע פריינט: ידידיה, גדעון און יוסף".

איך האָב נישט געקאָנט פועלן ביי מיר צו דערפילן די ווערטער פון פאַרשטאָרבענעם און צו צערייסן זיין בריוו. איך האָב אים געלייענט און געלייענט, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן. איך בין אַזוי געזעסן אַ צעטראָגענער איבערן בדיוו ביז עס איז געוואָרן נאַכט און דעם מלמדס ווייב איז אַריינגעקומען מיט אַ לאָמטערן, אַ וואַרעמעס און עטלעכע ספרים. איך האָב דערקענט, אַז זי איז אויך אַ צערודערטע און געפּרעגט וועגן דער סבה.

זי האָט געענטפערט: ס'איז קיין זאַך, צוגעבנדיק דערנאָך: פאַרלאָז זיך אויף גאָט, ער וועט דיר העלפן. אין אַ וואָך אַרום וועסטו קענען אַוועק פון שטאָט.

דערווייל, ווי מיר האָבן אַזוי גערעדט, איז אַריינגעקומען דער גוי דער בעל-הבית און געזאָגט, אַז ער דאַרף האָבן דעם בוידעם. וועט ער מיך אַריינגעמען צו זיך אין שטוב אין אַ באַזונדערן חדר. דעם מלמדס ווייב האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף גאָרנישט מורא האָבן און איך קען מיט אים גיין.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך שוין געווען ביי אים אין אַ צימער און אַריינגעקוקט אין אַ ספר, אָבער מיינע געדאַנקען האָבן מיך געטראָגן ווייט, ווייט פון דאַנען. דאָ האָב איך געזען פאַר מיר די טורמע, וואו מיין פאָטער האָט זיך געמאַטערט און איז געשטאָרבן, זאָ האָב איך געזען מיין פאַרשטאָרבענע מו-

טער, און אַזוי זענען מיר פאַרבייגעלאָפן פאַר די אויגן די גאַסן און בולוואַרן פון אשדות, דאָס הויז פון אַלטן מיט דעם מיידעלע, די טורמע, דאָס שפּיטאָל, וואו איך בין אַליין געווען, דעם מלמדס הויגעזינט, דער גוססדיקער דן מיט די חברים אַרעסטאַנטן און דער צעיושעטער הויפּט-וועכטער. איך בין אַזוי געזעסן אַ צעטומלטער, נישט וויסנדיק צי איך זע עס אַלץ אין חלום אָדער אויפן וואָר. פּלוצלינג האָבן מיך אויפגעוועקט שטימען פון מענטשן אין דערבייאיקן צימער, איך האָב זיך איינגעהערט וואָס זיי רעדן, מורא האָבנדיק צי עס זענען נישט פּאָליציאַנטן, וואָס זענען געקומען מיך זוכן.

— גלייבט מיר — האָט איינער געזאָגט — אַז דער „זשיד" שימעל האָט מיר געגעבן אַ בעסערן פּרייז פאַרן פלאַקס, נאָר איך וויל קיין „זשיד" נישט פאַרקויפן. איך האָב זיי פיינט, ווי אַ שפּין.

— בן־סוסי איז גערעכט — האָט זיך אָפּגערופן אַ פרויען-שטים — ווען עס וואָלט זיך געווענדט אָן מיר, וואָלט איך זיי אַלע אויסקוילענען.

— און מיר — האָב איך דערקענט דעם בעל־הביתס שטים — איז אַלץ איינס, אַ קריסט אָדער אַ זשיד. איך פאַרקויף דעם, וואָס גיט טייערער.

— אויב אַזוי, פאַרזינדיקסטו דיין נשמה — האָט אַן אַנדערער זיך אָפּגערופן,— ווייל די זשידעס זענען אומגלייביקע, פאַרשאָלטענע נפשות,

— זיי טרינקען אונזער בלוט אין זייער פּסחא און גנבענען אונזערע קליינע קינדער.

— און דו ווייסט, וואָס זיי האָבן דאָ נעכטן אָפּגעטאָן?

— וואָס האָבן זיי געטאָן?— האָט געפרעגט דער בעל־הבית.

— זיי האָבן געשחטן אַן אַרעסטאַנט, ווייל ער האָט זיך געוואָלט טויפן.

— ניין, ער איז שוין געווען געטויפט, און דערפאַר האָבן זיי אים געשחטן אין גאַסטהויז.

— ניין, זיי האָבן אים געשחטן אין זייער „שקאָלע", און

איך האָב געזען אַ קאָלוזשע בלוט פאַר דער טיר פון דער „שקאָלע״.

— זיי האָבן געוואָלט אויך שחטן די וועכטער.

— אַ יינגל, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי דעם „ראַבין״, האָט אים געשחטן. אינמיטן זייערע געזאַנגען, האָט מען נישט געהערט די געשרייען.

— און דאָס יינגל איז אַנטלאָפן.

— איך האָב געהערט, אַז דאָס יינגל פאָרט אַרום איבער דער מדינה און קלייבט אויף קריסטלעך בלוט צו זייער פסחא.

— וואָלט איך אים געקריגן, וואָלט ער נישט אַרויס אַ לעבעדיקער פון מיינע הענט.

— אויב איר ווילט מיך פאָלגן, וועלן מיר זיך אַלע אויפקלייבן און גיין אויסקוילענען די זשידעס.

— איך גיי מיט אייך.

— און מיר אויך.

— פאַרוואָס שווייגסטו? — האָב איך געהערט אַ פרויען־שטים.

— ווייל איך בין נישט קיין מערדער און האָב צו יידן גאָרנישט — האָט געענטפערט דער בעל־הבית.

איר ווייסט, ער איז דאָך אַ פריינט פון די יידן, ער איז פאַרליבט אין אַ זשידאָווקע — האָט געזאָגט די פרוי.

— שטיל! — האָט אַ געשריי געטאָן דער בעל־הבית, קלאַפנדיק אויפן טיש אַזוי, אַז די גלעזער ביר האָבן געטאַנצט. עס איז געוואָרן אַ גערודער, אַ טומל, אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און געשריען, געליאַרעמט און געפלוכט די יידן. אָבער דער בעל־הבית האָט זיי איינגעהאַלטן, זאָגנדיק מיט אַ פעסטער שטים, אַז אויב זיי וועלן נישט ווערן שטיל, וועט ער זיי אַלע אַרויספירן. דאָס ווייב האָט ער געסטראַשעט מיט אַ קלאַפּ, אויב זי וועט נישט אויפהערן ליאַרעמען. אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, זיך צוריקגעזעצט צום טיש און גענומען ווייטער טרינקען. אין אַ וויילע אַרום זענען זיי אַוועק פון שטוב, שאָקלענדיק זיך אויף די פיס. איך האָב זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע, מורא האָבנדיק, זיי זאָלן מיך נישט באַמערקן דורכן פענצטער.

אַזוי בין איך געזעסן אַן איינגעהויקערטער, אַן איינגעקאָרטשעטער אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, מורא האָבנדיק זיך צו ווייזן פאַרן פענצטער. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט צוגעטאָן קיין אויג. מיר האָט אַלץ געדוכט, אַז די שכּורים האָבן דערשמעקט וואו איך בין, און זענען געקומען מיך הרגענען. איך האָב קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן, און ווען איך האָב דערזען ביי מיר אין צימער דעם מלמדס ווייב האָב איך זיך דערפרייט, ווי איך וואָלט דערזען אַ מלאך, און אויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין.

די פרוי האָט זיך דערשראָקן און מיך געפרעגט מיט צערטלעכקייט, וואָס מיר איז.

איך האָב איר דערציילט, וואָס איך האָב זיך דאָ אָנגעהע־ט אונטער דער וואַנט. זי האָט געטאָן אַ טיפן זיפץ און דערציילט, אַז נעכטן האָבן כוליגאַנעס געשלאָגן און צעבלוטיקט אייניקע יידן. מען איז געגאַנגען בעטן דעם בירגערמייסטער, האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט מער אַזוינס נישט דערלאָזן. „וואָס קאָן מען טאָן – האָט זי צוגעגעבן – מיר זענען ביי זיי אין גלות"...

– אָבער וואָס וועט זיין מיט מיר? – האָב איך געפרעגט מיט אַ וויינענדיקער שטים – ווער ווייס, צי די כוליגאַנעס וועלן מיך נישט אויפזוכן...

– היינט ביינאַכט וועל איך דיך נעמען צו אונז און דיך אָוועקשיקן.

ווען איך וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט איך געכאַפּט קושן דעם מלמדס ווייב פאַר דער דאָזיקער גוטער בשורה, אַזוי איבערגעשראָקן בין איך געווען פון די רייד פון די שכּורים.

ביינאַכט איז טאַקע געקומען דעם מלמדס ווייב און מיך גענומען צו זיך אַהיים. ווען דער מלמד איז געקומען פון חדר, האָבן מיר זיך אַלע בּאַראַטן און עס איז ביי אַלע געבליבן, אַז איך זאָל נאָך היינט ביינאַכט אַוועקגיין קיין צקלה, און פון דאָרט גיין קיין צבועאל צום רבין. מיין נאָמען איז פון איצט אָן געווען ראובן, אַ דאַנק דעם פּאַס, מיט וועלכן גדעון האָט מיך געהאַט פאַרזאָרגט.

דעם מלמדס ווייב האָט מיר מיטגעגעבן ברויט און הע־רינג, פינף רובל און אַ ניי העמד, וואָס די רביצין האָט פאַר מיר געשיקט, און אויך אַ וואָלענעם שאַל, וואָס דעם מלמדס טעכטערל האָט פאַר מיר אַליין אויסגעאַרבעט. אַלע האָבן זיך מיט מיר האַרציק צעזעגנט, און דערנאָך האָב איך אין באַגליי־טונג פון מלמד זיך געלאָזן דורך הינטערגעסלעך אין נאָענטן שטעטל צקלה. דער וועג אַהין האָט געדויערט אַ פּאָר שעה. איבערגענעכטיקט די נאַכט אין קרעטשמע, האָב איך מיך כּעלות געלאָזן ווייטער אין וועג.

כד.

אויפן וועג קיין צבועאל.

מ'איז געווען אַ וואָלקנדיקער און פייכטער ווינטער-מאָרגן, ווען נאָך אַ לאַנג וואַנדערן איבער שטעטלעך און דערפער, בין איך אַרויס אייפן וועג קיין צבועאל. די פעלדער זענען געווען איינגעוויקלט אין זייערע ווינטער-תכריכים, די ביימער פון וואַלד זענען געשטאַנען פאַרכמורעט מיט אַראָפגעלאָזענע קעפ. די פויערשע הייזלעך, וואָס איך האָב געטראָפן, זענען געווען באַגראָבן טיף אין שניי ביז די פענצטערלעך, און דער רויך, וואָס איז געגאַנגען פון די קוימענס, האָט זיך געצויגן ווי שלעפעריק אויף דער ערד. דער וועג איז געווען אַ מוראדיק־שווערער און איך האָב זיך נישט איינמאָל אויסגעגליטשט און געפאַלן איבער די שניי-בערגלעך און פאַרפרוירענע גרודעס בלאָטע.

פלוצלינג האָב איך געהערט אונטער מיר אַ בילן פון אַ הונט, וועלכער האָט זיך דערנענטערט צו מיר. אומקערנדיק זיך, האָב איך דערזען אַ גרויסן שוואַרצן הונט, וועלכער האָט געשטשירעט אויף מיר די ציין און געוואָלט אָנכאַפן מיין פאָלע אָדער מיין פוס. איך האָב אויפגעהויבן מיין שטעקן

און געוואָלט אים דערלאַנגען איבערן קאָפּ. ער האָט זיך אָבער געגעבן אַ רוק אָפּ און געשטאַנען און געבילט פון ווייטן.

באַלד איז אָנגעפאָרן אַ ליידיקער וואָגן מיט אַ פויער — זיין בעל-הבית. דער הונט איז קענטיק געוואָרן שטאַרקער ביי זיך און מיך ווידער אָנגעפאַלן מיט אַ שרעקלעכער רציחה. איך האָב אים דאַן דערלאַנגט מיטן שטעקן איבערן קאָפּ, אַז ער איז אָפּגעשפּרונגען מיט אַ ווילדן קוויטש. דער פויער האָט מיך דאַן גענומען שעלטן און זידלען דערפאַר, וואָס איך האָב געשלאָגן זיין טייערן הונט. דערנאָך האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן מיט כעס:

— ווער ביסטו? פון וואַנען ביסטו?

— וואָס איז דיין עסק? — האָב איך געענטפערט מיט האַרץ, הגם אַלע גלידער האָבן אין מיר געציטערט פאַר שרעק.

— ווייז מיר תּיכּף דיין פּאַס, אַ נישט וועל איך דיך בינדן און אָפּפירן אין וואָלאָסט.

— איך האָב פאַר דיר נישט קיין מורא, איך בין נישט אַליין, מיינע חברים קומען באַלד אונטער און זיי וועלן מיך נישט לאָזן קריוודען.

דער פויער איז געוואָרן איינגעהאַלטענער און געזאָגט, אַז ער איז דער פּאָדסטאַראָסטע פון דאָרף און האָט דאָס רעכט מיך צו פרעגן אויף אַ פּאַס.

— אויב דו ביזט אַ פּאָדסטאַראָסטע, דאַרפסטו וויסן, אַז אין פעלד פרעגט מען נישט אויף אַ פּאַס, נאָר אין שטאָט אָדער אין דאָרף.

— זעץ־זשע זיך אין וואָגן, און מיר וועלן פאָרן אין דאָרף.

האָבנדיק ביי זיך אַ פּאַס, בין איך געווען צופרידן וואָס איך וועל דערוויייל פאַרשפּאָרן גיין צופוס ביזן דאָרף, און איך האָב מיך ברייט צעזעצט אין וואָגן.

אָפּפאָרנדיק אַ שטיקל וועג, האָט דער פויער זיך אָפּגערופן:

— זאָג דעם אמת, דו האָסט דאָך נישט קיין פּאַס. וועסטו געבן דריי רובל, וועל איך דיך אָפּלאָזן.

— איך האָב אַ פּאַס און האָב נישט קיין מורא.
— אויב אַזוי, וועסטו מיר באַצאָלן פאַרן פאָרן.
— איך האָב קיין געלט נישט.
— זאָל איך דיך פירן אומזימט?
— איך האָב דיך דען געבעטן? אויב דו ווילסט נישט, גיי איך שוין אַראָפּ.

— ניין, איך גלייב דיר נישט. דו פאָרסט מיט מיר—האָט געענטפערט בייז דער פויער, האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערדל, און אין אַ שעה אַרום זענען מיר געווען אין דאָרף. דער פויער איז פאַרפאָרן גלייך צו דער קרעטשמע.

די קרעטשמע מיט די לאַנגע ברודיקע טישן און בענק איז געווען פול געפּאַקט מיט פויערים און פויערטעס, וועלכע האָבן געטרונקען בראָנפן און ביר, זיצנדיק אָדער שטייענדיק. אַ מיטל-יעריקע דיקע יידענע האָט זיי דערלאַנגט אַלעמאָל נייע כוסות און צובייסעכץ. דער פויער, מורא האָבנדיק, איך זאָל נישט פאַרפאַלן ווערן אין טומל, האָט מיך געפירט ביי דער האַנט. די פויערים האָבן אים באַגעגנט מיט אַן אויסרוף: הא, געכאַפּט אַ העכט?

די יידענע, דערזעענדיק מיך אין די הענט פון פויער, איז אַריינגעלאָפן אין דערבייאיקן צימער, וואו איר מאַן איז געשטאַנען אין טלית און תפילין און געדאַוונט און אים געזאָגט: שלמה, גיי אַריין. טראָכים האָט געבראַכט אַ יידיש יינגל, ער האָט אודאי נישט קיין פּאַס.

דער ייד האָט זיך געקווענקלט, נישט וועלנדיק מפסיק זיין אינמיטן דאַווענען, אָבער זיין ווייב איז אויף אים אָנגעשטאַנען און ער איז אַריין אין שענק-שטוב.

דער קרעטשמער, אַ שיינער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד און אַ סימפּאַטיש ערלעך געזיכט, האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס דער פויער האָט מיך פאַרהאַלטן.

איך האָב געענטפערט, אַז איך ווייס אַליין נישט, אַ פּאַס האָב איך, און האָב קיין שום בייז נישט געטאָן. דער ייד האָט זיך געווענדט צום פויער, זאָגנדיק:

— לאָז אים אָפּ, ער האָט אַ פּאַס, און נאַדיר אַגוטן טרינק בראָנפן.

דעם קרעטשמערס ווייב האָט אָנגעגאָסן אַ גרויסן בעכער שפּירט און דערלאַנגט דעם פויער. יענער האָט אויסגעטרונקען אין איין אָטעם, זיך שטאַרק פאַרקרומט און געהייסן געבן נאָך איינעם.

דער קרעטשמער האָט אָנגעגאָסן צום צווייטן, דריטן ביז דעם זעקסטן מאָל. דער פויער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די פיס און זיך אָנגעשפּאַרט אָן טיש. דעם קרעטשמערס ווייב שאָט מיר געגעבן אַ וואונק, אַז איך זאָל זיך אָפּטראָגן און איך האָב איר געפאָלגט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך שוין געווען אויפן וועג קיין צבועאל. דער טאָג איז געווען אַ נעפּלדיקער, פאַרקלאָג־טער און איך בין געגאַנגען האַסטיק, גלייך מען וואָלט מיך נאָכיאָגן. ווען איך בין שוין געווען גוט פאַרשוויצט און קוים געשלעפּט די פיס, האָב איך געזען פון ווייטן אַ פייערל. דאָס איז געווען אַ סימן פון אַ דאָרף. איך האָב אָנגעווענדט מיינע לעצטע כוחות צו דערציען ביזן דאָרף.

שטייענדיק צווישן אַ ריי הייזלעך, האָב איך געקלערט, וואו אַהין אַריינצוגיין בעטן אַ נאַכטלעגער.

פּלוצלינג דערהער איך אין דער פינצטערניש אַן אויסרוף: „ווער איז?״

— איך בין אַ פרעמדער און וויל דאָ בעטן אַ נאַכט־לעגער.

— מיט וועמען ביסטו אַהערגעקומען און פון וואַנען?

— איך קום אַליין צופוס.

— און אַ פּאַס האָסטו?

— איך האָב.

— ווייז מיר אים.

— דו וועסט דאָך נישט זען אין דער פינצטער.

— איך וועל צוגיין צום פענצטער און איבערלייענען.

איך האָב אים געגעבן דעם פּאַס. ער האָט אים אָנגענומען

פאַרקערט, געדרייט אין אַלע זייטן, און קענטיק נישט געקענט איבערלייענען. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— גיב מ׳יר צוואַנציק קאָפּיקעס, וועל איך דיר אים אָפּגעבן.

— אויב דו וועסט מיר געבן נאַכטלעגער, וועסטו באַקומען פינף קאָפּ.

— די דירה איז נישט מיינע, איך בין אַן אַרבעטער.

— וואָסזשע פאַר אַ רעכט האָסטו צו פרעגן ביי מיר אויף אַ פּאַס, אויב דו ביסט אַליין אַ פרעמדער?—האָב איך אויסגערופן מיט אַ געבייזער — גיב שוין אַהער דעם פּאַס, אַ נישט גיי איך שוין דערציילן דעם סטאַראָסטע.

דער פאַראָבעק האָט מיר אָפּגעגעבן דעם פּאַס און דערביי מיך מכבד געווען מיט עטלעכע קללות.

איך בין געגאַנגען אַפּאָר הייזער ווייטער און דאָרט אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר.

מען האָט מיר געעפנט און באַלד צוגעקלאַפּט די טיר, אַז די וואַרעמקייט זאָל נישט אַרויס. אַן עלטערער פויער איז געזעסן אויף דער ערד און אויסגעשפּרייט די אָניטשעס, וועלכע ער האָט אַראָפּגענומען פון די פיס און וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן נישט קיין אָנגענעמען ריח. איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר ערלויבן איבערנעכטיקן.

דער פויער האָט מיר באַלד ערלויבט און זיך ווייטער גענומען צו זיין אַרבעט. איך האָב מיך אַרומגעקוקט אין שטוב: די ווענט זענען געווען פאַרשוואַרצט פון רויך, אַ פערטל שטוב איז געווען פאַרנומען פון אויוון. צווישן אויוון און וואַנט איז געווען אַ גרויסער פּיעקעליק, אויף וועלכן ס׳איז געשלאָפן דאָס הויז-געזינט, מאַנסבילן, ווייבער און קינדער. אויף דער ערד איז געשטאַנען אַ קאָרב מיט אַ קינד. ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט עס אַרויסגעשטעקט דאָס קעפּל מיט די פלאַקסענע האָר און געוואָרפן אויף מיר א שרעקעדיקן בליק.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן לאַנגן רויט-געפאַרבטן טיש, אַראָפּגענומען דאָס זעקל פון פּלייצע און אַרויסשלעפּנדיק אַ הלה מיט קעז, האָב איך מיר געלאָזט וואוילגיין.

— אָט ווייס ברויט! — האָט אויסגערופן אַ זעקסיעריקע ייִנגל פון פּיעקעליק — זע נאַר, מאַמע, ווייס ברויט!

— שטיל! — האָט די מאַמע אויף אים אָנגעשריגן — דו ביסט דאָך נישט הונגעריק!... פאַרמאַך די אויגן און שלאָף!

דאָס ייִנגל האָט אַלץ געקוקט אין מיין זייט, און קענטיק מקנא געווען, וואָס איך עס ווייס ברויט. איך האָב אים צוגע־זאָגט, אַז ער זאָל אַראָפּגיין, וועט ער באַקומען ווייס ברויט. דאָס ייִנגל איז אַראָפּגעשפּרונגען אין איין העמדל און געכאַפּט דאָס שטיק חלה, וואָס איך האָב אים געגעבן, נישט קוקנדיק אויף דער מאַמעס געשריי.

— איך וועל באַהאַלטן אויף מאָרגן — האָט געענטפערט דאָס ייִנגל, וועלנדיק זיך פאַרענטפערן, האָט אָבער תיכף איינ־געשלונגען דאָס שטיק חלה, צונויפגעקליבן די ברעקלעך און זיך באַלעקט, ווי אַ קאַץ.

— גיי שלאָפן — האָט מיר געזאָגט דער בעל־הבית, אָנווייזנ־דיק מיר אַן אָרט אויפן פּיעקעליק. איך בין אַרויפגעקראָכן אויפן פּיעקעליק, אָבער ווי גרויס איז געווען מיין פאַרלעגנהייט, ווען איך האָב אויף דעם אָרט געזען ליגן אַ מיידל. איך האָב געוואָלט תיכף אַראָפּגיין, אָבער אייניקע פון הויזגעזינט, וואָס זענען גע־ווען אויף און צוגעזען מיין פאַרלעגנהייט, האָבן זיך צעלאַכט. דער בעל־חבית האָט זיך אָפּגערופן: האָב נישט מורא, דאָס מיידל וועט דיר נישט אָפּבייסן, קיין אַנדער אָרט איז נישטאָ.

— אויב אַזוי, וועל איך גיין שלאָפן אויפן טיש.

— דו וועסט דאָרט געפרוירן ווערן, אין שטוב איז אַ פראָסט.

די בעל־הביתטע האָט מיר אויך איינגערעדט, איך זאָל בלייבן אויפן אָנגעוויזענעם אָרט, אָבער איך האָב נישט געוואָלט באין אופן. אפילו דאָס עדות־זאָגן פון דער בעל־חביתטע, אַז דער שוחט פון בצלת איז דאָ געשלאָפן אַ פּאָר מאָל און ס'איז אים קיין בייז נישט געשען, האָט נישט געהאָלפן. איך בין גע־זעסן אויפן עק פּיעקעליק און נישט געגאַנגען שלאָפן.

— טו ווי די ווילסט, — האָט זיך אָפּגערופן דער פּויער

און פאַרלאָשן די לוטשינע (ברע־ענדיק קינדל).

איך בין געווען שרעקלעך מיד און בין אַזוי איינגעשלאָפן זיצנדיק. אינמיטן נאַכט האָט מיך די קעלט דורכגענומען און איך בין אַרויפגעקראָכן העכער און אַזוי אָפּגעשלאָפן ביז אינדערפרי, ווען די שטוב-מענטשן זענען שוין געווען פאַרנומען מיט זייער אַרבעט: די מאַנסבילן האָבן געפלאָכטן לאַפּטיעס פון קאָרע און די ווייבער האָט געשפּינט און זיך געפּאָרעט ביי דער הרובע.

— גיי אַראָפּ — האָט זיך אָנגערופן צו מיר אַ יונג מיידל, מיין שכנה אויפן פּיעקעליק. — מען האָט איינגעהייצט די הרובע, וועסטו דערשטיקט ווערן פון רויך.

ווען איך בין אַראָפּגעקומען אין שטוב, האָבן די הויז-לייט ווידער גענומען לאַכן און שפּעטן פון מיין צניעות. איך האָב נישט ווילנדיק מיטגעלאַכט און זיי גאָרנישט געענטפערט אויף זייער געשפּעט. די דאָזיקע פּרימיטיווע מענטשן האָבן געהאַט אַ קנאַפּן באַגריף וועגן מאָראַל און מיינע רייד וואָלטן געווען אומזיסט.

ווען איך בין אַרויס אין דרויסן, האָט מיך פאַרכאַפּט דער אָטעם פון פראָסט. דערצו איז געווען אַ ווינט און אַ שניי, וועלכער האָט געשטאָכן דאָס פּנים. אַרויסלאָזן זיך אין וועג אין אַזאַ וועטער איז געווען אוממעגלעך. איך בין אַריין צוריק צום פּויער אין שטוב און געוואַרט.

נאָכמיטאָג האָט דער שניי-שטורעם אויפגעהערט און די זון האָט אויפגעשיינט. די שניייעלעך אויף די ביימער און די צאַפּנס אויף די דעכער האָבן געפינקלט ווי בריליאַנטן. אויך דורכן קליינעם פענצטערל פון פּויערישן שטיבל האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ זונען־שטראַל. אָבער דער פראָסט האָט זיך פאַרשטאַרקט און אַלע וועגן זענען געווען פאַרשנייט. נישט קענענדיק בלייבן לענגער אין דאָרף, ווייל די חלה און קעז, וואָס איך האָב מיטגענומען, איז אויסגעגאַנגען, האָב איך געפרעגט דעם פּויער, צי ער וועט נישט מרוצה זיין מיך אָפּצופירן קיין צבועאל פאַר אַ פּערטעלע.

דער פּויער האָט פאַרלאַנגט אַ האַלבן רובל, אַנדערש — זאָגט

ער — לוינט אים נישט צו פאָרן. אָבער ווי מיר רעדן אַזוי, קומט אַריין אַ שכנה און פרעגט, צי דער „קום" וואָלט נישט אָפּגעפירט אַ ייד אין שטאָט אַריין.

דער פויער האָט געהייסן דעם ייד קומען און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַריינגעקומען אַ יידיש בחורל מיט געקרייזלטע פּאהקעלעך און אַ קאַפּאָטע, וואָס האָט זיך געשלעפּט אויף דער ערד. איך האָב זיך דעפריייט מיט אים ווי מיט אַן אייגענעם מענטש אין אַ פרעמד לאַנד. מיר זענען מושוה געוואָרן מיטן גוי, ער זאָל אונדז ביידע אָפּפירן קיין צבועאל פאַר אַ האַלבן רובל און זענען באַלד איינגעזעסן אין שליטן.

פאָרנדיק צוזאַמען מיטן בחורל, בין איך פון אים געוואויר געוואָרן, אַז ער איז נישט קיין בחור, נאָר אַ בעל-הביתל און אַז ער האָט אַ ווייב מיט צוויי קינדער אין בצלת, און אַז איצט פאָרט ער צום רבין זאָל לעבן קיין צבועאל, וואו ער רעכנט צו פאַרברענגען אַ לאַנגע צייט.

— און וואָס וועלן טאָן דיין ווייב און קינדער? פון וואַנען וועלן זיי לעבן?

— פון וואַנען זיי וועלן לעבן? און צי איצט גיב איך זיי צום לעבן? איך בין נישט געבוירן צו אַרבעטן, נאָר צו דינען גאָט.

— פון וואַנען-זשע לעבן זיי פאָרט?

— פון וואַנען זיי לעבן? צי איז מיין שוויגער קראַנק און געשוואָלן זיי אויסצוהאַלטן? זי האָט זיך מתחייב געווען צו געבן אייביקע קעסט, און כל-זמן זי האַלט זיך אויף די פיס, וועט זי פאַר זיי האָרעווען.

— דיין שוויגער מוז זיין אַ גוט מענטש?

— אַזאַ יאָר אויף איר, ווי גוט זי איז. ס'איז שוין לאַנג צייט, אַז גאָט זאָל זי צונעמען צו זיך פאַר איר גוטסקייט!

— דו זאָגסט דאָך אַליין, אַז זי האָרעוועט פאַר דיר און דיין הויזגעזינט.

— דו מאַכסט חוזק! און ווער דען זאָל האָרעווען פאַר מיין ווייב און קינדער, אויב נישט זי? צי זאָל איך אַרבעטן פאַר

דער סאַרווערקעס טאָכטער? מיין פאָטער איז געווען פערציק יאָר אַ מלמד און געווען אַ גרויסער חשוב ביים רבין זאָל לעבן און מיין גאַנצע משפּחה איז אויסגעקנאָטן מיט חסידים און מלמדים, און איך זאָל אַרבעטן פאַר דער סאַרווערקעס טאָכטער און אירע קינדער!? דאָס הייסט גאָט אַליין נישט!

— דיין שוויגער וועט דאָך נישט לעבן אייביק! וואָס וועט זיין, אַז זי וועט שטאַרבן?

— איך וועל נישט וואַרטן ביז דעמאָלט. איך וועל פריער אָפּגטן מיין ווייב. איך קאָן שוין פון איר נישט אויסהאַלטן! זי פייניקט מיך אַלץ, איך זאָל זוכן אַ קנעלונג. און דאָס רעדט זי אָן די מאַמע, די מרשעת! אָבער איך הער זי, ווי די קאָץ. איך וועל אַזוי לאַנג זיצן ביי אים זאָל לעבן, ביז עס וועט זיי נמאס ווערן, און זיי וועלן ביי מיר בעטן אַ גט. וועלן זיי דאַן גוט באַצאָלן! זאָל זי וויסן, די שיינע שוויגער, אַז זי איז געווען אַ סאַרווערקע און וועט בלייבן אַ סאַרווערקע!

— און ווער וועט דיר געבן קעסט אין צבועאל?

— דו ביסט נישט קיין חסיד! דו פרעגסט אַ זאַך, וואָס אונזערס אַ קינד וויים!

— איך פאָר דאָס ערשטע מאָל צום רבין, און וויים טאַקע נישט.

— זיי-זשע וויסן, אַז יעדער חסיד, וואָס זיצט ביים רבין, באַקומט עסן און טרינקען אומזיסט, כּדי ער זאָל קענען דינען גאָט, הערן די תּורה פון רבין און דערציילן זיינע מופתים. דערציילן די מופתים פון רבין, מוזטו וויסן, איז די גרעסטע מצוה און איז נאָך גרעסער, ווי די מצוה פון זאָגן זוהר.

— אָבער אַלע חסידים ווייסן דאָך שוין דעם רבינס מופתים, וואָס-זשע האָט מען זיי צו דערציילן?

— דו רעדסט ווידער, ווי אַ מתנגד! צי מיינסטו, אַז מען דערציילט דעם צדיקס מופתים אַזעלכע, וואָס ווייסן זיי נישט? אַזעלכע, וואָס ווייסן זיי נישט פון קינדווייז אויף, וועלן קיינמאָל אין לעבן נישט זוכה זיין זיי משיג צו זיין. זייער נשמה איז גאָרנישט מסוגל דערצו. מיר דערציילן איינער דעם אַנדערן

אַזעלכע זאַכן, וואָס יעדער פון אונז האָט שיין טויזנט מאָל גע-הערט און דערציילט, און אַלע טאָג זענען זיי ביי אונז ווי ניי. דער צדיק ווייס אַלע אונזערע געדאַנקען, ווייס ווער עס איז אַן אמתער חסיד און ווער נישט. און אָט ווערסטו זען, אַז אין איין מינוט וועט דער צדיק זאָגן אַלץ, וואָס דו האָסט אין זינען און פאַר זיין בליק ווערסטו פאַרציטערט ווערן און וועסט קיין ווערטער נישט געפינען. ווייל דעם צדיקס פנים איז מוראדיק ווי די שכינה. ווי טוט מיר ווי דאָס האַרץ, וואָס די מרשעת מיי-נע האָט מיך פאַרהאַלטן עטלעכע טעג, און איך האָב נישט גע-קאָנט אָנקומען צום צדיק אויף יום־טוב!

— וואָס פאַר אַ יום-טוב? — האָב איך געפרעגט פאַרוואונ-דערט — ביז יום-טוב איז דאָך נאָך געבליבן פיר חדשים.

— דו ביסט געוויס אַ מתנגד!—האָט ער אויסגערופן מיט כעס — דו ווייסט גאָרנישט, אַז מאָרגן י״ט כסלו איז ביי אונז יום־טוב ?!

— גערעכט, גערעכט, איך האָב פאַרגעסן, אַז מאָרגן איז י״ט כסלו.

— דיין פאַרשטעלן זיך איז אומזיסט! איך זע קלאָר, אַז דו קומסט נישט אַרויס פון חסידים. אָבער אויב דו ווילסט באמת זיין אַ חסיד, וועלן מיר דיך מקרב זיין. עס איז אפילו נישט גלייך אַ חסיד בן חסיד צו אַ חסיד בן מתנגד, אָבער מיר וועלן מיט דיר מטיב זיין, זאָרג נישט.— האָט מיין מיטפאָרער געזאָגט מיט גוטסקייט, ווי איינער וואָס איז גרייט מיר אַ גרויסע טובה צו טאָן. איך האָב אים געדאַנקט פאַר זיין גוטקייט און אַזוי שמועסנדיק ווייטער, זענען מיר אַריינגעפאָרן אין מרה.

כד.

אַ חסידישער יום־טוב.

אין מרה זענען מיר פאַרפאָרן צום חסידישן שטיבל, וואָס האָט אונז געדינט פאַר אַ גאַסט־הויז. איך בין נאָך נישט געווען באַקענט מיט די חסידישע מנהגים אין די שטיבלעך, ווייל ביז איך בין געקומען קיין נצב, בין איך נאָך קיינמאָל נישט די שוועל פון אַ שטיבל איבערגעטרעטן. נצב ווידער איז אַ קליין שטעטל און די דאָרטיקע יידן גייען דאַוונען נאָר שבת און יום־טוב. איצט, אַריינקומענדיק אין מרהער שטיבל, האָב איך דערזען פאַר מיר אַ משונהדיק בילד. דאָס שטיבל איז געווען אָנגערויכערט, ווי להבדיל אַ שענק און די חסידים זענען אַרומגעלאָפן איבערן צימער אַהין און אַהער מיט די פיפקעס אין די מיילער, מיט וועלכע זיי צעשיידן זיך קיינמאָל נישט. דאָס רייכערן איז אַ מין עבודת הקודש ביי די חסידים, ווייל אינאיינעם מיטן אויפשטייגנדיקן רויך, שטייגן אויך די געדאַנקען אין די עולמות העליונים. אייניקע זענען געלעגן אָדער געזעסן אויף די טישן און בענק און דערציילט מעשיות איינער דעם אַנדערן, לאַכנדיק אויפן קול. בלויז צוויי אַלטע לייט זענען געווען פאַרנומען מיט

זאַכן, וואָס פּאַסן זיך פאַר אַ מקום־קדוש: איינער האָט געזאָגט תהלים כאַפּנדיק, ווי מען שלינגט הייסע קאַרטאָפלעס, און דערביי האָבן אים די בחורים אַרום געשטערט אין זאָגן: איי־נער האָט אים אַראָפּגעוואָרפן דאָס קאַפּל און אַן אַנדערער האָט אונטערגעהויבן די באַנק, אויף וועלכער ער איז געזעסן, און ער האָט זיי געזידלט און געשאָלטן. דער צווייטער אַלטער מאַן האָט געזאָגט שטיל זוהר, אָבער אים האָבן די בחורים נישט געשטערט.

איך בין געגאַנגען צום ספרים־אַלמער אַרויסנעמען אַ ספר אַריינצוקוקן, אָבער צו מיין פאַרוואונדערונג האָב איך דאָרט נישט געפונען מער ווי פיר—פינף גמרות, צעריסן, צעפליקט אַ ביסל פון לערנען און מער דערפון, וואָס מען האָט זיי באַנוצט אַלס געווער אין די שלעגערייען, וואָס האָבן זיך אָפטמאָל אָפּגעשפּילט אין שטיבל. ווען די בעלי־מלחמה האָבן שוין גע־האַט אויסגענוצט אַלע זאַכן, וואָס זיי איז געקומען אין האַנט צו וואַרפן איינער דעם אַנדערן, פלעגן זיי אויך נישט שוינען די עטלעכע גמרות פון ספרים־אַלמער און זיי געשליידערט די חברים אין די קעפּ. אויסער די צעפליקטע גמרות זענען גע־ווען אין אַלמער עטלעכע זוהרן און אַ ביסל קבלה און חסידי־שע ספרים. איך האָב אַרויסגענומען אַ גמרא און זיך געזעצט לערנען, האָב איך באַלד דערהערט אונטער זיך אַן אויסרוף: מתנגד! ווייל לערנען גמרא איז ביי חסידים נישט אָנגענומען. דער בעל־הביתל וואָס איז געקומען מיט מיר, האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט אייניקע בחורים און געלאַכט און זיך געוויצלט מיט זיי ווי מיט אַלטע באַקאַנטע.

עס איז שוין געווען מנחה־צייט, אָבער קיינער האָט נישט געטראַכט וועגן דאַווענען מנחה. ווען ס'איז שוין געוואָרן נאַכט און דאָס שטיבל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט חסידים, איז דער אַלטער מאַן, וואָס האָט געזאָגט זוהר, צוגעגאַנגען צום עמוד און גענומען זאָגן פּרשת הקטורת. ווען ער האָט אַרויסגעלאָזט פון מויל דאָס וואָרט „אשרי", איז אויסגעוואַקסן נעבן אים אַ יונגערמאַנטשיק און געזאָגט: „לאָז מיך דאַווענען פאַרן עמוד".

דער אַלטער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון עמוד, האָט אים דער יונגערמאַן אָנגענומען ביי דער פּאָלע און מיט געוואַלט אַוועקגעשלעפּט פון עמוד. דער עולם האָט צוגעקוקט און געלאַכט. לסוף איז צוגעגאַנגען איינער און אַ זאָג געטאָן:

—איך וועל אייך אויסגלייכן, וועט איהר פאָלגן?

—לאָמיר הערן דיין פּסק!—האָבן זיך אָפּגערופן אייניקע פון עולם.

זאָל יוסל געבן צוויי קוואָרט בראָנפן און זאָל ער דאַווענען.

—איך גיב פיר קוואָרט בראָנפן און צוויי געבראָטענע גענזלעך פאַר מנחה און מעריב.

—מעריב וועל איך דאַוונען, ווייל איך האָב יאָרצייט נאָך מיין פאָטער און מיר קומט מעריב—האָט זיך אָפּגערופען אַן אַנדערער.

—וואָס גייט אונז אָן זיין טאַטנס יאָרצייט! ווער האָט אים געהייסן שטאַרבן גראָד אין אַזאַ הייליקן יום־טוב. האָט ער געקערט וואַרטן אַ טאָג אָדער צוויי. איך וועל אים נישט לאָזן דאַווענען מעריב באין אופן!

—אָבער מיר קומט דאָך על־פּי־דין!

—דיר קומט, אויב דו וועסט געבען מעהר!

—איך גיב צוויי קוואָרט פאַר מעריב.

און איך גיב דריי קוואָרט פאַר מעריב און צוויי פאַר מנחה.

—און די גענזלעך?— האָט געפרעגט איינער.

דער סוף איז געווען, אַז יוסל האָט געקויפט מנחה פאַר דריי קוואָרט בראָנפן און דריי גענזלעך און דער וואָס האָט געהאַט יאָרצייט האָט געקויפט מעריב פאַר דעמזעלביקן פרייז. יוסל איז אָבער נישט צוגעגאַנגען צום עמוד, נאָר מכבד געווען דעם אַלטן מיטן דאַווענען.

נאָך דעם, ווי מען האָט אָבגעזאָגט אשרי און די שטילע שמונה-עשרה, האָט דער אַלטער אָנגעהויבן די הויכע שמונה-עשרה, אָבער קוים האָט ער אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „ברוך", ווי יוסל איז צוגעלאָפן און אים אַוועקגעשטופּט מיט די ווער-

טער: „שגץ, אַוועק פון עמוד! איך האָב דיך דאָ געלאָזט שטיין נאָר אויף שטילער שמונה־עשרה, איצט וועל איך אַליין דאַווענען, איך האָב געקויפט!״ אַלע אַרום האָבן געלאַכט פון יוסלס חכמה, בלויז איינער האָט זיך אָפּגערופן, אַז עס איז נישט פּאַסיק אַרומצוקריגן זיך אינמיטן דאַווענען.

—ער באַקומט אַ שטראָף: צוואַנציק מלקות מיט אַ שיך אָדער גיט אַ קוואָרט בראָנפן, ווייל ער האָט גערעדט ווי אַ מתנגד,—האָט זיך אָפּגערופן איינער. ס'איז געוואָרן אַ רעש, אַ טומל, אַלע האָבן גערעדט מיט אַמאָל, מנחה און מעריב האָט מען אָפּגעדאַוונט אין אַ פּאָר מינוט, אָבער, ווען דער מעריב־דאַוונער האָט געהאַלטן פאַרן לעצטן קדיש, האָבן צוויי חסידים אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט און די פיס און געוואָלט אַוועקלייגן אויף דער באַנק דערפאַר, וואָס ער האָט מאריך געווען אין דאַווענען. דער מעריב־דאַוונער האָט זיך אויסגעקויפט מיט תיקון. דאַן האָבן זיי געכאַפּט דעם מוסר־זאָגער און געוואָלט אַריינשמייסן, אָבער ער האָט זיך אויסגעקויפט, האָט מען אים געלאָזט צורו.

ווען איך בין געשטאַנען און געגאַפּט אויף אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען, איז צוגעקומען צו מיר אַן אַלטער חשובער חסיד ר׳ שמואל און מיך גענומען אויף וויעטשערע. איך בין געגאַנגען מיט אים און געזען, אַז נישט נאָר אין שטיבל איז יום־טובדיק, נאָר אויך אין שטוב ביי ר׳ שמואלן. אין הענג־לייכטער האָבן געברענט ליכט און דער טיש איז געווען גע־דעקט און אָנגעשטעלט מיט מאכלים, ווי אום יום־טוב. נאָכן עסן בין איך צוריקגעגאַנגען אין שטיבל און געטראָפן דאָרט אַן עולם זינגענדיק, טאַנצנדיק און טרינקענדיק משקה.

מען האָט מיר אויך געגעבן אַ גלעזל בראָנפן, אָבער איך האָב נישט געוואָלט טרינקען, האָט מען מיך אָנגענומען און צוגעפירט צום עולם טרינקער, וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט אויף מיר אַ שטראָף אויסצוטרינקען פינף גלעזלעך מיטאַמאָל דערפאַר, וואָס איך וויל נישט מיטהאַלטן מיט דער חברה. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום טענות, איך האָב געמוזט טרינקען.

אָבער נאָך דעם ווי איך האָב אויסגעטרונקען דעם ערשטן כּוס אין זיין אָטעם, האָט מען אָנערקענט, אַז איך בין פון די „אנשי־שלומם” און מען האָט מיך באַפרייט פון די איבעריקע פיר כּוסות. אַזוי האָט מען געהוליעט, געטאַנצט און געטרונקען אַ גאַנצע נאַכט און איך אויך אינמיטן, ביז איך בין אַנידערגעפאַלן אַ שכּורער און איינגעשלאָפן ליגנדיק אויף דער ערד. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך געזען, אַז איך ליג אין ווייבער-שול און עס איז שוין האַלבער טאָג. איך האָב געוואָלט אויפשטיין, האָב איך נישט געקאָנט: דער קאָפּ איז מיר געווען שווער און אַלע גלידער זענען געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. איך האָב אָנגעווענדט אַלע כּחות אויפצוהייבן זיך און אַרויסצוגיין אין גאַס צו כאַפּן פרישע לופט, איז מיר געוואָרן נישט־גוט און איך האָב אָנגעהויבן ברעכן. נאָכן אָפּברעכן איז מיר געוואָרן אַ ביסל לייכטער און איך בין אַזוי געזעסן אָהן כּחות ביז ס'איז געקומען אין שטיבל אַ פרישער עולם מיט געזאַנג, טענץ און גלעזלעך בראָנפן אין די הענט און מען האָט מיך אַריינגעצויגן אין דער הוליאַנקע. מען האָט מיר פאָרגעלייגט אַ גלעזל בראָנפן, אָבער איך האָב געכאַפּט און געשוואוירן ביי מיין געזונט און לעבן, אַז איך וועל מער קיין בראָנפן נישט טרינקען. קוים האָב איך אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע שבועה, ווי דער עולם האָט מיך געכאַפּט, צוגעהאַלטן ביי די הענט און די פיס און מיר אַריינגעגאָסן אין מויל אַ גלעזל בראָנפן. איך האָב זיך שיער דערוואָרגן דערמיט, אָבער געמוזט אויסטרינקען. צו מיין גרעסטער דערשטוינונג איז מיר אין אַ פּאָר מינוט אַרום געוואָרן לייכטער דער קאָפּ און בעסער אין מויל אַזוי, אַז איך האָב אַליין מיטן גוטן ווילן אויסגעטרינקען נאָך אַ גלעזל.

אין אָוונט האָט אַ גאַנצע כאַלאַסטרע און איך אויך בתוכם, זיך געלאָזט גיין צו אַ יונג בעל הביתל, אַן איידעם פון אַ רייכער אלמנה, צו הוליען אַ ביסל ביי אים אין שטוב. מען האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב מיט אַ רעש און געפילדער. דער בעל־הביתל, וועלכער איז געגאַנגען בראש, האָט אַ געשריי געטאָן: שוויגער, איך האָב געבראַכט געסט, זייט זיי מכבד! די

שוויגער איז קענטיק נישט געווען צופרידן פון די געסט, אָבער, וויסנדיק, אַז זי וועט פון זיי נישט לויז ווערן, האָט זי געזאָגט:

—זיי זיי מכבד מיט וואָס דו ווילסט. די גאַנצע שטוב איז פאַר דיר אָפן.

אויפן באַפעל פון בעל־הביתל האָט מען געבראַכט צום טיש בראָנפן, הערינג און זויערע אוגערקעס און דער עולם האָט געגומען זיך לאָזן וואוילגיין. ווען דער כיבוד פון טיש איז אויסגעגאַנגען, האָט מען גענפנט די שאַפע און אַרויסגעשטעלט אויפן טיש אַלץ, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען. דערנאָך האָט מען זיך אויסגעטאָן די קאַפּאָטעס און גענומען טאַנצן אַרום טיש אין די הוילע הויזן און טליתים־קטנים.

קומענדיק צומאָרגנס אינדערפרי אין שטיבל האָב איך דאָרט געטראָפן דעם יונגן בעל־הביתל, וועלכער איז געקומען מיט מיר אויף איין פור. ער איז געלעגן אויף אַ באַנק און געקרעכצט. און ווען איך בין צוגעקומען צו אים, האָט ער מיר דערציילט, אַז טאַנצנדיק איז ער געפאַלן און זיך צעשלאָגן דעם פוס, ער האָט גרויסע שמערצן און קאָן נישט גיין, אַזוי אַז ער וועט מוזן בלייבן אין מרה ווער ווייסט ווי לאַנג. דערנאָך האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן: איך האָב צוויי טליתים, קויף ביי מיר איינעם פאַר ביליק.

—צו וואָס טויג מיר אַ טלית? איך בין דאָך נאָך אַ בחור.

—וועסטו פאַרקויפן אַן אַנדערן און פאַרדינען.

—פאַרקויף אַליין אַן אַנדערן. איך בין דאָך נישט קיין טליתים־סוחר.

—איך וויל אים דאָ נישט פאַרקויפן, און דו זאָלסט אויך נישט פאַרקויפן דאָ, נאָר אין אַן אַנדער שטאָט.

—און פאַרוואָס ווילסטו אַליין נישט פאַרקויפן?

—ווייל איך האָב מיין טלית, וועט מען מיך אפשר חושד זיין אין אַ גנבה.

—וועט מען מיך אפשר אויך חושד זיין?

—אָבער דו וועסט פאַרקויפן אין אַן אַנדער שטאָט. טו מיר די טובה, איך נייטיק זיך זייער אין געלט, אַנדערש וועל איך נישט קענען פון דאַנען אַוועקפאָרן.

פון זיינע רייד האָב איך דערקענט, אַז דער טלית איז אַ געגנבעטער. איך האָב שוין לאַנג געהערט, אַז אָרעמע חסידים, וואָס פאָרן קיין צבועאל, גנבענען אויפן וועג טליתים, כדי צו האָבן געלט אויף הוצאות. עס איז וועגן דעם אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל: „דער וועג קיין צבועאל איז באַדעקט מיט טליתים". האָב איך מיר דערום אָפּגעזאָגט צו קויפן דעם טלית. דער בעל-הביתל איז געוואָרן שרעקלעך בייז און מיך גענומען סטראַשען, אַז אויב איך וועל נישט קויפן דעם טלית, וועט ער זאָגן אַלעמען, אַז איך האָב געגנבעט דעם טלית און אים אונטער-געוואָרפן, און מען וועט אים גלייבן, ווייל אים קען מען און מיך נישט.

ווי מיר רעדן אַזוי, איז אַריינגעקומען דער שמש און דערזעענדיק אונז האָט ער געזאָגט:

—זייט וויסן, אַז נעכטן האָט מען אַוועקגעגנבעט ביי יוזבדן אַ טלית און צוויי זילבערנע לעפל און מען איז חושד אין דעם איינעם פון אייך ביידן.

—איך האָב נישט געגנבעט—האָב איך געענטפערט מיט פעסטקייט—און אויב איר ווילט קאָנט איר זוכן אין מיין וואַליזקע.

—ער האָט געגנבעט דעם טלית און די לעפל,—האָט זיך אָפּגערופן דער בעל-הביתל.

—זאָל מען זוכן אין אונזערע ביידנס וואַליזקעס.

—ער האָט געגנבעט דעם טלית און די לעפל, און זיי אַריינגעלייגט אין מיין רייזע טעשל—האָט ווידער געזאָגט דער בעל-הביתל.

דער שמש האָט גענומען זוכן אין בעל-הביתלס רייזע-טעשל און געפונען דעם טלית.

—און די לעפל וואו זענען?—האָט ער אַ זאָג-געטאָן, זיך

ווענדנדיק צו מיר מיט אַ דראָענדיקן בליק.

—איר האָט דען געפונען דעם טלית ביי מיר אין רייזע־טעשל, וואָס איר פרעגט מיך? איר האָט דאָך געפונען ביי אים, און ער איז דער גנב?

—ער זאָגט דאָך, אַז דו האָסט געגנבעט און אים אונטערגעוואָרפן די גנבה!

—און ווען ער וואָלט זאָגן, אַז איר האָט געגנבעט און אים אונטערגעוואָרפן, וואָלט איר אים גלייבן?

—דו ביסט אַן עזות־פנים, און דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז דו ביסט דער גנב. גיב זשע טאַקע אָפּ די לעפל!

דער שמש האָט זיך צעשריגן און באַלד האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום אונז אַ רעדל מענטשן, וועלכע האָבן מיך געוואָלט שלאָגן. אומזיסט זענען געווען מיינע טענות, אַז איך ווייס נישט פון גאָרנישט צו זאָגן און אַז דער גנב איז דער בעל־הביתל, ביי וועלכן מען האָט געפונען דעם טלית, און נישט איך—דער עולם האָט מיך געסטראַשעט מיט קלעפּ, און דער שמש האָט געהאַלטן אין איין שרייען, אַז איך בין אַן עזות־פנים און אַ גנב און מוז אָפּגעבן די זילבערנע לעפל. צו מיין גליק איז אָנגעקומען דער אַלטער ר׳ שמואל, ביי וועמען איך האָב נעכטן געגעסן וויעטשערע און ער, הערנדיק וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט געראַטן, אַז מען זאָל אונזביידן באַזוכן. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט געפונען די לעפל ביי דעם בעל־הביתל אין די שטיוול. ר׳ שמואל האָט זיך דאַן אָפּגערופן צום שמש:

—זעסטו, דו האָסט דעם בחור אומזיסט הושד געווען, און דאַרפסט אים איבערבעטן!

דערווייל איז אָנגעקומען יוזבד, ביי וועמען מען האָט געמאַכט די גנבה, און ער האָט געזאָגט, אַז איך האָב נישט געקאָנט מאַכן די גנבה פּשוט דערפאַר, ווייל איך בין ביי אים אין שטוב נישט געווען. דערזעלביקער יוזבד האָט אויך פאַר־

געלייגט, אַז כדי מיך מפייס צו זיין פאַרן אומזיסטן חשד, זאָל מען פאַר מיר אויפקלייבן אַ סומע געלט, און ער האָט געגעבן דעם ערשטן רובל. אַזוי אַרום האָב איך באַקומען פאַר דער בושה, וואָס איך האָב געהאַט, זעקס רובל, און געוואָרן אַ גאַנצער נגיד.

כה.

דער נס פון י"ט כסלו

דער אַלטער ר׳ שמואל האָט, לויט זיין מנהג, אַלע יאָר פאַרבעטן דאָס גאַנצע שטיבל צו זיך אויף אַ סעודה, צו פייערן דעם נס, וואָס איז געשען דעם אַלטן רבין אום י"ט כסלו. ר׳ שמואל איז געווען אַ נגיד און איש מכובד אין שטאָט און דערצו איז ער געווען אַ תּלמיד מובהק פון אַלטן. מען דערציילט אַפילו, אַז נאָכן טויט פון אַלטן איז געווען אַ צד, וואָס האָט אים געוואָלט אַרויפזעצן אויפן רבישן שטול, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער למדן און קלוגער מענטש און געווען זייער באַליבט ביי דעם אַלטן. פון היינטיקן צבועאַלער רבין האָט ר׳ שמואל ווייניק געהאַלטען, ווייל ער האָט אים צו גוט געקענט און פלעגט צו אים נישט פאָרן. פונדעסטוועגן האָבן די חסידים געלייגט כבוד אויף ר׳ שמואלן, ווייל ער איז דאָך געווען אַ תּלמיד פון אַלטן און דערצו אַ חשוב ביי „נאַטשאַלסטוואָ", און נישט איינמאָל האָט ער אַרויסגעהאָלפן יידן און אַפילו דעם רבין אַליין פון אַ צרה.

אין שטוב ביי ר׳ שמואלן זענען שוין געווען אַלע חשובע

בעל־הבתּים פון שטעטל. דער טיש איז געווען געדעקט און די צימערן באַלויכטן ווי אום יום־טוב. ווען דער עולם האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט מען געבעטן ר׳ שמואלן, ער זאָל, לויט זיין מנהג אַלע יאָר, דערציילן וועגן נס פון י״ט כסלו.

—ווי איר ווייסט—האָט אָנגעהויבן ר׳ שמואל—האָט מען דעם אַלטן רבין זי״ע איינגעזעצט איבער אַ בלבול, אַז ער איז אַ מורד־במלכות און פירט אַ מלוכה איבער יידן, און מען האָט אים אַוועקגעפירט קיין פעטערבורג אויף אַ שלעדסטווע. דעם גאַנצן וועג, וואָס דער רבי איז געפאָרן, אינאיינעם מיט אונז, איז ער געווען פריילעך און לוסטיק, גלייך מען זאָל פאָרן אויף אַ חתונה, און האָט געדאַוונט מיט גרויס שמחה און התלהבות. די וואַך, וואָס האָט באַגלייט דעם רבין, האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד, און דאָסזעלביקע איז אויך געווען אין פעטערבורג.

זעקס חדשים זענען מיר געזעסן צוזאַמען אין תפיסה, און איך אויך בתוכם. די גאַנצע צייט, וואָס מיר זענען געזעסן, איז דער רבי נישט געפאַלן ביי זיך, נאָר פאַרקערט, אונז אויפגעהייטערט און צוגעגעבן מוט. דאָס איז געווען דער בעסטער סימן, אַז קיין בייז וועט אונז נישט געשען.

איינמאָל איז דער רבי אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, האָט אָנגעטאָן די שבתדיקע מלבושים און גענומען דאַווענען אויפן קול מיט אַ ברען. אונז אַלעמען איז געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן, הגם מיר האָבן נישט געוואוסט די סבה דערפון. אין אָוונט האָט דער רבי געהייסן ברענגען גוטן וויין. ווען איך האָב געבראַכט דעם וויין, האָט דער רבי אָנגעגאָסן אַ כוס און געמאַכט אַ ברכה: „אשר גאלנו״, נאָר אָן אַ שם און מלכות. מיר זענען געווען דערשטוינט, אָבער דער רבי האָט מיט אַ שטראַלנדיק פנים אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר וועלן גאָר אינגיכן ווערן אויסגעלייזט. דעמזעלביקן אָוונט זענען מיר געוואויר געוואָרן, אַז דער קייזער איז געשטאָרבן, און דער נייער קייזער האָט געגעבן אַמנעסטיע אַ סך אַרעסטאַנטן, דערונטער דעם רבין. דאָס איז געשען אום י״ט כסלו, און אום כ׳ כסלו האָט דער קייזער געשיקט רופן צו זיך דעם רבין, געהאַט מיט אים אַ

לאַנגן געשפּרעך, און געזאָגט, אַז ער זעט באַשיינפּערלעך, אַז דער רבי איז אַ געטלעכער מענטש. זעענדיק, אַז דער רבי זוימט זיך לאַנג ביי דעם קייזער, האָב איך באַקומען גרויס פּחד און געוואָלט זיך צושלאָגן צום קייזערלעכן קאַבינעט. חאָט מען מיך נישט געלאָזט, געשלאָגן מכות-רצח און געוואָלט אַוועקשלעפּן אין טורמע. אָבער אינמיטן דרינען איז געקומען אַ באַפעל פון קייזער, אַז מען זאָל מיך באַפרייען. די מעשה איז געווען, אַז אינמיטן געשפּרעך מיטן קייזער האָט דער רבי אים געזאָגט, אַז איינער פון זיינע תלמידים ווערט אין דעם מאָמענט געשלאָגן פון זיין לייב-וואַך. דער קייזער איז נשתומם געוואָרן פון דעם רוח-נבואה פון רבין און געהייסן מיך תיכּף באַפרייען. אָט צו־ליב וואָס מיר פייערן אַלע יאָר דעם טאָג פון י"ט כסלו.

די חסידים האָבן אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו ר' שמואלס דערציילונג, הגם זיי האָבן זי שוין געהערט פיל מאָל, און דערנאָך אָנגעהויבן זינגען אַ פריילעכס און געמאַכט אַ ריקודל אַרום טיש.

די מעשה פון ר' שמואלן, וועלכער האָט מיך געראַטע־וועט פון שאַנד און איז געווען געשעצט און געאַכט אין גאַנצן שטעטל, האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן רושם. ר' שמואל—האָב איך געטראַכט—ווערט געוויס נישט זאָגן קיין ליגן; איך האָב דערום אָנגעהויבן גלייבן אין די מופתים פון די רביים און גע־וואָרן אין הארצן אַ שטיק חסיד, נישט קוקנדיק אויף אַלע מיאוסע זאַכן, וואָס איך האָב געזען פון זיי. צומאָרגנס בין איך געפאָרן קיין צבועאל, אָפּמאַכנדיק ביי זיך צו ווערן אַן אמתער חסיד.

כו.

ביי דעם צבועאלער צדיק.

אנגעקומען אין צבועאל, בין איך אריין אין רבינס הויף. וועלכער איז געווען ברייט און גערוים ווי אַ הויף פון אַ שררה. אינעווייניק זענען געווען פינף שענע הילצערנע הייזער אויף שטיינערנע פונדאַמענטן, וואו עס האָט געוואוינט דער רבי אַליין און זיינע קינדער. אין הויז, וואו דער רבי אַליין האָט געוואוינט, איז געווען אויך דער בית־המדרש און צימערן פאַר חשובע געסט. אַריינגעקומען אין בית־המדרש, האָב איך אַראָפּגענומען מיין רייזע־טעשל פון די פּלייצעס און געוואָלט עס ערגעץ אַוועקלייגן, אָבער באַלד איז צוגעקומען דער שמש און מיר געזאָגט, אַז דאָ איז נישט קיין גאַסט־הויז און מען טאָר דאָ נישט אַוועקלייגן קיין פּעקלעך.

איך האָב געזאָגט דעם שמש, אַז איך בין געקומען צום רבין הערן זיין תורה, און וועל דאָ וואוינען ביז איך וועל אָנקומען צו אים; קיין געלט אויף וואוינען אין אַ גאַסט־הויז האָב איך נישט.

דער שמש האָט געענטפערט, אַז אָן דער ערלויבניש פון

באַי קאָן ער מיך דאָ נישט לאָזן נעכטיקן אָדער האַלטן מיינע זאַכן.

איך האָב געפרעגט, וואו איך קאָן זען דעם גבאַי, האָט דער שמש געענטפערט, אַז דער גבאַי איז פאַרנומען און האָט איצט קיין צייט נישט צו אַזעלכע געסט ווי איך.

— און אַזעלכע געסט ווי איך, ווען קענען האָבן די זכיה צו זען דעם גבאַי? — האָב איך געפרעגט מיט אַ פאַרבאָרגע-נעם כעס.

— קום צו מנחה, אָבער איך ווייס פאָראויס, אַז ער וועט דיך דאָ נישט לאָזן נעכטיקן.

איך בין אוועק מיטן רייזע-טעשל אויף די פלייצעס און לאַנג זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פון צבועאל. ווען איך בין געוואָרן הונגעריק, בין איך אַריין אין אַ שענק, האָב גע-בעטן מיר געבן ברויט און מילך, און פאַרפירט אַ שמועס מיטן שענקער, כדי צו דערוויסן זיך, ווי-אַזוי צו באַגיין זיך מיטן גבאַי, און האָב אים אויך דערציילט וואָס דער שמש האָט מיר געזאָגט.

דער שענקער מיטן נאָמען האַצקל איז געוואָרן אַן אָנגע-צונדענער און מיך אַ פרעג געטאָן מיט כעס:

— וואָס ביסטו אַהערגעקומען? וואָס האָסטו דאָ צו טאָן? וואָס האָסטו פאַרלאָזט דיין הויז-געזינט צו ווערן דאָ אַ ליידיק-גייער, אַ דאַרמאַיעדניק?

איך בין דערשטוינט געוואָרן פון אַזעלכע רייד און גע-ענטפערט רויק:

— איך בין געקומען צום צדיק הערן זיין תורה און זען זיינע מופתים!

— צי ווייסטו נישט, אַז דער צדיק האָט ליב נאָר עשירים, וועלכע גיבן די גרויסע פדיונות און אַז אָרעמעלייט וויל ער נישט קענען!

— און ווער-זשע גיט אויסהאַלטונג די אָרעמע חסידים, וואָס האַלטן זיך דאָ אויף?

— זיי גנבנען טליתים און דערפון לעבן זיי.

איך האָב געמיינט, אַז דער ייד מאַכט פון מיר חוזק,

האָב איך אים געזאָגט:

— איך בעט אייך, ר׳ קרוב, מאַכט פון מיר נישט חוזק, איך בין דאָ אַ פרעמדער, אָן אַ קרוב, אָן אַ גואל, און וויל הערן אייער עצה.

— אויב דו ווילסט הערן מיין עצה, וועל איך דיר זאָגן: דו זאָלסט תיכף צוריקגיין פון וואַנען דו ביסט געקומען. אויב דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט געגנבעט, וועסטו דאָ זיך גיך אויס־לערנען די שיינע מלאכה. וואָס ביסטו אַהערגעקומען? מיט וואָס פאַר אַ צוועק? דו ביסט געקומען זוכן תורה? אָבער צי איז דעם רבינס הויז אַן אָרט פון תורה? אויב דו זוכסט תורה, גיי אין אַ ישיבה און זעץ זיך לערנען, אויב דו זוכסט אַן ער־לעך לעבן און ווילסט זיין אַ נהנה מיגיע כפו, גיי אַרבעט און פאַרדין אויף חיונה. ווילסטו ווידער אַרומגיין פוסט־און־פּאַס, טרינקען משקה, אָפּלצן פון דער וועלט, דאַן גיי צום רבין, וועסטו דאָרט האָבן וואָס דו ווילסט. אָט האָסטו פאַר דיר דריי וועגן, קלייב דיר אויס!

איך בין געוואָרן אַ צעטומלטער פון שענקערס דבורים. צי בין איך געקומען קיין צבועאל צו הערן דאָ חוזק מאַכן פון רבין און פון די חסידים? און איך האָב געמיינט, אַז אַלע צבועאלער יידן זענען חסידים! און אפשר וויל דער שענקער מיך אויספּרוּוון צי איך בין אַן אמתער חסיד? נישט אַנדערש, ער וויל מיך אויספּרוּוון! אָבער ער האָט נישט געטראָפן דאָס אָרט! איך וועל מיך נישט לאָזן אַריינפירן אין זאַק! איך ווייס שוין ווי מיט אים צו רעדן — האָב איך מיר געטראַכט און אים אַ זאָג געטאָן:

— מיינט נישט, ר׳ קרוב, אַז איך בין דאָ געקומען זוכן אַ גרינג לעבן. איך וועל זיך לאָזן באַניגן מיט ברויט און וואַ־סער, אַבי זיצן אין רבינס בית־מדרש און הערן זיין הייליקע תורה. איך גלייב געטריי אין זיינע מופתים און בין אַן ערלע־כער געטרייער חסיד אָן שפּיצלעך!

אויב דו גלייבסט געטריי אין רבינס מופתים, האָב איך פאַר דיר אַן אָרט — אין שטאַל פון די בהמות. דאָרט איז פאַר

דיר דאָס ריכטיקע אָרט! — האָט דער שענקער געזאָגט מיט געשפּעט.

איך בין געוואָרן נאָך מער אויפגערעגט פון זיינע רייד, און, מיינענדיק נאָך אַלץ, אַז ער וויל מיך אויפרוון, האָב איך ווידער געזאָגט:

— הערט אויף צו שפּעטן פון מיר, איך בין אַזאַ געטרייער חסיד ווי איר און גלייב אַזוי אין רבין ווי איר!

— אוי דו נאַר! — האָט אויסגערופן דער שענקער מיט היץ — איך וויל דיך אויספּרוון? זאָל נעמען דער טייוול דעם רבין מיט אַלע זיינע חסידים און זיי פאַרטראָגן אין פּוסטע פעלדער און וויסטע וועלדער, וועלן מיר פון זיי פּטור ווערן!

איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער שענקער מיינט ערנסט, ווייל אַ חסיד וואָלט קיינמאָל זיך נישט דערוועגן שעלטן דעם רבין אַפילו אין אַ געלעכטער. איך האָב געוואָלט אומדרייען דעם דישעל, כדי נישט אויסצוזען ביי אים ווי אַ נאַר, אָבער דעם שענקערס ווייב האָט מיך נישט געלאָזט רעדן און גענומען זיך בייזערן אויפן מאַן, וואָס ער האָט אַ גרויס מויל און וועט זיך און זיין הויזגעזינט ברענגען אויפן פייער.

איך האָב זי באַרויקט און געזאָגט, אַז איך בין נישט קיין מוסר און וועל נישט אויסגעבן איר מאַן, אויסערדעם האָב איך ליב אויסצוהערן יעדערנס מיינונג, אַפילו ווען ער איז נישט איינשטימיק מיט איר.

— אויב אַזוי — האָט זיך אָפּגערופן דער שענקער — ביסטו גאָרנישט קיין נאַר, ווי איך האָב געמיינט. זיי-זשע זיך מודה, אַז דו ביסט נישט קיין חסיד און גלייבסט נישט אין זייערע נאַרישקייטן.

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך דאַרף אים נישט זאָגן וואָס ביי מיר אין האַרצן איז, און צוגלייך אויסגעדריקט מיין פאַרוואונדערונג, וואָס ער דערלויבט זיך צו רעדן אויפן רבין און אויף די חסידים אסור לדבר און האָט נישט מורא, מען זאָל זיך נישט אָפּרעכענען מיט אים דערפאַר.

— די צבועאַלער יידן, הגם זיי זענען עם-הארצים און

גראָבע יונגען, אַזוי ווי דאָס רוב חסידים, גלייבן זיי דאָך נישט אין רבין און אין זיינע מופתים, ווייל זיי קענען צו גוט דעם רבין און זיין גאַנצע כּנופיה.

דער שענקער, וועלכער איז געווען אַ ייד אַ למדן און אַ פאַרברענטער מתנגד, און געהערט פון מיר, אַז איך האָב גע-לערנט יאָרנלאַנג אין ישיבות, האָט מיך גענומען מוסרן, וואָס איך האָב פאַרלאָזן דאָס לערנען און אַריינגעלאָזן זיך אין חסידות. ביי דעמדאָזיקן הייסן מתנגד איז חסידות געווען טריף ווי חזיר, און ער האָט דערום געפּרווט ווירקן אויף מיר מיט צווייערליי מיטלען, אַז איך זאָל אַנטלויפן פון די חסידים און זיך אומקערן אין ישיבה.

איך האָב דעם שענקער דערקלערט, אַז איך וואָלט וועלן זיך באַקענען מיט חסידים און חסידות, נישט פון הערן, נאָר פון זען און צו דעם צוועק בין איך טאַקע געקומען קיין צבועאל. איך האָב דערביי געבעטן דעם שענקער, ער זאָל מיר דערלויבן וואוינען ביי אים אין שטוב ביז איך וועל באַקומען אַן אָרט ביים רבין.

דער שענקער האָט איינגעשטימט און אַפילו געווען צו-פרידן, וואָס ער וועט האָבן אַ מענטש מיט וועמען צו שמועסן אין לערנען.

כז.

ביים רבין אין שטוב.

אין אָוונט בין איך ווידער אַוועק צום רבין און געזאָגט דעם גבאי, אַז איך וויל האָבן די זכיה צו זען דעם צדיק און איבערגעבן אים מיין בקשה. דער גבאי האָט מיך געהייסן אויפשרייבן מיין בקשה אויף אַ „קוויטל" און דערלאַנגען דעם רבין, אַזוי ווי אַלע טוען.

איך בין אַריין אין גרויסן אויפנאַם־חדר, וועלכער איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, מאַנסבילן און ווייבער, אַלטע און יונגע, וועלכע האָבן געוואַרט אויפן רבינס אָנקומען.

ביים טיש זענען געזעסן צוויי שרייבער און געשריבן קוויטלעך פאַר געצאָלט. איך האָב גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און אָנגעהויבן שרייבן אַ קוויטל. נאָכן גרויסן טיטול, וואו איך האָב דערהויבן דעם צבועאלער רבין איבער אַלע צדיקים און גאונים און אים געמאַכט פאַר אַ „קדוש וטהור", פאַר אַ „בוצינא קדישא" און דאָסגלייכן, האָב איך דערציילט בקיצור אַלץ וואָס מיט מיר איז געשען ביז אַהער, אָבער כדי אויסצופּרוּוון דעם צדיק, צי ער האָט טאַקע „רוח הקודש", אַזוי ווי די חסידים

זאָגען, האָב איך אויסגעמישט שקר מיט אמת און געענדיקט דערמיט, אַז נאָכדעם ווי איך האָב געהערט אין נצב וועגן זיין גרויסקייט און הייליקייט און וועגן די מופתים וואָס ער באַווייזט יעדן טאָג, ציט מיר דאָס האַרץ צום רבין און צו גיין אין אמתן וועג. און אויב דער רבי וועט מיר דערלויבן צו זיין אין רבינס בית-המדרש צווישן זייגע מקורבים, וועל איך עס באַטראַכטן פאַר דער גרעסטער זכיה. צום סוף האָב איך מיך אונטערגעשריבן ר א ו ב ן ב ן א ס ת ר, אַזוי ווי איך בין געשטאַנען אין פּאַס און נישט מיט מיין ריכטיקן נאָמען.

אין חדר איז געווען אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער, אַז איינער האָט נישט געהערט דעם אַנדערן, און אַלע האָבן זיך געשטופּט צו פאַרנעמען אַן אָרט ביים טיש, וואו דער רבי וועט זיצן און צונעמען די קוויטלעך. איך האָב מיך דערשלאָגן צו אַן אָרט ביים טיש און געשטאַנען דאָרט פעסט ווי אַ מויער מיט דעם קוויטל אין דער האַנט, אַז קיין שום קראַפט וואָלט מיך נישט קענען פון דאָרט רירן. מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל אין חדר, אַלע זענען געבליבן ווי פאַרגליווערט אויף זייערע ערטער, ווענדנדיק דעם בליק צו דער טיר, פון וואַנען דער רבי דאַרף אַריינקומען. די טיר האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזען דער רבי—אַן אַלטער שיינער ייד מיט אַ גרייז-גרויער באָרד, וועלכע האָט דערגרייכט ביזן גאַרטל. די באַקן זענען געווען פול און רויט, ווי די עפּלעך און פון די אויגן האָט געבליצט אַ יוגנטלעך פייער. אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן ווייסן זיידענעם כאַלאַט צוגעגאַרטלט מיט אַ גאַרטל, איז ער געגאַנגען פּאַמעלעך צו זיין אָרט ביים טיש, אַרומכאַפּנדיק דעם גאַנצן עולם מיט אַ פריינטלעכן בליק. אַלע האָבן געקוקט אויף אים מיט יראת הכבוד, מיט געבעט און מיט האָפענונג, ווי אויף זייער איינציקן רעטער און העלפער.

אויפן רבינס געזיכט איז געווען אויסגעגאָסען אַ רויקייט און זעלבסטבאַוואוסטקייט, וועלכע האָט נישט-ווילנדיק אַרויסגערופן אַכטונג. איך האָב שוין חרטה געהאַט אין האַרצן אויף דעם, וואָס איך האָב דעם רבין אָפּגענאַרט אין קוויטל און געקלערט

אַוועקגיין, אָבער דער עולם האָט מיך געשטופּט פון אַלע זייטן, אַז איך האָב נישט געקאָנט זיך רירן פונם אָרט. דערווייל האָט דער רבי זיך געזעצט אויף זיין אָרט און אָנגעהויבן צונעמען די קוויטלעך. בלויז איינעם פון צען האָט ער געענטפערט, און די איבעריקע האָבן שוין געוואוסט, אַז זיי וועלן באַקומען ענטפער דורך דעם גבאי, און האָבן אָפּגעטרעטן זייער אָרט אַנ־דערע. איך בין געשטאַנען פאַרטראַכט און כמעט פאַרגעסן צו וואָס איך בין געקומען, ביז דער גבאי האָט מיר אַרויסגענומען דאָס קוויטל פון דער האַנט און דערלאַנגט דעם רבין. איך האָב אַ צאַפּל געטאָן און אומגעדולדיק געוואַרט וואָס דער צדיק וועט זאָגן. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך אַ ביסל מורא געקריגן: טאָמער וועט דער צדיק, וואָס קיין זאַך איז פאַר אים נישט פאַרהוילן, אויפדעקן מיין פאַלשקייט און מיך פאַרשעמען פאַרן גאַנצן עולם אַלס ליגנער און חוצפּהניק, און אפשר וועלן די חסידים מיר באַלד מקיים פּסק זיין פאַר מיין זינד. איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן פאַר חרפּה, ווי אַ שולדיקער פאַרן ריכטער.

דער צדיק האָט אַ קוק געטאָן אין קוויטל און דערנאָך אויף מיר און אַ זאָג געטאָן:

— די קומסט פון נצב?...

איך האָב געוואָלט ענטפערן, אַז יאָ, אָבער דער גבאי האָט מיך נישט געלאָזט רעדן, זאָגנדיק, אַז דער רבי ווייסט אַליין; דו הער נאָר און רעד גאָרנישט.

—דו קומסט פון נצב—האָט דער רבי נאָכאַמאָל געזאָגט— און דיר איז געשען אַן אומגליק, אַ גרויס אומגליק. אַ גרויס אומגליק. דערנאָך פאַרגלאָצנדיק די אויגן און רעדנדיק עפּעס צו זיך, האָט ער ווייטער געזאָגט: ראובן ובחללו נתנה הבכורה ליוסף, ראובן און יוסף איז דערזעלביקער...

דערהערנדיק אַזעלכע רייד, בין איך פאַרצאַפּלט געוואָרן, און געטראַכט ביי זיך: דער רבי ווייס טאַקע, אַז איך האָב אים אָפּגענאַרט, און באַלד וועט ער מיר אַלץ אַרויסלייגן אויפן טע־לער. וואָס טוט מען דאָ? וואוהין אַנטלויפט מען? איך האָב

מורא געהאַט, אַז אַט כאַפּט מיך אָן דער גבאי בּיים קאָלנער און וואַרפט מיך אַרויס.

— און דו ווילסט ווערן אַ חסיד? — האָט דער רבי געזאָגט נאָך אַ קורצן שטילשווייגן — און צו וואָס טוסטו דאָס? צי פּאַר אַ מתנגד, וואָס איז גוט און פרום, זענען פאַרמאַכט די טויערן פון הימל? לערן תורה, וועסטו מצליח זיין אין אַלע דיינע וועגן — האָט געענדיקט דער רבי און זיך געווענדעט צו אַן אַנדערן.

איך בין געוואָרן זייער פאַרשעמט איבער מיין אומצוטרוי, זעענדיק, ווי דער רבי האָט אַרויסגעלייענט דעם אמת פון מיין פאַלש קוויטל, און בין געוואָרן אין האַרצן בייז אויפן שענקער, דעם מתנגד, וועלכער גלייבט נישט אין רבין און רעדט אויף אים אַלדאָס-בייז. אין אַ מינוט אַרום וואָלט איך אפשר געפאַלן דעם רבין צו די פיס און אים געבעטן רחמים, ער זאָל מיר פאַרגעבן מיין זינד, אָבער מיטאַמאָל האָב איך געזען, אַז איך בין ווייט פון רבין, אַז דער עולם האָט מיך אָפּגעשטופּט פון אים און פאַרטראַכטערהייט האָב איך עס נישט באַמערקט. מיט אַ צע־בראָכן געמיט בין איך אַרויסגעגאַנגען פון אויפנאַם-חדר אין בית־המדרש, באַקלערנדיק זיך וואָס צו טאָן, אָבער דאָ האָב איך נישט-ווילנדיק אונטערגעהערט אַ געשפּרעך צווישן צוויי חסידים.

— דו האָסט געהערט ווי דער צדיק האָט לאַנג גערעדט מיטן בחור דעם מתנגד?

— מסתמא האָט דער צדיק אין אים עפּעס געזען, אַ נישט וואָלט ער אפילו אין זיין פּנים נישט געקוקט.

— אָבער דעם עיקר האָסטו נישט געהערט — האָט זיך אָפּ-גערופן אַ דריטער, וואָס איז צוגעגאַנגען צו זיי — דער צדיק האָט געזאָגט, אַז דער בחור האָט אין זיך תורה! הפלא ופלא! ווען דער צדיק זאָגט תורה מיינט ער דאָך נישט סתם תורה, נאָר נסתר, קבלה, אותות ומופתים! אַ מתנגד זאָל קענען קבלה!

— ווען זיין נשמה וואָלט נישט געווען מסוגל דערצו, וואָלט אים השם-יתברך נישט איינגעגעבן צו פאָרן צום רבין.

— האָב איך דאָך געזאָגט, אַז דער צדיק האָט מסתמא

אין אים עפּעס געזען!

— אַז וואויל און גוט איז צו אים!

— איך וועל מיט אים אַ שמועס טאָן!

— גוט, און איך נאָך דיר!

איך בין געווען ווי אַ צוטומלטער און נישט געוואוסט צי דאָס געשעט אין חלום אָדער אויף דער וואָר. ווען איך בין אַריין אין בית-מדרש זענען צוגעגאַנגען צו מיר עטלעכע חסידים און מיר דערלאַנגט אַ ברייטן „שלום עליכם", גלייך איך וואָלט געווען זייער אַלטער באַקאַנטער. זיי האָבן אויך געהערט, אַז דער רבי האָט מיט מיר לאַנג גערעדט, הגם זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס און ווען. אָבער דאָס אַלץ איז געווען גאָרנישט קייגן דעם כבוד, וואָס דער גבאי האָט מיר אָנגעטאָן נאָך מעריב: ער איז צוגעגאַנגען צו מיר און מיט אַ שטראַלנדיק געזיכט געגעבן „שלום", גלייך ער וואָלט מיך געזען דאָס ערשטע מאָל און זיך אָפּגערופן אויפן קול, אַז אַלע זאָלן הערן:

—אָט מיט דעם בחורל האָב איך פריער נישט געוואָלט רעדן און איצט פאַרבעט איך אים צו מיר אויף וויעטשערע, מיר ווייסן גאָרנישט, מיר זענען בלינדע, אָבער פאַרן צדיק איז אַלץ אָפן!

אַריינגעקומען צום גבאי אין שטוב האָב איך דאָרט געטראָפן אַ רייך-געדעקטן טיש מיט ווין און בראָנפן און אַ צען געסט, קענטיק רייכע חסידים פון דער פרעמד, וועלכע האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין. מען האָט געמאַכט „לחיים" פאַרן צדיק און זיין הויזגעזינט, פאַרן גבאי און זיין הויזגעזינט. איך האָב מיטגעהאָלפן מיטן עולם און דער גבאי האָט מיר אָנגעגאָסן איין כוס נאָכן אַנדערן. ווען אַלע זענען שוין געווען בגלופין, האָט דער גבאי זיך אָפּגערופן צו מיר:

— איז דיר היינט אינדערפרי איינגעפאַלן אַז דו וועסט עסן וויעטשערע מיט אונז אַלע?

— ניין, עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַזוי ווי עס איז מיר נישט איינגעפאַלן, אַז דער רבי וועט מיר זאָגן וואָס מיט מיר איז געשען!

— און וואָס איז דיר געשען? און וואָס האָט דיר דער צדיק געזאָגט? — האָבן זיך אַלע געסט אָנגערופן.

איך האָב זיי דערציילט וועגן דער צרה וואָס איך האָב געהאַט אין נצב און אַז דער צדיק האָט עס מיר געזאָגט, איידער ער האָט פון מיר אַ וואָרט געהערט.

— אותות ומופתים! — האָבן אַלע אויסגערופן מיט התלהבות און געפּאַטשט מיט די הענט.

— דערציילט ריכטיק די ווערטער, וואָס דער רבי האָט דיר געזאָגט! — האָט איינער פון די געסט געזאָגט.

איך האָב דערציילט צום צווייטן און דריטן מאָל, און זיי האָבן געסמאָטשקעט, געפּליעסקעט מיט די הענט און ווייטער געטרונקען „לחיים". יעדער פון די געסט האָט געהייסן ברענגען וויין פון בעסטן סאָרט, און וואָס מער זיי האָבן געטרונקען, אַלץ מער האָבן זיי געשטויגט און געפּליעסקעט. אַזוי זענען מיר געזעסן און געהוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט לכבוד דעם נייעם מופת, וואָס דער צדיק האָט באַוויזן.

איך בין געגאַנגען שלאָפן צום רבין אין הויז, וואו אין שלאָפצימער לעבן בית-המדרש איז געווען צוגעגרייט אַ בעט אויף פאַר מיר. נאָכן מאָלצייט ביי דעם גבאי בין איך געשלאָפן ווי אַ געהרגעטער ביז אין דערפרי.

ווען איך בין צומאָרגנס געקומען צו האַצקל דעם שענקער אָפּנעמען מיינע זאַכן און זיי איבערטראָגן צום רבין אין בית-המדרש, האָט ער מיט עגמת-נפש אויפגענומען די ידיעה, אַז דער רבי און דער גבאי האָבן מיך מקרב געווען און אַז איך האָב אמונה אין רבין, ווייל ער האָט מיר געהייסן לערנען אין ישיבה און נישט געוואָלט מאַכן פאַר אַ חסיד.

— נאַרישער מענטש! — האָט מיר געזאָגט דער שענקער — גלייב זיי נישט, די שקרנים; מסתמא שטעקט דאָ אַ שפּיצל!

— אָבער צו וואָס דאַרפן זיי חנפנען אַן אָרעמאַן ווי איך? וואָס קענען זיי פון מיר האָבן פאַר אַ נוצן?

— זיי ווילן אַמאָל צוציען צו זיך אַ בן-תורה, כדי די מתנגדים זאָלן נישט שפּעטן פון זיי, אַז זיי זענען אַלע עם-הארצים!

— אָבער קיינער פון די חסידים קען מיך נישט און ווייס נישט צי איך בין אַ בן-תּורה אָדער אַן עם-הארץ! מוז מען טאַקע אָננעמען, אַז דער רבי ווייס זאַכן, וואָס אַ געוויינלעכער בשר-ודם ווייס נישט!

— הער זיך איין — האָט זיך אָנגערופן דער איינגעעקשנטער מתנגד — איך אַליין גלייב אויך, אַז דער רבי ווייס אַזעלכע זאַכן, וואָס געוויינלעכע מענטשן ווייסן נישט. אָבער ווייסטו פון וואַנען? ווייל ער איז אַ גרויסער מחותּן מיטן שטן, מיט דער סטרא אחרא, און זיינע שליחים טראָגן אים צו וועגן אַלץ, וואָס עס געשעט. אָבער דאָס מאָל זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז מיר האָבן צו טאָן נישט מיט אמתע טייוואָלים, נאָר מיט טייוואָלים אין געשטאַלט פון מענטשן, וועלכע האָבן געמאָלדן וועגן דיר דעם רבין איידער דו ביסט אַהערגעקומען. און אפשר האָט איינער פון זייער כּנופיה, וועלכער וויל דיך מאַכן פאַר אַ חסיד, געשריבן וועגן דיר גוטס צום רבין, און דער רבי וויל דיך קענטיק אויסנוצן צו עפּעס, אַנישט וואָלט דער רבי מיט דיר נישט גערעדט און דער גבאי וואָלט דיך נישט פאַרבעטן צו ווייטשערע. עס מוז דאָ עפּעס שטעקן!

אין דעם מאָמענט איז מיר דורכגעפלויגן אַ געדאַנק: יאָ, איך ווייס שוין דעם גרונט פון רבינס מופת! נישט אַנדערש דער נצבער רב האָט געשריבן וועגן מיר און דערציילט אַלץ, וואָס איז מיט מיר געשען. דער נצבער רב איז אַ געטרייער אָנהענגער פון צבועאלער הויף און שיקט מסתּמא באַריכטן וועגן אַלץ, וואָס עס געשעט אין זיין קהלה! איצט פאַרשטיי איך שוין דעם שווינדל! דער גבאי דאָט מיך בכיון פאַרבעטן אויף ווייטשערע, כּדי איך זאָל דערציילן פאַר די גבירישע חסידים דעם רבינס מופת! און איך נאַר האָב דערציילט מיט אַזאַ באַגייסטערונג! אָט אַזוי פּירט מען דעם נאַר אין באָד אַריין!

— אָבער — האָב איך מיר צוריקגעטראַכט — וואָס אַרט עס מיר, וואָס איך האָב דערציילט דעם רבינס אַ מופת. איך וועל זיי דערציילן מופתים, וויפיל זיי ווילן, אַבי זאָלן זיי מיר געבן עסן און געלעגער.

דער מתנגדישער שענקער האָט זיך ביי מיר געבעטן רחמים, איך זאָל אַנטלויפן פון רבינס הויף און גיין צוריק לערנען אין אַ ישיבה, ער האָט מיך געוואָרנט, אַז צווישן די חסידים וועל איך ווערן אַ ליידיקגייער, אַ טויגעניכטס און האָט מיר אפילו געגעבן צוויי רובל אויף רייזע־קאָסטן אין דער ישיבה, אָבער איך האָב געוואָלט בלייבן נאָך אַ צייט אין הויף און באַקענען זיך מיט די חסידים און זייערע גענג.

כח.

דעם רבינס הויזגעזינט.

איך האָב מיך אומגעקערט אין רבינס הויז און, איבערגעבנדיק מיין רייזעטעשל דעם שמש אין האַנט, בין איך אַריין אין בית-המדרש. איך האָב אָבער נישט געאיילט זיך נעמען אַ גמרא, ווייל איך האָב שוין געוואוסט, אַז די חסידים האַלטן נישט שטאַרק פון גמרא, נאָר געוואַרט צו זען וואָס אַנדערע וועלן טון.

ביים רבין אין הויז זענען געזעסן צען מאַן, עשרה בטלנים, וועלכע מען האָט אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון הויף. זיי זענען געזעסן דעם גאַנצן טאָג אין בית־מדרש און פאַרבראַכט אין דערציילן מעשיות פון פאַרשטאָרבענע און פון לעבעדיקע צדיקים. ווען איך בין אַריינגעקומען אין בית־מדרש, האָבן אייניגע אַריינגעקוקט אין חסידישע ספרים און איינער האָט נאָך געהאַלטן אינמיטן דאַווענען, הגם עס איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג. אויך דעם רבינס בכור ר׳ יהודה, אַ הויכער געזונטער ייד, מיט רויטע באַקן און אַ גרויער באָרד, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געדאַוונט מיט אַ זינגענדיקער שטים.

ער איז געווען דער קינפטיקער יורש פון דער צבועאלער שטול.
דער צדיק פלעגט אים תּמיד רופן רבי יהודה און אַזוי אויך
זיינע ברידער. דער צדיק האָט געהאַט נאָך פיר זין, וואָס
דער יינגסטער פון זיי איז געווען אַלט אַ יאָר צוואָנציק און
געווען זייער שיין. ער האָט ליב געהאַט תּמיד רעדן גלייכע
ווערטלעך און אָפּטמאָל אויך מיאוסע רייד, וואָס וואָלטן פּאַסן
נישט פאַר אַ רבינס אַ זון, נאָר פאַר אַ שכּורן בעל-עגלה, און
ווי מען האָט דערציילט, איז ער געווען נישט בלויז „אַ נאה
דורש", נאָר אויך אַ „נאה מקיים". ר' יהודה, דער בכור, איז
געווען אַ קנאַפּער למדן. דאָס האָבן די חסידים אַליין מודה גע-
ווען, אָבער דערפאַר איז ער געווען אַ גרויסער קענער אין
נסתּר, און אים האָט דער פאָטער אַנטפּלעקט אַלע סתרי-תּורה,
כּדי ער זאָל קענען זיין זיין ממלא-מקום. דער צווייטער זון איז
געווען שוואַך אין נסתּר, אָבער דערפאַר שטאַרק אין נגלה. דער
דריטער און פערטער זענען געווען אין ביידע שוואַך, דער
דריטער איז אָבער געווען אַן עוסק במצות, און בעזונדערס אין
דער ערשטער מצוה: ער האָט פאַרמאָגט זעקס זין און דריי
טעכטער און ער האָט געמאַכט פון זיי געלד, ווייל ער האָט
זיך משדך געווען מיט גרויסע גבירים, וועלכע האָבן פאַר דער
זכיה צו ווערן דעם רבינס מחותנים באַצאָלט גוט געלט. דער
פערטער איז געווען ווי מען זאָגט נישט מילכיק און נישט פליישיק:
ער האָט נישט געקענט לערנען און אויך נישט געהאַט קיין קינ-
דער. זיין איינציקע אַרבעט איז געווען צו דאַווענען, עסן, טרינ-
קען און שלאָפן.

צו רעדן מיט איינעם פון רבינס קינדער האָט מען גע-
האַלטן פאַר אַ גרויסן כּבוד, און דערום האָבן די עשרה בטלנים
און די חסידים מיך שטאַרק מקנא געווען, ווען זיי האָבן געזען,
אַז דער פערטער זון איז צו מיר צוגעגאַנגען און גענומען
אויספרעגן, ווי דער שטייגער איז, ווי איך הייס און פון וואַ-
נען איך בין, און איך האָב מיט אים גערעדט ווי מיט אַ גע-
וויינלעכן מענטש, אָהן שום חניפה און דערנידעריקונג. איך האָב
דערקענט אָן רבינס זון, אַז איך געפעל אים, און דערום האָב

איך פאַרפירט מיט אים אַ לאַנגן שמועס, די בטלנים און חסידים אויף צעפּיקעניש.

— און ווי לאַנג רעכנסטו דאָ צו בלייבן?—האָט מיך געפרעגט דעם רבינס זון, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט אַלץ וואָס מיט מיר איז געשעען אין נצב.

— אויב איך וועל נושא-חן זיין ביי דעם צדיק און ער זאָל מיך מקרב זיין, וואָלט איך דאָ בלייבן שטענדיק—האָב איך געזאָגט.

— אויף שטענדיק?—האָט מיך געפרעגט דעם רבינס זון מיט פאַרוואונדערונג—צי האָט דיך דיין ווייב אַזוי דערקוטשעט, אַז דו ווילסט קיינמאָל נישט פאָרן אַהיים?

— איך בין נאָך אַ בחור

— און ווי אַלט ביסטו?

— אין אַכצנטן יאָר.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין אַ באַווייבטער! און פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה? דו ווייסט דאָך, אַז „הרהורי עבירה קשין מעבירה” (טראַכטן וועגן אַן עבירה איז נאָך ערגער ווי די עבירה אַליין).

— מיינע צרות און פאַרוואָגלעגישן האָבן מיר געשטערט אין דעם—האָב איך געענטפערט מיט אַ טיפן זיפץ, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ פאַר חרפּה.

— זיפץ נישט—האָט מיך געטרייסט דעם רבינס זון.—די בת־זוג וואָס איז דיר באַשערט פון הימל, וועסטו באַקומען און מיר וועלן דיר אויך בייהילפיק זיין, איצט קום מיט מיר אויף וואַרעמעס.

דער נייער כבוד, וואָס דעם רבינס זון האָט מיר אָנגעטאָן, האָט קענטיק געשטאָכן מיינע שכנים און זיי האבן מיר באַכגעקוקט מיט אַ בייזן בליק.

די שלעכטע באַציונג פון מיינע נייע חברים האָט מיך געבראַכט דערצו, אַז איך זאָל גיין מיין אייגענעם וועג און נישט פירן זיך אויף זייער גאַנג. קומענדיק אין רבינס בית־מדרש, האָב איך גענומען אַ גמרא און געזעצט זיך לערנען,

איך האָב געהערט, ווי מען רעדט וועגן מיר און מען זוכט אויף מיר חטאים, אָבער איך האָב מיך נישט געמאַכט וויסנדיק און געלערנט מיט מער חשק. די גמרא איז געווען מיין תענוג, מיין טרייסט, בעסער ווי אַלערליי מעדני-מלכים. אַזוי בין איך געזעסן און געלערנט עטלעכע טעג בייטאָג און אויך ביינאַכט, און קיינער האָט מיר נישט געשטערט. איינמאָל איז צוגעגאַנגען צו מיר דעם רבינס צווייטער זון, דער למדן, און מיך געפרעגט, צי איך פאַרשטיי אַלץ וואָס איך לערן.

—איך האָב שוין עטלעכע מאָל געלערנט די מסכת—האָב איך געענטפערט.

יענער האָט אַ שמייכל געטאָן, זאָגנדיק: יאָ, מען קאָן אַסך מאָל לערנען און דאָך ווייניק פאַרשטיין...

— איך פאַרשטיי, לויט מיין השגה, אַנדערע, וועלכע האָבן אַ גרעסערן כח-השגה, פאַרשטייען געוויס מער פאַר מיר.

דער דאָזיקער ענטפער איז דעם רבינס זון שטאַרק געפעלן, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז מיט דעם אַנדערן, וועלכער האָט אַ גרעסערן כח-השגה, מיין איך אים, און נאָכדעם ווי ער האָט מיט מיר פאַרפירט אַ שמועס אין לערנען און מיר אַרויסגעוויזן לומדישקייט, האָט ער מיך געליבט פאַר אַלעמען, אַז איך בין אַ בחור אַ װאויללערנער מיט אַ גוטן קאָפּ. איך האָב געמיינט, אַז דער לויב פון רבינס זון וועט מיך אויפהייבן אין די אויגן פון די חסידים און זיי וועלן פאַר מיר האָבן דרך-ארץ. אָבער עס האָט זיך גאָרנישט אָנגעהויבן, ווייל וואוילגעלערנטקייט אין גמרא, ד. ה. אין נגלה, האָט ביי חסידים נישט קיין שום חשיבות.

דערווייל האָב איך אין רבינס הויף באַקומען אַ חבר און אַ געהויבענעם חבר—דעם גבאיס זון—אַ יונגגמאַנטשיק פון אַ יאָר אַכצן, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ ווייב זייט דריי יאָר און געגעסן קעסט ביים טאַטן. ער איז געווען אַ פּשוטער מענטש אָן חכמות און ער האָט מיר דערציילט, אַז זיין פאָטער, דער גבאי, האַלט פון מיר שטאַרק, ווייל דער נצבער רב האָט נאָך פאַר מיין אָנקומען אַהער אים געשריבן וועגן מיר, אַז איך בין

אַ למדן און אויך אַ קענער אין גוי־איש און ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל מיך מקרב זיין. איצט האָב איך שוין פאַרשטאַנען פון וואַנען דער רוח־הקודש איז געקומען צום צדיק, ער זאָל וויסן מיין ריכטיקן נאָמען און וואָס מיט מיר איז געשען אין נצב.

דער יונגערמאַנטשיק האָט מיר באַן אויסגעזאָגט סודות פון חדר, און געמלעך, אַז דעם נצבער רבס פאָטער איז איינער פון רבינס משולחים, וועלכע פאָרן אַרום אויפקלייבן דאָס געלט פון די פושקעס און חסידישע הייזער. פאַר אַ משולח נעמט מען נאָר אַ גרויסן יחסן, מקובל און דרשן, וועלכער פאַרשטייט ווי־אַזוי צו נעמען דעם עולם, אַז ער זאָל געבן געלט... און דער משולח וויל מיר געבן זיין יינגסטע טאָכטער פאַר אַ ווייב אַ דאַנק דעם נצבער רבס רעקאָמענדאַציע. „אויב דו וועסט נושא־חן זיין אין הויף, וועט מען דיך מאַכן פאַר אַ רב ערגעץ אין אַ שטעטל און מיט דער צייט וועסטו אפשר זוכה זיין צו ווערן אַ משולח״ — האָט דער יונגערמאַנטשיק געענדיקט מיט שמחה, שילדערנדיק מיר די גלענצנדע צוקונפט, וואָס שטייט מיר פאָר, אויב איך וועל נושא־חן זיין אין רבינס הויף.

דער יונגערמאַנטשיק האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל האַלטן בסוד אַלץ, וואָס ער האָט מיר דערציילט, ווייל איך האָב שונאים אין בית־המדרש און מען וועט מיר געוויס וועלן קאַליע מאַכן. נעכטן האָט מען צוגעטראָגן זיין פאָטער, דעם גבאי, אַז איך קום אַריין צו האַצקל שענקער, דעם מתנגד, וועלכער איז ערגער ווי אַ משומד. דעם גבאיס זון האָט מיר געוואָרנט, איך זאָל מער נישט אַריינגיין צום שענקער און זאָל זיך אין אַלעמען פירן ווי אַלע חסידים, וועט מיר זיין גוט און וואויל...

איך האָב געפרעגט מיין נייעם חבר, וואָס איך זאָל טאָן, כדי נושא־חן צו זיין אין הויף, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מאָרגן שבת, ווען דער רבי וועט זאָגן תורה ביים טיש, זאָל איך מיך גוט איינהערן און באַמיען זיך צו געדענקען די תורה און זי איבערדערציילן, און דאָס וועט מיר צוגעבן חן ביי די חסידים.

איך האָב באַשלאָסן אַזוי צו טאָן און געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן רבינס טיש און רבינס תורה.

שבת נאָכן דאַוועגען איז דער צדיק אַרויסגעגאַנגען פון זיין חדר מיוחד, וואו ער האָט געדאַוונט, און זיך געזעצט צום געדעקטן טיש. רעכטס און לינקס זענען געזעסן זיינע זין, קעגנ־איבער דער גבאי, וועלכער האָט אויך געהייסן דער „חוזר", ווייל ער פלעגט איבערחזרן די תורה, וואָס ער האָט געהערט פון רבין. ער פלעגט זי איבערחזרן געגוי, נישט משנה צו זיין אויף אַ האָר. די רבנים און די נגידים און אַנדערע נכבדים זענען גע־זעסן ביים טיש און די איבעריקע זענען געשטאַנען אַרום און זיך איינגעהערט. איך בין אויך געשטאַנען און זיך איינגעהערט, באַ־מיענדיק זיך נישט דורכצולאָזן אַ וואָרט, כדי איך זאָל אַלץ גע־דענקען און קענען איבערזאָגן, לויט ווי דעם גבאיס זון האָט מיר געעצהט. דעם רבינס געזיכט איז געווען פול מיט ליבלעכקייט און חן, נאָך מער, ווי בעת איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל. ער איז געווען אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס אין זיידענע קליידער, ווייס ווי שניי, און האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַ העכער ווען, ווי אַ מלאך פון הימל, און פאַר אַזעלכן האָבן אים באַ־טראַכט אַלע אָנוועזנדע, וועלכע האָבן געקוקט אויף אים מיטן גרעסטן אָפּשיי. ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן, זענען אַלע גע־וואָרן אַנטשוויגן און אין חדר האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. זיין שטים איז געווען שטאַרק און זיס און זיינע רייד ליבלעך און אָנגענעם.

דער רבי האָט אָנגעהויבן מיט אַ פּסוק און אים דערקלערט, גערעדט דערנאָך וועגן דער מדרגה פון די צדיקים, איבערגעגאַנ־גען צו אַזעלכע הויכע זאַכן ווי כלים און שברי כלים, לוחות און שברי לוחות, עשר ספירות, אין-סוף, סטרא אחרא און דאָסגלייכן. הגם איך האָב זייער ווייניק פאַרשטאַנען פון דער תורה, האָב איך דאָך אַריינגענומען אין זכרון יעדעס וואָרט און בין געווען איבערצייגט, אַז איך וועל קענען אַלץ איבערזאָגן, גאָרנישט צו פאַרפעלן.

ווען דער צדיק האָט געענדיקט די תורה, האָט ער גערעדט אַ פּאָר ווערטער מיט די זין, געזאָגט „גוט שבת" און צוריקגע־גאַנגען צו זיך אין חדר.

נאָכן עסן זענען מיר אַלע אַוועק צו ר׳ יהודהן אין שטוב, און ר׳ יהודה האָט אונז איבערגעזאָגט דעם רבינס תורה. באַמערקנדיק, אַז ר׳ יהודה האָט דורכגעלאָזט אייניקע זאַכן, האָב איך געבעטן דערלויבעניש אים צו דערמאָנען און איבערגעזאָגט די גאַנצע תורה ווי אַ מזמור, נישט דורכצולאָזן קיין איינציק וואָרט. דער עולם איז דערשטוינט געוואָרן פון מיין כוח-הזכרון און ר׳ יהודה און דער גבאי האָבן מיך געריימט, אָבער מיינע חברים, דעם רבינס קעסטקינדער, האָבן מיך נאָך מער מקנא געווען און פיינט באַקומען.

מיין מפּלה.

נאָך מיטאָג, ווען איך בין געזעסן אין בית-מדרש און מעיין געווען אין אַ ספר, זענען צוגעגאַנגען צו מיר אַ פּאָר בחורים פון רבינס קעסטקינדער און מיך געבעטן, איך זאָל זיי דערמאַנען אייניקע זאַכן פון רבינס תורה, וואָס זיי האָבן פאַרגעסן. איך האָב זיך אַפילו געוואונדערט, וואָס זיי זענען מיטאַמאָל געוואָרן שלום מיט מיר, און פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן עפּעס אַ פּניה דערמיט, אָבער דער חשק אַרויסצווייזן מיין לומדישקייט און גוטן קאָפּ האָט גובר געווען, און איך האָב זיי דערמאָנט, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט. דערנאָך האָבן זיי געבעטן איך זאָל זיי דערציילן עפּעס אַ מופת פון אַ צדיק. איך האָב זיך דערמאָנט אין מופת, וואָס איך האָב געהערט פון אַלטן ר׳ שמואל פון מרה און האָב זיי דערציילט. האָבן זיי מיך דאַן געפרעגט צי איך ווייס ווער עס איז דער שטן, מיט וועמען דער צדיק האָט מלחמה געפירט.

איך האָב געענטפערט, אַז דאָס איז בוודאי דער יצר הרע און דער מלאך המות.

— ניין — האָבן זיי געזאָגט מיט אַ ביטערן שמייכל — דאָס

מיינט מען אַן אַנדער שטן, וועלכער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ למדן און געקעמפט מיטן רבין.

—ווער איז דאס געווען?—האָב איך געפרעגט נייגעריק.

—אליה פון ווילנא זכרונו לקללה.

—איך האָב קיינמאָל נישט געהערט וועגן אַזעלכן.

—דו האָסט נישט געהערט וועגן אליה פון ווילנע, וואָס די מתנגדים רופן אים „ווילנער גאון"?

איך בין געוואָרן אַ פאַרצאַפּלטער, דערהערנדיק ווי אַ גע- מיינער יונג, אַן עם-הארץ, וואָס האָט נישט אין זיך קיין פונק תורה און ערלעכקייט, פאַרשוועכט אויף אַזאַ גראָבן אַרט דעם נאָמען פון דעם מאַן, וועלכער איז געווען הייליק ביי מיר און ביי אַלע לומדים, וואָס האָבן אים געקענט, פון אים געהערט אָדער געלערנט זיינע צענדליקער ספרים און פירושים. דאָס איז גע- ווען ביי מיר אַ חירוף וגידוף געגן הימל. איך בין אַרויס פון די כלים און געוואָלט אַראָפּלאָזן אַ פּאַטש דעם „מחרף ומגדף", האָב זיך אָבער איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות און גענומען שטראָפן דעם עזות-פנים, ווי אַזוי ער וואַגט אַזוי צו רעדן וועגן אַ הייליקן מאַן, אַ גאון עולם. דער עולם האָט דאַן אויס- געפּלאַצט מיט אַ גרויס געלעכטער, איינער האָט זיך אָפּגערופן וועגן גאון: „זכרונו לסרחה", דער אַנדערער: „שם רשעים ירקב' און דער דריטער, אַז מען איז איצט דן דעם „גאון" אין קאָ- כעדיקע ט... און דער ריח גייט אין די נעזער פון די מתנגדים. דאָ האָב איך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן דאָס מויל און גענומען שיטן אויף זיי די ערגסטע זלזולים און זידלע- רייען, און פאַרגעסנדיק, וואו און מיט וועמען איך געפין זיך, האָב איך אַ זאָג געטאָן, אַז זיי אַלע מיט אַלע זייערע רביים און צדיקים זענען נישט ווערט דעם מינדסטן נאָגל פון ווילנער גאון. מער האָט מען נישט געדאַרפט. אויף מיין פנים, קאָפּ און אַלע אברים האָט אָנגעהויבן האָגלען פּעטש, קלעפּ, בוכטשעס מיט די הענט און די פיס. איך האָב זיך געווערט מיט אַלע כוחות, האָב זיי געשלאָגן, געביסן און געריסן, איך בין אָבער נישט געווען בכוח ביי צוקומען אַזאַ מחנה און האָב גענומען רופן

צו הילף. דער גבאי איז אָנגעקומען אַ צעשראָקענער און האָט מיך אַ צעשלאָגענעם, אַ צעבלוטיקטן מיט צעשויבערטע האָר און צעריסענע מלבושים קוים מציל געווען פון זייערע הענט.

דריי טעג בין איך אָפּגעלעגן אין גרויסע יסורים און נישט געקאָנט אַרויסגיין אין גאַס איבער די ווייטיקן און דער חרפה. אויפן פערטן טאָג איז אַריינגעקומען צו מיר דער גבאי, און באַכדעם ווי ער האָט געפרעגט וואָס איך מאַך, האָט ער געזאָגט, אַז איך בין אַליין שולדיק אין אַלעמען. איך האָב זיך געוואָלט פאַרענטפערן און דערציילן, וואָס עס האָט מיך אַרויס־געבראַכט פון די כלים, אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערן, און לסוף האָט ער געזאָגט, אַז אויב איך וועל זיך מתודה זיין אויף די זינד, וואָס איך האָב מבזה געווען די נעמען פון די צדיקים און וועל איבערבעטן דעם רבינס תלמידים, וואָס האָבן מיך געשלאָגן, וועל איך אפשר קענען ווייטער בלייבן דאָ.

איך בין געוואָרן אַן אָנגעצונדענער און אויסגערופן מיט היץ, אַז איך וועל קיינמאָל אין לעבן נישט איבערבעטן די רשעים און פושעים, וואָס זענען מיך באַפאַלן ווי ווילדע חיות אין וואַלד.

—דאַן מוזטו זיך תיכף פון דאַנען אַרויסטראָגן און גיין וואוהין דו ווילסט—האָט געזאָגט דער גבאי. שפּעטער איז אַריינ־געקומען צו מיר דעם גבאיס זון און דערזעענדיק מיין נידער־געשלאָגנקייט, האָט ער מיך גענומען טרייסטן און געזאָגט, אַז ער און אויך זיין פאָטער, דער גבאי, ווייסן גוט, אַז מען האָט אויסגעטראַכט אויף מיר אַ סך שקרים, אָבער די „תלמידים" זע־נען שטאַרק אָנגענומען ביי ר' יהודהן, און ער גלויבט וואָס זיי זאָגן און דערום קאָנען זיי מיר דערוויל גאָרנישט העלפן. דאָך—האָט ער געזאָגט—דאַרפסטו נישט זיין געפאַלן ביי זיך ווייל דער פאָטער, דער גבאי, האַלט פון מיר זייער שטאַרק און ער וועט מיך נישט פאַרלאָזן, אין אָוונט וועט ער ביי מיר זיין און ראַטן וואוהין צו פאָרן און מיט וועמען זיך אָפּצור־געבן און אויב איך וועל אים פאָלגן אין אַלעמען, וועל איך זיין אַ פאַרזאָרגטער און גליקלעכער.

דערנאָך האָט מיר דער יונגערמאַן דערציילט אַ סוד, אַז אַז איך געפעל דעם פאָטער און זייער גאַנצער פאַמיליע אַזוי שטאַרק, אַז דער פאָטער האָט געוואָלט זיך מיט מיר משדך זיין און מיר געבן פאַר אַ ווייב זיין יינגסטע שיינע טאָכטער, און אַז אויב איך וועל נאָר פאָלגן זיין פאָטער אין אַלעמען, וואָס ער וועט מיר הייסן און זיין אַ מענטש, וועל איך נאָך ווערן זיין שוואָגער און מיט דער צייט עולה לגדולה זיין און ווערן אַליין אַ גבאי און „אַ חוזר"...

די האָפענונגען וואָס דעם גבאיס זון האָט מיר געגעבן צו באַקומען זיין שיינע און גאָרנישט נאַרישע שוועסטער פאַר אַ ווייב און אויך די צען רובל וואָס ער האָט מיר געגעבן אויף רייזע־קאָסטן האָבן מיך געשטאַרקט און צוגעגעבן מוט צו לאָזן זיך ווייטער אין וועג אין ווייטע אומבאַקאַנטע ערטער.

צום סוף האָט דער יונגערמאַן מיר געזאָגט, אַז פאַרן אָפּ־פאָר וועט דער צדיק מיר צושיקן אַ האַלבן רובל און דעם האַלבן רובל זאָל איך פאַר קיין געלט נישט אַוועקגעבן און נישט אויסבייטן אויף אַן אַנדער זאַך, אַנישט וועלן אַלע פון מיר חוזק מאַכן.

אין אָוונט האָט דער גבאי געפּרוווט מיר איינרעדן, אַז איך זאָל איבערבעטן די „תלמידים" און בלייבן ווייטער, אָבער איך האָב נישט געוואָלט הערן דערפון.

—אויב אַזוי, פאָר געזונטערהייט—האָט געזאָגט דער גבאי.

—און נאַדיר אַ האַלבן רובל, וואָס דער רבי האָט דיר געשיקט. אויב דו ווילסט מיך פאָלגן—האָט ער צוגעגעבן—פאָר קיין שבמה און איך וועל שרייבן צו אנשי־שלומנו, אַז מען זאָל דיך מקרב זיין.

צומאָרגנס האָט אַ חסיד, אונטערגעשיקט פון די „תלמידים", געפּרוווט אויסנאַרן ביי מיר דעם האַלבן רובל, פאָרלייגנדיק דערפאַר גאַנצע צען רובל.

—קיין געלט וויל איך נישט—האָב איך אים געזאָגט—נאָר אויב דו וועסט מיר געבן אַן אַנדער זאַך, איז, הגם עס איז נישט ווערט קיין האַלבן רובל, וועל איך דאָך אַוועקגעבן דערפאַר

דעם רבינס מתנה.

וואָס איז עס אַזוינס? זאָג, איך גיב דיר שוין!--האָט יע־נער אויסגערופן מיט שמחה, מיינענדיק, אַז איך וויל עפּעס אַ שוה־כסף.

—דיין חלק עולם־הבא—האָב איך געענטפערט רויק און יענער איז אַוועק אַ פאַרשעמטער.

צומאָרגנס האָב איך מיך האַרציק צעזעגנט מיט דעם גבאי און זיין פאַמיליע. דער גבאי האָט מיר אָנגעזאָגט נאָכאַמאָל, אַז איך זאָל פאָרן קיין שבמה און זאָל דאָרטן אַריינגיין אין ר' רפאלס בית־מדרש און אַז איך זאָל זיין געוואָרנט אין די רייד, וועט מיר גוט זיין.

ל.

אין דער ראָל פון אַ שפּיאָן.

זעקס טעג בין איך געגאַנגען צו־פוס פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָט צו שטאָט ביז איך בין אָנגעקומען קיין שבמה. אויפן וועג האָב איך געהאַט שנייען, רעגנס, זאַווערוכעס און שניי געמישט מיט רעגן, אַזוי אַז פון גאַנג און פון פאָרן צייטנווייז אויף גויישע פורלעך בין איך געוואָרן אַן אויסגעמוטשעטער און אויסגעווייקטער. איינמאָל האָט מיך אַ רייטער אויס רחמנות אַרויפגענומען צו זיך אויפן פערד און געריטן מיט מיר אַ היפּש שטיק וועג, צוהאַלטנדיק מיך מיט איין האַנט. אין אָנהייב האָב איך לויט זיינע מלבושים און זיין שפּראַך געמיינט, אַז ער איז אַ גוי, און ער, נישט זעענדיק מיך אין דער פינסטער, האָט געמיינט, אַ דאַנק מיין ריינער אויסשפּראַך אין רוסיש, אַז איך בין אַ גוי, אָבער ביסלעכווייז האָבן מיר זיך געגעבן צו דערקענען איינער דעם אַנדערן. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז בנימין זייפענזידער פון שבמה, שטאַמט פון ענגלאַנד, נאָר וואוינט שוין זייט אַכט יאָר אין שבמה. ער האָט מיר געזאָגט, וואו ער וואוינט אין שבמה און געבעטן אים צו באַזוכן, ווייל ער איז נייגעריק צו באַקענען זיך מיט אַ ישיבה־בחור, וועלכער רעדט גוט רוסיש.

אין שבמה איז מיין ערשטער אריינגאַנג געווען אין ר׳ רפאלס בית־מדרש, אַזוי ווי דער גבאי האָט מיך געהייסן. עס איז געווען פורים און דאָס בית־מדרש איז געווען פולגעפּאַקט מיט מתפללים. איינער האָט מיך, ווי דער שטייגער איז, גע־פרעגט ווער איך בין, פון וואַנען איך קום, און געוואויר ווערנ־דיק, אַז איך קום פון צבועל און אַז דער צדיק האָט מיך געהייסן אַהערפאָרן, האָט ער דערציילט אַנדערע און באַלד האָט מיך אַרומגערינגלט אַן עולם חסידים, וועלכע האָבן מיר אָפּגעשטעקט „שלום" און נאָכגעפרעגט זיך וואָס דער צדיק און די קינדער און דער גבאי מאַכן. ווען איך האָב גערעדט מיט זיי, איז צוגעגאַנגען צו מיר אַ מיטליעריקער ייד, אַ הויקער, אין אַ זיידענער קאַפּאָטע מיט אַ זיידן גאַרטעלע, און אַ פרעג געטאָן צי איך בין עס דער בחור ראובן, וואָס איז איצט געקו-מען פון צבואל. איך האָב געענטפערט, אַז איך בין עס און ער האָט מיר געזאָגט, אַז זיין שוואָגער דער צבועאלער גבאי האָט אים געשריבן וועגן מיר און געבעטן מיך מקרב זיין. ער איז גערן צו דערפילן דעם גבאיס וואונטש און האָט מיך געבעטן צו זיך אויף סעודת־פורים.

צומאָרגנס האָט מיך דער שמש פאַרגעשטעלט פאַר אַ רייכן בעל־הבית מיטן נאָמען שלמון אַלס איינעם פון צבועאלער רבינס תלמידים, און יענער האָט מיך פאַרבעטן צו עסן ביי אים אַ גאַנצע וואָך. שלמון איז געווען אַן אָנגעזעענער רייכער סוחר און חסיד, וועלכער האָט זיך געפירט שטרענג חסידיש און גע־פאָרן אויף יעדן יום־טוב צום רבין. די חסידים האָבן אָבער נישט געהאַט צו אים קיין צוטרוי, ווייל ער האָט זיך געקליידט ציכ־טיק און געפוצט און האָט געקאָנט רעדן רוסיש ווי אַן עכטער פּאָניע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען איך בין געזעסן אין בית־מדרש און געלערנט, איז צוגעגאַנגען צו מיר דער הויקער יהויריב און געפרעגט צי איך בין צופרידן פון די מאָלצייטן ביי שלמון. איך האָב געענטפערט, אַז איך בין צופרידן און אַז שלמון באַהאַנדלט מיך בכלל זייער אָרנטלעך. יהויריב האָט גע־זאָגט, אַז ער האָט גאָר אַנדערש נישט גערעכנט, ווייל ער קען

שלמונען פאַר אַ פיינעם איידעלן מענטש, און ער באַדויערט דעריבער זייער, וואָס אַ טייל חסידים מורמלען אויף אים, אַז ער איז אַ פאַלשער מענטש און אַפילו אַ פאַרשטעלטער אפיקורס. ער האַלט, פאַרקערט, שלמונען פאַר אַן ערלעכן מאַן און הייסן חסיד און באַטראַכט דערום פאַר אַ גליקלעכן צופאַל, וואָס איך בין אַ שטענדיקער איינגייער צו שלמונען אין שטוב און דורך מיר וועט די זאַך קענען אויפגעקלערט ווערן.

מיר איז זייער נישט געפעלן די אויפגאַבע, וואָס יהוריב האָט געוואָלט אויף מיר אַרויפלייגן, איך האָב אים אָבער גאָרנישט געענטפערט.

יהוריב האָט מיך געפרעגט, צי איך דאַרף נישט עפּעס געלט, און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, האָט ער מיר אַריינגעשטעקט אין האַנט אַ פינפערל, צוגעבנדיק, אַז ווען איך וועל דארפן געלט, זאָל איך מיך ווענדן צו אים. ער ווייס גאַנץ גוט, אַז אַ חוץ עסן און טרינקען האָט אַ לעבעדיקער מענטש נאָך אַנדערע באַדערפענישן, און אַזאַ בחור אַ וואוילערנער און מתמיד ווי איך דאַרף קיין זאַך נישט אָפּגיין.

צומאָרגנס האָט יהוריב מיר גענויער דערקלערט זיין פאַרלאַנג, אַז איך זאָל אַכטונג געבן וויאַזוי שלמון פירט זיך און איינהערן זיך, וואָס ער רעדט מיט זיינע באַקאַנטע און אים דערציילן וועגן אַלץ. דאָס וועט זיין — האָט ער געזאָגט — אַ גרויסע טובה פאַר שלמונען אַליין, ווייל, אויב ער פירט זיך נישט גוט, וועט ער אים אויסמוסרן און ער וועט געוויס בע-סער ווערן, און אויב ער פירט זיך גוט, וועט ער קענען אויס-זידלען זיינע באַרעדער און זיי איינשטילן.

ווען יהוריב האָט נישט באַקומען קיין ענטפער אויף זיין פראַגע, צי איך בין גרייט צו דערפילן זיין בקשה, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן שוין מיט האַרבע ווערטער, אַז איך זאָל אים ענטפערן קלאָר, צי איך וועל דערפילן זיין פאַרלאַנג פאַר שלמונס טובה וועגן, צי נישט. ער האָט געענוג שליחים אויסער מיר, און אויב איך וויל נישט אָדער טראַכט אים צו נאַרן וועט ער מיר פאַרשאַפן טעג ביי אַן אַנדער בעל-הבית, און צו שלמונען

וועט ער שיקן אַ בחור, וואָס מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן.

איך האָב נישט געוואַגט אים אָפּצוזאָגן און געענטפערט, אַז איך וועל דערפילן זיין פאַרלאַנג, טרייסטנדיק זיך דערמיט, אַז יהוריב מיינט באמת שלמונס טובה און האָט נישט קיין שום שלעכטע כונה. און מחמת איך בין געוואוינט געווען תמיד צו טאָן מיין זאַך בשלמות, האָב איך אויך דאָס מאָל נישט געשוויגדלט און פון צייט צו צייט דערציילט יהוריבען וועגן שלמונס אויפפירונג און וועגן אַלץ, וואָס איך האָב געהערט און געזען ביי אים אין שטוב. דאָס איז מיר געווען לייכטער דורכדעם, ווייל איך האָב קיין שום בייז נישט געזען און נישט געהערט, און מיין אויפגאַבע איז דערום באַשטאַנען נאָר אין דערציילן שלמונס גוטע מעשים.

שלמון האָט מיך זייער גוט באַהאַנדלט, און האַלטנדיק מיך פאַר אַן ערלעכן געטרייען מענטש, וואָס ווייס נישט פון קיין אויבערשפיצלעך, האָט ער זיך פאַר מיר נישט געהיט און אין מיין געגנוואַרט גערעדט מיט זיין פרוי און מיט זיינע פריינט וועגן פאַרשידענע געשעפטן, אפילו וועגן אַזעלכע, וואָס זענען געווען אַ סוד פאַר פרעמדע. איך בין געווען ביי שלמונען אַ שטוב-מענטש, צו וועלכן מען האָט געהאַט מיט איין וואָרט פולקאָם צוטרוי.

איינמאָל איז ביי שלמונען אין קאַבינעט זיך אויפגעקו-מען אַן עולם פון זיינע באַקאַנטע און גוטע פריינט, און, זי-צנדיק אין דערבייאיקן צימער, האָב איך געהערט ווי איינער פון די געסט פרעגט שלמונען: צי זיי זענען דאָ אַליין און צי קייגער וועט זיי נישט אונטערהערן. שלמון האָט געענטפערט, אַז מען קאָן זיין רויק. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי אַ לאַנגער געשפּרעך, וואָס דער תוך דערפון איז געווען, אַז יהוריב האָט מיט דער הילף פון נראַדאַנאַטשאַלניק, וועל-כער איז זיין פריינט און באַשיצער, אריינגענומען אין זיין האַנט אַלע ענינים פון דער קהלה און טוט וואָס ער וויל. אַדאַנק אים איז שמעון בן שמריה אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין אַמט, אַלס איינער פון די פירער פון דער קהלה, און אויף

אַנדערע חשובע בעל־הבתים, וועלכע ווילן נישט טאַנצן לויט יהוריבס פידל, זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן שווערע שטראָפן. יהוריב אונטערדריקט אויך די השכלה-באַוועגונג און לאָזט נישט קיין שום אויפגעקלערטן און געבילדעטן אויפהייבן דעם קאָפּ. אויב מען וועט עס אַזוי ווייטער צולאָזן, וועט יהוריב ווערן דער איינציקער דעה־זאָגער אין אַלע שטאָט־זאַכן און געזעל־שאַפטלעכע ענינים. היות מען קען זיך נישט ווערן קייגן אים אַ דאַנק זיין מעכטיקן באַשיצער, דעם גראַזאַנאַטשאַלניק, איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה, ווי צו זוכן מיטלען אַראָפּצוואַרפן דעם גראַדאַנאַטשאַלניק פון זיין אַמט. צו דעם צוועק האָט שלמון פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל שיקן אַן אָנקלאַגע אויפן גראַדאַנאַטשאַלניק קיין פּעטערבורג, אונטערגעשריבן פון די אָנגעזעענסטע סוחרים אין שטאָט. אַזאַ אָנקלאַגע וועט געוויס האָבן אַ ווירקונג, און ווען מען וועט שיקן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פון פּעטערבורג חוקר־ודורש צו זיין די זאַך, איז ער, שלמון, זיכער, אַז אייניקע אָרטיקע הויכגעשטעלטע באַאַמטע וועלן אונטערשטיצן די אָנקלאָגער, און דער גראַדאַנאַטשאַלניק וועט אַראָפּ. דעמאָלט וועט אויך קומען אַ סוף צו יהוריבס ממשלה.

די אָנקלאַגע־שריפט איז שוין געווען אַ פאַרטיקע און די פאַרזאַמלטע, וועלכע האָבן איינגעשטימט צו שלמונס פאָרשלאַג, האָבן זי תיכף אונטערגעשריבן.

כדי אַז יהוריב זאָל נישט אַמאָל דורך זיינע אונטערהעלפערס געוואויר ווערן וועגן דער אָנקלאַגע־שריפט, איז געבליבן, אַז שלמון זאָל זי אָפּשיקן דורך אַ זיכערן מענטש פון אַן אַנדערער דערבייאיקער שטאָט.

אויסהערנדיק דאָס גאַנצע געשפּרעך, האָב איך שטילערהייט זיך אַרויסגערוקט פון שטוב, אַזוי אַז קיינער זאָל נישט מערקן, אַז איך בין געווען אין דערבייאיקן צימער. איך בין געווען שרעקלעך אויפגערעגט, ווייל פון איין זייט האָב איך נישט געוואָלט דערציילן יהוריבן, וואָס איך האָב געהערט, און פון דער אַנדערער זייט האָב איך מורא געהאַט, אַז יהוריב זאָל נישט געוואויר ווערן וועגן דעם פון אַן אַנדערן און זאָל זיך נישט

אָפּרעכענען מיט מיר פאַר מיין שווייגן. זייענדיק ווי אין אַ קלעם און נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן, האָב איך פאַרשאָלטן דעם טאָג, וואָס איך האָב געפאָלגט דעם גבאים עצה און געפאָרן קיין שבמה, כדי צו ווערן אַ ווערקצייג אין די הענט פון אַזאַ רשע ווי יהוריב. איך בין געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַר־זאָרגטער פון שלמונס הויז אין בית־מדרש און נישט באַמערקט ווי יהוריב שטייט פאַר דער טיר פון בית־המדרש.

באַמערקנדיק מיין פאַרלעגנהייט, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן שאַרף:

—דו זוכסט מיך?

איך האָב אַ צאַפּל געטאָן, גלייך איך וואָלט זען פאַר מיר דעם מלאך־המות.

—איך האָב געהערט, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ באַראַטונג— האָט זיך אָפּגערופן יהוריב—און איך ווייס, אַז זיי ווילן מיר שלעכטס טאָן, ווייל מען טראָגט מיר צו וועגן אַלץ, וואָס ביי זיי געשעט. דאָך דאַנק איך דיר, וואָס דו שטייסט אויך אויף דער וואַך און קומסט מיר דערציילן, וואָס דו האָסט געהערט. דערצייל-זשע מיר, ראובן, תיכף, וואָס דו ווייסט, דען איך אייל זיך, איך האָב קיין צייט נישט...

יהוריב האָט מיך דורכגענומען מיט זיין שאַרפן דורכ-דרינגענדיקן בליק, אַזוי אַז איך האָב זיך געפונען ווי אונטער זיין מאַכט, און איך האָב אים אַרויסגעלייגט אַלץ, וואָס איך האָב אונטערגעהערט אונטער דער טיר, איך האָב קיין זאַך נישט פאַרהוילן.

יהוריב האָט מיר געזאָגט, אַז ער ווייס שוין כלומרשט וועגן אַלץ דורך זיינע אַנדערע גוטע פריינט און מיינע ווער־טער באַשטעטיקן אים נאָר, וואָס ער האָט שוין לאַנג געפילט, אַז זיין גוטער פריינט שלמון האָט אים פאַרראַטן און וויל אים אומגליקלעך מאַכן. ער וועט שוין איצט וויסן וואָס ער האָט צו טאָן... מיט די ווערטער האָט ער זיך איילִיק צעשיידט מיט מיר.

איך בין געבליבן שטיין אין גאַס אַ צעטומלטער, אַ דער־שלאָגענער... איך האָב געזען, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ

בעץ, פון וועלכער איך וועל שוין קיינמאָל נישט קענען זיך אַרויסקריגן, קיין קרוב, קיין פריינט האָב איך נישט געהאַט, מיט וועמען זיך צו באַראַטן.

פילנדיק שטאַרקע געוויסנסביסן, וואָס איך האָב אויסגעגעבן אַזאַ מענטש ווי שלמון, וואָס איך האָב פון אים געגאָסן נאָר גוטס, האָב איך נישט געוואָלט מער גיין צו אים אין שטוב צו עסן ווייטער זיין ברויט און אפשר ווידער פאַרראַטן אונטער יהוריבס ווירקונג...

אַרומבלאָנקענדיק זיך אַזוי איבער די גאַסן, האָב איך מיך פלוצלינג דערמאָנט אָן בנימין זייפענזידער, מיט וועמען איך האָב זיך געטראָפן אויפן וועג קיין שבמה און וועלכער האָט מיך געבעטן, איך זאָל צו אים אַריינקומען, און האָב באַשלאָסן צו מאַכן ביי אים אַ באַזוך.

איך האָב לייכט געפונען בנימינס וואוינונג, און אַריינקומענדיק צו אים, האָב איך אים געטראָפן זיצנדיק ביים טיש, פאַרטיפט אין לייענען אַ בוך. געגנאיבער אים איז געזעסן אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק, אַ טונקעלער שיינער ברונעט, מיט שוואַרצע בליצנדיקע אויגן און געקליידט זייער עלעגאַנט. דער יונגערמאַן האָט עפּעס געפרעגט בנימינען אויף אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך און יענער האָט אים געענטפערט אויף דערזעלביקער שפּראַך. דערנאָך האָט בנימין, זיך ווענדנדיק צו מיר, אַ זאָג געטאָן:

—וואָס מאַכט איר? איך האָב געמיינט, אַז איר זענט שוין אַוועקגעפאָרן, ווייל איר האָט זיך נישט געוויזן צו מיר.— דערנאָך האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאַר בן־שמריה, דעם יונגנמאַן וואָס איז געזעסן געגנאיבער אים—אַלס אַ יקר־המציאות,— אַ ישיבה־בחור, וואָס רעדט אויסגעצייכנט רוסיש.

יענער האָט פאַרפירט מיט מיר אַ געשפּרעך אין רוסיש, מיך אויסגעפרעגט וואָס איך טו און געלויבט מיין גוטע אויסשפּראַך.

איך האָב אים געענטפערט בקיצור, אַז קיין מלאכה און פּראָפעסיע קען איך נישט, אַז ביז אַהער האָב איך געלערנט אין

די ישיבות און געגעסן טעג און איצט לערן איך אין חסידישן בית-מדרש און באַקום אומזיסטע קעסט ביי שלמונען.

בן-שמריה האָט מיר געגעבן האָפענונג, אַז אויב איך וועל נאָר געפעלן שלמונען, וועט ער מיר געוויס געבן אַ שטעלע אין איינעם פון זיינע געשעפטן.

דידאָזיקע ווערטער האָבן מיך געשטאָכן ווי מיט שפּיזלען, ווייל איך האָב געוואוסט, וויאַזוי איך האָב געצאָלט שלמונען פאַר זיין גוטס, און פאַרברענגענדיק נאָך אַ וויילע ביי בנימין זייפענזידער, האָב איך מיך אויפגעהויבן און געוואָלט אַוועקגיין.

בנימין האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים אָפּט באַזוכן און אַז, אויב איך וויל, וועט ער מיט מיר לערנען שפּראַכן און אַנדערע קענטעניסן, כדי איך זאָל קענען פאַרדינען אויף חיונה פון אייגענער אַרבעט.

די רייד פון די נייע פריינט האָבן מיך אַ ביסל באַרויקט, און איך בין אַוועק פון זיי צו שלמונען מיט אַ לייכטער געמיט.

לא.

אַריינגעפֿאַלן אין דער פּולאַפּקע.

צומאָרגנס האָט שלמון מיך אַריינגערופֿן צו זיך אין קאַבינעט און געזאָגט, אַז ער וויל דורך מיר עפּעס באַזאָרגן, האָפֿנדיק, אַז איך וועל פּינקטלעך אויספֿילן די שליחות; ער וויל מיך נעמלעך שיקן מיט זיין וועגעלע אין דער דערבייאיקער שטאָט אָפּצוגעבן דאָרט אַ רעקאָמענדירטן בריוו אויף דער פּאָסט, אַרויסנעמען אַ קוויטל און עס ברענגען צו אים. אָבער דאָס איז אַ סוד-זאַך—האָט ער צוגעגעבן—און קיינער טאָר דערפֿון נישט וויסן, איך זאָל פֿאָרן און קומען אין זיין וועגעלע און קיינעם דערפֿון נישט דאַכטן. אַז איך וועל אים ברענגען דעם פּאָסט-קוויט, וועט ער מיך פֿיין באַפֿרידיקן. מורא האָבנדיק, אַז יהוּדיב זאָל מיר נישט נאָכשפּירן און צונעמען ביי מיר דעם בריוו, האָב איך זיך געפּרוּווט אַרויסדרייען פֿון דער דאָזיקער שליחות, זאָגנדיק, אַז איך בין קיינמאָל נישט געפֿאָרן אין אַזעלכע שליחותן און האָב מורא, אַז איך וועל זי נישט קאָנען אויספֿילן ווי געהעריק.

שלמון האָט מיך באַרויקט, זאָגנדיק, אַז דאָס איז נאָר אַ קלייניקייט און אַז דער עיקר איז, איך זאָל קיינעם נישט אויס-זאָגן וועגן בריוו, און אין דער זאַך פֿאַרלאָזט ער זיך אויף מיר.

פארפאלן, איך האב געמוזט אננעמען די שליחות. איך האב זיך אנגעטאן און א וועג־בגד, וואס שלמון האט מיר געגעבן אריינגעלייגט פארזיכטיק דעם בריוו אין דער טיפער קעשענע און אריינגעזעצט זיך אין עלעגאנטן וועגעלע. דער פורמאן האט געגעבן א שמיץ דאס פערדל און מיר זענען באלד ארויס־געפארן אויפן שאסיי.

דאס פארן אין א באקוועם עלעגאנט וועגעלע איבערן גלאטיקן שאסיי, צווישן פעלדער און וועלדער, האט מיך צעשטרייט און איך האב אינגאנצן פארגעסן וועגן וואס איך פאר. אבער אומקוקנדיק זיך איינמאל צוריק, האב איך דערזען, צו מיין גרעסטן שרעק, אז הינטער מיר פארט א וועגעלע, און אינעווייניק זיצט—יהוריב. עס איז מיר פינסטער געווארן אין די אויגן און איך האב א וויייל א קלער געטאן: צי זאל איך נישט הייסן דעם פורמאן זיך אומקערן, האב אבער מורא געהאט פאר יהוריבן און אויך געשראקן זיך צו דערציילן שלמון, אז איך ווייס וועגן אינהאלט פון בריוו. איך בין דערום געפארן ווייטער מיט א צעווייטיקט הארץ, טרייסטנדיק זיך, אז אפשר פארט יהוריב צופעליק נאך מיר, און ווייסט גארנישט, אז איך זיץ אין וועגעלע. איך האב זיך איינגעוויקלט איבערן קאפ אין וועג־מלבוש, נישט אומגעקוקט זיך מער אן א זייט און ערשט ווען דאס וועגעלע האט זיך אפגעשטעלט פאר דער פאסט־קאנטאר, בין איך געשווינד אראפ פון וועגעלע און אריין אין דער פאסט, כדי אפצוגעבן דעם בריוו, אבער אין דעמזעלביקן מאמענט האט זיך באוויזן יהוריב און צוגייענדיק האסטיק צו מיר האט ער א זאג געטאן:

גיב אהער דעם בריוו! און נישט ווארטנדיק איך זאל אים געבן דעם בריוו, האט ער אים ארויסגענומען ביי מיר פון האנט און באהאלטן ביי זיך אין קעשענע.

איך בין געבליבן שטיין ווי א דערשלאגענער, נישט ארויס־צורעדן אווארט. ער האט באלד ארויסגענומען פון קעשענע אן אנדער בריוו און מיט א באפעלערישן טאן מיר געהייסן אויפ־שרייבן אויפן קאנווערט דעמזעלביקן אדרעס, וואס איז געשטא־

נען אויף שלמונס בריוו און אָפּגעבן אויף דער פּאָסט, ווי פאַרכשופט דורך זיין בליק, האָב איך געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געהייסן.

—איצט פאָר צוריק צו שלמונען און גיב אים אָפּ דאָס פּאָסט-קוויטל—האָט יהוירים אַ זאָג געטאָן שאַרף צו מיר און איז אַוועקגעגאַנגען.

מיט אַ צעבראָכן געמיט האָב איך נאָכגעקוקט יהוירימען. ווי ער איז איינגעזעסן אין זיין וועגעלע און אָפּגעפאָרן, און געשטוינט אויף זיך אַליין, ווי-אַזוי איך האָב געקאָנט פאָלגן יהוירימען און אָפּטאָן אַזאַ געמיינע זאַך, נישט פרווונדיק זיך ווערן.

איך בין אַריינגעפאַלן ווי אין אַ זומפּ און נישט געקאָנט מער אַרויסקריכן. איך בין צוריק געפאָרן צו שלמונען און אים אָפּגעגעבן דאָס פּאָסט-קוויטל, שלמון האָט מיר געדאַנקט און געזאָגט, אַז ער וועט נאָך מיט מיר רעדן.

פילנדיק נאָך שטאַרקערע געוויסנסביסן, האָב איך באַשלאָסן צו גיין פרעגן אַן עצה ביי מיין נייעם פריינט בנימין זייפּענזידער. איך האָב אים ווידער געטראָפן זיצנדיק פאַרטיפט און אַ בוך. דאָס איז געווען אַ תנך מיט אַן איבערזעצונג אויף אַ שפּראַך, וואָס איז מיר געווען אומבאַקאַנט. עס האָט געדויערט אַ היפּשע ווייל ביז בנימין האָט אויפגעהויבן דאָס געזיכט פון תנך און זיך געווענדט צו מיר מיט אַ ליבגעזאַגנג אויפן תנך, וועלכער איז זיין געטרייער חבר און דער גוטער און שלעכטער צייט, און יעדעס מאָל ווען ער נעמט אַריינקוקן אין תנך, קאָן ער זיך נישט אָפּרייסן פון אים. זעענדיק זיין בעגייסטערונג פאַרן תנך, האָט איך געוואָלט אַוועקגיין, כדי אים נישט שטערן אין זיין באַשעפטיקונג, אָבער בנימין האָט מיך אַ פרעג געטאָן צי איך דאַרף נישט עפּעס צו אים.

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין געקומען אים פרעגן אַן עצה, אַז אַ שווערע זינד דריקט אויף מיין געוויסן, און לאָזט מיך נישט רוען. אָבער גאָט איז מיין עדות, אַז איך בין באַגאַנגען די שווערע זינד נישט פון אייגענעם ווילן, נאָר ווייל

אַ שלעכטער מענטש האָט מיך פֿאַרפֿירט; בקיצור, איך האָב אים דערציילט אַלע פּרטים, ווי — אַזוי יהוריב האָט מיך אָנגערעדט צו פֿאַרראַטן שלמונען, און אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ פֿון חרפּה און חרטה, האָב איך געוואַרט אויף מיין פּסק-דין.

בנימין איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער און תּחלת נישט גע-וואָלט מיט מיר רעדן, אָבער, באַמערקנדיק מיין נידערגעשלאָגנ-קייט און חרטה-געפיל, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך האָב אָפּגעטאָן אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך מער נישט פֿאַרריכטן, און איצט נאָכדעם, ווי יהוריב האָט זיך אָפּגערעכנט מיט שלמונען, וועט ער זיך געוויס נעמען צו מיר און מיך באַגראָבן, כּדי קיינער זאָל זיין סוד נישט דערגיין. דאָס איז אַ געפערלעכער מענטש, וועלכער האָט שוין נישט איין מענטש אומגליקלעך געמאַכט און מען דאַרף זיך היטן פֿאַר אים ווי פֿאַר פֿייער, אָבער ער און זיין פריינט בן-שמריה, וואָס זיין פֿאַמיליע האָט אויך פֿיל געליטן פֿון דעם פּושע, וועלן זען מיך צו ראַטעווען פֿון זיין האַנט.

איך האָב געזאָגט, אַז מיין געוויסן טרייבט מיך צו גיין צו שלמונען און זיך מודה זיין פֿאַר אים וועגן מיין זינד, אָבער בנימין האָט מיך אָפּגערעדט דערפֿון. עס איז שוין איצט אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך — האָט ער געזאָגט — און מיט מיין וידוי וועל איך נאָר זיך שלעכטס טון און שלמונען גאָרנישט פֿאַרבעסערן.

— גיי צו שלמונען — האָט בנימין געענדיקט — און אויב עס וועט עפּעס געשען מיט אים, זאָלסטו מיר צו וויסן טון, אפשר וועל איך קענען העלפֿן.

ווען איך בין געקומען צו שלמונען אין שטוב, האָב איך דאָרט צו מיין גרויסן שרעק און ווייטיק געטראָפֿן אַ גאַנץ איבערקערעניש. שלמונען האָט מען אַרעסטירט און די פֿרוי און דאָס הויזגעזינט זענען אַרומגעגאַנגען פֿאַרקלאָגטע, פֿאַרצאָרנטע. איך האָב זיך געטראַכט: אָט דאָס אַלץ האָבן זיי צו פֿאַרדאַנקען מיר. אָט אַזוי האָב איך אָפּגעצאָלט מיינע וואוילטעטער. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געוויינט, געגאָסן מיט ביטערע טרערן און נישט געקאָנט זיך באַרויקן.

צומאָרגנס בין איך מיט אַ צעבראָכן געמיט געגאַנגען

דאַוונען, און ווען איך האָב געהאַלטן ביי „למלשינים" אין „שמונה-עשרה", האָב איך נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן פון געוויין. יהוריב, וועלכער האָט געדאַוונט אינאיינעם מיט מיר, איז צוגעגאַנגען און מיך געפרעגט, וואָס איך בין אַזוי פאַרטרויערט. איך האָב מיר געמאַכט האַרץ און אים געענטפערט, אַז הלואי וואָלט איך ליבער געשטאָרבן, איידער אים געפאָלגט און פאַר-ראַטן מיין וואוילטעטער.

יהוריב האָט געמאַכט דעם אָנשטעל גלייך ער פאַרשטייט נישט, וואָס איך רעד און געפרעגט, וואָס איך מיין דערמיט.

איך האָב געענטפערט, אַז דערמיט, וואָס איך האָב אים געפאָלגט און אומגעביטן שלמונס בריוו, האָב איך אויף שלמונען געבראַכט אַן אומגליק.

יהוריב האָט אויף מיר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און גע-זאָגט, אַז איך מוז זיין שיכור אָדער רעד פון היץ וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. ער האָט מיך פאַרלאָזט מיט כעס אָבער איך אַ ווייל אַרום זענען געקומען צוויי פּאָליציאַנטן או-מיך אַוועקגעפירט אין אַרעסט.

לב.

ווייטער אין וועג אַריין.

אַ גאַנצע וואָך בין איך אָפּגעזעסן אין אַ פינסטערן נאַסן קעלער, נישט צו זען קיין ליכט פאַר די אויגן און נישט צו קענען זיך פאַרשטענדיקן מיט מיינע באַקאַנטע און פריינט. די בריוו, וואָס איך האָב געשיקט פון אַרעסט צו בנימינען און צו שלמונס פרוי, האָט יהוריב קענטיק איבערגעכאַפּט, ווייל איך האָב פון קיינעם קיין ענטפער נישט באַקומען. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל שוין פון דאַנען נישט אַרויס אַ לעבעדיקער, אָבער אַ דאַנק אַ גליקלעכן צופאַל בין איך אַרויס פון אַרעסט. עס איז נראָד געקומען אין שטאָט אַ רעוויזאָר, וועלכער האָט אויך באַזוכט דעם אַרעסט און איינגעפינענדיק, אַז מען האָט מיך אַרעסטירט אָן אַ שום סבה, האָט ער מיך געהייסן פריי־לאָזן.

פון אַרעסט־הויז בין איך אַוועק גלייך צו בנימינען, וועלכער האָט טאַקע גאָרנישט געוואוסט וואָס מיט מיר איז געשען. ער האָט מיך אויפגענומען צו זיך אין שטוב, געגעבן עסן און טרינקען און אויך געלערנט ענגליש און רעכענען, כדי

איך זאָל קענען אַריינטרעטן אין אַ געשעפט און נישט דאַרפן קיינעם פאַלן צו-לאַסט. בנימין האָט מיר געראָטן צו פאָרן קיין אשדות און בן-שמריה—צו פאָרן קיין אויסלאַנד. אָבער דערווייל האָב איך געלערנט מיט חשק און ערוואָרבן ברייטע קענטעניש אין ענגליש און חשבון. בן־שמריה האָט מיר צוגעזאָגט געבן געלט אויף רייזע-קאָסטן און תיכף נאָך פסח האָב איך געזאָלט פאַרלאָזן שבמה און ווייטער זיך לאָזן אין דער גרויסער וועלט.

* *
*

געשעט אַ מענטשן עפּעס אַ צרה אין די קינדערשע יאָרן, פאַרגעסט ער זי באַלד, קוים פאַרגייט זי. אַ קינד איז גרייט מוחל צו זיין דעם, וואָס שמייסט אים מיט איין האַנט, אויב מיט דער אַנדערער האַנט דערלאַנגט ער אים אַ צוקערל. פאַלט אַ קינד און צעשלאָגט זיך, לויפט עס באַלד העגדום-פעגדום ווייטער, פאַרגעסנדיק, אַז עס קען ווידער פאַלן און זיך צעשלאָגן. נישט קענענדיק זיך אַריינטראַכטן אין דער צוקונפט, ווייל עס אויך נישט וויסן פון דער פאַרגאַנגענהייט. אַזוי זענען קינדער, און אַזוי זענען אויך אַ טייל דערוואַקסענע, וואָס ווילן לעבן אַ גרינג לעבן און נישט צופיל קלערן. אָבער איך בין נישט געווען פון די אַרט מענטשן: די קינדהייט איז שוין געווען אַוועק, אָבער די טרויעריקע ערינערונגען, וואָס זי האָט מיר איבערגעלאָזט, האָבן מיר נאָך איצט פאַרביטערט דאָס לעבן. איך האָב געשטעלט גרויסע פאָדערונגען צו אַלעמען, אַ חוץ זיך אַליין. איך האָב אומעטום געוואָלט געפינען צדיקים, הגם איך בין אַליין געווען ווייט פון זיין אַ צדיק. איך האָב געוואָלט זיין רייך און גרויס, הגם איך האָב אַליין נישט געטאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער און געפאַלן צו-לאַסט אויף אַנדערע. האָב איך דערום באַטראַכט אַלע איינוואוינער פון שבמה פאַר סדום-לייט, הגם איך האָב דאָ געטראָפן אַזעלכע מענטשן ווי בנימין און בן-שמריה, וועלכע האָבן מיר געטאָן פיל גוטס.

איינמאָל, ווען איך בין געזעסן ביי בן-שמריה אין שטוב

און זיך באַראָטן וועגן מיין תכלית און וואָס איך דאַרף אָנהויבן טון, כדי צו ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל ליבער פאָלגן זיין עצה און אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, ווייל איך קאָן שוין נישט פאַרטראָגן די פירונג פון אונזערע יידעלעך, וועלכע זענען אַלע טיף געפאַלן, אלץ איינס: חסידים מתנגדים, און משכילים...

בן-שמריה איז נישט געפעלן מיין מיינונג וועגן כלל-יידן און ער האָט זיך אָנגערופן, אַז פון מיר האָט ער נישט ערוואַרט צו הערן אַזאַ אומבאַגרינדעטן אורטייל וועגן כלל יידן. איך האָב דאָך אַ ביסל געזען די וועלט—האָט ער געזאָגט—און געלייענט ביכער און דאַרף וויסן, אַז צווישן אַלע פעלקער זענען פאַראַן שלעכטע און גוטע, איידעלע און פאַרדאָרבענע מענטשן, און מען קאָן נישט אַרויסזאָגן אַן אַלגעמיינעם אורטייל וועגן אַ גאַנץ פאָלק, אַז עס איז פאַרדאָרבן אָדער פיין. ביי אַלע פעלקער זענען פאַראַן סעקטן, גרופן און קלאַסן, וואָס רייסן זיך צווישן זיך. ביי אַלע פעלקער און אין אַלע לענדער זענען פאַראַן גנבים, צבועקעס און שווינדלערס. דערפאַר צייכענען זיך יידן אויס מיט אַזעלכע מעלות, וואָס אַנדערע פעלקער האָבן זיי נישט, ווי פאַמיליען-ריינקייט, וואוילטעטיקייט. אויב די חסידים האָבן דיר שלעכטס געטאָן און דו האָסט זיי פיינט—האָט בן־שמריה ווייטער געזאָגט — פאַרוואָס זשע פאַרדאַמסטו די מתנגדים און משכילים, פון וועלכע דו האָסט געזאָסן גוטס, און מעסטסט זיי מיט דערזעלביקער מאָס, ווי די חסידים?

—די מתנגדים און משכילים זענען גאָרנישט ווערט אין מיינע אויגן דערפאַר, ווייל זיי זעען נישט אויסצורוימען די כנופיה פושעים, צבועקעס און טויגעניכטסן, וועלכע פאַרשוואַרצן דעם נאָמען ייד אין דער וועלט, פאַרוואָס זיי רייסן נישט אַראָפּ די מאַסקע פון דער צעווילדעוועטער חסידישער באַנדע און גיבן זיי נישט איבער אין די הענט פון דער רעגירונג, אַז זי זאָל זיך אָפּרעכענען מיט זיי... האָב איך אויסגערופן מיט כעס.

—איבערגעבן אין די הענט פון דער רעגירונג? אָדער פשוט

מסרן אייגענע ברידער? דאָס האָלטסטו פֿאַר אַ ריכטיקן גאַנג? האָט געענטפֿערט בן-שמריה — צי מיינסטו, אַז די רעגירונג וועט נישט אויסנוצן די מסירות, כדי אונז נאָך מער צו אונטערדריקן און פֿאַרשוואַרצן? אויסערדעם מוזטו וויסן, אַז אַ קאַמף קעגן אידעען, מעגן זיי זיין ווי שעדלעך, האָט נאָך קיינמאָל נישט געבראַכט צו גוטס. פֿאַרקערט, ווען מען וואָלט די חסידים געלאָזט צורו און זיי נישט גערודפֿט, וואָלט דאָס חסידות געפֿאַלן און אפֿשר אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען.

—אָבער די חסידים זענען אַלע פּושעים און שלעכטע מענטשן און ווי קאָן מען פֿאַרשווייגן זייערע מעשים?

—דו פֿאַרגעסט, מיין פֿריינט, דיינע אייגענע רייד — האָט געזאָגט בן-שמריה — נישט לאַנג האָסטו מיר גערימט איינעם משה בן-צבי, אַ חסיד, וועלכער איז אַן איידעלער פֿיינער מענטש און האָט דיר געטון אַ סך גוטס.

—אמת, דעם דאָזיקן מאַן אַכט איך זייער, אָבער ער איז אין האַרצן נישט קיין חסיד, איך ווייס עס אויף געוויס...

—פֿון וואַנען ווייסטו עס אויף געוויס? דו האסט דאָך נישט אַריינגעקוקט צו אים אין האַרצן און ווייסט נישט וואָס דאָרט טוט זיך.

—איך וועל אייך זאָגן די וואָרהייט, איך קען גוט זיין אייניקל, אַ יונג שיין מיידל און געהאַרכזאַמע שילערין פֿון איר זיידן, און לויט איר איידעלן כאַראַקטער אורטייל איך וועגן כאַראַקטער פֿון איר זיידן.

—אויב אַזוי, ביסטו אַ שלעכטער שופֿט, ווייל די שיינקייט פֿון דעם מיידל האָט דיר אפֿשר די אויגן פֿאַרבלענדט.

— איך פֿאַרשטיי אייך נישט — האָב איך געזאָגט און געוואָרן רויט.

— אויב דו פֿאַרשטייסט מיך נישט, פֿאַרוואָס־זשע ביסטו רויט געוואָרן? —האָט בן-שמריה מיך געפֿרעגט און מיך דורכגענומען מיט זיין בליק.

איך בין געוואָרן נאָך רויטער און געענטפֿערט, אַז איך ווייס אַליין נישט פֿאַרוואָס איך בין רויט געוואָרן. מיין

פאַרלעגנהייט האָט מיך אויסגעגעבן און בן־שמריה האָט אַ זאָג געטאָן:

ווי איך זע, ביסטו נישט גלייכגילטיק צו דעם מיידל, און אויב אַזוי, פאַרשטיי איך שוין פאַרוואָס איר זיידע געפעלט דיר אַזוי.

אין מיין האַרצן האָט טאַקע אויפגעוואַכט די אַלטע ליבע און אַן אינעווייניקסטע שטים האָט מיר געזאָגט: צייט צו זען זיך מיט דעם טייערן מיידעלע. איך האָב געזאָגט בן-שמריהן, אַז איך וואָלט וועלן שוין אָפּפאָרן קיין שבולה, אַז איך האָב דאָ מער גאָרנישט וואָס צו טון.

וואָס האָסטו זיך פּלוצלינג מיישב געווען שוין צו פאָרן? דו האָסט דאָך פריער גערעכנט צו וואַרטן ביז איבער פסח?

–האָב איך איינמאָל באַשלאָסן צו פאָרן, איז גלייכער וואָס פריער—האָב איך געענטפערט.

דעמזעלביקן טאָג האָב איך באַקומען געלט פון בן-שמריה, זיך צעזעגנט מיט מיינע פריינט און אַוועקגעפאָרן אַהין, וואו מיך האָט מיטאַמאָל אַ צי געטאָן ווי מיט אייזערנע צוואַנגען — קיין שבולה.

לג.

קיין שבולה.

איך האָב געהאַט אַ היפּשע סומע אין טאַש און געקאָנט זיך ערלויבן צו מאַכן די רייזע קיין שבולה נישט צו-פוס, נאָר מיט אַ בעל-עגלה.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין איינפאָר-הויז, וואו עס שטעלן זיך אָפּ די בעלי-עגלות, וועלכע פירן פּאַסאַזשירן און משא אין פאַרשידענע ערטער, איז מיך באַפאַלן אַ באַנדע פור-מאַנעס ווי די היישעריקן, יעדער האָט מיך געצויגן צו זיך, נאָך איידער זיי האָבן געהערט וואוהין איך דאַרף פאָרן, און איך בין געשטאַנען אַ צעטומלטער און נישט געוואוסט וואוהין זיך צו קערן און ווענדן.

—קום, זעץ זיך אין מיין וואָגן, איך פאָר שוין, אין דער מינוט! - שרייט איינער.

—אַ ליגן, ער פאָרט נישט, זיינע סוסים זענען פגירות און קענען זיך פון אָרט נישט רירן—שרייט אַן אַנדערער.

—ווער די כפרה פאַר מיינע פערדלעך.

—גיי נישט צו זיי! זיי פאָרן ביידע נישט! זיי וועלן דיך לאָזן

וואַרטן ביז משיח וועט קומען. קום מיט מיר! — שרייט אַ דריטער.

— זיין וואָגן איז אַ שברי-כּלי, דו וועסט די ביינער צעברעכן.

— פאָרסטו מיט אים, וועסטו דאַרפן שלעפן זיינע סוסים, זיי האָבן נישט קיין כּוח צו גיין.

— ער איז אַ שכּור, און שטעלט זיך אָפּ פאַר יעדער קרעטשמע.

אַזוי האָבן די בעלי־עגלות געשריגן און געליאַרעמט און מיך נישט געלאָזט זאָגן אַ וואָרט, ביז עס איז צוגעקומען איין הינקענדיקער בעל-עגלה און זיי איינגעשטילט, זאָגנדיק:

— לאָמיר פריער וויסן, וואוהין ער דאַרף פאָרן, דערנאָך וועט איר זיך קריגן.

די בעלי־עגלות האָבן איינגעזען, אַז ער איז גערעכט, און זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

דער הינקענדיקער האָט מיך אַ פרעג געטאָן, וואוהין איך דאַרף. איך האָב געענטפערט:

- קיין שבולה.

— אויב אַזוי, פאָרסטו מיט מיר, ווייל איך אַליין פאָר קיין שבולה.

— און ווען פאָרסטו?—האָב איך געפרעגט.

— איך שפּאַן שוין און פאָר. גיב אַהער דריי רובל און פאַרגעס אַ פלאַץ!

איך האָב אים געגעבן די דריי רובל, און זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן און זיך פאַרטיפט אין געדאַנקען. פאַר מיינע אויגן האָט געשוועבט די ליבע געשטאַלט פון דעם מיידל, צו וועלכן עס האָט מיך אַזוי געצויגן. איך האָב געטראַכט אַ מישל ווי-אַזוי נושא-חן צו זיין ביי איר און ביי איר ציידן. די מיטלען זענען געווען פאַרשידענע, האָבן אָבער געדאַרפט פירן צו איין צוועק...

אַזוי בין איך געזעסן און געזעסן אין וואָגן און נישט באַמערקט, ווי עס איז געוואָרן טונקל און אַרום מיר איז געוואָרן פוסט, נישטאָ קיין פּאַסאַזשירן און נישטאָ קיין פורמאַנעס.

איך בין אַראָפּ פון וואָגן און אַריין אין שענק, לעבן פערד-שטאַל, אויפצוזוכן מיין בעל-עגלה. ווי גרויס איז געווען מיין ערשטוינונג, ווען איך האָב געזען ווי מיין בעל־עגלה זיצט ביי אַ גרויסער שיסל געקעכטס און האָט קענטיק גאָרנישט אין זינען צו שפּאַנען.

— ווען פאָרן מיר? — האָב איך געשריגן מיט כעס — דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו שפּאַנסט שוין און וועסט פאָרן!

— אָט שוין פאָרן מיר — האָט רויק געענטפערט דער בעל-עגלה. דו ביסט דאָך געזעסן אין וואָגן און געדרימלט, שלאָף נאָך אַ ביסל!

איך בין געוואָרן אַן אָנגעצונדענער און אַ געשריי געטאָן:

— גיב מיר שוין אָפּ מיין געלט! איך פאָר נישט מיט דיר!

— בייזער זיך נישט אַזוי, יונגערמאַן, דו זעסט דאָך, אַלע דאַרפן פאָרן און קיינער איילט זיך נישט אַזוי ווי דו.

— וואָס גייט מיך אָן צו אַנדערע, איך וויל נישט וואַרטן. גיב מיר אָפּ מיין געלט.

— פון בית־הקברות נעמט מען נישט צוריק — האָט געענטפערט דער בעל-עגלה מיט אַ געלעכטער — אין אַ שעה אַרום פאָרן מיר.

— איך וויל נישט וואַרטן.

— וואָס איז, דו פאָרסט צו דיין כלה, וואָס דו איילסט זיך אַזוי? זאָג־זשע מיר ווער זי איז, אפשר קען איך זי.

איך האָב געזען, אַז איך וועל גאָרנישט מאַכן מיטן בעל-עגלה-יונג, האָב איך זיך געוואָלט צוריק אַריינזעצן אין וואָגן, אָבער דער בעל-עגלה האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— בלייב דאָ!

— וואָס ווילסטו נאָך פון מיר? — האָב איך זיך אָנגערופן מיט כעס.

— איך וויל דו זאָלסט דאַווענען צוויי שמונה-עשרהס, ווייל דו ביסט פאַרשלאָפן מנחה.

— גערעכט! גערעכט! — האָט אויסגערופן אַ חסידישער

יונגערמאַן מיט לאַנגע געקרייזלטע פאות — גוט וואָס דו האָסט אים דערמאַנט דאַוועגען. איך וועל הייסן, אַז מען זאָל דיך אויפנעמען פאַר אַ מגיד-מישרים ביי אונז אין שטעטל.

— און איך וועל הייסן דיך אויפנעמען פאַר אַ בעל-עגלה ביי אונזער חברה.

דער גאַנצער עולם האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער און איין בעל-עגלה האָט זיך אָנגערופן:

— לערן אים פריער ווי צו זיין אַ בעל-עגלה! ער ווייסט דאָך נישט ווי אומצוגיין מיט פערד און פאַרשוינען.

דער חסידישער יונגערמאַן איז געוואָרן אַן אָנגעצונדענער און אַ זאָג געטאָן:

— האָב נישט מורא, ירוחם, איך ווייס ווי אומצוגיין מיט אַזעלכע פאַרשוינען — פערד ווי דו, און דערביי האָט ער אַ פייף געגעבן מיטן מויל, ווי מען מאַכט צו אַ פערד.

דער גאַנצער עולם האָט זיך צעלאַכט פון זיין חכמה. דער בעל-עגלה, מאַכנדיק זיך פאַר אַ פערד, האָט דעם יונגער-מאַנטשיק געגעבן אַ בריק מיטן פוס.

עס איז שיער געקומען צו אַ געשלעג צווישןביידע, אָבער פלוצלינג האָט איינער אַ געשריי געטאָן:

— מעריב! און אַ קלאַפּ געטאָן אויפן טיש, אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און גענומען דאַוונען מעריב.

נאָכן דאַוונען האָבן אַלע זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן, מאַנסבילן, ווייבער און מיידלעך, אייניקע מיט קליינע קינדער אויף די הענט און יעדער מיט זיינע פעקלעך. ס'איז געווען אַזוי ענג, אַז מען האָט זיך נישט געקאָנט אַ קער טון. בעת מיר זענען געפאָרן איבערן שטאָט און הינטערן שטאָט זענען צוגעקומען נאָך אַ פּאָר פאַרשוינען, וועלכע האָבן זיך געמוזט זעצן אויף דער קעלניע מיטן בעל-עגלה, אָדער הינטערן וואָגן אויף די דרענגער. טרייסלענדיק זיך איבער די גריבער און בער-גער, און באַקומענדיק אַלע ווייל אַ קלאַפּ פון מיינע שכנים און זיי פון מיר, האָב איך שוין נישט געקאָנט, נישט שלאָפן און נישט פאַרטיפן זיך אין געדאַנקען. מען האָט געמוזט אין זינען האָבן איין זאַך: צו קומען מיט גאַנצע גלידער אויפן אָרט.

לד.

צווישן פחד און האפענונג.

אנגעקומען קיין שבולה, בין איך אריין אין אן אכסניא און דאָרט איבערגענעכטיקט. אויפגעשטאַנען אין דער פרי, האָב איך זיך ריין אָפּגעוואַשן, פאַרקעמט, אָנגעטאָן מיין שבתדיקן בגד און אוועק צום אַלטן בן-צבי. איך האָב געקלערט אים צו זאָגן, אַז כ׳האָב זיך אויסגעלערנט ענגליש און חשבונען און זוך אַ שטעלע, און בעט אים, אַז ער זאָל רעדן מיט זיינע באַקאַנטע סוחרים, אפשר דאַרפן זיי אַ מענטש.

אַריינקומענדיק צו בן-צבי, האָב איך זיך געפרעגט אויף ר׳ משהן. די דינסט האָט געענטפערט, אַז ר׳ משה איז נאָך ביים דאַווענען און אויב איך דאַרף עפּעס אין געשעפט, וועט זי אַריינרופן דער טאָכטער שפרה. איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ און די דינסט איז אַריין אין צווייטן צימער. דאָס האַרץ האָט מיר אַ טיאָכקע געטאָן און די קניען האָבן אָנגעהויבן ציטערן ווי אין אַ פיבער. באַלד האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל שפרה, וועלכע איך האָב קוים דערקענט. פון דעם חנוודיקן קליינעם מיידל, מיט די פולע רויטע בעקלעך, לאַכנדיק

געזיכט און האַסטיקע באַוועגונגען איז געוואָרן אַ הויכע שלאַנקע און רייצנדע פריילן, מיט אַ רויק ערנסט געזיכט, די שוואַרצע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פייער אַזוי ווי פריער, אָבער די באַוועגונגען זענען געווען פול מיט האַרמאָניע, אַזוי ווי איר גאַנצע צויבערלעכע פיגור. איך בין געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט, נישט צו קאָנען אַ וואָרט אַרויסרעדן, אָבער זי איז מיר נעקומען צו הילף און אַ זאָג געטאָן מיט אַ ליבלעכער שטים:

— איר שיינט מיר צו זיין באַקאַנט, אויב איך האָב קיין טעות נישט.

איך בין געוואָרן דרייסטער און צוגייענדיק נענטער, האָב איך געזאָגט:

— איר האָט קיין טעות נישט, פריילן, איר האָט מיך שוין פיל מאָל געזען ביי אייך אין דער שטוב.

— אַזוי, זענט איר עס טאַקע דער ישיבה-בחור! — האָט זי זיך אָפּגערופן מיט אַ פרייד, וועלכע זי האָט זיך נישט באַמיט צו פאַרבאָרגן. באַלד אָבער האָט זי צוגעגעבן: אַנטשולדיקט, וואָס איך רוף אייך ישיבה-בחור; אַזוי האָט מען אייך ביי אונז גערופן און אייער נאָמען געדענק איך נישט.

— רופט מיך מיט אָט דעם נאָמען, וועלכער איז מיר זייער אנגענעם, ווייל ער דערמאָנט מיך אין די פאַרגאַנגענע טעג, וואָס איך האָב דאָ פאַרבראַכט — האָב איך אויסגערופן מיט געפיל.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, רויט געוואָרן און געזאָגט:

— אָבער אויך טרויעריקע טעג.

— יאָ, אויך טרויעריגע טעג, אָבער צו וואָס געדענקען די טרויעריגע טעג, ווען זיי זענען שוין אַריבער.

— איר האָט רעכט, גלייכער, אַז מען פאַרגעסט זיי -- האָט זי געזאָגט מיט אַ לייכטן זיפץ.

— האָט איר אויך געהאַט צרות?

— וועלכער מענטש האָט עס נישט? אָבער איר האָט מיר געגעבן אַ גוטע לערע און איך וועל זיי נישט געדענקען.

— ווען איך וואָלט מיין גאַנץ לעבן געהאַט נאָר צרות און לייד וואָלט איך זיי אויך פאַרגעסן אין אָט דעם מאָמענט ווען...—

האָב איך געזאָגט מיט באַגייסטערונג, האָב זיך אָבער צוריקגעהאַלטן, זעענדיק ווי זי איז נאָך מער רויט געוואָרן. אַ קורצע ווייל זענען מיר ביידע שטיל געבליבן, דערנאָך האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— זעצט אייך און דערציילט, וואו איר זענט געווען די גאַנצע צייט. יאָ, שוין פיר יאָר זייט איר האָט פאַרלאָזט אונזער שטאָט, נישט וואָר?

— זייט איך האָב פאַרלאָזט שבולה, איז שוין דריי יאָר, אָבער נאָך אַ פּאָר חדשים פריער האָב איך אייך שוין נישט געזען... נישט געווען דאָ אין שטוב, האָב איך פאַרבעסערט מיינע רייד.

— ווי הייסט איר? זאָגט מיר, וועל איך אייך רופן ביים נאָמען.

— איך הייס ראובן — האָב איך געענטפערט און באַלד חרטה געהאַט, וואָס כ׳האָב איר, די אויסגעוויילטע פון מיין האַרץ, געזאָגט אַ ליגן. אָבער ס׳איז געווען פאַרפאַלן און כ׳האָב נישט געקאָנט צוריקכאַפּן.

— דערציילט מיר, ראובן, ווי איר האָט געלעבט די גאַנצע צייט. געוויס האָט איר אַ סך געלערנט און געוואָרן אַ גרויסער למדן?

— פרעגט מיך נישט, איך האָב אַלץ פערגעסן וואָס מיט מיר איז געשען.

— האָט איר אַ פּנים געהאַט אַ סך צרות, הגם מען דערקענט עס נישט אָן אייך! איר זעט אויס זייער גוט.

איך האָב מיך געפרייט מיטן קאָמפּלימענט און אַנטשוויגן געוואָרן.

— ווי לאַנג רעכנט איר דאָ צו בלייבן? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— איך ווייס אַליין נישט — האָב איך געענטפערט מיט אַ קרעכץ, נישט ווויסנדיק אַליין וואָס איך קרעכץ.

— שפרה! — האָט זיך געהערט אַ רוף פון אַנדערן צימער.

— וואַרט אַ ווייל, איך קום באַלד צוריק. די מוטער רופט מיך, זי ליגט קראַנק.

זי איז אַ ויס, און צערוקקומענדיק אין אַ ווייל אַרום, האָט זי געזאָגט:

— צרות פאַרגעסן זיך, ווען זיי גייען אַריבער, אָבער אַמאָל זעצן זיי זיך אָן און ווילן באַין אופן נישט אָפּטרעטן. מיט אַזעלכע צרות איז אונזער פאַמיליע באַשטראָפט געוואָרן... און ס'איז אפילו נישטאָ פאַר וועמען דאָס האַרץ אויסצורעדן. דער ווייטיק איז אַ טאָפּעלער... דער זיידע האַלט מיך נאָך איצט פאַר אַ קינד, און קיין חברטעס האָב איך נישט. פיל מאָל האָב איך מיך דערמאָנט אָן אייך; מיט אייך בין איך געווען צוגעוווינט און האָב אייך באַטראַכט פאַר אַ ברודער...

— אויב איך בין ווערט געווען ביי אייך צו באַטראַכטן מיך פאַר אַ ברודער, באַטראַכט-זשע מיך, פריילן, אויך איצט פאַר אַ ברודער, וואָס איז גרייט זיין לעבן אָפּצוגעבן, כדי אייך גרינגער צו מאַכן די לאַסט פון אייערע צרות — האָב איך אויסגערופן מיט געפיל, אָנכאַפּנדיק איר האַנט און דריקנדיק זי מיט מיין האַנט, וואָס האָט געברענט ווי אַ פייער.

זי איז אויפגעשטאַנען און פאַמעלעך אַרויסגעצויגן איר האַנט פון מיינער. אין אירע אויגן האָבן געפינקלט טרערן. אינמיטן האָבן זיך געהערט טריט הינטער דער טיר. זי האָט געשווינד אויסגעווישט די אויגן, זאָגנדיק: דער זיידע גייט!

דער אַלטער איז אַריין אין צימער. דאָס געזיכט ביי אים איז געווען שטאַרק געקנייטשט און געעלטערט. דער רוקן איינגעבויגן און די הענט האָבן געציטערט. באַמערקנדיק מיך, האָט ער געפרעגט ווער איך בין.

— דו דערקענסט אים נישט, זיידע? — האָט זיך אָפּגערופן שפרה—דאָס איז דאָך דער בחור, וואָס האָט ביי אונז געגעסן!

— אַ, דער ישיבה-בחור? פון וואַנען קומסטו, מיין קינד? — האָט געזאָגט דער אַלטער בן-צבי, אויסשטרעקנדיק מיר די האַנט. איך האָב געענטפערט אויף אַלע זיינע פראַגן, און ער האָט מיך פאַרבעטן צו מיטאָג.

בעתן מיטאָג האָט דער אַלטער גערעדט מיט מיר וועגן

פאַרשידענע זאַכן. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב דיך נישט דערקענט. און ווי האָב איך דיך געקאָנט דערקענען. דו ביסט קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן אַ שיינער געזונטער יונגערמאַן, האָסטו שוין אפשר חתונה געהאַט?

איך האָב באַמערקט, אַז שפרה איז בלאַס געוואָרן און דער לעפל אין איר האַנט האָט אַ ציטער געטאָן. ווי נישט ווי־לנדיק האָט זי געוואָרפן אויף מיר אַ בליק, וואַרטנדיק אַן ענטפער אויף איר זיידנס פראַגע. אַ גרויסע פרייד האָט אָנגעע־פילט מיין האַרץ און איך האָב אַ זאָג געטאָן מיט טריומף:

— ניין, ר׳ משה, איך האָב נאָך נישט חתונה געהאַט, ווייל דער גורל האָט מיך געיאָגט און געפלאָגט פון אָרט צו אָרט, אָבער איצט טראַכט איך וועגן אַ תכלית.

— און וואָס רעכנסטו צו טון?—האָט מיך געפרעגט דער אַלטער.

איך האָב אים דערציילט, אַז איך קען שפראַכן און בוכ־האַלטעריע און וואָלט וועלן, אַז ער זאָל מיר רעקאָמענדירן אַ שטעלע ביי איינעם פון זיינע באַקאַנטע סוחרים.

נאָך אַ קורצן נאָכדענקען האָט דער אַלטער בן־צבי זיך אָנגערופן:

— איך האָב פאַר דיר אַ פּלאַן, מיין קינד. איך בין אַלט און שוואַך און מיין גאַנץ געשעפט ליגט איצט אויף מיין איי־ניקל, אויף שפרהן. אויב דו ווילסט, וועל איך דיך אַריינגעמען צו מיר אין געשעפט. דו וועסט זיין דער קאָרעספּאָנדענט און דער פאַרקויפער און איך און מיין טאָכטער וועלן דיר בייהיל־פיק זיין. אויב דו ביסט איינשטימיק, זאָג וואָס פאַר אַ געהאַלט דו פאַרלאַנגסט. איך האָב געאַרבעט ביז אַהער איבער די כחות און קאָן שוין מער נישט.

ווען איך וואָלט געזוכט ביי בן־צבי נישט מער, ווי פרנסה וואָלט איך אויך נישט געדאַרפט האָבן קיין בעסערע שטעלע און קיין בעסערע מענטשן ווי ביי אים. מיך האָט אויך אָנגענו־מען אַ רחמנות אויפן אַלטן, וועלכער איז געוואָרן אַזוי אָפּגע־שוואַכט און געעלטערט זינט איך האָב אים דאָס לעצטע מאָל

געזען, און האָב געענטפערט:

— איך דאַנק אייך האַרציק פאַר אייער פאָרשלאַג און נעם אים אָן מיט פרייד. איך וועל אייך דינען געטריי מיט אַלע כּוחות, און וועגן געהאַלט פאַרלאָז איך זיך אינגאַנצן אויף אייך.

שפרה איז געווען אַנטציקט פון מיין ענטפער און דאָס איז פאַר מיר געווען דער בעסטער סימן, אַז זי האָט מיך ליב. איך בין געווען איבערגליקלעך און פיל מוט האָפענונג.

נאָכדעם ווי איך האָב זיך נענטער באַקענט מיט בן־צביס געשעפט — האַנדל מיט איידל־שטיינער — האָט מיר דער אַלטער איבערגעגעבן די ביכער און דעם שליסל פון קאַסע, פאַרלאָזנדיק זיך אינגאַנצן אויף מיר. ער איז מייניסטנס געזעסן אין זיין חדר און געלערנט. שפרה האָט מיר צוגעהאָלפן אין געשעפט און אָפטמאָל איז זי געזעסן לעבן דער קראַנקער מוטער וועלכע האָט נישט פאַרלאָזן דאָס בעט. איינמאָל האָט שפרה מיר געזאָגט, אַז זי וויל ביי מיר לערנען ענגליש. פון דעמאָלט אָן זענען מיר געזעסן שעהן־ווייז באַזאַמען און פאַרבראַכט אין לערנען און מער אין שמועסן. אַ קוואַל פון געדאַנקען האָט זיך ביי מיר געעפנט און עס האָט קיינמאָל נישט געפעלט קיין שטאָף צו רעדן, אָבער וויפל מאָל איך האָב געוואָלט אַרויפפירן דעם שמועס אויף אונזער ליבע, אין וועלכער איך האָב נישט געצווייפלט, האָט זי זיך אַלץ אויסגעדרייט און גענומען רעדן וועגן עפעס אַנדערש. איינמאָל האָב איך מער נישט געקאָנט זיך באַהערשן, און אָנכאַפנדיק זי ביי דער האַנט, האָב איך אַ זאָג געטאָן מיט היץ:

— טייערע שפּוה, צי ווייסט איר, אַז איך בין געקומען אַהער נאָר צוליב אייך? צי ווייסט איר, אַז איך טראַכט וועגן אייך אי ביי טאָג, אי ביינאַכט? צי ווייסט איר, אַז איר זענט מיין איינציק גליק, מיין איינציקע פרייד אין דער וועלט און אַז אָן אייך איז מיין לעבן קיין לעבן נישט? זאָגט אַ וואָרט וועל איך וויסן, צי איך בין דער אומגליקלעכסטער אָדער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט.

שפרה האָט נישט געענטפערט, נאָר פּאַמעלעך אַרויסגע־צויגן איר האַנט פון מיינער.

דאָס בלוט האָט זיך צעקאָכט אין מיר, דער ספק האָט זיך פאַרגנבעט אין האַרצן און איך האָב אויסגערופן מיט אַ געבעט־שטים:

— זאָגט מיר, מיין קרוין, אַ וואָרט און הייבט מיך אויף אין זיבעטן הימל, אָדער שליידערט מיך אַראָפּ אין שאול־תחתית! זאָגט מיר אַ וואָרט, ווייל איך וויסן צי איך דאַרף לעבן אָדער שטאַרבן!

שפרה האָט אויפגעהויבן צו מיר אירע פינקלדיקע אויגן און אַ זאָג געטאָן שטילערהייט:

— רעדט נישט אַזעלכע שרעקלעכע רייד...

— איר שרעקט זיך פאַר מיינע רייד?... אָט איצט ווייס איך, אַז איך בין אַן אומגליקלעכער!...

אין שפרהס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן, וועלכע האָבן זיך אַ קייקל געטאָן און געבליבן זיצן אויף אירע צעבּרענטע בעקלעך, ווי די טוי־טראָפּן צווישן די בלום־בלעטלעך.

— ווער זאָגט עס אייך, אַז איך שרעק מיך פאַר אייערע רייד? פאַרקערט, מיר איז תמיד אָנגענעם אייך צו הערן, אָבער איצט רעדט איר אַזוינס, וואָס פאַר אַ יידישער טאָכטער פּאַסט נישט צו הערן.

איך האָב געוואָלט וויסן זקלאָר מיין פסק־דין, און נישט לאָזנדיק זיך אַראָפּפירן פון וועג, האָב איך געזאָגט:

— ס׳פּאַסט נישט פאַר אַ יידישער טאָכטער אַזוינס צו הערן? און אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט דער באַשעפער אונז אַריינגעגעבן אַ ליבע־געפיל? צי דאַרפן מיר דאָס ליבע־געפיל דערשטיקן אין זיך, אָדער רעדן אַזוינס, וואָס מיר פילן נישט? —

— מיר דאַרפן נישט רעדן אַזוינס וואָס מיר פילן נישט, אָבער אויך נישט אַלץ, וואָס מיר פילן.

— אָבער איך קאָן קיין רו נישט געפינען, כל־זמן איך האָב פון אייך נישט געהערט מיין אורטייל.

— איך בעט אייך, ראובן, טוט מיר נישט אָן אומזיסט

עגמת-נפש! — האָט שפרה אויסגערופן מיט געבעט און איז געשווינד אַרויס פון צימער.

איך בין געבליבן זיצן אַ דערשלאָגענער און הגם איך האָב געפרווט פאַרענטפערן איר צוריקגעצויגנקייט דורך איר איינגעבוירענער באַשיידנקייט און שעמעוודיקייט, האָב איך דאָך נישט געגלייבט, אַז פון מיינע האָפענונגען זאָל עפּעס אַרויסקומען.

לה.

אַ פונק האָפענונג.

זינט איך בין געקומען קיין שבולה בין איך כמעט פון שטוב נישט אַרויסגעגאַנגען און קיינעם נישט געוואָלט זען, כדי מען זאָל מיך נישט דערקענען. איינמאָל האָב איך געטראָפן אין גאַס מאיר זרחי און, הגם ער האָט מיך נישט דערקאַנט, האָב איך דאָך באַשלאָסן צו פאַרפירן אַ שמועס מיט אים, אפשר וועל איך עפּעס הערן פון אים וועגן גדעונען.

איך האָב אים באַגריסט און געזאָגט ווער איך בין.

ביסטו עס דער בחור, וואָס האָט ביי מיר געגעסן, יוסף, דוכט זיך?

— איך בעט אייך רופט מיך ראובן, ווייל זייט איך בין באַפרייט געוואָרן, האָב איך אַן אַנדער פּאַס און הייס ראובן.

איך האָב מאירן דערציילט, אַז איך אַרבעט ביי בן-צבי אַלס בוכפירער און קאָרעספּאָדענט און האָב אים געפרעגט, צי ער האָט עפּעס ידיעות פון גדעונען.

— גדעון — האָט ער מיר געענטפערט — איז געווען אַ יאָר אין אשדות און דערנאָך איז ער אַוועק געפאָרן קיין דייטשלאַנד, וואו ער איז איצט אַ סטודענט אין אוניווערזיטעט.

צומאָרגנס האָב איך געמאַכט אַ באַזוך ביי מאיר זרחי אין שטוב. זרחי איז נישט געווען אין דער היים, און זיין פרוי דערהערענדיק פון מיר, אַז איך אַרבעט ביי בן־צבי, האָט מיר גענומען דערציילן וועגן די גרויסע צרות וואָס בן־צבי און זיין פאַמיליע האָבן לעצטנס איבערגעלעבט; זיין טאָכטער ליגט צו בעט שוין אַ גאַנץ יאָר, דער איידעם איז געשטאָרבן, און זייערע קינדער — איז איין בחור אַוועק און מען ווייסט נישט וואו ער איז אַהינגעקומען, און דער אַנדערער איז פאַרשיקט פאַר אַ גרויסן פאַרברעך. די טאָכטער ווידער, וועלכע איז זייער אַן איידעלע און פיינע, איז שוין איבער אַכצן יאָר און קאָן קיין שידוך נישט טון איבער אירע ברידער, וועלכע האָבן באַפלעקט די גאַנצע משפחה; קיין שום בעל־הבתישער מענטש וועט נישט וועלן האָבן פאַר אַ שנור שפרהן, וועלכע האָט איין ברודער אַ קאָטאָרזשניק און דער אַנדערער — ווייסט מען נישט וואו ער איז פאַרפאַלן געוואָרן. אַזוי לייט נעבעך די אומשולדיקע שפרה איבער די זינד פון אירע ברידער...

מיר איז איינגעפאַלן, אַז שפרה איז אַזוי איינגעהאַלטן איבער דעם, ווייל זי וויל מיך נישט פאַרפירן, און דאָס האָט מיך נאַטירלעך געפרייט.

אין אָוונט האָב איך ווידער געהאַט די געלעגנהייט צו זיין אַליין מיט שפרהן.

— שפרה! — האָב איך געזאָגט — איך מוז ביי אייך בעטן פאַרצייונג! איך האָב געהאַט די העזה צו ערקלערן זיך אין ליבע אַ פערזאָן, וואָס שטייט העכער פאַר מיר לויט שטאַנד און פאַרמעגן און איר האָט פולקאָם רעכט צו זיין ברוגז אויף מיר. דאָס איז מיר קלאָר געוואָרן נאָך דעם ווי מיינע געפילן האָבן זיך איינגעשטילט און בין געוואָרן פעיק זיך צו באַקלערן. אָבער בעת איך האָב מיט אייך גערעדט — גלויבט מיר — בין איך געווען ווי אַ שכור און אַליין נישט געוואוסט וואָס איך רעד. די ליבע האָט אין מיר אָנגעצונדן אַ העליש פייער און מיך געטריבן צו רעדן קעגן מיין אייגענעם ווילן. איך בין אפילו אויך איצט נישט ביי מיר אין האַנט, און ווער ווייס, אויב זי וועט

מיך ווידער נישט טרייבן צו טון עפּעס קעגן אייער ווילן, און דערום האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אייער הויז און צו וואַנדערן ווייטער, כדי איך נישט ווי-צו-טון מיט אומפּאַר־זיכטיקע רייד...

שפרה האָט געשוויגן אַ וויל, און דערנאָך, פאַרשטע־לנדיק דאָס געזיכט מיט די הענט, האָט זי געשעפּטשעט מיט אַ געוויין:

— פאַרלאָזט אונז נישט.

— זענט איר אַלזוי נישט בייז אויף מיר פאַר מיינע ליבע־רייד?

— איך בין נישט בייז – האָט זי געענטפערט שטיל.

— און איר ווילט, איך זאָל דאָ ווייטער בלייבן?

— איך האָב דאָך אייך געבעטן.

— און אפשר טוט איר עס אויס רחמנות, אויס מורא איך זאָל נישט ווערן פאַרצווייפלט. אויב אַזוי איז גלייכער מיר זאָלן זיך שוין צעשיידן און איך זאָל אייך נישט זיין מער צו-לאַסט.

— אָבער מיין גאָט! – האָט זי אויסגערופן מיט אַ גע־בעט — וואָס זאָל איך אייך נאָך זאָגן? איך בעט אייך נאָך אַ מאָל אונז נישט צו פאַרלאָזן.

— זענען אַלזוי מיינע ליבע-ווערטער אייך נישט דערווידער, און אויב איך וועל ווידער אַזוי רעדן וועט איר נישט זיין ברוגז? זאָגט, איך בעט אייך, אַ וואָרט, וועל איך זיין דער גליקלעכסטער אין דער וועלט.

זי האָט געשוויגן אַ וויל און דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— איך קאָן נישט רעדן, איר דאַרפט מיך פאַרשטיין.

— האָסטו מיך אַזוי ליב ווי איך האָב דיך ליב? – האָב איך אויסגערופן מיט באַגייסטערונג אַנכאַפּנדיק איר האַנט און צודריקנדיק זי צו מיינע ברענענדיקע ליפּן. זי האָט די האַנט נישט אַרויסגענומען און אויך, ווען איך האָב זי צוגעצויגן צו זיך און שטאַרק אַרומגענומען, האָט זי זיך נישט געווערט און געשטאַנען אַזוי איינגעשלאָסן צווישן מיינע ביידע אָרעמס און

געשוויגן. אָבער ווען איך האָב אויפגעדריקט אַ קוש אויף איר שטערן, האָט זי ווי אויפגעוואַכט פון שלאָף און אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט געבעט, ווי אַ מענטש, וועלכער איז נישט אימ-שטאַנד מער צו קעמפן.

דאַן האָב איך זיך איבערצייגט, ווי גרויס איר ליבע איז צו מיר; מיין ליבע-קוש איז געווען אַ גרויסע זינד אין אירע אויגן, און דאָך האָט איר דאָס האַרץ נישט געלאָזט זיך ווערן. איך האָב זי אַרויסגעלאָזט פון מיין אומאָרמונג, זאָגנדיק:

— מיין טייערע, עס איז נישט קיין זינד. מיר זענען שוין ווי חתן-כלה. איך ווייס, דער זיידע האָט דיך ליב און וועט איינשטימען אויף אונזער שידוך, און דאַן וועלן מיר זיין די גליקלעכסטע אין דער וועלט, דאַן וועל איך קענען דיך פריי אומאָרמען און קושן.

אויב גאָטס ווילן וועט אַזוי זיין — האָט זי געזאָגט, אויפ-הייבנדיק די אויגן צום הימל.

— דו וועסט זאָגן דערפון דיין זיידן?

— וואָס רעדסטו? איך וועל זיך שעמען.

— וועל איך אים אַליין זאָגן.

— און דו וועסט זיך נישט שעמען, ראובן?

— ווער דען-זשע וועט אים זאָגן, אויב נישט איך אָדער דו?

— אויב גאָט וויל, וועט זיך שוין געפינען דער גוטער שליח.

— און אויב נישט, וועל איך זיין דער גוטער שליח — האָב איך אויסגערופן מיט גרויס פרייד.

נאָך אונזער דאָזיקן געשפרעך בין איך געוואָרן ווי אַ נייער מענטש, איך האָב מיטאַמאָל באַקומען אַ קראַפט און מוט, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געפילט אין מיר. די גאַנצע וועלט אַרום מיר האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען: די זון איז געווען ליכטיקער, דער הימל העלער און די לופט פרישער, אַלץ איז געווען איינגעהילט אין אַ קלייד פון ליבע און פרייד... אויך שפרה האָט אויסגעזען פריילעכער, לעבעדיקער און שענער. זי האָט געאַרבעט אין געשעפט און פאַרבראַכט מיט מיר שעהן-ווייז, אָבער אָנרירן זיך אָן איר, און ווער שמועסט אַ קוש טאָן, —

האָט זי אַלץ נישט געלאָזט. דאָס איז געווען אַ פאַרבאָטענע זאַך, אַזוי ווי דער עץ-הדעת פאַר אדם און חוהן.

זומער-צייט אַרום שבועות איז שפרהס מוטער געוואָרן בע־סער, און זי האָט געקענט אַרויסגיין פון בעט און זיצן אינאיי־נעם מיט אַלע אין עס-צימער.

ווען איך בין צוגעגאַנגען צו איר און זי געוואָלט באַגריסן, האָט זי אַ ציטער געטאָן און געפרעגט ווי אין שרעק:

— ווער איז דאָס?

— דאָס איז דאָך ראובן! — האָט געענטפערט שפרה, — וואָס האָסטו זיך דערשראָקן?

— ראובן? ראובן? — האָט געזאָגט די פרוי — פון וואָס פאַר אַ שטאָט?

— פון אשדות.

— פון אשדות? — האָט נאָכגעזאָגט שפרהס מוטער — איך ווייס נישט, פאַרוואָס איך האָב זיך דערשראָקן פאַר אים.

שפרהס מוטער איז מיר געווען באַקאַנט אָן געזיכט, אָבער איך האָב באַין אופן נישט געקאָנט זיך דערמאַנען, וואו איך האָב זי געזען. זי איז מיר אַפילו שטאַרק נישט געפעלן, אָבער געדענ־קענדיק, אַז זי איז שפרהס מוטער, בין איך געווען צו איר זייער העפלעך. זי איז אויך געווען צו מיר גוט און געזאָגט אָפן, אַז איך געפעל איר.

אינמיטן איז אַריינגעקומען דער דאָקטאָר, וועלכער איז גע־ווען אַן אָפטער גאַסט ביי בן-צבי אין שטוב. ער האָט זי געפונען פיל בעסער, אָבער ער האָט געראַטן, אַז זי זאָל פאָרן אויפן זומער קיין העלגאָלאַנד, וועט זי אינגאַנצן געזונט ווערן.

די אינזל העלגאָלאַנד איז אונז נישט געווען באַקאַנט, האָבן מיר זיך דערום אויסגעפרעגט וואו עס ליגט, וואו-אַרום מען פאָרט אַהין און אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך מען רעדט דאָרט.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די אומגאַנגס-שפּראַך איז דאָרט ענגליש, און מחמת איך קען ענגליש, איז געבליבן, אַז באַלד נאָך שבועות זאָל די קראַנקע מיט שפרהן און מיר פאָרן קיין העלגאָלאַנד.

פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן נאָך מער חשוב ביי־ שפרהס מוטער, זי האָט מיט מיר לאַנג פאַרבראַכט און ערלויבט דער טאָכטער צו זיצן מיט מיר יעדן טאָג און לערנען ענגליש. שפרה האָט אָבער קיין ערפאָלג נישט געמאַכט אין לערנען, ווייל איך האָב מיט איר מער גערעדט וועגן אונזער ליבע ווי וועגן לערנען. איך האָב איר אַלעמאָל געהייסן זאָגן דאָס צייטוואָרט „ליבן״: „איך ליב דיך, דו ליבסט מיך״, און זי האָט זיך גע־ רויטלט און נישט געוואָלט זאָגן.

לז.

דאָס באַגעגעניש.

באַלד נאָך שבועות זענען מיר זאַלבעדריט אָפּגעפאָרן קיין פּעטערבורג, פון וואַנען מען פאָרט מיט אַ שיף קיין העלגאָלאַנד. אין פּעטערבורג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע טעג, ווייל די קראַנקע האָט זיך געוואָלט באַראַטן מיט די דאָרטיקע פּראָפעסאָרן און איך און שפרה האָבן מיר געוואָלט באַטראַכטן די הויפּט־שטאָט, וועלכע האָט אויף אונז געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק מיט אירע פּאַלאַצן, בריקן, קאַנאַלן, גערטנער, פאַרגילדעטע קירכן־קופּאָלן, פּראַכטפולע גאַסן און רייכע וויסטאַוועס. איינמאָל, בעת מיר זענען פאַרבייגעפאָרן די קייזערליכע בריק, זענען צוגעגאַנגען צו אונז עטלעכע אַרעסטאַנטן-קאַטאָרזשניקעס, וועלכע האָבן געגראָבן אַ קאַנאַל לעבן בריק און געבעטן אַ נדבה. דער איזוואָשטשיק האָט נישט געהייסן געבן, ווייל זיי זענען אַלע שכורים און וועלן דאָס געלט פאַרטרינקען, אָבער איך האָב אַרויסגענומען דאָס בייטעלע און זיי געוואָלט עפּעס שענקען. דערווייל זענען צוגעקומען נאָך אַפּאָר אַרעסטאַנטן מיט קייטן אויף די פיס, דערונטער אַ יונגערמאַן מיט אַן אינטעליגענט

געזיכט, וועלכער האָט שטאַרק אָנגעקוקט שפרהן און איר מוטער. ווען שפרהס מוטער האָט דערזען דעם אַרעסטאַנט, האָט זי געמאַכט אַ שרעקלעכן אויסגעשריי „אוי" און איז געפאַלן אין חלשות. אויך שפרה איז געוואָרן בלאַס ווי קאַלך, און פאַרשטעלט דאָס געזיכט מיט אירע הענט. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און מיינענדיק, אַז די קראַנקע האָט זיך דערשראָקן פאַר די אַרעסטאַנטן, האָב איך זי גענומען מונטערן. אַן עולם מענטשן האָט אונז באַלד אַרומגערינגלט, מען האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט אָפּגעמונטערט די קראַנקע און זי באַגלייט אַהיים.

דאָס אויסזען פון די קאַטאָרזשניקעס, וואָס אַ האַלבע באָרד איז געווען ביי זיי אָפּגעגאָלט, די פאַרשוואַרצטע פנימער, די לאַטעס אויף די גראָבע שמוציקע קליידער, די קייטן, וואָס האָבן געקלונגען ביי זייער יעדער באַוועגונג, און די זעלנער-וואַך, וואָס איז נישט אָפּגעטרעטן אַ טריט פון זיי — דאָס אַלץ איז געווען גענוג צו איבערראַשן און איבערשרעקן אַפילו אַ געזונטן מענטשן, און מכל-שכן אַזאַ נפש ווי שפרהס מוטער. איך האָב זיך דערום נישט געוואונדערט אויף דער פאָרגעקומענער שרעק און חלשות, און נישט געמאַכט דערפון קיין שאלה.

שפרהס מוטער האָט זיך אָבער נישט באַלד ערהאָלט פון איר שרעק. דריי טעג איז זי געלעגן אין בעט אַ באַוואוסטלאָזע און געשוועבט צווישן לעבן און טויט. שפרה האָט געוויינט אַ גאַנצן טאָג, נישט געגעסן, נישט געטרונקען און נישט געוואָלט הערן מיינע טרייסט-ווערטער. איך האָב געמיינט, אַז זי איז אַזוי פאַרדאגהט איבער דער מוטער. אויפן פערטן טאָג איז דער קראַנקער געוואָרן בעסער און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז מיר קענען זיין רויק: די קראַנקע וועט אין אַ פּאָר טעג געזונט ווערן. איך האָב געמיינט, אַז שפרה וועט זיך איצט באַרויקן און אויפהערן קלאָגן, אָבער עס האָט זיך נישט אָנגעהויבן, זי האָט ווייטער געוויינט און געקלאָגט און נישט געוואָלט אָננעמען קיין טרייסט האָב איך איר דאַן געזאָגט:

— איך פאַרשטיי דיך נישט, טייערע, דער מאַמען ווערט דאָך

בעסער, וואָס־זשע ביסטו ווייטער אַזוי פאַרצאָגט און פאַרקלאָגט? דו ווערסט דאָך נאָך חלילה קראַנק ווערן דערפון?

— איך האָב געווגוג אויף וואָס צו וויינען — האָט שפרה געענטפערט, אויסברעכנדיק אין אַ שרעקלעכן יאָמער — אונז איז געשען אַן אומגליק, וואָס איז ערגער ווי קראַנקהייט, ווי טויט.

איך בין אָנגעשטאַנען אויף איר, אַז זי זאָל מיר אַלץ דערציילן און אַזוי-אַרום פאַרלייכטערן איר שווער געמיט.

שפרה האָט מיר דערציילט, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, אַז אַ גאַנצע ריי אומגליקן איז געקומען אויף זייער פאַמיליע. איר פאָטער איז געשטאָרבן פון אַ גייסטיקער קראַנקהייט; זי האָט געהאַט צוויי ברידער, וואָס איינעם פון זיי, דעם עלטערן, האָט זי ליב געהאַט ווי דאָס לעבן — איז ער אַוועק פון דער היים און מען ווייסט נישט וואו ער איז אַהינגעקומען. זייערע שונאים זאָגן, אַז ער האָט זיך געשמדט; זי איז אָבער איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ ליגן. ער איז געווען אַ פיינער איידעלער בחור, נאָר די שנאה צו דער מוטער האָט אים פון דער היים פאַרטריבן, און ווער ווייסט וואָס מיט אים איז געשען. דער יונגערער ברודער איז פון קינדווייז אויף געווען אַ שלעכטער ווילדער יונג. די מאַמע האָט אים פאַרצערטלט, אַלץ נאָכגעגעבן, און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט גנבים און מערדער און אַליין געוואָרן גלייך צו זיי. „אָט דער אַרעסטאַנט, וואָס האָט אונז אָנגעקוקט, איז — מיין ברודער!" — האָט זי אויסגערופן מיט געוויין און געפאַלן אָן כוחות אויף דער שטול.

הגם איך האָב שוין געהערט דערפון פון מאיר זרחיס פרוי, בין איך דאָך געוואָרן אַ צעקאָכטער, הערנדיק עס פון איר מויל: דער פאָטער איז משוגע געוואָרן, איין ברודער איז פאַרפאַלן געוואָרן, דער אַנדערער איז אַ קאַטאָרזשניק — דאָס אַלץ האָט אויפגעוועקט אין מיר שרעקלעכע געדאַנקען; מיר האָט געדוכט, אַז דערמיט בין איך נאָך נישט פאַרטיק, אַז איך וועל הערן נאָך עפּעס שרעקלעכס. ווען שפרה האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, האָב איך זי אַ פרעג געטאָן:

— וואו האָט דיין פאָטער געוואוינט?

— אין עזובה.

ווי אַ פֿאַרבאָרגענע האַנט האָט מיר געשטיקט דעם האַלז, אַז איך האָב קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. דערנאָך האָב איך מיך געשטאַרקט און ווייטער אַ פֿרעג געטאָן:

— און ווי האָט דיין פֿאָטער געהייסן?

— אחירע.

שפֿרהס ענטפֿער האָט מיך צעשמעטערט ווי אַ דונער-שלאָג. אַ שוידער האָט דורכגענומען אַלע מיינע גלידער, די פּיס האָבן מיר זיך געטרייסלט. אחירע? — האָב איך איר נאָכגעשטאַמלט, ווי איך וואָלט נישט גלייבן מיינע אויערן. שפֿרהס עלטערן זענען אַלזוי מיין לייבלעכער פֿעטער און מומע! און אָט מיט דער אַלטער מרשעת, וואָס האָט פֿאַראומגליקט מיין פֿאָטער און מוטער און האָט מיך אַליין געוואָלט ערמאָרדן, וואוין איך אונטער איין דאַך און באַגלייט זי אויף איר רייזע, און אין איר טאָכטער בין איך פֿאַרליבט! מיינע געפֿילן האָבן געשטורעמט, געקאָכט ווי אין אַ קעסל: צאָרן, האַס, שאָדן-פֿרייד האָבן זיך אויסגעמישט, אַז איך בין געווען ווי צעמישט. איך האָב זיך נישט אומגעקוקט מער אויף שפֿרהן, נישט געהערט אירע קלאָג-רייד און נישט געזען אירע טרערן. עפּעס ווי אַ שטורעם האָט פֿאַרטריבן פֿון מיין האַרץ יעדעס געפֿיל פֿון ליבע און רחמנות. שפֿרה האָט אויך נישט געקוקט אויף מיר און נישט באַמערקט מיין פֿאַרלעגנהייט; זי איז געווען פֿאַרטיפֿט אין אירע טרויעריקע געדאַנקען. אומבאַמערקט בין איך אַרויס אין דרויסן און געלאָפֿן ווי אַ משוגענער איבער די גאַסן, אַנידערגעזעצט זיך אין גאָרטן, און דערנאָך ווייטער געלאָפֿן. דאָס אַלץ איז געשען באַוואוסטלאָז. אָבער אין אַ פּאָר שעה אַרום האָב איך זיך באַרויקט, און צו מיין פֿאַרוואונדערונג געזען, אַז טרערן קייקלען זיך איבער מיינע באַקן.

די גאַנצע צייט איז מיין קאָפּ געווען פּוסט, איך האָב נישט געהאַט נישט קיין טרויעריקע, נישט קיין פֿריילעכע געדאַנקען. איך האָב געקוקט אויף די הערלעכע גרינע ביימער, אויף די שפּרינגענדע פֿייגעלעך און נישט געוואוסט וואָס איך זע. אָבער ווען איך בין אויפֿגעשטאַנען און געוואָלט אַהיימגיין, האָב איך

זיך דערמאָנט אין אַלע היינטיקע איבערלעבענישן. זאָל איך גיין אַהיים זיין צוזאַמען מיט דער מרשעת, וואָס האָט מיינע על-טערן אומגעבראַכט און מיך געוואָלט אומברענגען?... ניין, ניין, צו איר גיי איך נישט! אָבער ווי פאַרלאָזט מען שפרהן?... זי איז דאָך אַ טאָכטער פון דער מרשעת! ווי קאָן איך זי ליב האָבן? ווי קאָן איך מיט איר חתונה האָבן? די נשמות פון מיינע עלטערן וועלן קומען מיך פייניקן!... אָבער זי איז דאָך נישט שולדיק אין די חטאים פון אירע עלטערן און פאַרוואָס זאָל זי ליידן? זי האָט דאָך מיך ליב, טרויסט מיר, און ווי קאָן איך זי פאַרראַטן!... אָבער זי איז דאָך דער מאַמעס טאָכטער און דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון בוים! זי האָט מיך גאָרנישט ליב און איך טאָר זי אויך נישט ליב האָבן! — האָב איך אויסגערופן אויפן קול, גלייך איך וואָלט מיך קריגן מיט איינעם, וואָס וויל מיך צווינגען, אַז איך זאָל זי ליב האָבן.

די געדאַנקען און באַשלוסן האָבן זיך געביטן אַלע ווייל אין קאָפּ, און הגם איך האָב איינמאָל, צוויימאָל און דריימאָל פעסט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאַרלאָזן פּעטערבורג און אַנטלויפן, וואו די אויגן וועלן מיך טראָגן, האָב איך דאָך נישט געקאָנט פועלן ביי מיר עס צו טאָן. און נישט מיין ליבע צו שפרהן האָט מיך אָפּגעהאַלטן דערפון; מיין ליבע איז סיי-ווי געוואָרן אַלעמאָל וויניקער זינט איך בין געוואויר געוואָרן, ווער אירע עלטערן זענען און אַ דאַנק איר איינגעהאַלטנקייט און קאַרגשאַפט אין ליבעס-באַווייזן; אָפּגעהאַלטן דערפון האָט מיך אייגנטלעך מיין ווילנשוואַכקייט און אומבאַהאָלפנקייט. און כדי זיך צו פאַר-ענטפערן, האָב איך מיר געזאָגט אין האַרצן: בלייב מיט זיי, וועסטו נעמען נקמה אין דער מרשעת.

אַ פּאָר וואָכן איז שפרהס מוטער געלעגן צו-בעט און שטאַרק געליטן פון איר קראַנקהייט, אַזוי אַז שפרה האָט נישט געקאָנט פון איר אָפּטרעטן. די גאַנצע צייט האָב איך גערעדט מיט איר אפשר דריי-פיר מאָל, מייסטנס פלעג איך זיצן אין מיין צימער אָדער אַרומבלאָנקען זיך אין גאַס. ווען איך וואָלט די צייט גע-ווען אַזוי אויפמערקזאַם צו שפרהן, ווי פריער, וואָלט איך געוויס

באַמערקט, אַז זי בענקט נאָך מיר און פילט זיך געקרענקט, וואָס איך בין מיט זיי פון דערווייטן און האָב אפילו קיין איינ-מאָל נישט געפרעגט וועגן דער מוטערס געזונט-צושטאַנד.

איינמאָל אין אַ רעגנדיקן טאָג בין איך געזעסן אין מיין צימער און אַריינגעקוקט אין אַ בוך. שפרה האָט געעפנט די טיר און אַריינגעקומען. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס צו רעדן מיט איר, און האָב נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונם בוך. שפרה איז געשטאַנען אַ ווייל און אַרויסגעגאַנגען. שפעטער אַ ביסל איז זי ווידער אַריינגעקומען און איך האָב זי אַ פרעג געטאָן: פאַר-וואָס זי זעט אַזוי שלעכט אויס.

— דו פרעגסט נאָך פאַרוואָס? די מוטער ליגט קראַנק שוין דריי וואָכן און געווען צייטנווייז געפערלעך. דו ביסט איר אַ פרעמדער און קימערסט זיך ווייניק וועגן איר, אָבער איך בין איר קינד. איצט איז דער מוטער בעסער, און איך זע אויס, דוכט זיך, בעסער!

איך האָב נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און געפרעגט: ווען פאָרן מיר?

— איך רעכן, אַז אין אַ פּאָר טעג וועלן מיר קענען פאָרן, אָבער ווען די מוטער וואָלט מיך געפאָלגט וואָלטן מיר ליבער צוריקגעפאָרן אַהיים, ווייל קיין גוטס וועט פון אונזער רייזע נישט אַרויסקומען.

לז.

דער נקמה־טאָג.

מ'איז ענדלעך געקומען דער טאָג, ווען שפרהס מוטער איז שוין געווען אויף אַזוי פיל בעסער, אַז מיר האָבן שוין געקאָנט מאַכן אונזער ים־נסיעה. אַ קליינע נאָרוועגישע דאַמפשיף, מיט וועלכער מיר זענען געפאָרן, האָט אין אַ קורצער ווייל אַרום זיך שוין געגליטשט איבער די וואַסערן פונם פינישן ים-אויסגוס. עס איז געווען אַ הערלעך וועטער און כמעט אַלע פאַסאַזשירן זענען געווען אויסגעזעצט אויפן דעק, שעפנדיק די מחיהדיקע ים-לופט און פרייענדיק זיך מיט די אַרומיקע פראַכטפולע לאַנדשאַפטן, בלויז אַ יונג רייצנד פאָרל, וואָס האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, האָט נישט געוואָלט וויסן וואָס אַרום זיי טוט זיך. זיי האָבן קענטיק געהאַט זייער אייגן שיין וועלטל און געווען פאַרטיפט דערין מיט אַלע חושים. די ערשטע פאָר טעג בין איך געווען אַזוי פאַרכאַפּט פון די נייע פיל־פאַרביקע בילדער, אַז איך האָב פאַרגעסן אָן אַלע צרות: דער הימל איז געווען העל-בלוי אָן אַ סימן פון אַ וואָלקנדל, און די זון האָט געגאָסן אויף אונז אַ שפע מיט ליכט און וואַרעמקייט. אויך

שפרה איז געוואָרן אויפגעהייטערט, און ווען זי האָט דערזע ביים ברעג די קליינע מיט שניצערייען פאַרצירטע און מיט פאַרשידענע בילדער באַמאָלטע שיפער-הייזלעך, אַרום וועלכע עס האָבן געפלאַטערט און געשפרונגען מחנות ים-פייגל, איז זי אַזש אויפגעשפרונגען פאַר שמחה.

אָבער צומאָרגנס האָט דאָס בילד זיך אינגאנצן געענדערט. דער הימל איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ שוואַרצער כמאַרע, און דער ים האָט געקאָכט ווי אַ קעסל. מיט־אַמאָל האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם־ווינט, וועלכער האָט געפייפט, געהיילט מיט כלערליי קולות און געשליידערט אונזער שיף ווי אַ שפענדל איבער די שוימענדע כוואַליעס. מיר האָבן אַלע זיך געוואַקלט אויף די פיס אָדער געפאַלן ווי שכּורע אויף דער ערד. די פרויען האָבן געקרעכצט, געזיפצט און געשריגן. אויך די מומע און שפרה האָבן אָנגעווענדט אַלע כחות אַראָפצו-קריכן פון דעק אין אַ קאַיוטע, און דאָרטן זיך באַהאַלטן, אָבער מיר זענען הונדערט מאָל געפאַלן קריכנדיק און זיך צעשלאָגן אַלע גלידער. לסוף האָב איך זיך אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט אָן אַ פּאָרענטש און מיט דער אַנדערער פעסט געהאַלטן לעבן זיך די פאַרחלשטע שפרה און דערנאָך זי צוגעבונדן צו מיר מיט אַ רעטונגס-גאַרטל. די מומע איז געזעסן אַ צעשראָקענע, האַלב-טויטע אויף דער ערד און אויך זיך אָנגעהאַלטן אָן אַ פּאָרענטש.

דערווייל האָט דער שטורעם-ווינט זיך נעשטאַרקט און אַראָפגעריסן די טירן, וואָס האָבן געפירט אין דער אונטערשטער אָפטיילונג. אַ שרעקלעך בילד האָט זיך דאַן פאָרגעשטעלט פאַר אונזערע אויגן: דער הימל איז געווען אַ בלייערנער, דער ווינט האָט געהיילט ווי הונדערט הונגעריקע וועלף, די כוואַליעס האָבן זיך געשפילט מיט אונזער שיף ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז: אַ ווייל האָבן זיי זי אַראָפגעוואָרפן אין טיפן תהום און אַ ווייל אַרויפ-געשליידערט באַרג-הויך אויף די שוימיקע כוואַליע־קאַמען. אַ שטראָם־-וואַסער האָט אַלע ווייל זיך אַריינגעריסן אינעווייניק אין שיף און אונז אָפגעצוואָגן, אַזוי אַז מיר זענען געשטאַנען ביזן גאַרטל אין וואַסער; די געוואַלטן און יללות פון די פרויען

זענען געגאַנגען עד לב-השמים. מיר האָבן זיך שוין אַלע מיאש געווען פון לעבן, און אין אַזאַ קריטישן מאָמענט האָט יעדער זיך דערמאָנט אָן גאָט, דעם העלפער אין אַלע נויטן.

— היילי̇קער גאָט, העלף אונז,—ראַטעווע אונז! יאָמערט מיין מומע מיט אַ האַרצרייסנדיקער שטים — ליבער גאָט, העלף אונז!

אַלע געפילן פון שנאה, וואָס האָבן זיך אויפגעקליבן ביי מיר אין האַרצן קעגן אָט דער מכשפה, האָבן מיטאַמאָל אויפגעוואַכט און זיך געריסן אַרויס. איך האָב מיר געטראַכט: אָט באַלד וועט אונז איינשלינגען דער אָפּגרונט, לאָמיך זיך כאָטש נוקם זיין אָן איר פאַר מייגע עלטערן און איר פאַרביטערן די לעצטע מינוטן.

— דו ביסט נישט ווערט גאָט צו דערמאָנען!—האָב איך אויסגערופן מיט אַ ווילדן כעס — רוף צום טייוול, וועמען דו האָסט דיין נשמה פאַרקויפט, און נישט צו גאָט! דאָס בלוט וואָס דו האָסט פאַרגאָסן וועט דיר נישט געשענקט ווערן. מען מען וועט דיך ברענען און בראָטן אין גיהנם!

די מומע האָט אויסגעגלאָצט צו מיר אַ פּאָר אויגן ווי אַ משוגענע און געשריגן מיט אַ ווילדער שטים:

— ווער ביסטו? צי דער טייוול, אָדער יוסף מיין שונא? דו ביסט דאָך שוין לאַנג געשטאָרבן! צי ביסטו אויפגעשטאַנען פון קבר מיך פייניקן?

—איך בין יוסף!—האָב איך אויסגערופן ווי נישט מיט מיין קול. זי האָט אַ פליאַסק געטאָן מיט די הענט, און אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט אָפּגעלאָזט דעם פּאָרענטש, האָט זי אונטערגעכאַפּט אַ כוואַליע, וואָס האָט זיך ווידער אַריינגעריסן אין שיף און זי אַוועקגעטראָגן אין ים. קיינער פון די מאַטראָזן האָט זיך נישט געוואָלט איינשטעלן זי צו ראַטעווען. אויפן געוואַלט פון דער מוטער האָט שפרה זיך אויפגעכאַפּט פון חלשות און געוואָלט אַ שפרונג טון נאָך איר אין וואַסער, אָבער דער גאַרטל האָט איר נישט געלאָזן. זי האָט געשריגן, געליאַרעמט: מאַמע! און זיך געריסן פון גאַרטל, אויף אירע געוואַלטן איז

אַראָפּגעקומען דער קאַפּיטאַן און געפרעגט: וואָס עס איז געשען. איך האָב אים דערציילט וועגן אומגליקס-פאַל, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיר געהאָלפן איינהאַלטן שפרהן, וועלכע האָט ווייטער זיך געריסן מיט אַלע כּוחות. אָבער קיין צייכן פון רחמנות האָט מען אויפן קאַפּיטאַנס געזיכט נישט באַמערקט.

— ער איז שוין געוואוינט צו אַזעלכע בילדער — האָב איך מיר געטראַכט און זיי מאַכן אויף אים קיין איינדרוק נישט. אָבער מיר איז געווען קשה, וואָס ער איז געווען אַזוי רויק און געלאַסן, בעת אַלע האָבן געמיינט, אַז אָט אָט גייט אונטער אונזער שיף און דער ים וועט זיין אונזער קבר.

— צי איז פאַראַן האָפענונג? — האָב איך געפרעגט דעם קאַפּיטאַן.

— אין אַ ווייל אַרום וועלן מיר אָנקומען אין פּאָרט, האָט ער געענטפערט, און ער איז נישט אָפּגעטרעטן פון אונז ביז די שיף האָט זיך דערנענטערט צום פּאָרט מאַלמע. שפרה האָט נישט אויפגעהערט שרייען אין ליאַרמען, האָט געשלאָגן אין געביסן דעם קאַפּיטאַן, וואָס האָט זי צוגעהאַלטן און האָט גערעדט ווי פון היץ. איך האָב זי געפרווט טרייסטן און באַרו־איקן, אָבער זי האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר. און משמעות מיך נישט דערקענט. איך בין שיער נישט אַראָפּ פון זינען, וואָס איך בין געווען דער גורם פון מיין מומעס טויט און דורך דעם אויך פאַראומגליקט איר אומשולדיק קינד — מיין געליבטע. פאַר צרות און עגמת-נפש האָב איך געטראַכט וועגן נעמען זיך דאָס לעבן, אָבער אויך דערצו האָט מיר געפעלט מוט און אַנטשלאָסנקייט...

לח.

פאַר די עלטערנס זינד.

אין מאַלמע האָט מען איבערגעפירט שפּרהן אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיקע קראַנקע. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער דאָקטאָר ערקלערט, אַז דאָס איז אַ שווערע גייסטיקע קרענק און ער קען גאָרנישט העלפן. דערצו ליידט זי נאָך אויף אַ שווערער האַרץ-קראַנקהייט, וועלכע פאַרערגערט די לאַגע. מען האָט גע־שריבן אַ בריוו צו בן-צבי, אַז ער זאָל קומען אָפּנעמען שפּרהן און אויך די זאַכן, וואָס זענען געבליבן נאָך זיין טאָכטער. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט וואָס פאַר אַן איינדרוק די ידיעה וועגן דער טאָפּעלער צרה וועט מאַכן אויפן אַלטן צעבראָכענעם בן-צבי, און איך האָב ביטער געוויינט פאַר האַרץ-ווייטיק.

מיין צרה איז געווען גרויס אָן אַ שיעור. דאָס לעבן איז מיר נמאס געוואָרן. איך האָב איינגעזען, אַז בטבע בין איך אַ מענטש מיט יושר און געוויסן, אָבער די איינגעבוירענע היצי־קייט און אומבאַרעכנטקייט פאַרפירן מיך צו טון פּונקט דעם היפּוך וואָס איך וויל טון. וואָס העלפט מיר מיין וויסן און קענען, ווען זיי נוצן מיר נישט אין פּראַקטישן לעבן? וויפל

נאַרישקייטן און עולות האָב איך שוין אָפּגעטאָן אויס איבער-איילִיקייט, און דאָס אַלץ האָט מיך נישט אָנגעלערנט אויף ווייטער! איך באַרעכן זיך, אַז איך האָב געטאָן אַן עולה, אַ געמיינהייט, ערשט ווען זי איז אָפּגעטאָן און קאָן שוין נישט מאַכן אַנדערש. ווען מען וואָלט איצט פון מיר פאַרלאַנגט מיין לעבן, מיין גליק, אַז שפרה זאָל געזונט ווערן, וואָלט איך עס גערן אַוועקגעגעבן. אָבער עס האָט קיינעם נישט גענוצט, און קיינער האָט עס פון מיר נישט פאַרלאַנגט. די געוויסנסביסן האָבן אָנגעצונדן אַ העליש פייער אין מיין האַרצן, די ליבע צו שפרהן, וואָס איז שוין געווען כמעט ווי אויסגעלאָשן, האָט ווידער זיך צעפלאַקערט, און דאָס באַוואוסטזיין, אַז איך בין דער גורם פון איר אומגליק און אַז איך קאָן דערצו גאָרנישט העלפן, האָבן מיך געבראַכט צו פאַרצווייפלונג, צו משוגעת.

אייניקע טעג האָב איך זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער דער שטאָט, נישט צו וויסן וואָס מיט מיר טוט זיך; איך בין געגאַנגען געגעסן און געטרונקען, אָבער אַלץ האָב איך געטאָן מעכאַניש ווי אַ מאַשין. מיינער אַ לאַנדסמאַן, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט ביי מיין אָנקומען, זעענדיק מיין לאַגע, האָט מיך געפּרוּווט טרייסטן, אָבער איך האָב נישט אָנגענומען קיין טרייסט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער לאַנדסמאַן ווידער געקומען צו מיר, זאָגנדיק:

— גענוג קלאָגן און טרויערן, דו ביסט דאָך נאָך יונג און דאַרפסט נאָך לעבן אויף דער וועלט. וואָס עס איז געשען קאָן מען נישט צוריקכאַפּן, דער טויט וועט זיין קרבן נישט אָפּגעבן.

דערהערנדיק זיינע לעצטע ווערטער, האָב איך אַ ציטער געטאָן און אויסגערופן נישט מיט מיין קול:

—דער טויט! ווילסט איר מאַכן דעם טויט? ניין, איך וועל עס נישט דערלאָזן! דו וועסט פריער שטאַרבן, מערדער!

דער מאַן איז פאַרצווייפלט געוואָרן, די שטוב-מענטשן זענען זיך אויפגעלאָפן אויף מיינע געשרייען און דער בעל-הבית האָט אַ זאָג געטאָן:

— אָבער גערענק, מיין פריינט, אַז דער טויט האָט זי

אויסגעלייזט פון אירע ליידן און אַז עס איז בעסער צו שטאַרבן, איידער צו זיין וואנזיניק אויפן גאַנצן לעבן!

— וואָס רעדט איר? — האָב איך אויסגערופן מיט ערשטוינונג.

— זי איז געשטאָרבן היינט אין דער פרי — האָט געענט־פערט דער בעל-הבית.

— זי איז געשטאָרבן? ס'איז אַ ליגן!—האָב איך אויסגע־שריגן און אַרויסגעלאָפן פון שטוב. איך בין געלאָפן גלייך אין שפיטאָל, און נישט פרעגנדיק ביי קיינעם בין איך אַריין אין די קראַנקן-זאַלן, רופנדיק: שפרה! וואו איז שפרה? מען האָט מיך געפּרוווט אָפּהאַלטן, אָבער עס איז געווען אומזיסט; איך בין געלאָפן ווייטער, שרייענדיק: שפרה! וואו איז שפרה? ביז איי־נער פון די וועכטער האָט מיר אָנגעוויזן אויפן צימער, וואו שפרה איז געלעגן — אַ טויטע.

איך בין צוגעפאַלן צו אירע קאַלטע ליפּן, קאַלטן שטערן און זיי געקושט. זי האָט מיך געלאָזט קושן און זיך נישט גע־ווערט. איך בין געווען אַליין מיט שפרהן און זי באַגאָסן מיט שטראָמען טרערן, וועלכע האָבן ביסלעכוויז פאַרגרינגערט מיין שווער געמיט.

קומענדיק אַ ביסל צו זיך, האָב איך גענומען מאַכן אַ חשבון פון דעם פעקל צרות, וואָס אהירעס פאַמיליע איז אויס־געשטאַנען, און האָב געשטוינט אויף דער שווערער שטראָף, מיט וועלכער דער גאָט פון משפט האָט זי געשטראָפט פאַר זיינע זינד: ער איז געוואָרן משוגע און געשטאָרבן, זיין עלטסטער זון איז פאַרפאַלן געוואָרן, דער יינגערער איז פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע, די פרוי זיינע איז דערטרונקען געוואָרן און אָט איצט איז אויך אומגעקומען זיין טאָכטער. איך האָב געזען אין דעם אַלעמען גאָטס שטראָפנדיקע האַנט, און דאָס האָט מיך אַ ביסל געטרייסט: גאָט האָט עס געטאָן, און נישט איך, און ווען נישט איך, וואָלט ער געפונען אַן אַנדער שליח. נאָר אויף שפרהן האָט מיר דאָס האַרץ ווי געטאָן; פאַרוואָס איז זי, דאָס

אומשולדיקע איידעלע קינד, באַשטראָפט געוואָרן פאַר אי״ע עלטערנס זינד?

שפּרהן האָט מען געבראַכט צו איר אייביקער רו אין מאַלמע. מיין לאַנדסמאַן, צוזעענדיק מיין טרויער און פאַרצווייפלונג, האָט מיך געטרייסט און דערנאָך צוגערעדט, אַז איך זאָל זיך פאַרשלאָגן די רעיונות דורך אַ גלעזל ווײַן. פריער האָב איך אים נישט געוואָלט פאָלגן: צו הייליק איז מיר געווען דער אָנדענק וועגן שפּרהן, אָבער שפּעטער האָב איך מיך געלאָזט צורעדן און געטרונקען. איך האָב אָבער געמוזט אַלע מאָל נעמען אַ נייע פּאָרציע און צייטנווייז זי פאַרגרעסערן... ביז איך בין איינמאָל געפאַלן אין גאַס אַ שכורער. אויך מיין ביסל געלט, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך, האָט געהאַלטן ביי אויסגיין, און קיין אויסזיכטן אויף באַקומען אַרבעט אין מאַלמע איז נישט געווען. מען האָט מיר געראַטן צו פאָרן קיין האַמבורג, וואו עס איז פאַראַן אַ גרעסערע קאָלאָניע רוסישע יידן, און דערום וועט מיר לייכטער זיין צו באַקומען אַרבעט.

לט.

אין האַמבורגי

עס איז אַוועק אַ וואָך זייט איך בין אָנגעקומען אין האַמבורג. אַ גאַנצן טאָג פלעג איך אַרומגיין איבער די גאַסן, וואו עס האָט געקאָכט און גערוישט איבער די פיל פרעמדע, וואָס קומען אַהין צוליב געשעפט. קיין באַקאַנטע האָב איך אָבער נישט געקראָגן, ווייל יעדער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע אייגענע עסקים און נישט געוואָלט וויסן פון אַנדערן. איינמאָל, גייענדיק אין גאַס, האָב איך באַמערקט אין אַ שויפענסטער אַ גרויסן פלאַקאַט מיט קידוש-לבנה-אותיות „ווער וויל רייך ווערן?״

— ווער וויל עס נישט רייך ווערן — האָב איך מיר געטראַכט, און צוגייענדיק נענטער, האָב איך איבערגעלייענט: „200,000 מאַרק געווינט דער, וואָס קויפט אַ ליאָס פאַר פיר מאַרק. היינט איז דער לעצטער טאָג פון דער ציונג״. ס׳האָט זיך מיר פאַרגלוסט קויפן אַ צעטל און מיטאַמאָל רייך ווערן, אָבער, דערמאָנענדיק זיך, אַז מיין גאַנץ אייגנס באַשטייט פון אַ פאָר צענדליק מאַרק, בין איך אַוועק ווייטער. דער חשק צו געווינען האָט מיך אָבער געצויגן צוריקצוגיין אין געוועלב און

צו קויפן אַ צעטל. קומענדיק אַהיים, האָט מיר שוין חרטה געטאָן, וואָס איך האָב אויסגעגעבן די לעצטע פּאָר גראָשן אויף גאָרנישט. עס איז לייכטער — האָב איך מיר געטראַכט — צו באַקומען אומגעריכט אַ שטיין אין קאָפּ אַריין און געהרגעט ווערן, איידער געווינען אויף דער לאָטעריע. אָבער דאָך, נישט האָבנדיק וואָס צו טון, בין איך נאָך דער ציונג געגאַנגען זוכן אין דער טאַבעלע, צי איך האָב נישט אַמאָל געוואונען. אייניקע מאָל איז מיר אויסגעקומען גיין צום חלפן, וואו איך האָב געקויפט דעם צעטל, ווייל עס איז נאָך געווען צו פרי, אָבער קומענדיק אַהין צום לעצטן מאָל און וואַרפנדיק אַ בליק אויף דער טאַבעלע, בין איך געוואָרן אַ פאַרצווייפלטער און געמוזט זיך פעסט אָנהאַלטן אין וואַנט, איך זאָל נישט אומפאַלן. איך האָב דערזען אויף דער טאַבעלע דעם נומער, וואָס איך האָב נעכטן געקויפט, שטייענדיק אויבן־אָן מיט אַ געווינס פון צוויי מאָל הונדערט טויזנט מאַרק. מיינענדיק אָנפאַנגס, אַז איך האָב אַ טעות, האָב איך אַרויסגענומען פון טאַש דעם צעטל און אַריינגעקוקט צי דער נומער איז אַ ריכטיקער. די ציפערן זענען מיר געשפּרונגען פאַר די אויגן און איך האָב נישט געקאָנט זען. מיט ציטעריקע קניען בין איך אַריין אין געוועלב נאָכזען דעם נומער פון געווינס, עס איז מיר געוואָרן פינסטער אין די אויגן און בין געפאַלן אין חלשות.

נאָך דעם ווי מען האָט מיך אָפּגעמונטערט און דערוואוסט זיך, אַז איך בין דער גליקלעכער געווינער פון די 200,000 מאַרק, האָט דער חלפן און אַלע וואָס זענען געווען אין געוועלב אָנגעהויבן לויפן אַרום מיר און ברענגען מיר פון כל־טוב, כדי מיך אָפּצומונטערן. מיטאַמאָל האָב איך באַקומען אַרום מיר אַ גאַנצע חברה פריינט, באַקאַנטע און יועצים, וועלכע האָבן מיר פאָרגעשטעלט פאַרשידענע עסקים און נישט געוואָלט פון מיר אָפּטרעטן. איך האָב מורא געהאַט, מען זאָל מיר דעם צעטל נישט אַרויסגנבענען און האָב אים צוגעהאַלטן מיט ביידע הענט.

דער חלפן האָט מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל דאָס געלט נישט אָפּנעמען, נאָר עס לאָזן ביי אים און ער וועט מיר

אַרויסגעבן אַ וועקסל און צאָלן פּראָצענט.

איך האָב אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל מיר תּיכּף אויסצאָלן דאָס גאַנצע געלט געגן צעטל און דווקא אין גאָלד.

דער חלפן האָט געענטפערט מיט אַ געלעכטער, אַז איך וועל מוזן נעמען אַ וואָגן צו פאַרשלעפּן אַזוי פיל געלט.

דער סוף איז געווען, אַז איך האָב גענומען 1000 מאַרק אין גאָלד און דעם רעשט אין פּאַפּירלעך צו טויזנט מאַרק, און מיט פול-געפּאַקטע קעשענעס בין איך אַוועק אין מיין גאַסטהויז צו באַקלערן זיך וואָס איך האָב צו טון.

צומאָרגנס איז געווען מיין ערשטע אַרבעט איינקויפן זיך נייע עלעגאַנטע קליידער פון קאָפּ ביז די פיס, אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדן קייטל, אַ פיינעם שטעקן און פאַרשידענע צאַצקעס, און צו גיין מיט אייניקע באַקאַנטע וואָס זענען צוגעשטאַנען צו מיר זינט איך האָב געוואונען דאָס גרויסע געווינס, אין אַ רעסטאָראַן צו באַגיסן דאָס געווינס. לויט דער עצה פון מיינע נייע פריינט, האָב איך זיך באַלד איבערגעצויגן אין א נייעם גרויסאַרטיקן האָטעל, וואו איך האָב פאַרנומען אַ רייך-מעבלירטן זאַל, ווי עס פּאַסט פאַר אַ נייעם נגיד. און באמת, צו וואָס האָב איך געדאַרפט קאַרגן; צוויי מאָל הונדערט טויזנק מאַרק איז אַ מטמון מיט געלט, און דאָס, האָב איך גערעכנט, וועט מיר קלעקן אויף לאַנגע יאָרן. אָבער מיין אויסרעכענונג איז געווען אַ פאַלשע. אַזוי לייכט ווי דאָס געלט איז מיר אָנגעקומען, אַזוי לייכט איז עס פאַרשוואונדן און איבערגעגאַנגען אין הענט פון גנבים, וואָס האָבן אויף מיר געלויערט. אַ יד אין דעם האָט נאַטירלעך געהאַט אויך אַ מיידל, אויף וועלכער איך האָב באַקומען גרויס רחמנות און זי געוואָלט אויסלייזן פון נויט און שאַנד. זי ווידער האָט באַקומען רחמנות אויף מיין געלט און מיך דערפון באַפרייט...

אַזוי בין איך אין אַ קורצער צייט אָרום געוואָרן אויס גביר און צוריק אָרעמאַן...

מ.

אַ כאָריסט.

אַגליק איז געווען, וואָס בעת איך האָב געהאַט געלט האָב איך מיר איינגעקויפט אַ סך זאַכן און כלערליי צאַצקעס, אַזוי אַז איצט, אין מיין אָרעמקייט, האָב איך געהאַט וואָס צו פאַרקויפן אויף ברויט. גרויס עגמת-נפש פון דער גנבה האָב איך מיר נישט גענומען; איך האָב פאַרקויפט ביסלעכווייז דאָס ביסל זאַכן און געזוכט עפּעס אַ פּרנסה. איינמאָל האָב איך מיך באַקענט מיט אַ רוסישן יונגנמאַן, וועלכער האָט געשפּילט אין אַ טרופּע, און אַז ער האָט דערהערט, אַז איך בין אַ גוטער זינגער, האָט ער מיך געפירט צו זייער דירעקטאָר און יענער האָט מיך אַריינגענומען אין זיין טרופּע אַלס כאָריסט פאַר אַ קליינעם געהאַלט.

פאַר מיר האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט מיט נייע מענטשן. איך האָב געמיינט, אַז איך האָב שוין אַלץ געזען און אַלץ איבערגעלעבט, אָבער איצט האָב איך איינגעזען, אַז עס פעלט מיר נאָך אַ סך... ביז אַהער האָב איך געזען אָפענע צרות און לייד, צרות פון מענטשן וואָס לעבן אין אָרעמקייט און פּיין און וואָס קרעכצן און קלאָגן זיך אויפן קול. איצט האָב איך

געזען פֿאַרבאָרגענע צרות, צרות וואָס ווערן באַגראָבן טיף אין האַרצן און קיינער ווייסט פֿון זיי נישט. ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען אונזער טרופּע אַרויסטרעטן אויף דער סצענע לאַכנדיק, שפּרינגענדיק און זינגענדיק, האָב איך געמיינט, אַז זיי זענען די גליקלעכסטע אין דער וועלט: זיי זענען אַליין לוסטיק פֿריילעך און מאַכן אַנדערע פֿריילעך. אָבער וואָס האָב איך געזען אויסער דער סצענע? „הינטער די קוליסן"? צרות איבער-געלייגטע! פּיינטשאַפֿט און קנאה, צער און אַנטוישונג! איין זינגערין האָט געהאַט גרויס ערפֿאָלג ביים פּובליקום, און ווען זי האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, פֿלעגט מען איר מאַכן אָוואַציעס און באַשיטן מיט בלומען. דוכט זיך, זי האָט געדאַרפֿט זיין צופֿרידן מיט איר גורל! אין אמתן אָבער זענען די פֿאַרערער און אָוואַציעס-מאַכער, וועלכע האָבן איר געקלאַפּט בראַוואָ, גע-ווען געקויפֿט פֿאַר געלט. זי האָט געמוזט מאַכן חנדלעך און רעדן חניפה-רייד מענטשן, וועלכע זי האָט געהאַסט טיף אין האַרצן, אויס מורא מען זאָל איר נישט אויספֿייפֿן אין טעאַטער. נישט איינמאָל האָט זי געזונגען פֿריילעכע קופּלעטן און געטאַנצט, ווען אין האַרצן האָט אין איר געברענט די קנאה אויף דער חברטע, וועלכע האָט געהאַט אַ גרעסערן ערפֿאָלג ווי זי. און מיט דער דאָזיקער חברטע פֿלעגט זי זיך קושן און האַלזן, בעת אויב זי וואָלט קענען, וואָלט זי איר אַ מעסער אַריינשטעכן אין האַרצן. אויך די איבעריקע זינגער און שפּילער האָבן נישט געהאַט בעסער! איינער איז נאָך געווען צו יונג און נישט געהאַט קיין נאָמען און דער אַנדערער איז שוין געווען צו אַלט און די כּלי איז אים שוין קאַליע געוואָרן. קיין גראָשן געלט האָט קיינער נישט געהאַט ביי דער נשמה, ווייל וויפֿל זיי האָבן פֿאַרדינט, האָבן זיי פֿאַרשווענדט אויף קליידונג און הוליאַנקעס. אַזוי איז שוין דאָס לעבן פֿון אַקטיאָרן און אַרטיסטן, פֿון דער אַזוי גערו-פֿענער „באַהעמע". ווען איך האָב פֿאַרבראַכט מיט די חברים — אַרטיסטן האָב איך מיך נישט ווילנדיק דערמאָנט אין מיינע אַמאָליקע חברים — דעם חזן מיט די משוררים.

מיט דער דאָזיקער טרופּע בין איך אַרומגעפֿאָרן אַנדערהאַלבן

יאָר און האָב געפירט אַזאַ שטייגער לעבן ווי זיי. איך האָב פאַרגעסן אָן יידישקייט, נישט געוואוסט פון שבת און יום-טוב, געגאַנגען ראַזירט און געפוצט און געווען צופרידן וואָס מען האָט נישט דערקענט אין מיר, אַז איך בין אַ ייד. און ווער ווייס, אפשר וואָלט איך געבליבן דאָס גאַנצע לעבן אַ זינגער, ווען איינער פון די אַרטיסטן וואָלט זיך נישט צעקריגט מיט מיר דערפאַר, וואָס זיין געליבטע האָט געמאַכט צו מיר חנדלעך און צו אָפט מיט מיר פאַרבראַכט. ער האָט פון דעמאָלט אָן געזוכט מיטלען ווי-אַזוי מיך אַרויסצושטופן פון דער טרופע און לסוף האָט ער געפועלט ביי דעם דירעקטאָר, ער זאָל מיר אָנזאָגן, איך בין צוריק אַוועקגעפאָרן קיין האַמבורג און אָנגעהויבן דאָרט „מעסטן די גאַסן".

איינמאָל, גייענדיק שפּאַצירן ביים פּאָרט, צו זען די מענטשן, וואָס קומען אָן פון אַלע עקן וועלט, האָב איך דערזען אַן עלטערן ייד, וואָס האָט מיר אויסגעזען צו זיין באַקאַנט. איך האָב זיך לאַנג איינגעקוקט און דערקענט דעם „בעל-שם". אַ ווייל האָב איך געוואָלט פון אים אַנטלויפן, אָבער דערנאָך האָב איך מיך באַרעכנט: וואָס קאָן ער מיר טון אין אַ פרעמד לאַנד? און אויב ער וועט אפילו זאָגן, אַז איך האָב אים באַגנבעט, וועט מען אים דען גלייבן? אויסערדעם וועט ער מיך נישט דערקענען: אַ קליין יינגל בין איך געווען בעת איך האָב אים פאַרלאָזט און איצט בין איך אַ דערוואַקסענער, געקליידט אייראָ-פּעיש און אָן פאות און אַ באָרד. באַמערקנדיק, אַז איך קוק אויף אים, האָט דער בעל-שם מיך געפרעגט: צי איך בין נישט פון רוסלאַנד און צי איך פאַרשטיי זיין שפּראַך.

איך האָב געענטפערט, אַז איך בין אַ רוסישער, נאָר בין שוין לאַנג פון דער היים.

דער בעל-שם האָט זיך שטאַרק דערפרייט, וואָס ער האָט געטראָפן אַ לאַנדסמאַן. ער איז — זאָגט ער — נאָר וואָס געקומען פון רוסלאַנד און ווייסט נישט וואו צו קערן זיך און צו ווענדן. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים אָנווייזן אַ ביליק גאַסטהויז.

— איר חילט דאָך אודאי אַ יידיש גאַסטהויז? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— ניין, די יידן שינדן די הויט, אין אַ גוישן וועט מסתמא קאָסטן ביליקער.

איך האָב אים געפירט אין אַ קריסטלעך גאַסטהויז און דער „בעל-שם״ האָט באַלד זיך געהייסן געבן אַ וויעטשערע, וואָס איז נישט געווען גלאַט-כשר. איך בין געוואָרן ערשטוינט דערפון, ווייל ביז אַהער בין איך געוואוינט געווען זען, אַז געבילדעטע אייראָפּעיש-געקליידטע יידן עסן טרפה, אָבער אַז אַ יוד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע און באָרד און פּיאות זאָל עסן טרפה, איז ביי מיר געווען אַ נייעס.

איך האָב געוואָלט הערן פון אים נייעס פון דער היים. האָט ער מיך געפרעגט פון וואַנען איך בין. איך האָב מורא געהאַט אָנצורופן די שטעט, וואו איך בין געווען מיט אים צו-זאַמען, און געענטפערט, אַז איך בין פון שבולה און קען גוט די שטעט מאפליה, שבמה, נצב, רשעה און צבועאל, און וואָלט וועלן וויסן וואָס דאָרט הערט זיך.

ער האָט מיך געפרעגט, צי איך קען דעם ראש-הקהל אין מאפליה.

— מנשהן? איך האָב פון אים געהערט. מען זאָגט, אַז ער איז אַ בלוט-זייגער, אַ פּיאַווקע און האָט אַ סך מענטשן באַרויבט.

— דאָס איז אמת. אָבער מען ווייסט אפילו נישט די העלפט , וואָס דער פושע האָט אָפּגעטאָן. איצט איז געקומען אַ סוף אויף אים. מען האָט אים פאַרשיקט און די ווייטע מקומות.

— מנשהן האָט מען פאַרשיקט? — האָב איך אויסגערופן מיט פאַרוואונדערונג און פרייד — און ווער האָט אים געקאָנט בייקומען? דן איז דאָך געשטאָרבן, אבשלום זיצט אין תפיסה. צי קענט איר די מענטשן? —האָב איך געפרעגט דעם „בעל שם״.

— איך קען זיי אַלע גאַנץ גוט — האָט ער געענטפערט, גלעטנדיק זיך דאָס בערדל — אָבער נישט זיי זענען אים ביי-געקומען, נאָר איך. אָבער זאָגט מיר פריער פון וואַנען קענט איר די אַלע מענטשן, וועל איך דערציילן וואָס איך האָב

אָפּגעטאָן מנשהן,—און דערבײַ האָט דער „בעל-שם" מיך דורכגע־נומען מיט זײַן דורכדריגנדן בליק.

איך האָב אים געענטפערט, אַז מיט דן האָב איך געלערנט אין איין ישיבה און וועגן זײַן טויט בין איך געוואויר געוואָרן פון אַ נצבער ייד, וואָס איך האָב דאָ געטראָפן.

— און ווי הייסט איר?

— ראובן.

— און ווער נאָך איז געווען פון אייערע חברים אין דער ישיבה? — האָט דער „בעל־שם" מיך גענומען אויספאָרשן.

— גדעון, אָבער מיט אים בין איך געווען גוט-פרײַנט נישט לאַנג, ווײַל אַן אשדותער בחור האָט געמאַכט אַן אומשלום צווישן אונז.—די לעצטע ווערטער האָבן קענטיק באַרויקט דעם „בעל-שם" וועגן מײַן פּערזאָן און ער האָט מיר אַ זאָג געטאָן:

— איצט וועל איך אײַך דערציילן ווי־אַזוי איך האָב זיך אָפּגערעכנט מיט דעם פּושע-ישראל מנשה. אגב וועל איך אײַך דערציילן מײַן ביאָגראַפיע. הערט זיך אײַן, עס איז אַ שיינע מעשה, איר מעגט עס הערן.

— צו אַכצן יאָר — האָט אָנגעהויבן דער „בעל-שם — האָב איך פאַרלאָזט די ישיבה און אָנגעהויבן זוכן פּרנסה. איך האָב קיין מזל נישט געהאַט צום ראש-ישיבה און צו די בעלי־בתּים, בײַ וועלכע איך האָב געגעסן טעג, און קיינער פון זיי האָט מיך נישט געשטיצט און אויך נישט געוואָלט זיך משדך זײַן מיט מיר. די סבה איז געווען, וואָס איך האָב געהאַט אַ „פּסול" אין דער משפּחה: אַ שניידער-אַן אביון און אַ שיכּור. איצט האָב איך זיך אַרומגעוואָלגערט און געהונגערט. לסוף איז בײַ מיר געבליבן צו ווערן אַ חסיד, ווײַל די חסידים שטיצן זייערע מענטשן. איך בין געווען בײַ דעם רבין, האָט ער מיך געשיקט קיין רשעה מיט אַ בריוו צום גבאי פון דאָרטיקן צבועאַלער שטיבל. דער גבאי האָט מיך זייער שיין אויפגענומען, און אַ דאַנק זײַן רעקאָמענדאַציע האָט מיך צוגענומען צו זיך פאַר אַן אָנגעשטעלטן אין זײַנע עסקים אַ רײַכער חסיד ר' עזריאל. קיין פּרנסה האָט מיר שוין נישט געפעלט און כּבוד האָב איך אויך געהאַט, ווײַל

ר׳ עזריאל האָט מיך געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד און אָנגעטרויט זיין גאַנץ פאַרמעגן. דעמאָלט האָב איך זיך באַקענט מיט איינעם שלמה שלמון, אַ קלוגער מענטש און אַ גרויסער סוחר, אייראָפּעיש געקליידט, האָט אָבער געלעבט בשלום מיט די חסידים, און געמאַכט געשעפטן בשותפות מיט דעם רבינס איידעם. שלמה שלמון האָט מיך מקרב געווען און געבעטן אים אָפט באַזוכן. איך פלעג טאַקע אָפט קומען צו אים אין שטוב, ווייל אויסער שלמונס גוטסקייט און גאַסט־פריינטלעכקייט האָט מיך געצויגן אַהין זיין חנודיקע טאָכטער, וועלכע פלעגט מיט מיר גערן פאַרבר״ענגען. מען האָט אפילו אויף איר גערעדט אין שטאָט און געזאָגט, אַז זי איז אַ לייכטזיניקע און חברט זיך מיט נישט־פיינע יונגעלייט, אָבער איך האָב אין דעם נישט געגלייבט און געחלומט וועגן ווערן שלמה שלמונס איידעם.

בינו־לבינו איז שלמה שלמון געוואָרן אַ יורד: ווי איך האָב אייך געזאָגט, האָט ער געפירט געשעפטן בשותפות מיטן רבינס איידעם, זיי האָבן אָנגענומען פאָדריאַדן ביי דער רעגירונג אויף מאַכן שאָסייען, וואָס עס האָט געדאַרפט גרויסע קאַפּיטאַלן. דעם רבינס איידעם האָט אריינגעלייגט אַ סך צענדליקער טויזנטער רובל און שלמה שלמון האָט אויסער זיין אייגן געלט געבאָרגט געלט אויף פּראָצענט, וויפל מען האָט געדאַרפט. שלמון פלעגט פאַרברענגען גאַנצע חדשים אין פּעטערבורג, כדי אָפּרעכענען זיך פאַר דער אַרבעט. דעם רבינס איידעם האָט אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט, האָט געצאָלט די אַרבעטער און געקויפט די נייטיקע מאַטעריאַלן, און דערום געהאַט אין זיין האַנט דאָס גאַנצע געלט. ווען די אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן איז שלמה שלמון געקומען זיך אָפּרעכענען מיט זיין שותף און אָפּנעמען דעם קרן מיטן פאַרדינסט, אָבער לויטן חשבון פון רבינס איידעם איז אויסגעקומען, אַז לאַ־די וואָס מען האָט נישט פאַרדינט אין פאָדריאַד האָט מען נאָך פאַרלוירן אַ טייל פון קאַפּיטאַל. שלמה איז געוואָרן שרעקלעך אויפגעבראַכט, ווייל ער האָט גוט געוואוסט, אַז מען האָט יאָ פאַרדינט אין דער אַרבעט און דער שותף האָט אים געוויס באַגנבעט. שלמה האָט גאָרנישט

גערעדט, נאָר געוואָלט זיך פאַרלאָזן אויפן רבין, רעכענענדיק אז דער רבי, אויסהערנדיק זײַנע גערעכטע טענות, וועט אים נישט לאָזן באַוולען. ער האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן טעות: דער רבי האָט געזאָגט, אַז ער מישט זיך נישט אין זײַן אײדעמס עסקים, ער איז אָבער זיכער, אַז זײַן אײדעם וועט קיינעם נישט באַוולען, ווײַל ער איז אַ „בנן של קדושים", אַ רבינס אַ קינד. שלמה איז געוואָרן אַ טויטער, הערנדיק אַזאַ ענטפער, און האָט גענומען בעטן רחמים דעם צדיק, אַז מען זאָל אים מינדסטנס אָפּגעבן דאָס געלט וואָס ער האָט געבאָרגט בײַ פרעמדע. דער רבי האָט אָבער גאָרנישט געוואָלט הערן, האַלטנדיק זיך בײַ אײנס, אַז ער מישט זיך נישט אין זײַן אײדעמס געשעפטן.

שלמה האָט מער נישט געקאָנט זיך אײנהאַלטן און גענומען סטראַשען, אַז ער וועט זיי צווינגען אָפּגעבן דאָס געלט, אַז ער וועט אַראָפּרײַסן פון זיי די מאַסקע און אַלע און אויך די רעגירונג וועט וויסן פון זייערע שווינדלען. דער רבי האָט געענטפערט רויק: דו ווילסט מיך מסרן? ווילסט ווערן אַ מוסר? איך האָף צו גאָט, אַז „למלשינים לא תהי תקוה" (מוסרים וועלן קיין האָפענונג נישט האָבן).

מיט אַ שווער געמיט איז שלמון אַרויס פון צדיקס הויז און אײדער ער איז געגאַנגען אויספּיקן זײַן סטראַשונגעק, איז ער אַריבערגעגאַנגען צו ר' עזריאלן, מײַן בעל-הבית, און אים דערציילט וואָס עס איז געשען. ר' עזריאל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט: איר האָט געטאָן אַ נאַרישקייט, וואָס איר האָט געסטראַשעט דעם רבין מיט אַ מסירה; איר האָט געדאַרפט פריער קומען צו מיר, וואָלט איך אײַך אפשר אויסגעגלײַכט, אָבער איצט איז שוין צו שפּעט. פונדעסטוועגן וועל איך פּרוּוון געפינען אַן עצה; קומט אין אַ פּאָר טעג אַרום.

ר' עזריאל האָט פאַררופן צו זיך אײניקע פון די חסידישע גבירים און האָט זיי פאָרגעשלאָגן, אַז כדי צו פאַרמײַדן אַ סקאַנדאַל און אפשר גאָר אַ מסירה מצד אַ פאַרצווייפלטן מענטשן, זאָל מען זיך צונויפלייגן און געבן שלמונען וואָס אים קומט פון רבינס אײדעם. אַ טייל בעלי־בתים האָבן אײנגעשטימט, אָבער

די איבעריקע האָבן געזאָגט, אַז געבנדיק געלט אַ מענטש, וואָס כטראַשעט מיט מסירות, וועט מען זיין אַ נותן יד לפושעים (אַן אונטערשטיצער פון פושעים), און עס איז געבליבן, אַז מען זאָל גאָרנישט געבן שלמונען, הגם מען האָט גוט געוואוסט, אַז דעם רבינס איידעם האָט אים באַוועלט און בדלות געשטעלט.

פאַרבלענדט דורכן נקמה-געפיל, וואָס האָט אים באַהערשט, האָט שלמון אַוועקגעשיקט אַ מסירה אויפן צבועלאלער רבין. ער האָט געשריבן, אַז דער צבועאלער רבי גיט זיך אויס פאַר אַ בעל-מופת, וואָס קאָן פאָראויס זאָגן וואָס ס'וועט געשען. אַז ער קלייבט געלט פון יידן אין גאַנצן לאַנד און הערשט איבער זיי ווי אַ מלך, און אַז דערצו איז ער אַ גרויסער פאַנאַטיקער און לאָזט זיי נישט אָפּגעבן זיך מיט בילדונג און לערנען די רוסי-שע שפּראַך. די מסירה האָט געהאַט אַ פעולה: עס איז געקומען אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וועלכע האָט געלאָזט איינ־זעצן דעם רבין ביז עס וועט די זאַך אויפגעקלערט ווערן און אָנגעהויבן מאַכן אַן אויספאָרשונג. די חסידים האָבן נאַטירלעך אויך נישט געשוויגן. מען האָט ערקלערט דער קאָמיסיע, אַז מען קומט פון אַלע עקן צום רבין, בלויז צו הערן זיין תורה, אַז דאָס געלט ווערט געקליבן, כדי צו באַזעצן יידן אין קאָלאָניעס און צו לערנען דעם יונגן דור מלאכה און ערד-אַרבעט לויטן באַפעל פון קייסער. נאַטירלעך האָט מען צו די ענטפערן צוגע־לייגט זאַכלעכע באַווייזן, און דער סוף איז געווען, אַז דער צבועאלער רבי איז באַפרייט געוואָרן, און פאַר דער אומזיסטער חרפה האָט ער נאָך באַקומען דעם טיטל „פּאָטאָמסטווענע" (ערב־בירגער לדורות), און שלמה שלמון איז געבליבן אַ מוסר, אַ פושע־ישראל, וואָס אַלע חסידים האָבן אים געוויכט ווי אַ מגפה...

אָבער דערמיט איז ער נאָך נישט אָפּגעקומען. עטלעכע טעג נאָך זיין צוריקקער פון פּעטערבורג איז געקומען צו אים פּאָליציי, געמאַכט אַ שטרענגע רעוויזיע אין זיין וואוינונג און געפונען ביי אים פאַלשע אַסיגנאַציעס, וועלכע מען האָט אים אונטערגעוואָרפן, און מען האָט שלמונען איינגעזעצט אין תפיסה.

ס'איז געווען אַ משפּט און שלמון איז פֿאַראורטיילט געוואָרן פֿאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר. די טאָכטער האָט זיך גענומען משתדל זיין פֿאַרן פֿאָטער, זי האָט נישט גערוט אַ מינוט, זי האָט אָפּגעשלאָגן די שוועלן פֿון פֿאַרשידענע הויכע און נידעריקע באַאַמטע, וועלכע זי האָט געמיינט, אַז זיי קענען אַ טובה טון איר פֿאָטער, דערוועגנדיק איר שיין פּנימל, האָט מען איר צוגע־זאָגט הרים וגבעות און מען האָט זי פֿאַרפֿירט... שלמונען האָט מען קיין שום טובה נישט געטאָן, נאָר פֿאַראומגליקט זיין טאָכ־טער און פֿון פֿאַרצווייפֿלונג האָט ער זיך געשמדט און דורך דעם ניצול געוואָרן פֿון פֿאַרשיקונג. דער שמד האָט אָפּגעווישט אַלע זיינע חטאים...

שלמונס טאָכטער איז טראָגן געוואָרן, און איך מיט שלמונען האָבן זי אַוועקגעפֿירט אין אַ דערבייאיק שטעטל צו מיין שוועסטער, וואו זי האָט געבוירן אַ יינגל. מיין שוועסטער איז געווען אַן אָרעמע און איז מרוצה געוואָרן פֿאַר געלט צו נעמען צו זיך דאָס קינד און עס אויסצוהאָדעווען.

בינו־לבינו האָב איך חתונה געהאַט, און זיך געגט, אַרומ־געוואַלגערט איבער פֿאַרשידענע שטעטלעך און אויפֿגעקליבן אַ היפּשע סומע געלט. אַזוי איז אַוועק אַכט יאָר. פֿון מיין שוועס־טער האָב איך באַקומען אַ בריוו, אַז דאָס קינד, וואָס זי האָט גענומען אויף האָדעווען, איז אויסגעוואַקסן אַ קלוג פֿאַרשטענ־דיק יינגל. איז אָבער שרעקלעך ווילד און צעלאָזן און זי קאָן פֿון אים מער נישט פֿאַרטראָגן; ער פֿאַרקירצט איר פּשוט די טעג, און איך מוז אים פֿון איר צונעמען. איך בין אַריבערגע־פֿאָרן צו מיין שוועסטער אין שטעטל און צוגענומען ביי איר דאָס יינגל, אים געהאַלטן ביי זיך און אים געלערנט. אָבער ביי מיר איז ער געוואָרן נאָך צעלאָזענער און ווילדער, ביז ער האָט אָפּגעטאָן אַ נבלה, אַז מען האָט אים שיער איינגעזעצט דערפֿאַר אין תּפֿיסה. איך האָב אים שטרענג באַשטראָפֿט, האָט ער איינ־מאָל זיך אויפֿגעהויבן ביינאַכט, ווען איך בין געשלאָפֿן, פֿאַרנו־מען פֿון שטוב געלט און זאַכן, וויפֿל ער האָט געקאָנט, און גע־מאַכט פּליטה. פֿון דעמאָלס אָן האָב איך אים מער נישט געזען...

און נאָר געהערט, אַז ער איז באַגאַנגען פאַרשידענע גזלות און גנבות און לסוף געוואָרן אַ גרויסער עושר. נישט-געקוקט דערויף וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, איז ער איצט — ווי איך האָב געהערט — ראש־הקהל אין מאפליה.

— איז אַזוי מנשה דער ראש-הקהל אין מאפליה אַ ממזר און אייניקל פון משומד שלמון? — האָב איך אויסגערופן מיט ערשטוינונג.

— דאָס איז ער — האָט געענטפערט דער „בעל-שם". — נאָך דעם ווי ער איז אַנטלאָפן פון מיר, האָט ער אָפּגעטאָן אַלדאָס ביז אין נצב, עזובה און שבולה און געוואָרן אַ גרויסער עושר און ראש־הקהל.

— און וואָס איז מיט אים איצט געשען? — האָב איך אויסגערופן מיט בייגער.

— וואַרט אַ ווייל, איך מוז אייך פריער דערציילן, וואָס מיט מיר איז ווייטער געשען.

מא.

מנשהס מפלה.

אַן ערך פיר יאָר, נאָך דעם ווי מנשה איז אַנטלאָפן פון מיר, איז געקומען צו מיר אַן אַלטער בלינדער ייד, געפירט פון אַ יינגערער פרוי, און מיר געזאָגט, אַז ער איז שלמה שלמון און די פרוי איז זיין טאָכטער און זיי זענען געקומען אָפּנעמען זייער קינד און פאָרן מיט אים קיין אויסלאַנד, ווייל זיי ווילן ווערן צוריק יידן. שלמה און זיין טאָכטער זענען געוועזן שרעקלעך געענדערט און געעלטערט, אָבער דאָך האָב איך זיי דערקענט, און האָב זיי דערציילט וואָס דאָס יינגל האָט מיר אָפּגעטאָן, און אַז איך ווייס נישט וואו ער געפינט זיך. דער אַלטער האָט מיר פאַרטרויט, אַז ער איז גאָרנישט בלינד און נאָר אויס מורא, אז מען זאָל אים נישט דערקענען, אַז ער איז דער משומד שלמון, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בלינדן. ווייטער האָט ער מיך געבעטן, אַז איך זאָל נעמען צו מיר זיין טאָכטער פאַר אַ באַדינטע, און ער וועט פאָרן אויפזוכן זיין פאַרפאַלן אייניקל. איך האָב גרויס רחמנות געהאַט אויף דער פרוי, וועלכע איז אַמאָל געוועזן שיין און איך האָב זי אין האַרצן געליבט,

און האָב זי גענומען צו מיר אין שטוב. דער אַלטער שלמון איז אַוועקגעפאָרן זוכן דעם טייערן תכשיט מנשה–זיין אייניקל, און אַ לאַנגע צייט האָב איך פון אים גאָרנישט געהערט. איינמאָל באַקום איך אַ בריוו, אַז ער ליגט ערגעץ אין אַ שטעטל שטערבּ־לעך קראַנק און אַז איך זאָל דורכאויס קומען אים זען. איך בין געפאָרן, האָב אים שוין נישט געטראָפן אַ לעבעדיקן. אַ ייִנגל אַ יתום, יוסף פון אַשדות, וועלכער פלעגט מיט אים אַרומגיין, האָט געהאַט ביי זיך זיינע כתבים און אַ פּאָר רובל, וואָס זענען נאָך אים געבליבן. איך האָב אויף דעם יתום רחמנות געהאַט און אים גענומען צו מיר, אָבער ער האָט מיר אָפּגעצאָלט מיט שלעכטס פאַר גוטס: ער האָט מיך באַגנבעט און אַנטלאָפן. שפּעטער האָב איך אַ לאַנגע צייט געקרענקט און געוואָרן שטאַרק פאַראָרעמט. פאַראַיאָרן בין איך געוואויר געוואָרן וועגן מנשהן, אַז ער איז דערהויבן געוואָרן צו זיין אַ ראש הקהל אין מאַזליה און אַז ער איז רייך ווי קורח, האָב איך מיך מיישב געווען צו פאָרן צו אים און בעטן הילף אַלס לוין פאַרן גוטס וואָס איך האָב געטון אים און זיין פאַמיליע. קומענדיק קיין מאַפּליה, בין איך נשתומם געוואָרן צו זען, ווי דער ווילדער יונג איז געוואָרן אַ תקיף אין שטאָט, ווי אַלע פרעגן ביי אים עצות, בעטן טובות און גיבן אים אָפּ דעם גרעסטן כבוד. תחילת האָב איך זיך געפרייט אויף זיין גרויסקייט, גלייך ער וואָלט געווען מיין אייגן קינד, און בין אַריבערגעגאַנגען צו אים אין שטוב. ער האָט זיך געמאַכט גלייך ער דערקענט מיך נישט. איך האָב אים אַ פרעג געטאָן:

— מנשה, צי דו דערקענסט מיך נישט? צי דו דערקענסט נישט דעם מאַן וואָס האָט דיך געהאַלטן ביי זיך ווי אַן אייגן קינד?

— איר האָט אַ טעות — האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ חוצפהדיקן שמייכל — איך האָב אייך קיינמאָל פאַר מיינע אויגן נישט געזען.

איך האב באַמערקט אָן אים, אַז ער דערקענט מיך יאָ, נאָר ער וויל מיך פאַרלייקענען. האָב פונדעסטוועגן געפּרוווט אים דערמאָנען פאַרשידענע זאַכן פון אונזער געמיינזאַמען לעבן און

דערנאָך אים דערציילט, אַז זיין מוטער זיצט ביי מיר און איך גיב איר צו עסן און צו טרינקען, בין אָבער נישט אימשטאַנד זי אויסצוהאַלטן, און געבעטן אים, אַז ער זאָל ווייניקסטנס רחמנות האָבן אויף זיין מוטער און איר אויסהעלפן אין איר נויט.

מנשה האָט ווייטער מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, גלייך ער קען מיך נישט און פאַרשטייט נישט וואָס איך רעד צו אים. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך באַדויער, וואָס איר האָט נישט געטראָפן אויפן ריכטיקן אָרט, איך קען אייך נישט און פאַרשטיי נישט וואָס איר רעדט צו מיר. אָבער כּדי אייער טרחה זאָל נישט זיין אומזיסט, נאַט אייך אַ נדבה, און דערביי האָט ער מיר דערלאַנגט אַ רובל.

איך בין געוואָרן אַן אויפגעציטערטער פון זיין חוצפה און אכזריות, דאָס בלוט האָט געקאָכט אין מיר ווי אַ קעסל, ווען איך וואָלט געהאַט אַ מעסער וואָלט איך אים אפשר אַריינגעשטאָכן, און האָב אויסגערופן מיט אַ ווילדן כּעס:

— ווי האָסטו די העזה צו געבן אַ רובל אַ נדבה אַ מענטשן, וואָס האָט דיך אויסגעהאַלטן און געליטן פון דיר צרות פינף יאָר דורכאַנאַנד און וואָס האַלט איצט אויס דיין מוטער? און אויב דו ביסט אַזוי גראָב צו פאַרגעסן דאָס גוטס, וואָס איך האָב דיר געטאָן, וויאַזוי קענסטו פאַרגעסן אָן דיין מוטער? אַזאַ רציחה איז דאָך אין דער וועלט נישט געשען!

— איר מוזט זיין אַ שוטה אָדער אַ שווינדלער — האָט מנשה אַ געשריי געטאָן מיט כּעס — איר האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אַ פרעמדן מענטשן און ווילט אים איינרעדן, וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. איך האָב קיין צייט נישט מיט אייך צו פאַרברענגען. גייט אייך געזונטערהייט, אַנישט וועל איך אייך הייסן אַרויסוואַרפן.

איך בין געוואָרן אַן אָנגעצונדענער פון כּעס און אַ געשריי געטאָן:

— אומזיסט איז דיין פאַרשטעלן זיך, דו געמיינער מענטש! איך וועל אַראָפּרייסן פון דיר די מאַסקע און אַלע וועלן וויסן

װער דו ביסט געװען און ביסט איצט, אַז דײַן אָרט איז נישט דאָ, נאָר אין געפענגעניש מיט גנבים און פאַרברעכער. אָבער אײדער איך טו דאָס, װאָרן איך דיך נאָך אַמאָל, דו זאָלסט נישט זײַן קײן אַכזר אויף דײַן מוטער און אויף דיר אַלײן און געדענקען, אַז דו האָסט צו טון מיט אַ פאַרצװײפלטן מענטש, װעלכער װעט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קײן זאַך.

מנשה האָט מיר נישט געענטפערט, נאָר, אַרײַנרופנדיק דעם משרת, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו אים:

— שלמה, דער מענטש איז געקומען מיך סטראַשען, אַז אויב איך װעל אים נישט געבן קײן געלט, װעט ער מיך ערמאָרדן. לויף שוין אַריבער און פּאָליצײ און רוף אַהער אַ פּאָר פּאָליציאַנטן.—און בײַ די רײד האָט ער פאַרהאַקט די טיר פון זײַן קאַבינעט און מיך נישט אַרויסגעלאָזט פון זײַן שטוב.

בעת איך האָב געשריגן און געמאַכט געװאַלטן, איז אָנגעקומען פּאָליצײ און מיך אַרעסטירט און אַװעקגעפירט אין טורמע אַלס שאַנטאַזשיסט, װעלכער האָט געװאָלט אויספּרעסן געלט פון מנשהן דורך דראָונגען.

אָבער מנשה האָט דאָס מאָל אָנגעטראָפן אויף אַ פאַרצװײפלטן מענטשן, װעלכער האָט געשװאוירן נקמה צו נעמען פון אים פאַר אַלע עולות, װאָס ער האָט געטאָן, נישט בלויז אים, נאָר אויך פיל אַנדערע מענטשן פון זײַן שטעטל. פּאָליצײ האָט מיך געמוזט באַפרײַען, װײַל זי האָט באַלד אײַנגעזען, אַז מנשה האָט געמאַכט אויף מיר אַ בלבול. אויף מנשהס אומגליק איז גראָד געקומען אין מאַפּליה אַ העכערער באַאַמטער, און די אַדמיניסטראַציע, װעלכע איז געװען יד-אַחת מיט מנשהן און נישט געלאָזט פאַלן אויף אים קײן שפּרענקעלע, האָט דאָס מאָל געמוזט האַנדלען שטרענג לויטן געזעץ. קוים בין איך באַפרײַט געװאָרן, האָב איך גענומען אויפרודערן געגן מנשהן דאָס גאַנצע שטעטל, װאָס האָט פײַנט געהאַט איר ראש-הקהל תּכלית-שנאה, נאָר געװען אַזוי טעראָריזירט פון אים, אַז עס האָט מורא געהאַט מיט אים אָנהײבן. איך האָב לײַכט געפונען אַ גאַנצע רײ מענטשן, װעלכע זענען באַגזלט און באַעולט געװאָרן פון מנשהן, און

מיר האָבן אַלע גענומען אַרבעטן כדי אויפצודעקן זיינע פֿאַלש־קייטן און גנבות. מנשה האָט סוף־כל־סוף באַקומען זיין באַצאָ־לונג: אַלע זיינע פֿאַלשקייטן זענען אַרויס ווי בוימל אויף וואַ־סער און דאָס שטעטל איז אויך געוואויר געוואָרן, אַז זי האָט פֿאַר אַ ראש־הקהל אַ ממזר און זון פֿון משומדים. מען האָט מנשהן פֿאַרשיקט אין די ווייטע מקומות, און דאָס איז אפשר געווען אַ טובה פֿאַר אים, ווייל נאָך דעם ווי מען איז געוואויר געוואָרן וועגן זיין תולדה און זיינע שיינע מעשים, וואָלט ער סיי־ווי געמוזט אַנטלויפֿן און מער זיך נישט ווייזן אין אונזער קאַנט.

מיין נקמה־געפֿיל איז געזעטיקט געוואָרן — האָט דער בעל־שם געענדיקט זיין דערציילונג וועגן מנשהן — אָבער אַן אָרעמאַן בין איך געבליבן דער זעלביקער ווי פֿריער. ווי נעמט מען איצט יוספֿן פֿון אשדות, וואָלט איך שוין געהאָלפֿן געוואָרן.

— וואָס קאָן אייך העלפֿן יוסף? — האָב איך געזאָגט — לויט ווי איך האָב געהערט, איז ער אַזאַ אָרעמאַן ווי איר.

— ער איז שוין נישט קיין אָרעמאַן — האָט געענטפֿערט דער בעל־שם — איך האָב פֿאַר אים אַ גוטע בשורה, און אַ שאָד וואָס איך ווייס נישט וואו ער שטעקט.

וואָס פֿאַר אַ בשורה האָט איר פֿאַר אים? איך בין נייגעריג צו וויסן.

— איך האָב פֿאַר אים אַ טאָפּעלע בשורה. איינמאָל איז נישט אמת וואָס מען האָט דערציילט, אַז זיין פֿאָטער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און זיך אַריינגעוואָרפֿן אין טייך, נאָכדעם ווי זיין ברודער האָט אים אומגליקלעך געמאַכט. דער אמת איז, אַז זיין פֿאָטער לעבט און צווייטנס איז ער אַ גרויסער עושר.

— וואָס רעדט איר? יוספֿס פֿאָטער לעבט? ווער האָט עס אייך געזאָגט? און וואו געפֿינט ער זיך?—האָב איך אויסגערופֿן אַ צעטומלטער פֿון פֿרייד, אָבער באַלד האָב איך מיר געקלערט, אַז עס איז אַ ליגן, און אַז דער בעל־שם וויל מיך אויספּרוּוון צו דערגיין, ווער איך בין, בין איך אַנטשוויגן געוואָרן און מער גאָרנישט געפֿרעגט.

— וואָס זענט איר אַזוי צערח'ערט געוואָרן פון דער בשורה? — האָט געפרעגט דער בעל-שם — וואַרפנדיק אויף מיר אַ דורכדרינגלעכן בליק.

— ווייל איר דערציילט וואונדער איבער וואונדער. פאַר אַ פּאָר חדשים האָב איך געזען יוספן און ער ווייסט גאָרנישט דערפון.

— ער ווייסט טאַקע נישט, אָבער זאָגט מיר, וואו האָט איר אים געזען?

— טאַקע דאָ אין האַמבורג.

— אפשר ווייסט איר, וואו ער איז איצט, וועל איך אים אָנזאָגן די גוטע בשורה.

— איך ווייס נישט, וואו ער איז איצט, אָבער דאָך דער- ציילט מיר וואָס איר ווייסט, אפשר וועל איך אים טרעפן, וועל איך אים דערציילן אין אייער נאָמען.

— איך האָב געהערט פון אַ זיכערן מענטשן, אַז יוספס פאָטער איז אַוועק קיין אַמעריקע און דאָרט געמאַכט אַ גרויסן קאַפּיטאַל. אין לאָנדאָן איז פאַראַן איינער וואָס קען אים פּערזענלעך.

— און ווי הייסט דער איינער?

— ער הייסט איש-כספּי און איז אַן איידעם פון אבינדב, איינער פון מנשהס קרבנות. ער האָט זיך באַגעגנט מיט יוספס פאָטער אין אַמעריקע און באַקומען פון אים גרויס שטיצע אויף איינאָרדענען זיך אין לאָנדאָן, און פון אבינדבס איידעם בין איך עס געוואויר געוואָרן.

— און וואָס אינטערעסירט אייך אַזוי יוסף אים אָנצוזאָגן?

— פשוט, ווייל איך האָף, אַז ער וועט מיך גוט באַפרי- דיקן פאַר דער בשורה-טובה, בפרט, אַז ער איז מיינער אַ בעל-חוב.

דעם בעל-שמס מעשיות זענען מיר אפילו נישט אַריין אין קאָפּ; איך האָב אַלץ געמיינט, אַז ער וויל מיך אויספּרווון, צי איך בין טאַקע יוסף, אָבער דאָך האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין לאָנדאָן און דאָרט אויפזוכן איש-כספּי, לויט דעם אַדרעס, וואָס דער בעל-שם האָט מיר אויפגעגעבן.

מב.

אין דער וועלט-שטאָט

אייניקע טעג האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין דער ריזיקער וועלט-שטאָט לאָנדאָן און נישט געקאָנט געפינען איש-כספי, זייענדיק זיכער, אַז דער בעל-שם האָט מיך אָפּגענאַרט, בין איך געווען אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט, מחמת מיין לעצט געלט איז מיר אויסגעגאַנגען און קיין שום איינזיכטן אויף אַרבעט האָב איך נישט געהאַט. איינמאָל גייענדיק אין גאַס אַ פאַרמרה־שחורהטער און פאַרצאָגטער האָב איך געהערט ווי איינער רופט מיך ביים נאָמען. אומדרייענדיק זיך, האָב איך דערזען פאַר מיר אַ יונגן פיין-געקליידטן הער, וועלכן איך האָב אָנפאַנגס נישט דערקענט. ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן און מיך געפרעגט: איר דערקענט מיך נישט? האָב איך דערקענט אָן אים דעם יונגנמאַן, וועלכער האָט זיך געחברט מיט מיר אין מאַלמע און האָט מיך דאַן אָנגערעדט צום טרונק.

— וואָס זעט איר אַזוי שלעכט אויס? — האָט ער ווייטער געפרעגט, באַטראַכטנדיק מיך פון אויבן ביז אַראָפּ — צי באַקלאָגט איר נאָך אַלץ אייער געליבטע? ס'איז דאָך שוין פון דעמאָלט

אַוועק דריי יאָר, און ס'איז שוין צייט צו פֿאַרשאַפֿן זיך אַן אַנדערע.

איך האָב גאָרנישט געענטפֿערט אויף זיינע רייד.

— קומט מיט מיר עסן מיטאָג. איר זעט אויס ווי נאָך אַ תּענית, ווען מיר זיך לאָזן וואוילגיין, און איר וועט דערציילן וואָס מיט אייך איז געשען ביז היינט.

מיר זענען אַריין אין אַ רעסטאָראַן, און מיין אַלט-נייער פֿריינט האָט געהייסן דערלאַנגען אַ פֿיינעם מיטאָג מיט ווייַן. איך האָב אים געפֿרעגט, וואָס זיין עסק איז און פֿון וואַנען ער נעמט געלט זיך צו דערלויבן אויף אַזאַ מיטאָג.

— איך האָב פֿאַרקויפֿט מיין נשמה — האָט ער געענטפֿערט מיט אַ געלעכטער, אַנגיסנדיק אַ גלאָז וויין זיך און מיר.

— און וואו געפֿינען זיך עס די נשמות-הענדלער? — האָב איך געפֿרעגט מיט אַ שמייכל — זאָגט מיר, וועל איך זיי אפשר אויך פֿאַרקויפֿן מיין נשמה, כּדי צו דערנערן דעם גוף.

— דאָ איז פֿאַראַן אַזעלכע הענדלער אויף יעדן שריט און טריט. נשמות זענען אַ גאַנגבאַר אַרטיקל אין לאָנדאָן.

— איך פֿאַרשטיי אייך נישט — האָב איך געזאָגט.

— איר האָט קיינמאָל נישט געהערט וועגן די ענגלישע נשמה-פֿאַנגער? וועגן די מיסיאָנערן?

— האָט איר אַזוי זיך געטויפֿט? — האָב איך אויסגערופֿן מיט פֿאַראַכטונג-אָבער איך וועל מיר ליבער דאָס לעבן נעמען, איידער פֿאַרקויפֿן מיין נשמה די מיסיאָנערן.

— דאָס מאָל האָב איך מיט זיי נישט געמאַכט קיין עסק, ווייל איך האָב זיי שוין דריי מאָל פֿאַרקויפֿט מיין נשמה און זיי אָפּגענאַרט, און איצט ווילן זיי שוין דערפֿאַר קיין גראָשן נישט געבן. איצט האָב איך געמאַכט אַן אַנדער עסק: איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ באַיאָרטער רייכער פֿרוי און באַקום פֿון איר אויף אויסהאַלטונג.

— אָבער איר קענט דאָך זינגען — האָט מיך דער חבר פֿלוצלינג אַ פֿרעג געטאָן — און פֿאַרוואָס זאָלט איר נישט אַריינטרעטן אין אַ היגער טרופּע?

— דאָ וויל מען מיך נישט אויפנעמען; זיי זאָגן, אַז איך האָב אַ גוטע שטים, נאָר דאַרף פריער זיך לערנען זינגען.

— זענט איר אַ לאַ־יצלח, טויגט צו גאָרנישט. דאָ אין לאָנדאָן זענען פאַראַן אַ סך אָרעמע יונגעלייט, וואָס לערנען אויפן חשבון פון גבירים און מעצענאַטן. דער באַרימטער אַרטיסט בן־דוד איז אויך פון אָרעמע עלטערן און האָט דערגרייכט זיין איצטיקן מעמד אַ דאַנק דער אונטערשטיצונג פון אַ מעצענאַט.

— אָבער וויאַזוי קומט מען אָן צו די מעצענאַטן, ווען איך האָב נישט דאָ קיין פריינט און באַקאַנטע?

— איך האָב פאַר אייך אַן עצה, — האָט ער אויסגערופן — דער אַרטיסט בן-דוד איז גראָד אין לאָנדאָן, גייט אַריבער צו אים, דערציילט אים אייער לאַגע, וועט ער אייך פאַרהערן און געבן אַ בריוו צו אַ מעצענאַט אָדער אַליין געבן אַ שטיצע.

מיר האָט זיך זייער נישט געוואָלט גיין צו פרעמדע מענטשן בעטן אַ שטיצע, אָבער איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. צומאָרגנס בין איך געגאַנגען צו בן-דודן, אָבער מען האָט מיך צו אים נישט צוגעלאָזט, האָב איך אָנגעשריבן צו אים אַ בריוו, וואו איך האָב דערציילט מיין גאַנצע ביאָגראַ-פיע, געשילדערט מיין איצטיקע ביטערע לאַגע און געענדיקט מיט די ווערטער, אַז אויב ער וועט מיר נישט געבן קיין הילף וועט מיר אויסקומען צו נעמען זיך דאָס לעבן. דער דאָזיקער בריוו האָט געהאַט אַ פעולה; בן-דוד האָט מיר באַשטימט אַ שעה, ווען צו קומען צו אים, און נאָכדעם ווי ער האָט אויס־געהערט מיין שטים, האָט ער מיר געגעבן אַ בריוו צו אַ יידישן מעצענאַט, וועלכער וועט מיר בייהילפיק זיין צו דערגרייכן מיין ציל.

אַ בריוו צום מעצענאַט האָב איך שוין געהאַט, האָב אָבער נישט געהאַט קיין גראָשן אין טאַש צו קויפן זיך עסן ביז מאָרגן און צוצופאָרן צום מעצענאַט, וועלכער האָט געוואוינט אין אַנ-דערן עק שטאָט. האָב איך געליען אַ פאָר פענס ביי מיין בעל-הבית און געפאָרן צום מעצענאַט אויפן ניכטערן מאָגן.

איבערגעלייענט בן-דודס בריוו, האָט דער מעצענאַט זיך

געװענדט צו מיר מיט עטלעכע פראַגן: פון װאַנען איך בין און װי לאַנג איך בין אין לאַנדאָן און װאו איך װאױן.

איך האָב געענטפערט כסדר אויף אַלע פראַגן און װען איך האָב געזאָגט, װאו איך װאױן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז דאָך זייער װייט פון דאַנען, און װיאַזױ זענט איר געגאַנגען אַזאַ גרױס שטיק װעגס צופוס?

— איך בין געפאָרן — איז געװען מיין ענטפער.

דער גביר האָט מיך געגעבן אַ קוק אָן, זאָגנדיק:

—אָבער עס איז דאָך היינט שבת און װיאַזױ האָט איר זיך דערלויבט מחלל שבת זיין און קומען צו מיר נאָך הילף?

איך בין געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער; איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז היינט איז שבת. אַ װייל בין איך געװען אַזױ צע־מישט, אַז איך האָב נישט געװאוסט װאָס צו ענטפערן.

— צי מיינט איר — האָט דער גביר געזאָגט מיט כעס — אַז איך װעל שטיצן מחללי־שבת, אפּיקורסים, װאָס פאַרגעסן אָן גאָט און פאַרלייקענען זייער דת? ניין, איך בין אַ גלויבנס־גע־טרייער ייד און העלף נאָר אַזעלכע נויטבאַדערפטיקע, װאָס זענען מקיים די תורה און מצוות. איר האָט אַזױ נישט געטראָפן דעם ריכטיקן אַדרעס!

װען איך װאָלט געװען אין אַנדערע אומשטענדן, װאָלט איך װיסן װאָס צו ענטפערן דעם דאָזיקן גוטהאַרציקן גביר, אָבער אַ הונגעריקער, אָן אַ גראָשן אין טאַש, האָב איך גע־מוזט אַראָפּבייגן דעם קאָפּ און זיך פאַרענטפערן מיט אַ תחינה־לשון:

— איר זענט זייער גערעכט, מיין הער — האָב איך זיך אָפּגערופן — אָבער אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: אין אדם נתפס על צערו (אַ מענטש איז נישט שולדיק װען ער איז אין װייטיק). איך בין געװען טויט־הונגעריק און געמוזט פאָרן, כדי צו ראַטעװען זיך פון הונגער, צי האָב איך געדאַרפט ליבער שטאַרבן פון הונגער אום שבת?

דער גביר האָט געקוקט אויף מיר מיט פאַרװאונדערונג און אַ פרעג געטאָן:

— צי זענט איר געווען אַזוי הונגעריק, אַז איר האָט מורא געהאַט צו שטאַרבן פאַר הונגער?

— איך האָב שוין צוויי טעג נישט געגעסן קיין זאַך און בין אַזוי שוואַך, אַז גיין אַהער צופוס איז מיר געווען אומ־מעגלעך.

דער גביר האָט אַ פּנים געגלייבט דעם הינגעריקן, ווייל מיין בלאַס אָפּגעצערט געזיכט האָט באַשטעטיקט מיינע ווערטער. ער האָט מיך געהייסן גיין מיט זיך און אַריינגעפירט אין אַן עס־צימער, וואָס איז געווען פול מיט כּל־טוב.

— וואַשט אייך — האָט ער געזאָגט — און עסט, וואָס אייך געפעלט און וויפל איר ווילט. — און מיט די ווערטער איז ער אַרויס פון צימער, און מיך געלאָזט אַליין.

איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו די מאכלים ווי אַ הונגעריקער וואָלף און אין אַ האַלבער שעה האָב איך געמאַכט אין זיי אַזאַ חורבן, אַז איך האָב מיך אַליין געוואונדערט וויאַזוי איך האָב געקאָנט אַזוי פיל אויפעסן. עס זענען געשטאַנען אויך אייניקע פלעשער וויין, אָבער דאָס האָב איך מורא געהאַט אָנצורירן אַ ביסל אויס דרך־ארץ און אַ ביסל אויס מורא איך זאָל נישט שיכּור ווערן.

ווען דער גביר איז צוריקגעקומען אין עס־צימער, האָט ער אַ בליק געטאָן אויף מיר און אויף די מאכלים און אַ שמייכל געטאָן. עס האָט אים קענטיק הנאה געטאָן, וואָס זיינע מאכלים זענען אַזוי צונוץ געקומען און וואָס ער האָט געהאַט אַ נייעם קלאָרן באַווייז, אַז איך האָב אים נישט גענאַרט. ער האָט מיר נאָך אָנגעגאָסן אַ גלעזל וויין, זאָגנדיק:

—טרינקט. היינט איז שבת, קומט מאָרגן, וועלן מיר רעדן.

מג.

די נשמה־פאַנגער.

פול מיט האָפענונג בין איך אין אָוונט אַרויס שפּאַצירן, טראַכטנדיק: איצט איז געקומען אַ סוף צו מיינע צרות; דער איידעלער מעצענאַט וועט מיר געוויס באַשטימען אַ שטיצע און אַזוי אַרום געבן די מעגלעכקייט צו דערגרייכן מיין ציל און צו ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש. גייענדיק אַזוי פאַרטראַכט, האָב איך דערזען פאַר מיר אַן עלטערן מענטש, וועלכער איז גלייך איינגעטרעטן אין אַ געשפּרעך מיט מיר, פרעגנדיק: פון וואַנען איך בין און וואָס איך טו אין לאָנדאָן. דערנאָך האָט ער מיך פאַרבעטן אין אַ רעסטאָראַן און געהייסן געבן ביר. אין משך פון געשפּרעך האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג וועגן די רוסישע יידן, אַז זיי זענען אַלע אַ באַנדע גנבים, רויבער, און איינער קיין רעכטער איז צווישן זיי נישטאָ. דערנאָך האָט ער גענומען זוכן חסרונות אויפן יידישן דת. דאָ האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז איך האָב צו טון מיט איינעם פון די יידישע מיסיאָנערן, וועלכע פאַרקויפן זייער גאָט און זייער פאָלק פאַר געלט און וועלכע זענען פאַראַן הונדערטער אין דער גרויסער

וועלט־שטאָט לאָנדאָן. די דאָזיקע לייט לויערן אויף יעדן אָרעמען פרעמדן ייד און, אָנטרעפנדיק אויף אַ פאַרצווייפלטן כאַראַקטער־לאָזן מענטשן, גיבן זיי אים הילף, פאַרפירן מיט אים לאַנגע שמועסן וועגן אמונה־זאַכן און פאַרנאַרן אים אין זייער נעץ: ער זאָל פריער אַליין זיך שמדן, און שפּעטער, נאָכדעם ווי ער מאַכט דורך אַ געוויסע פּראָבע־צייט, ווערן אַ נשמה־כאַפּער פאַר אַנדערע, אַזעלכע שוואַכע און צעבראָכענע נשמות ווי ער. איך בין שוין געווען אַ ביסל באַקאַנט מיט די דאָזיקע לייט, און פלעג זיך דערווייטערן און ליבער גרייט געווען זיך נעמען דאָס לעבן, איידער זוכן ביי זיי הילף. אָבער דאָס מאָל, ווען אויפן האַרצן איז מיר געווען גרינגער, האָט זיך מיר פאַרגלוסט מאַכן אַ טענה מיטן דאָזיקן נשמה־כאַפּער און אָפּעסן אים אַ ביסל דאָס האַרץ. נאָכדעם, ווי ער האָט געמאַכט אַ תל פון אַלע זיינע לאַנדסלייט, —די רוסישע יידן, און זיי געשטעמפּלט אַלע מיטן נאָמען רויבער און באַנדיטן, האָב איך אים אַ זאָג געטאָן מיט אַן ערנסטער מינע:

— איר האָט רעכט, מיין הער! אונזערע מזרח־יידעלעך זענען טאַקע גאָרנישט ווערט. לא־די וואָס אין דער היים ביי זיך ווייסן זיי נישט מער ווי שווינדלען און דרייען, טרייבן זיי אויך דאָ אין לאָנדאָן שווינדל־געשעפטן. דאָ מאַכן זיי געשעפטן מיט זייער גלויבן און פאַרפירן זייערע עלנדע ברידער צו פאַר־קויפן זייערע נשמות פאַר געלט. דאָס באַווייזט נאָכאַמאָל ווי געמיין און פאַרדאָרבן זיי זענען!

דעם מיסיאָנער זענען אַ פנים נישט געפעלן מיינע רייד, און ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַן איינגעהאַלטענעם צאָרן:

— ווען עמיצער קערט אָפּ פון שלעכטן וועג און גייט אין גוטן, פאַרדינט ער נישט קיין פאָרוואורף! לויט מיין מיינונג, טוען גוט יענע יידן, וועלכע פאַרלאָזן די אַלטע אָפּגעלעבטע אמונה און זוכן שוץ אונטער די פליגל פון אַ רעליגיע, וועלכע פּרעדיקט ליבע צו אַלע מענטשן, איז מקרב פרעמדע און שטייט ביי אומגליקלעכע אין זייער נויט. צי דאַרף מען טאַקע דאָס גאַנצע לעבן בלייבן געטריי אַ באַנדע־בלוט־זייגער און מוסרים בלויז דערפאַר, ווייל זיי זענען אונזערע ברידער?

— און איר אַליין זענט אויך געווען אַ בלוט-זייגער און מוסר, אײדער איר זענט געוואָרן אַ מיסיאָנער? — האָב איך אים איבערראַשט מיט אַ פראַגע.

— אמת, איך בין טאַקע געווען -- האָט געענטפערט דער מיסיאָנער — אָבער זינט איך האָב דערזען דאָס ליכט פון אמת, האָב איך באַשלאָסן צו ווערן אַ מיסיאָנער, כּדי צו עפענען אַנדערע די אויגן און אָנצווייזן זיי דעם ריכטיקן וועג.

— איך בין נישט קיין אידעאַליסט — האָב איך געענט-פערט — און גלייב אויך נישט אין אייער אידעאַליזם. וואָלט איך דערום וועלן וויסן: וואָס קענט איר מיר געבן עפּעס ממשותדיקס, אויסער אייער אמת, אין וועלכן איך גלייב נישט? אויב איר ווילט מיך פאַרזאָרגן בלויז מיטן הימל-קעניגרייך, האָב איך נאָך צייט; איך וויל נאָך לעבן און איר וועט צייט האָבן קומען צו מיר אין עטלעכע צענדליק יאָרן אַרום.

דער מיסיאָנער איז קענטיק דערפרייט געוואָרן פון מיינע ווערטער. ער האָט געמיינט, אַז ער האָט שוין געכאַפּט אַ העכטל פאַר קליין-געלט, און האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל:

— יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי, אַז איר מיינט נישט די הגדה, נאָר די קניידלעך, האָב איך אייך טאַקע ליב. הימל-קעניגרייך וועל איך אייך צוזאָגן אויף שפּעטער, און קניידלעך קריגט איר באַלד אויפן טיש. איך ווייס, אַז איר זענט נישט קיין גרויסער מדקדק אין מצוות; אַ סימן איר פאַרט שבת און האָט נישט מורא פאַרן: „שמא יחתוך זמורה" (טאָמער וועט מען אָפּשניידן אַ צווייגל), איך האָב אָבער נישט קיין פאַריבל אויף אייך, ווייל איך ווייס, אַז ס'איז אוממעגלעך צו פאַרטראָגן דעם שווערן לאַסט פון מצוות און חומרות, וואָס די פּרושים און רבנים האָבן אויף אייַנז אָנגעלאָדן. מען דאַרף באמת זיין אַ בהמה בצורת אדם צו לאָזן זיך איינשפּאַנען אין זייער שווערן וואָגן און צו שלעפּן... אָבער קוים גלייבט מען נישט אין די אַלע שטותים, צו וואָס דאַרף מען זיך האַלטן אָן יידישקייט און אויסשטיין דערפון גע-ברענטע צרות? צי איז נישט גלייכער אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך

דעם עול פון יידישקייט און אינאיינעם דערמיט דאָס גאַנצע פעקל צרות און אָננעמען אַ רעליגיע, וואָס דערלויבט אייך לעבן אַ פריי לעבן מיט לייטן גלייך, וואָס עפנט פאַר אייך אַ גרויסע שיינע וועלט?

— אייך געפעלן נישט די חומרות און סיגים פון אונזערע חכמים און רבנים? — האָב איך געענטפערט — אָבער אַלץ וואָס איר פאַרמאָגט איז דאָך גענומען פון די זעלביקע חכמים, וואָס געפעלן אייך אַזוי נישט!

— נישט די קריסטלעכע און נישט די רבנישע לערן — האָט זיך אָנגערופן דער מיסיאָנער — זענען ווייט נישט ענלעך צו תורת משה, און אויב אַזוי, צי איז נישט גלייכער אומצו־בייטן תורת משה אויף אַ נייער תורה, ווייניקסטנס אָן פעקל צרות?

איך האָב געוואָלט מאַכן אַן עק פון אונזער וויכוח, וועל־כער האָט נישט געהאַט קיין שום נוצן און באַשלאָסן אים פטרן מיט אַ וויץ.

— אָבער איר אָנערקענט דאָך אַליין — האָב איך געזאָגט אויפן קול, אַז אַלע וואָס זענען געזעסן אַרום אונז אין רעסטאָ־ראַן זאָלן הערן — אַז מיין רעליגיע איז טייערער און ווערטפו־לער ווי אייערע!

— איך האָב אָנערקענט? — האָט ער אויסגערופן פאַרוואונדערט.

— איר האָט דאָך מיר פאָרגעלייגט אַ הילף און געלט־שטיצע דערפאַר, אַז איך זאָל אומבייטן מיין רעליגיע אויף איי־ערע; איר גיט מיר אַזוי פאַר מיין רעליגיע אייערע מיט אַ צולאָג פון געלט! צי דאַרף מען אַ בעסערן באַווייז, אַז מיינע איז טייערער און ווערטפולער? און אויב אַזוי, צו וואָס זאָל איך מאַכן אַזאַ בייט? און אַרויסלאָזן פון האַנט אַזאַ ווערטפולן חפץ?

אַלע צוהערער האָבן געלאַכט פון מיין וויץ, און דער מיסיאָנער איז נעבעך געבליבן אַ פאַרשעמטער. פאַר חרפה האָט ער זיך אַרויסגערוקט פון רעסטאָראַן, איבערלאָזנדיק מיר זיין חלק ביר.

מד.

דער פרומער גביר.

צומאָרגנס האָט דער מעצענאַט מיך פריינטלעך אויפגענומען און אָנגעלערנט פון דער נעכטיקער פּראַקטיק, האָט ער צו־ערשט געהייסן מיר געבן פרישטיק. נאָכן פרישטיק האָט ער מיך געפרעגט: וואָס איך פאַרלאַנג.

איך האָב אים דערציילט, אַז בן-דוד האָט מיר געראָטן איינטרעטן אין אַ קאָנסערוואַטאָריום און לערנען זיך זינגען, ווייל, לויט זיין מיינונג, קאָן איך אַרויסוואַקסן אַ גרויסער זינגער.

— און וויפל וועט איר דאַרפן אַ חודש אויף חיונה?—האָט דער גביר געפרעגט.

— איך רעכן, אַז איך וועל האָבן גענוג צוויי פונט – האָב איך געענטפערט, מורא האָבנדיק צו בעטן מער.

— צוויי פונט וועט זיין ווייניק; איך רעכן, אַז איר דאַרפט האָבן טאָפּל.

— איך באַנוגן זיך מיט ווייניק. מיין שטרעבונג איז צו לערנען זינגען און ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, און אויב איך וועל דערווייל מוזן לעבן בצמצום, אַרט מיך אויך נישט.

אבי איך זאָל קיין הונגער נישט ליידן.

—גוט, איך וועל אייך געבן פיר פונט אַ חודש, אַז איר זאָלט קאָנען לעבן בריוח, אָבער, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, העלף איך נאָר גאָטספאָרכטיקע גלויבנס־געטרייע יונגעלייט, וועלכע זענען מקיים די תורה און מצוות. לייכטזיניקע מענטשן, וועלכע ווילן נישט וויסן פון קיין עול-תורה, וויל איך נישט העלפן; זיי זענען עס נישט ווערט און פון זיי קען גאָרנישט אַרויסקומען, לויט מיין מיינונג. זאָגט-זשע מיר אַלזוי יונגערמאַן דעם ריינעם אמת: צי איר זענט אַזאַ מענטש ווי איך וויל?

איך האָב פאַרזיכערט דעם פרומען גביר, אַז איך בין אַ כשרער ייד און בין מקיים אַלע מצוות און דינים, נישט צו פאַרפעלן אַ האָר, און אַז די מעשה, וואָס איך בין געפאָרן אום שבת איז געווען צוליב פקוח־נפש, ווייל איך וואָלט פשוט געשטאָרבן פאַר הונגער, ווען איך וואָלט נישט געפאָרן צו אים.

דער גביר האָט געענטפערט, אַז ער גלייבט מיר, אָבער פונדעסטוועגן פאַרלאַנגט ער פון מיר אַ באַווייז: איך זאָל אים ווייזן מיינע ציצית.

איך בין געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, אַ נידערגעשלאָגענער, ווייל זינט איך האָב פאַרלאָזן די ישיבה, האָב איך נישט געטראָגן קיין ציצית.

דער גביר, זעענדיק מיין פאַרלעגנהייט, האָט אַ זאָג געטאָן מיט כעס:

— ווי איך האָב אייך געזאָגט, גיב איך שטיצע נאָר אַזעלכע, וואָס זענען מקיים אַלע מצוות. פריידענקער און גלאַט לייכטזיניקע מענטשן, וואָס ווילן נישט האָבן אויף זיך קיין עול-מצוות, באַקומען פון מיר קיין שטיצע נישט. זאָלן זיי גיין צו אַנדערע, וואָס זענען נישט מקפיד אויף אַזעלכע זאַכן. מילא וועגן פאָרן אום שבת האָט איר אַ תירוץ, אָבער ווער האָט אייך געצוואונגען אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם ארבע-כנפות? נאַטירלעך קען איך אייך שוין נישט גלייבן, און ווער ווייס, אפשר האָט איר זיך שוין געשמדט עטלעכע מאָל פאַר געלט, אַזוי ווי עס מאַכט אַ טייל פון אייערע לאַנדסלייט. גייט אייך

געזונטערהייט! פון מיר וועט איר קיין שטיצע נישט באַקומען!

די ערשטע ווערטער פון גביר האָבן מיך געבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט, אָבער די לעצטע האָבן מיך דערשלאָגן ווי אַ דונער. ער זאָגט — האָב איך געטראַכט ביי מיר — אַז איך האָב שוין אפשר דריי מאָל זיך געשמדט, אויף מיר, וואָס האָב ליבער געוואָלט שטאַרבן פאַר הונגער, איידער אָפּקערן זיך פונם יידישן גלויבן, וואָס האָב קיינמאָל גאָרנישט צוגעלאָזט צו מיר אַזאַ געדאַנק, וואָס האָב ערשט נעכטן געהאַט אַ וכוח מיט אַ מיסיאָנער און אים ביייגעקומען! דאָס בלוט האָט געקאָכט אין מיר ווי אַ קעסל, טרערן האָבן נישט ווילנדיק זיך באַוויזן אין מיינע אויגן, אָבער איך האָב נישט געקאָנט רעדן אַ וואָרט פאַר אויפרעגונג.

דער גביר האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש לעבן מיר אַ פּאָר מטבעות און איז אַרויס אין צווייטן צימער. איך האָב דאָס געלט נישט אָנגערירט און אַרויסגעגאַנגען פון גבירס וואוינונג. זאָל זיין וואָס עס וויל; איך וועל מער נישט זוכן קיין הילף ביי נדבנים.

ווען איך בין שוין געווען אין גאַס, האָט דער משרת מיך צוריקגערופן: דער גביר דאַרף מיך עפּעס האָבן. איך האָב געמיינט, אַז דער גביר האָט חרטה געהאַט און באַשלאָסן מיר יאָ צו געבן הילף, און איך בין צוריקגעגאַנגען.

— פאַרוואָס האָט איר נישט גענומען דאָס געלט? — האָט געפרעגט דער גביר.

— ווייל איך בין נישט געוואוינט צו נעמען נדבות. איך האָב געמיינט, אַז איר וועט מיר געבן די מעגלעכקייט צו דערגרייכן אַ ציל, אָבער ווען איר זאָגט מיר אָפּ אין דעם, וואָס װעלן מיר העלפן די פּאָר שילינג?

—נעמט דאס געלט — האָט געענטפערט דער גביר, צוליי־גנדיק נאָך אַ פּאָר מטבעות—און אויב איר וועט מיר ברענגען אַ בריוו פונם היגן רב, אַז איר זענט נישט געטויפט און האָט נישט קיין עסק מיט די מיסיאָנערן און וועט מיר צוזאָגן ווייטער אָפּצוהיטן אַלע מצוות, וועט איר באַקומען הילף. אָבער אָן אַ בריוו

פון רב האָט איר נישט וואָס צו קומען צו מיר!

דאָס מאָל האָב איך גענומען דאָס געלט און זיך געלאָזט גיין צום רב, האָפנדיק, אַז ער וועט מיר געוויס געבן אַזאַ בריוו. איך האָב דאָך גוט געוואוסט ביי מיר, אַז איך בין אַן אמתער ייד און קיינמאָל נישט געוואָלט האַנדלען מיט מיין אמונה. איך בין געגאַנגען צום רב מער איבער דעם, כדי צו קענען באַווייזן דעם גביר, אַז ער האָט מיך אומזיסט חושד געווען.

נישט אזוי גיך האָט מען מיך צוגעלאָזט צום רב; מען האָט מיר געהייסן קומען מאָרגן, איבערמאָרגן, ווייל היינט איז דער רב פאַרנומען. ווען איך בין געקומען איבערמאָרגן, איז דער אויפנאַם-צימער געווען אָנגעפילט מיט צענדליקער מענטשן, וואָס יעדער האָט געהאַט עפּעס אַן ענין צום רב. נאָך אַ לאַנגן וואַרטן איז אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן, קענטיק דעם רבס סעקרעטאַר, און געפרעגט יעדערן וואָס ער דאַרף. דאָס רוב באַזוכער האָט ער אָפּגעפּטרט מיט אַ קורצער תשובה, אַז דער רב קען נישט העלפן, אַז ער גיט נישט קיין שטיצע, אַז ער קומט שוין נישט דאָס ערשטע מאָל און דאָסגל. ווען ס'איז געקומען מיין ריי און איך האָב געזאָגט, אַז איך קום צום רב אין נאָמען פון גביר נ., האָט ער מיך אַריינגעלאָזט צום רב אין קאַבינעט.

איך האָב דערציילט דעם רב וואָס מיך האָט געבראַכט צו אים און געבעטן ער זאָל מיר געבן אַ בריוו צום גביר...

— איך קען אייך אַזאַ בריוו נישט געבן — האָט קורץ געענטפערט דער רב.

— צו וועמען דען זאָל איך מיך ווענדן, ווען דער גביר האָט מיך געהייסן גיין צו אייך?

— פון וואַנען ווייס איך, אַז איר זאָגט אמת, אַז איך זאָל קענען עדות-זאָגן וועגן אייער פרומקייט און ערלעכקייט.

— רבי — האָב איך געענטפערט מיט געבעט — איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז מען דאַרף יעדן שטעלן אויף דער חזקה, אַז ער איז ערלעך, כל-זמן מען האָט נישט געזען פון אים אַן אומערלעכקייט.

— יאָ, איך האַלט אייך אין האַרצן פאַר אַן ערלעכן,

אָבער געבן וועגן דעם אַ בריוו קען איך נישט.

— וואָס זשע טוט מען? — האָב איך געפרעגט מיט אַ טיפן זיפץ.

— ברענגט מיר אַ צייגניש פון באַגלייבטע מענטשן, וועל איך אייך געבן אַ בריוו.

— איך קען דאָך אָבער דאָ קיינעם נישט!

— ווי לאַנג זענט איר אין לאָנדאָן?

— דריי חדשים.

— אין וועלכער שול האָט איר געדאַוונט?

איך בין געבליבן אין פאַרלעגנהייט און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, ווייל איך בין קיין איינמאָל נישט געווען אין אַ שול.

— איך דערקען אָן אייך, אַז איר האָט נישט געדאַוונט אין קיין שול, זאָגט-זשע מיר וואו האָט איר געגעסן ביז איצט? זאָל קומען דער רעסטאָראַטאָר און עדות זאָגן, אַז איר האָט געגעסן יידיש עסן.

איך האָב געוואָלט עפּעס ענטפערן, אָבער אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען אַ לאַנג-געקליידטער ייד און הערנדיק וואָס איך פאַרלאַנג פון רב, האָט ער זיך אָנגערופן, אַז ער האָט מיך געזען גיין מיט אַ מיסיאָנער.

דאָס האָט שוין באַשטימט מיין גורל, און ווען איך האָב געפּרוווט רעדן נאָך אַ וואָרט, האָט דער משרת מיר אָנגעוויזן אויף דער טיר און איך בין אַרויס פון רבס שטוב אַ פאַרשעמטער, אַ פאַרצווייפלטער.

מה.

אַן אומגעריכטע הילף.

אייניקע וואָכן האב איך געלעבט פון די פּאָר פונט וואָס דער גביר האָט מיר געשענקט און געקענט זיך אַרומדרייען אָן א ציל אין די גאַסן, נישט טראַכטנדיק וועגן דער צוקונפט. אָבער די פּאָר מטבעות זענען אויסגעגאַנגען און דער הונגער האָט זיך געלאָזט שטאַרק פילן. נישט ווייט פון מיין וואוינונג איז געווען אַ קראָם פון געבעקס און איינמאָל פילנדיק אַ שטאַרקן הונגער בין איך אַריין אין קראָם און געבעטן אַ פּאָר זעמל אויף באָרג, אָבער דער קרעמער האָט געוואָרפן אויף מיר אַ בייזן קוק און נישט געוואָלט געבן. איך בין אַוועק אַ פאַרשעמטער און ווען דער הונגער האָט מיך גענומען פייניקן, בין איך אַריין אין אַן אַנדער קראָם און געמאַכט דאָרט דעם זעלביקן פאָרשלאַג מיר צו געבן עטלעכע זעמל אויף באָרג, אָבער דער קרעמער האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג און אויך נישט געוואָלט געבן. ווען איך האָב אים געוואָלט געבן אַ זאַך פאַר אַ משכון, האָט ער געזאָגט, אַז ער פאַרקויפט נאָר אויף מזומן.

עס איז מיר איינגעפאַלן אויפצוגיבן, אָדער אויפצוהייבן אַ זעמל אָדער אַ ברייטל פון קראָם, אָבער איך האָב זיך גע־שראָקן פאַרן שטרענגן געזיכט פון קרעמער און בין אַרויס פון קראָם, שאָקלענדיק זיך אויף די פיס. איך האָב געמוזט האָבן זייער אַ טרויעריקן נידערגעשלאָגענעם אויסזען, ווען אַ פרייליין וואָס האָט געקויפט צוקערגעבעקס אין קראָם האָט געוואָרפן אויף מיר אַ רחמנות־בליק. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אַ ווייל אַרום דער קראָם און געזען ווי די פרייליין איז אַרויס מיט אַ פעקעלע פון קראָם און צוגעגאַנגען צו דער קאַרעטע וואָס האָט אויף איר געוואַרט. נישט ווילנדיק האָב איך אַ בליק געטאָן אין איר שיין רייצנד געזיכט און אונזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. אירע אויגן זענען געווען גרויסע, טיפע און שטראַלנדיקע און אין זיי איז געלעגן אַ ים פון גוטסקייט און טרויער. איינזיצנדיק אין קאַרעטע האָט זי אַראָפּגעלאָזט אַ קליין סאַקוועלע, וועלכעס האָט אַ קלונג געטאָן אויף די שטיינער פון ברוק, און איז אָפּגע־פאָרן. איך בין צוגעלאָפן, אויפגעהויבן דאָס סאַקוועלע און גענו־מען נאָכלויפן דער קאַרעטע, כדי אָפּצוגעבן די אבדה. אין מיין איצטיקער גרויסער נויט האָט מיר דאָך דאָס האַרץ נישט גע־לאָזט אַוועקנעמען גע׳ט ביי דער דאָזיקער פרייליין.

— פרייליין — האָב איך נאָכגעשריגן, האַלטנדיק אין האַנט דאָס סאַקוועלע — איר האָט עפעס פאַרלוירן.

— דאָס איז נישט מיינס — האָט געענטפערט די פרייליין ווי פאַרשעמט.

— אָבער איך האָב געזען, אַז איר האָט עס אַראָפּגעלאָזט, — האָב איך אויסגערופן מיט פאַרוואונדערונג.

— איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז עס איז נישט מיינס — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיסער שטים, וואָס האָט געקלונגען אין מיינע אויערן ווי אַ האַרפן־קלאַנג.

—וועל איך עס מוזן אַוועקטראָגן אין פאָליציי—האָב איך געזאָגט.

זי האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן און אַראָפּלאָזנדיק די אויגן האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— נעמט עס. פאַר זיך. האָט קיין מורא נישט — האָט זי געענטפערט און אַוועקגעפאָרן ווייטער.

איך האָב געעפנט דאָס סאַקוועלע און דאָרט געפונען אַ צען גאָלדענע מטבעות, אַ געשאַנק פון דער אומבאַקאַנטער שיינער פריילן. איך האָב לאַנג, לאַנג נאָכגעקוקט דער אָפּפאָרנדיקער קאַרעטע, ביז זי איז פאַרשוואונדן הינטערן ראָג גאַס, אָבער דאָס רייצנדע געזיכט פון דער פריילן—מיין רעטערין אין נויט, און באַזונדערס אירע גוטע שטראַלנדיקע אויגן זענען מיר לאַנג געשטאַנען פאַרן פנים און האָבן מיר געטריבט דעם שלאָף ביינאַכט.

מז.

אַ פֿאַרבאָטענע ליבע.

מיט דעם געלט פון סאַקוועלע האָב איך געקענט לעבן אַ פּאָר חדשים. בין איך ווידער אַרומגעגאַנגען פוסט און פּאַסט און געמאָסטן די פּראַכטפּולע, לאָנדאָנער גאַסן. איינמאָל האָב איך באַגעגנט אין גאַס דעם זינגער בן-דוד. ער האָט מיך געפרעגט, צו איך בין איינגעטרעטן אין קאָנסערוואַטאָריום. איך האָב דער-ציילט אַלץ וואָס מיט מיר איז געשען און ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זאָגנדיק:

— איך האָב פאַרגעסן אייך זאָגן ווי צו באַגיין זיך מיטן גביר; דאָ זענען זיי אַלע פרומע און ווילן אויך אונזערע פרום מאַכן. אָבער איך האָב דעמאָלט זייער געאיילט אַוועקפאָרן און אויך פאַרגעסן אייך געבן אַ געלט-שטיצע. אָבער קומט אַריין צו מיר מאָרגן, וועלן מיר שמועסן וועגן אייך.

צומאָרגנס האָב איך באַזוכט בן־דוד און אַ דאַנק זיין פּראָ-טעקציע בין איך אויפגענומען געוואָרן און קאָנסערוואַטאָריום און אויך באַקומען אַ געלט-שטיצע פון אייניקע מעצענאַטן אויף אויס-האַלטונג. אַ האַלב יאָר האָב איך געלערנט געשמאַק און געמאַכט

גרויסע פֿאַרשריטן, און די לערער האָבן מיר געגעבן גוטע האָ־פּענונגען. זייענדיק אַן אָפּטער אַריינגייער צו בן־דוד, בין איך אַמאָל געגאַנגען מיט אים שפּאַצירן אין גאָרטן. דאָרט האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט אַ יונגנמאַן, וועלכער האָט באַגריסט בן־דודן און אַריינגעטרעטן מיט אים אין אַ געשפּרעך.

— וואו איז אייער פֿאָטער און שוועסטער? — האָט אַ פֿרעג געטאָן בן־דוד.

— מיין פֿאָטער איז געפֿאָרן קיין ניו־יאָרק פֿאַרקויפֿן דאָס הויז און די ווירטשאַפֿט, ווייל ער וויל בלייבן אין לאָנדאָן און די שוועסטער זיצט דאָ אין גאָרטן. לאָמיר צוגיין צו איר.

בן־דוד האָט מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן יונגנמאַן אַלס צוקונפֿטיקן גרויסן זינגער און מיר זענען זאַלבעדריט געגאַנגען צו זיין שוועסטער.

ווי גרויס איז געווען מיין ערשטוינונג, ווען איך האָב דערזען פֿאַר מיר יענע פֿריילן, וועלכע האָט מיר געשענקט דאָס סאַקוועלע געלט און מיך דורך דעם געראַטעוועט פֿון הונ־גער־טויט. קוקנדיק אויף איר פֿון דער נאָנט, בין איך צעטומלט געוואָרן פֿון איר אויסערגעוויינלעכער שיינקייט און נישט געקענט אַרויסרעדן אַ וואָרט. בן־דוד האָט באַמערקט מיין פֿאַרלעגנהייט און אַ זאָג געטאָן:

— איר זענט ווי פֿאַרבלענדט פֿון שטאַרקן ליכט. געוויינט זיך צום ליכט; עס איז אָנגענעם פֿאַרן אויג און פֿאַרן האַרץ.

— אָ, איך האָב געוואוסט — האָט נעזאָגט די פֿריילן מיט אַ שטים, וועלכע האָט געקלונגען ווי זילבערנע גלעקלעך — מיט בן־דודן קומען חניפֿה־ריידעלעך.

— ניין, מיין פֿריילן, — האָט זיך אָפּגערופֿן בן־דוד, — איך בין נישט קיין חונף, איך זאָג נישט אפֿילו אַ צענטל, וואָס אייך קומט.

— ברודער, דערלאַנג אים אַ קאַנפֿעט ער זאָל נישט רעדן. איך האָב ליב צו הערן זיין זינגען, אָבער נישט זיינע לויב־רייד.

בן־דוד האָט מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דער פֿריילן. ז־

האָט געוואָרפֿן אויף מיר איר שטראַלנדיקן בליק און אַ פּני־דערקענט.

— געוויינט אייך קוקן אויף שיינע פריילנס — האָט ווייטער פון מיר געחוזקט בן־דוד — וועט איר זיך נישט פאַר־לירן ווי הייגטיקס מאָל, ביים ערשטן בליק אויף זיי.

— נישט דאָס ערשטע מאָל זע איך די דאָזיקע איידעלע פריילן — האָב איך אויסגערופן מיט געפיל — זי איז מיין רעטונגס־מלאך און איר בילד שוועבט פאַר מיינע אויגן אין חלום און אויף דער וואָר.

אַלע זענען געוואָרן ערשטוינט פון מיינע ווערטער. די פריילן האָט זיך פאַרוויטלט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דער פריילנס ברודער האָט זיך אָפּגערופן צו מיר מיט שטאָלץ:

— מיין הער, מיר שיינט, אַז איר האָט אַ טעות; מיין שוועסטער האָט קיינמאָל נישט געהאַט דעם כבוד אייך צו קענען.

— ניין, איך האָב קיין טעות נישט, איך האָב פיל צו פאַרדאַנקען אייער איידעלער שוועסטער.

דער יונגערמאַן איז קענטיק געוואָרן אין כעס און אויסגע־רופן שטרענג:

— אייערע ווערטער זענען פאַר מיר אַ רעטעניש, מיין הער, איך בעט אייך זיך צו ערקלערן! — און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, האָט ער זיך געווענדט צו דער שוועסטער מיט דער פראַגע:

— יוליע! צי קענסטו אָט דעם הער?

יוליע האָט זיך פאַרלוירן און געענטפערט:

— מיר שיינט אויך, אַז דער הער האָט אַ טעות.

— איר הערט — האָט דער יונגערמאַן אויסגערופן בייז.

— אפשר האָט איר פאַרגעסן, מיין פריילן, אָבער איך וועל קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן מיין רעטערין.

דער ברודער איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרימצאָרן; זיינע אויגן האָבן געפינקלט ווי ביי אַ צעיושעטער חיה.

— זיי נישט בייז ,ברודער — האָט אויסגערופן יוליע — ער איז אפשר גערעכט.

— ער איז אפשר גערעכט? — האָט געענטפערט דער ברו-דער אַ צעטומלטער — אָבער ווען האָסטו אים געזען און ווען האָסטו אים געהאָלפן? פאַרגעס נישט, אַז מיין און דיין כבוד זענען מיר טייערער ווי דאָס לעבן.

איך האָב געקוקט מיט דערשטוינונג אויפן צעהיצטן יונגג-מאַן, וועלכער האָט געשאָסן מיט ווערטער, וואָס האָבן נישט גע-האַט קיין טעם און קיין ריח, אָבער כדי אַרויסצונעמען זיין שוועסטער פון פאַרלעגנהייט, האָב איך דערקלערט, ווי די פריילן יוליע איז מיר בייגעשטאַנען אין נויט און מיר אויף אַן איידעלן אופן געשענקט אַ בייטל מיט געלט.

דער ברודער האָט געבעטן ביי מיר אַנטשולדיקונג פאַר זיין אומזיסטן כעס און כדי מיך מפייס צו זיין, האָט ער מיך פאַרבעטן צו קומען צו זיי אין הויז אויף מיטאָג.

פריילן יוליע און איר ברודער האָבן פאַרנומען אַ גרויסע וואוינונג אויף איינער פון די לאָנדאָנער פּרינציפּאַלע גאַסן. די רייכע מעבלירונג און קינסטלערישע אויסשטאַטונג פון די צימערן האָבן עדות-געזאָגט וועגן דער גרויסער עשירות פון די בעלי-בתים, און דאָס, בין איך מודה, האָט מיר האַרציק וויי-געטאָן. איך וואָלט געוועזן פיל צופרידענער, ווען די פריילן יוליע, צו וועלכער איך האָב געפילט אין האַרצן פיל מער ווי סימפּאַטיע, וואָלט געווען אָרעם און עלנד און געוואוינט אין אַ קליין איינ-פּאַך דירהלע; איך וואָלט דאַן געווען נענטער צו איר און גע-קאָנט לייכטער טרוימען וועגן איר, אָבער איר עשירות האָט מיך געשראָקן, ס'האָט מיך אויך געשראָקן איר בייזער ברודער, וועלכער איז מיר פאָרגעקומען צו זיין דער שאָקלענדיקער שווערד-קלינג ביי דער טיר פון גן-עדן.

איינמאָל בין איך געווען ביי יוליען אין שטוב אינאיינעם מיט בן-דוד און זי געטראָפן לייענענדיק אַ תנ"ך.

— יוליע איז דאָ געוואָרן אַן עכטע ענגלענדערין — האָט זיך אָפּגערופן דער ברודער — זי זיצט תמיד איבער דער ביבל

און דוקא איבער אַן העברעישער ביבל.

— איך פאַרשטיי נאָך גוט חומש, הגם איך האָב שוין צוואָנציק יאָר נישט געהאַלטן אין האַנט קיין העברעישן ספר — האָט געזאָגט בן־דוד — און איר? — האָט ער צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו מיר.

— איך לייען נאָך עד־היום העברעיש, און אַ העברעיש בוך איז מיין בעסטע פאַרוויילונג — האָב איך געענטפערט.

— דאָס איז זייער שיין פון אייער זייט — האָט זיך אָפּגע־רופן די פריילן — און פאַרקערט בין איך זייער בייז אויף אונזערע יונגעליייט, וועלכע פאַרשטייען נישט צו שעצן דעם דאָזיקן טייערן אוצר, וועלכער פאַרשאַפט דעם גרעסטן כבוד אונזער פאָלק.

— ווען איך וואָלט הערן אייער מוסר פאַר צוואָנציק יאָר, וואָלט ער געהאַט אויף מיר אַ פעולה, אָבער איצט איז ליידער שוין צו שפּעט — האָט געזאָגט בן-דוד.

— ביי אייך איז דאָס אַ וויץ, אָבער איך מיין עס גאַנץ ערנסט — האָט געזאָגט די פריילן מיט היץ — אַ דאַנק מיין פאָטער, וועלכער איז אַליין אַ גרויסער ליבהאָבער פון העברעיש און האָט די דאָזיקע ליבע איינגעפלאַנצט אין מיר, בין איך פון קינדוויייז אויף אַ פאַרערערין פון דער הייליקער שפּראַך און איי־נע פון אירע געטרייסטע לעזערינס. באַטראַכטנדיק דעם גורל פון העברעיש, זע איך איין, אַז ער איז גלייך צום גורל פון אונזער פאָלק. אויך די העברעישע שפּראַך איז געווען אַ ליכט פאַר דער גאַנצער וועלט און אַ קוואַל פון יעדער וואָרהייט און גערעכטי־קייט און איצט איז זי פאַרטריבן און פאַרשטויסן גלייך ווי אונ־זער פאָלק, אירע שונאים ווילן זי אויסראָטן און די אייגענע קינדער דערווייטערן זיך פון איר. ערשט נישט לאַנג האָט אַ טייל פון אונזערע ברידער אָנגעהויבן פאַרשטיין דעם ווערט פון זייערע נאַציאָנאַלע אוצרות, אָבער העברעיש איז נאָך אַלץ פאַר־געסן און פאַרוואַרלאָזט. פרעמדע גיבן זיך אָפּ מיט איר, ווידמען איר צייט און כוחות, אָבער אונזערע ברידער זענען פרעמד צו איר.

פרייליין יוליע, איבערצייגנדיק זיך אין מיינע קענטעניש אין ליבשאַפט צו העברעיש, האָט מיט מיר פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן פאַרשידענע העברעישע שריפטשטעלער און פּאָעטן, וואָס זי איז געווען גוט באַקאַנט מיט זייערע ווערק. העברעיש און מוזיק איז אַזוי געוואָרן פון די באַליבסטע געגנשטאַנדן פון אונזערע געשפּרעכן, בעת בן־דוד און איר ברודער האָבן ליב געהאַט רעדן וועגן פערד־ווישטשיגעס און ספּאָרט.

אַזוי בין איך געוואָרן כּמעט אַ טאָג־טעגלעכער גאַסט בײַ פריילן יוליע; מיר האָבן אָפטמאָל ביידע צוזאַמען געזונגען און געשפּילט און פאַרבראַכט אין געמיטלעכע שמועכן ווי אַ שוועסטער און ברודער. די שעהן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט דעם דאָזיקן רייצנדער מיידל, זענען געווען די בעסטע אין מיין לעבן. אינאיינעם מיט אונזער פריינטשאַפט איז געוואַקסן אויך מיין ליבע צו איר, האָב איך אָבער באַמיט צו דערשטיקן מיינע געפילן, וויסנדיק, ווי ווייט מיר שטייען אָפּ פון איינאַנדער בנוגע דער מאַטעריעלער לאַגע. אַזוי איז אָבער געווען נאָר די ערשטע צייט, ביסלעכווייז האָב איך זיך צוגעוויינט צו איר און אינמיטן אונזערע ליטעראַרישע אָדער מוזיקאַלישע געשפּרעכן האָבן זיך אַרויסגעריסן בײַ מיר ווערטער, פול מיט וואַרעמע געפילן און ליידנשאַפט. זי האָט מיר נישט געמאַכט קיין פאָרוואורפן דערפאַר און דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט; איך האָב אָנגעהויבן גלייבן, אַז זי איז אויך נישט גלייכגילטיק צו מיר.

איינמאָל איז געקומען צו רייד וועגן אַ ראָמאַנס, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער און מען פלעגט אים זינגען אין אַלע טעאַטערן און קאַבאַרעטן, און פריילן יוליע האָט מיך געבעטן איך זאָל איר זינגען דעם דאָזיקן ראָמאַנס. איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל אים זינגען אין העברעיש, ווייל איך האָב אים איבערגעזעצט אין העברעיש.

— גוט — האָט זי אויסגערופן מיט פרייד — אַזוי וועט ער מיר געפעלן נאָך בעסער.

איך האָב געזונגען דעם ראָמאַנס מיט געפיל, זי האָט פון מיר די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזן און די שטראַלן, וואָס האָבן

געשטראָמט פון זיי, האָבן צעקאָכט מיין בלוט און אָנגעצונדן אין מיר אַ פייער-פלאַם. איך האָב מער נישט געקענט זיך באַהערשן און אָנכאַפּנדיק איר האַנט, האָב איך געשעפּטשעט ליבע-ווערטער און אויפגעפּרעסט אויף איר האַנט אַ לאַנגן לאַנגן קוש...

זי האָט אַ ווייל נישט אַרויסגענומען די האַנט און גע־שוויגן, אָבער פּלוצלינג האָט זי אַרויסגעריסן די האַנט מיט קראַפט. איך האָב אויפגעוואַכט ווי פון אַ דרימל, אויפגעהויבן די אויגן און דערזען פאַר מיר איר ברודער, אַ צעקאָכטן, אַ צעבערענטן, זיינע אויגן האָבן געפינקלט ביי אים ווי ביי אַ גזלן.

— וואָן פון דאַנען! — האָט ער אויסגערופן מיט אַ דונער-שטים — דו שלעפּער. טויגעניכטס! ווי קומסטו אַהער? אַוועק אַ נישט וועל איך דיך פון אַלע טרעפּ אַראָפּוואַרפן.

— רפאל! — האָט אויסגערופן יוליע מיט אַ געבעט־שטים, אָנכאַפּנדיק אים ביי די הענט, וועלכע האָבן זיך געריסן צו מיר.

— שוייג און שעם זיך, יוליע! — האָט ער געשריגן מיט גרימצאָרן, ווענדנדיק זיך ווידער צו מיר. — —

— דו שטייסט נאָך? — האָט ער געשריגן — דו וואַרטסט ביז איך זאָל הייסן דעם דינער דיך אַרויסוואַרפן?

איך בין געבליבן שטיין ווי אַ גולם, נישט צו קענען רעדן אַ וואָרט, אין מורא האבנדיק איך זאָל נישט אַרויספאַלן אויף אים און אים צעשלאָגן, האָב איך זיך אַרויסגערוקט פון צימער און אַרויס אין גאַס. איך בין געלאָפן אין גאַס ווי אַ משוגענער. דער קאַלטער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן אויף מיר, האָט אָפּגע-קילט אַ ביסל מיין צעקאָכט געבליט, אָבער בעת איך בין געקו-מען אַ היים און געבליבן אַליין צווישן די פיר ווענט, האָט ווי-דער זיך אָנגעצונדן אין מיר אַ כעס, אַ פייער אויף דעם ווילדן מענטש, וואָס האָט מיך אַזוי שרעקלעך באַליידיקט און פאַריאָגט פון מיין גן-עדן.

צוגלייך האָט אויפגעוואַכט אין מיר אַ שרעקלעכע שנאה און נקמה-געפיל צום באַליידיקער.

נקמה וועל איך נעמען! — האָט אַ שטים אין מיר געגרופן— איך וועל עס נישט פאַרשווייגן! גענוג זיך געלאָזט באַליידיקן

און טרעטן מיט די פיס! נקמה! — האָבן געשעפּטשעט מײַנע ליפּן אין שלאָף.

בן-דוד איז געווען אַוועקגעפאָרן אויף גאסטראָלן אויף דער פּראָווינץ, און ווען איך האָב אויסגעגאָסן מײַן שווער ביטער האַרץ פאַר אײנעם פון מײַנע חברים, האָט ער נאָך מער אונטער-געהיצט מײַן נקמה-געפיל, צוגיסנדיק בוימל אויפן פייער, וואָס האָט אין מיר געברענט.

— אַזוי זענען אַלע רײַכע לײַט! — האָט אויסגערופן מײַן חבר, קלאַפּנדיק אין טיש — נאָר זיי זענען מענטשן, און נאָר פאַר זיי איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן און אויף אונז, מענטשן אָן פאַרמעגן, קוקן זיי מיט פאַראַכטונג, ווי אויף נידעריקע ברואים. מען דאַרף אַזאַ געמײנעם יונג אָנלערנען! און זאָל ער וויסן, אַז מען טאָר אונז נישט באַליידיקן אומבאַשטראָפט. די געלט-און יחוס-אַריסטאָקראַטיע באַנוצט זיך מיט אַ דועל אָפּצו-וואַשן די שאַנד פון אַן ערן-באַליידיקונג, און וואָס זענען מיר ערגער פאַר זיי? די קאָנסט דאָך שיסן אויף רעוואָלווערן, רוף-זשע אים אַרויס אויף אַ דועל, און זאָל ער באַצאָלן מיט זײַן בלוט פאַר דער באַליידיקונג.

איך בין געווען אַזוי אויפגעקאָכט פון דער בעסטיאַלישער באַהאַנדלונג פון רפאלן, וועלכער האָט מיך אַזוי גראָב באַליי-דיקט און דער געגנוואַרט פון מײַן פאַרגעטערטער יוליע, אַז איך האָב תּיכּף געפאָלגט די עצה פון מײַן חבר. אַלץ-אײנס — האָב איך געטראַכט — מײַן אָדער זײַן בלוט! מײַן לעבן האָט סײ-ווי קײן ווערט נישט!

דעמזעלביקן טאָג האָב איך געשריבן צו רפאלן פאָלגנדן בריוו:

„אויב איר ווילט באמת וויסן ווער ס׳האָט ערן-געפיל, זאָלט איר קומען אין וועלדל... וואו מיר וועלן זיך טרעפן און ערליי-דיקן אונזערע חשבונות מיט געווער אין דער האַנט. אויב איר וועט נישט קומען צו דער באַשטימטער שעה, וועל איך וויסן, אַז איר האָט קײן ערן-געפיל נישט און וועט געשטעמפּלט ווערן אַלס געמײנער ערנלאָזער מענטש".

צו יוליען האָב איך גלייכצייטיק געשיקט מיינע אַ קורצע ביאָגראַפיע „צום אָנדעק פון אומגליקלעכן, וועלכער איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין גליק״.

רפאל איז געקומען מיט זיינע סעקונדאַנטן צו דער באַשטימטער צייט. מען האָט באַטראַכט דאָס געווער, אָפּגעמאָסטן די שטרעקע, ווי עס געהער צו זיין, און באַשלאָסן, אַז ביידע זאָלן שיסן גלייכצייטיק. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קנאַק פון צוויי רעוואָלווערן. איך האָב געזען, ווי מיין געגנער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און געפאַלן, אָבער באַלד האָב איך פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין...

כז.

אן אומגליק אן גליק.

וועו איך בין געקומען צו זיך, נאָך דעם ווי איך בין געלעגן אָן באַוואוסטזיין אין משך פון אַ חודש, האָב איך געזען ווי איך ליג אין אַ גרויסן פּרעכטיקן צימער און לעבן מיין בעט זיצט אַ רייצנד, שיין מיידל, וועלכע קוקט אויף מיר מיט אַ שטומען טרויער. איר געזיכט איז אַזוי געענדערט געוואָרן, אַז איך האָב זי נישט דערקענט. איך האָב אויך די ערשטע מינוטן נישט געדענקט וואָס מיט מיר איז געשען און נישט פאַרשטאַנען וויאַזוי איך בין אַריינגעפאַלן אין דאָזיקן פּרעכטיקן צימער. נישט ווילנדיק האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ שוואַכן קרעכץ...

— גאָט צו דאַנק, ער לעבט! — האָט אויסגערופן שטיל דאָס מיידל, וואָס איז לעבן מיר געזעסן, און מיר געקוקט אין די אויגן אַריין.

— ווער לעבט? — האָב איך געשעפּטשעט מיט פאַרוואונדערונג.

— ליג רויק — האָט געענטפערט דער מלאך מיט אַ ליבלעכער רחמנותדיקער שטים — וואָרום דו ביסט קראַנק.

— וואו בין איך ? — האָב איך אויסגערופן און ווידער אַ קרעכץ געטאָן, דערשפירנדיק אַ שרעקלעכן ווייטיק אין בויך.

— וואָס איז דיר ? — האָט געזאָגט מיין פלעגעריןּ מיט וואָרג.

— פ׳טוש ווײ — האָב איך געענטפערט, וואָרפנדיק אַ פאַרשנדיקן בליק אַרום זיך. ביסלעכווייז האָב איך זיך אָנגעהויבן דערמאָנען וואָס מיט מיר איז געשען און אויך דערקענען די פּערזאָן, וואָס איז לעבן מיר געזעסן. דאָס איז געווען מיין טייערע יוליע, אָבער זי איז געווען שטאַרק געענדערט: די רונדע בעקעלעך זענען געווען אָפּגעצערט, די פינקלדיקע אויגן זענען געווען פאַרטונקלט, אַזויווי פייער אונטער אַש, און אויפן גאַנצן געזיכט איז געלעגן אַ טרויער. אָבער דער טרויער האָט איר נאָך צוגעגעבן אַן אומאויסשפּרעכלעכן רייץ. ביסלעכווייז האָב איך זיך אויך דערמאָנט וועגן מיין נקמה־אַקט, וועגן דועל, און זי אַ פרעג געטאָן.

— וואו איז אייער ברודער ?

זי האָט אָפּגעקערט דאָס געזיכט, כּדי צו פאַרבאַהאַלטן פון מיר די טרערן, וואָס האָבן אַ שטראָם געטאָן פון אירע אויגן, און געענטפערט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים :

— באַרויקט זיך. ער איז געזונט. מען טאָר נישט מיט אייך אַ סך רעדן. ווען אייך וועט בעסער ווערן, וועל איך אייך אַלץ דערציילן.

איך בין אַזוי געלעגן נאָך אַ וואָך און יוליע איז די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטרעטן פון מיין בעט. איך האָב מיך אפילו געוואונדערט, וויאַזוי דער ברודער, מיין פיינט לאָזט זי זיין מיר מיר און מיך פּילנעווען, אָבער איך האָב נישט געוואָלט קלערן וועגן דעם. די וואָך איז מיר אַוועק ווי אַ שיינער טרוים. אַ דאַנק דער פלעגע און דער געגנוואַרט פון יוליע בין איך גיך געקומען צו די כּחות און געקענט אַרויסגיין פון בעט, אָנגעשפּאַרט אויף יוליעס אָרעם.

זיצנדיק איינמאָל אין גערטל נעבן הויז, האָב איך יוליען געפרעגט : פאַרוואָס מען זעט נישט איר ברודער.

יוליע האָט אָנפאַנגס מיך געוואָלט אָפּפטרן מיט פוסטע תירוצים און מעשיות, אָבער דערנאָך האָט זי מיר ביסלעכווייז אויסגעזאָגט, אַז רפאל איז געווען געפערלעך פאַרוואונדעט, געלעגן קראַנק אַ לענגערע צייט און געשטאָרבן פון בלוט־פאַרגיפטונג.

ווען יוליע וואָלט מיך נישט אונטערגעהאַלטן, וואָלט איך אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. אַ שודער האָט דורכגענומען אַלע מיינע גלידער. איך בין געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט, נישט צו וויסן וואָס מיט מיר טוט זיך. פון איין זייט האָט מיך גע־עגבערט, שיער נישט משוגע געמאַכט דער געדאַנק, אַז איך בין נישט ווילנדיק, אָדער ריכטיקער, אומבאַרעכנטערהייט געוואָרן אַ מערדער, און פון דער צווייטער זייט האָט מיך געפּייניקט דער געדאַנק, אַז דורך דעם מאָרד האָב איך געשטעלט אַן אייביקע מחיצה צווישן מיר און יוליע. איצט מוז איך שוין אינגאַנצן אויפגעבן די האָפענונג אויף יוליען, דער שוועסטער פונם ערמאָר־דעטן. דער דאָזיקער געדאַנק איז מיר דורכגעפלויגן אין קאָפּ ווי אַ פּייערדיקע קויל און אין מיר אָנגעצונדן אַ כעס אויף מיר אַליין, אויף מיין לייכטזיניקייט און אומבאַרעכנטקייט... איך האָב זיך גענומען וואַרפן, לויפן איבערן צימער ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, איך האָב זיך גענומען רייסן די האָר און געוואָלט זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, אָבער יוליע האָט מיך אַוועקגעזעצט מיט געוואַלט, צוגעהאַלטן מיט ביידע הענט און גענומען טרייסטן און באַרויקן מיט איר זיסער באַלזאַם-טריפנדער שטים.

— אָבער איר האַסט מיך, יוליע? איר מוזט מיך האַסן? — האָב איך זיך אָפּגערופן מיט אַ פאַרשטיקטער שטים.

— צי האָב איך אייך געגעבן צייכנס פון האַס? — האָט זי געענטפערט שטיל — ניין, יוסף, איך ליב אייך.

— איר ליבט מיך? צי איז מעגלעך אַזאַ גליק?

— יאָ, איך ליב אייך, ווי אַ שוועסטער אַ ברודער.

— וואָס הייסט? — האָב איך אויסגערופן מיט ערשטוינונג— איך פאַרשטיי אייך נישט.

— באַרויקט אייך — האָט זי געענטפערט שטיל — איר זענט נאָך אַזוי שוואַך! איר וועט אַלץ וויסן, מיט דער צייט.

— ניין, ניין, יוליע, איך וויל שוין וויסן! זאָגט מיר שוין וואָס ס'באַדייטן אייערע רייד.

— שטאַרק זיך און הער, אַז מיר זענען אַ סך נענטער צו אַנאַנדער ווי דו מיינסט. מיר זענען גאָר נאָענטע קרובים.

— וויאַזוי? וואָס פֿאַר אַ קרובים?

— מיר זענען קינדער פֿון איין פֿאָטער. מיר זענען שוועסטער און ברודער — האָט זי אויסגערופֿן מיט אַ געוויין, אַרויספֿאַלנדיק מיר אויפֿן האַלז.

איך בין געבליבן שטיין ווי אַ גולם, נישט צו קענען אַרויסרעדן אַ וואָרט. אָנפֿאַנגס האָב איך געמיינט, אַז זי מאַכט אַ שפּאַס, אָדער זי איז אַראָפּ מיטאַמאָל פֿון זינען, אָבער אַריינקוקנדיק אין אירע שטראַלנדיקע ערנסט-בליקנדע אויגן, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס לעבן האָט מיט אונז געשפּילט אַ מין טראַגעדיע, וואָס איר גלייכן געפֿינט מען נאָר אין די שונד-ראָמאַנען.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן בעל-שמס דערציילונג, אַז מיין פֿאָטער לעבט אין אַמעריקע און איז אַ גרויסער עושר, אָבער וועגן אַ שוועסטער אין אַמעריקע האָט ער נישט דערמאָנט.

— מיין שוועסטער? — האָב איך געשטאַמלט שטיל — ווער האָט אייך אַזוינס דערציילט?

— דו אַליין האָסט עס מיר דערציילט! דו האָסט מיר פֿאַרן אומגליקלעכן דועל צוגעשיקט דיין ביאָגראַפֿיע, און דאָרט האָב איך געפֿונען, אַז מיר זענען שוועסטער און ברודער. אונזער פֿאָטער האָט געמיינט, אַז דו לעבסט שוין נישט, אַז דו ביסט אומגעקומען פֿון אַ מערדערס האַנט, געדונגען פֿון דיין מומען.

— בין איך אַזוי קין, וואָס האָט געהרגעט זיין ברודער, מיט אַן אייביקן מאָרד-פֿלעק אויף מיין געזיכט? — האָב איך אויסגערופֿן מיט אַ פֿאַרצווייפֿלונגס-געשריי.

— און וואָס איז מיט אונזער פֿאָטער? — האָב איך געפֿרעגט נאָך אַ ווייל שווייגן.

— אונזער פֿאָטער איז נישט לאַנג געשטאָרבן פֿון אַן אַפּאָ-

פּלעקסיע נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוואוסט וועגן טויט פון רפאלן.

—בין איך אַלזוי ערגער פון קין! ער האָט געהרגעט זיין ברודער און איך האָב געהרגעט מיין ברודער און גורם געווען דעם טויט פון פאָטער—האָב איך אויסגערופן מיט אַ געוויין. באַלד איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן און כ'בין געפאַלן אין חלשות.

עפּילאָג.

לויטן ראָט פון די דאָקטוירים בין איך אַוועקגעפאָרן פון לאָנדאָן, וואו איך בין באַגאַנגען מיין גרעסטן פאַרברעך — ער-מאָרדעט מיין ברודער און זיך פאַרליבט אין מיין שוועסטער — און זיך געלאָזן אויף אַ רייזע קיין פראַנקרייך, דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער. מיין געזונט און מיין גייסטיקער צושטאַנד האָט זיך פיל פאַרבעסערט, אָבער אַ וואונד, אַ טיפע וואונד איז מיר געבליבן אין הארצן. איך האָב באַשלאָסן נישט מער צו זוכן פערזענלעך גליק, וואָס איך האָב פיל מאָל נאָכגעיאָגט און נישט דערגרייכט, נאָר צו זוכן גוטס צו טון אַנדערע, לויט מיינע קרעפטן, בפרט, אַז מיין עשירות האָט מיר ערלויבט צו טון גוטס מיט געלט. איך האָב אויך נישט געקאָנט זיך אָפּהאַלטן דערפון, צו מאַכן אַ רייזע איבער מיין געבורטס-לאַנד, איבער די שטעט, וואו איך האָב פאַרבראַכט מיין קינדהייט און יוגנט, אָבער קיין נחת האָב איך פון דער רייזע נישט געהאַט. אַנשטאָט דעם אַמאָליקן פאַנאַטיזם און שנאה צו בילדונג, האָב איך דאָרט געטראָפן, אין פיל ערטער, אַ נייעם סאָרט פאַנאַטיזם — די השכלה, אָדער אויפקלערונג, וועלכע האָט צעשטערט און צע-בראָכן דעם אַלטן בנין, אָבער גאָרנישט אויפגעבויט קיין נייעס. די דאָזיקע השכלה האָט געשאַפן אַ נייעם מין קאַליקעס און צע-בראָכענע מענטשן, וועלכע זענען נישט געווען אימשטאַנד צו

העלפן זיך אָדער אַנדערע. די איינצלנע מענטשן, וועלכע ס'האָט אָבגעגליקט צו דערשלאָגן זיך צו אַ קאַריערע, האָבן געזאָרגט בלויז פאַר זיך און גישט געווען בעסער ווי די אַמאָליקע קולאַקעס און בעלי-טובות.

אויפטון עפּעס פאַר די דאָזיקע מענטשן איז געווען איבער מיינע כחות, און איך האָב דערום באַשלאָסן צו באַזוכן נאָך די שטאָט אַשדות און פון דאָרט צוריקפאָרן מיט אַ שיף קיין לאָנדאָן.

מיין שוועסטער איז דערווייל געהאַט אַוועקגעפאָרן אין דער שווייץ, וואו זי האָט זיך באַקענט מיט אַ פּראָפעסאָר און זיך פאַרליבט אין אים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי זי האָט מיר געשריבן, אז דער דאָזיקער פּראָפעסאָר איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי מיין אַלטער גוטער פריינט גדעון, וועלכער איז געהאַט אַוועקגעפאָרן לערגען קיין אויסלאַנד און אַ דאַנק זיינע זעלטענע פעיקייטן זיך דערהויבן צו אַזאַ הויכער מדרגה. ס'איז אוממעגלעך צו שילדערן מיין פרייד, ווען איך בין געוואויר געוואָרן, אַז גדעון, מיין לערער און בעסטער פריינט, פון וועלכן איך האָב אַזוי פיל יאָרן נישט געהערט און געהאַלטן פאַר טויט, איז נישט נאָר אַ לעבעדיקער, נאָר ווערט גאָר אַ מיטגליד פון אונזער פאַמיליע, ווערט מיין-ברודער.

„גדעון לעבט!" — האָב איך געזאָגט, טאַנצנדיק און שפּרינגענדיק איבער דער שטוב—איין לעבעדיקער דענקמאָל איז געבליבן אין מיינע לעבנס-ערינערונגען, בעת אָרום און אַרום זע איך נישט מער ווי קברים. איך גלייב כמעט, אַז איך וועל נאָך אויך לעבן און געניסן פון לעבן. „גדעון לעבט!" דער מענטש וואָס האָט נישט קיין סך געזוכט, נאָר געהאַלטן זיך פעסט אויפן אָרט, וואָס ער האָט איינמאָל אויסגעווילט, דער מענטש וואָס איז געווען דער היפוך פון מיר און טאַקע דערפאַר זיך דערשלאָגן צו אַ זיכערן פּאָרט. איך בין אים אָבער נישט מקנא, איך וועל זיך אפשר אָנשפאַרן אָן דעם יונגן שטאַרקן בוים און וועל אפשר אויך זיך האַלטן. אַ דאַנק דיר, מיין טייערע שוועסטער, דו האָסט גוט געטראָפן!

אשדות, פעברואר . . . 18

ליבער ברודער און שוועסטער.

האָט איר געזען, ווי אַן אויסגעבערענט ליכט פלאַקערט אויף אַ ווייל, איידער עס ווערט פאַרלאָשן — אָט דאָס איז אַ בילד פון מיין לעבן! איך האָב געטרוימט, געהאָפט, אַז אַ דאַנק אייך, מיינע ליבע, וועל איך אויפלעבן און אויפבליען, אָבער ס'איז געקומען אַ מערדער-האַנט און געמאַכט אַ סוף, נישט בלויז צו מיינע האָפענונגען, נאָר אויך צו מיין לעבן. איצט בין איך אַ צעבראָכענער שאַרבן, וואָס ס'זענען אים געבליבן צו לעבן געציילטע טעג. אָט הערט וואָס מיט מיר איז לעצטנס געשען.

אויף מיינע וואַנדערונגען איבער דער „טשערטא" צו זען וואָס מיינע אָרעמע ברידער מאַכן און צו העלפן זיי לויט מיינע קרעפטן, האָב איך מיך אָפגעשטעלט אין אַשדות, וואו איך האָב אַמאָל פאַרבראַכט מיינע יונגע יאָרן. ווי אייך איז שוין געוויס באַקאַנט פון די צייטונגען, איז פסח-צייט פאָרגעקומען אין אַשדות אַ „פּאָגראָם" אויף יידן. פאַרן פּאָגראָם איז, ווי דער שטייגער איז, פאַרשפרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז יידן, וועלכע דאַרפן קריסטלעך בלוט אויף פסח, האָבן אָנגעגרייט צו די מצות אַ פולן טאָפ בלוט. מען האָט אָנגעוויזן, וואו דאָס בלוט איז אָפגעצאַפט געוואָרן און וואו די מצות האָבן געזאָלט געקנעטן ווערן מיט בלוט, הגם קיין סימן פון בלוט האָט מען דאָרט נישט געפונען. די דאָזיקע באָבע-מעשה וועגן קריסטלעך בלוט האָט מען געדאַרפט האָבן, כדי צו קענען פאַרגיסן יידיש בלוט. אייניקע טעג פאַר יום-טוב האָט מען שוין געוואוסט וועגן די הכנות צו אַ פּאָגראָם. מען האָט נאַטירלעך זיך משתדל געווען, אָפגעשלאָגן די שוועלן פון „נאַטשאַלסטווא", זיי האָבן צוגעזאָגט, אָבער ווען ס'האָט אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם, ווען די כוליגאַנעס זענען געלאָפן ווי צעיושעטע ווילדע חיות איבער די יידישע גאַסן און צעשלאָגן יידישע פענסטער און יידישע קעפ, זענען זיי געשטאַנען פון ווייטן. טעטיק זענען זיי געוואָרן ערשט שפּעטער, ווען די כוליגאַנעס האָבן שוין אָפגעאַרבעט זייער אַרבעט, ווען די יידישע

הייזער און קראָמען זענען שוין געווען צעראַבירט און די יידישע קעפּ צעשלאָגן און צעבלוטיקט.

ווי אייך איז באַוואוסט, איז אין אַשדות פאַראַן אַ גרויסע יידישע געמיינדע, צווישן וועלכע ס׳געפינט זיך אַ היפּשע צאָל גבירים, וואָס פאַרמאָגן גרויסע הייזער, געשעפטן און פאַבריקן און פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַזוי אַז מען מוז נישט ווילנדיק זיי אָפּגעבן כּבוד און צוהערן זיך צו זייער שטים. די שולן זענען אַלע פול מיט יידישע קינדער, וועלכע שטייגן איבער די גוייִשע חברים מיט זייערע פעאיקייטן און פאָרשריטן אין לערנען, און אין צדקה־זאַכן, זענען יידן תמיד די ערשטע צו געבן די שענסטע נדבה. דאָס האָט שוין לאַנג דערוועקט קעגן זיי אַ שטאַרקע קנאה מצד די רוסישע און באַזונדערס גריכישע איינוואוינער, וועלכע האָבן געהעצט דעם המון געגן יידן און אַזוי איז אַנטשטאַנען דער פּאָגראָם. דער המון האָט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט און יידן האָבן זיך נישט געווערט, נאָר זיך באַהאַלטן אויף די בוידעמער און אין די קעלערן.

צוזעענדיק די פּחדנות און אומבאַהאָלפנקייט פון אונזערע ברידער בעתן פּאָגראָם, בין איך געוואָרן ערשטוינט און אויפגערעגט און געשריגן צו זיי: וואָס אַנטלויפט איר? וואָס לאָזט איר זיך ראַבירן און שלאָגן? פאַרייניקט זיך צוזאַמען, וועט איר זיי אָפּשטופּן און פאַרטרייבן. אָבער לויפנדיק ווייטער, האָבן זיי מיר דערקלערט, אַז דאָ איז נישט ענגלאַנד און אַז אויב זיי וועלן פּרוּוון זיך ווערן און הרגנען ווּעמען פון די כוליגאַנעס, וועלן אַלע שונאים אַרויסטרעטן געגן זיי און מאַכן פון זיי אַ תּל, און אַלע, אויך די מאַכט, וועט זיי געבן גערעכט. מען וועט מאַכן אַפילו אויף זיי אַ בלבול, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן און געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף גוים. זיי האָבן מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז יעדער מוז זיך ווערן מיט דעם געווער וואָס ער פאַרמאָגט: דער הירש, דער אָקס מיט די הערנער און דער האָז—מיט די פיס. דער גורל פון די יידן צווישן זייערע צאָלרייכע שונאים

אין דערזועלביקער ווי פון האָז–צווישן הינט, און דערום מוזן זיי אַנטלויפן...

איך האָב אָבער נישט געקאָנט תופס זיין אַזאַ אַרט לאָגיק. מיין בלוט האָט אין מיר געקאָכט ווי אַ קעסל, זעענדיק, ווי מיינע ברידער ווערן געשלאָגן און געראַבירט און זיי הייבן נישט אויף קיין האַנט צו ווערן זיך געגן די כוליגאַנעס און מערדער, און האָבנדיק ביי זיך אַ רעוואָלווער, האָב איך אויסגעשאָסן אויף דער באַנדע רויבער און איינעם פון זיי אַוועקגעלייגט טויט. דאָס איז מיר אָבער נישט געשענקט געוואָרן: דער אָנפירער פון דער באַנדע האָט אויסגעשאָסן אויף מיר און מיך שטערבלעך פאַרוואונדעט.

ווי דער דאָקטאָר האָט ערקלערט, בלייבט מיר צו לעבן נאָר געציילטע טעג. איך זע אין דעם אַ פינגער פון גאָט (אצבע אלהים): איך האָב מיט אַ רעוואָלווער ערמאָרדעט מיין ברודער און איצט בין איך ערמאָרדעט געוואָרן דורך אַ רעוואָלווער. מיין איינציקע טרייסט איז, וואָס איך בין געשטאָרבן פאַר מיינע ברידער: צו ראַטעווען זייער לעבן און זייער כבוד...

לעבט גליקלעך, מיין ברודער און שוועסטער, און ווידמעט אייערע כחות פאַר אייער פאָלק, אַז ס'זאָלן מער נישט זיין אַזעלכע עלנדע און אומגליקלעכע בלאָנדזשער ווי אייער

יוסף.